STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08472

# ERINERUNGEN FUN MAYN LEBN

Joseph Margoshes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ערינערונגען
# פון מיין לעבען

פון

## יוסף מאַרגאָשעס

פערלאג
מאקס נ. מייזעל
ניו יאָרק

# MEMOIRS OF MY LIFE

by

## JOSEPH MARGOSHES

Copyright, New York, N. Y., 1936
by JOSEPH MARGOSHES

POSY-SHOULSON PRESS
19 - 27 West 21st Street
New York City
234

צו לייטשי׳ן —

מיין לעבענס־באַגלייטערין,
די מוטער פון אונזערע קינדער —
אין אייביגער ליבע
און דאנקבארקייט.

# פאָרוואָרט

ניט ווייל איך האַלט זיך פאר א גרויסער און וויכ־טיגער פערזאָן און טראַכט, אַז איך האָב אויף מיין לעבען אויפגעטאָן מי־יודע־וואָס — נאָר ווייל עס ליגט שוין אין דער נאַטור פון יעדען מענשען, ווען ער קומט אין די עלטערע יאָהרען, צו וועלען א קוק טאָן „אויף צוריק" און זיך אָפּגעבען א שטיקעל חשבון הנפש — האָב איך אויפ־געצייכענט דידאָזיגע בלעטער.

איך האָב געלעבט אין אַן אנדערען דור און אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדען, ווי עס לעבען היינט מיינע אייגענע קינדער און א סך פון מיינע פריינד און באקאנטע. האָף איך, דערפאַר, אז עס וועט זיי, אפשר, אינטערעסירען צו לייענען די זכרונות פון מיינע פאַרגאַנגענע יאָהרען.

# ערינערונגען פון מיין לעבען

# 1—פאַמיליען - זכרונות

דער טייטש פון מיין פאַמיליען־נאָמען „מארגאַשעס" (אָדער ווי מען פלעגט איהם פריער אויסלעגען: מארגאַשיש), איז מיר ניט אינגאַנצען קלאָר.

אָבער לויט ווי איך האָב געהערט פון מיין עלטערען ברודער מענדעל, דאַרף דאָס וואָרט זיין אַ שפּאַניש. לויט זיין באַהויפּטונג איז אין דער משפחה פאַראַנען אַן אַלטע מסורה, אַז מיר שטאַמען אָפּ פון אַ אידיש־שפּאַנישער פאַמיליע, וואָס איז נאָכ'ן גירוש שפּאַניע, אינ'ם יאָהר 1492, פאַרוואָרפען געוואָרען אַזש קיין פּוילען.

די פאַמיליע אונזערע האָט אין משך פון עטליכע הונדערט יאָהר געוואוינט אין דער שטאָדט אַפּט (אָפּאַטאָוו) אין גרויס־פּוילען. אָבער דערנאָך האָט זי פון דאָרטען אויסגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אין בראָד, אין לעמבערג, אין די שפּעטערע דורות אויך אין נאַדווערנע, מזרח־גאַליציע, און אויך אין יאַסי, רומעניע.

לויט ווי מיין קרוב, הרב ר' אליעזר ליפּע גארטענהויז, „דער מיקאָלאַיעווער רב", (איצט אין ניו יאָרק) האָט מיר דערצעהלט, שטאַמען מיר אָפּ פון גרויסע גאונים. ער איז אימשטאַנד אויסצורעכענען אונזער גאַנצען סדר היחוס, אַזש ביז צום מהרש"ל, (רבי שלמה לוריא, דער מחבר פון אַ סך תלמודישע ספרים), וואָס האָט געלעבט מיט אַ דריי הונדערט און פופציג יאָהר צוריק אַלס רב אין לובלין, און וואָס ווערט פאַרעכענט פאַר איינעם פון די ערשטע און וויכטיגסטע גאונים אינ'ם אַלטען פּוילען.

מיין עלטער־זיידע ר' אליעזר מארגאַשיש איז (לויט זיין גרויסער מצבה אויפ'ן אַלטען לעמבערגער בית החיים) געשטאָרבען בשנת תקס"ז (1807). אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געווען אַ באַוואוסטער כלל־טוער. ער איז געווען דער „סופר ונאמן" פונ'ם לעצטען ועד ארבע הארצות (אַ מין אידישער „פּאַרלאַמענט", וואָס האָט אין די פּוילישע פּראָווינצען עקזיסטירט אַן ערך פון אַ דריי הונדערט יאָהר, און איז בטל געוואָרען אין יאָהר 1764). דאָס איז געווען אַ זעהר וויכטיגער און אָנגעזעהענער אַמט, ווייל דער „סופר ונאמן" האָט געפירט די ביכער און די פּראָטאָ־

קאַלען פונ׳ם ועד, און אויך אויסגעפירט אַלע זייערע באַשלוסען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף די אסיפות צוויי מאָל אַ יאָהר, בשעת די גרויסע ירידים.

זיין זוהן, מיין זיידע ר׳ יוסף מאַרגאָשעס (געשטאָרבען אין יאָהר 1840), איז געווען אַ איד אַ מושלם בכל המעלות, ובפרט איז ער געווען אַ גרויסער קענער אין דער לאַטיינישער שפּראַך (אויף וועלכער מען האָט דאַמאָלס געשריבען אַלע וויכטיגע געריכטס־דאָקומענטען). ער פלעגט אַליין שרייבען לאַטיינישע אַקטען אין די געריכטען. דערצו איז ער אויך געווען אַ גרויסער עושר. ער איז אויך געווען איינער פון די לעמבערגער ראשי הקהל.

פונ׳ם עסטרייכישען קייזער פערדינאַנד דעם ערשטען האָט ער באַקומען אַ פּריווילעגיע, אויפצובויען אין גאַליציע די „ערשטע קייזער־קעניגליכע פּריווילעגירטע ראָזאָליע פאַבריק”, אין וועלכער מען האָט פאַבריצירט פאַרשידענע זיסע שנאַפּסען.

די פאַבריק האָט עקזיסטירט אַ היבש ביסעל יאָהרען. ביי אונז אויפ׳ן בוידעם פלעגען זיך נאָך אַרומוואַלגערען אַ סך ליידיגע פלעשער מיט דער אויפשריפט פון דער פירמע. צוליב די שעהנע און פיל־פאַרביגע צעטעלאַך אויף דיזאָזיגע פלעשער, פלעג איך מיך, אַלס קינד, אַרומ־שפּילען מיט זיי.

אויף זיינע עלטערע יאָהרען האָט דער זיידע צו זיך צוגענומען אַלס שותף זיין איידעם ר׳ מרדכי דובש, אַ באַוואוסטער משכיל און גע־לעהרטער (ער פלעגט מיטאַרבייטען אין די העברעאישע זשורנאַלען פון יענער צייט און האָט אָפט קאָרעספּאָנדירט מיט שד״ל׳ן און די אַנדערע גרויסע אידישע געלעהרטע).

דער דאָזיגער ר׳ מרדכי איז גאָר נתעשר געוואָרען פון דער פאַבריק און ביי זיין אָפּשטאַרבען (אין יאָהר 1874), האָט ער איבערגעלאָזט אַ פאַרמעגען פון אנדערטהאַלבען מיליאָן גולדען. אַ גאָר גרויסע סומע געלד, מיט איבער זעכציג יאָהר צוריק.

די פאַמיליע מאַרגאָשעס איז פון שטענדיג אָן געווען אַ געלערנטע און משכּילישע דערצו. אַזוי, למשל, געפינען מיר אין דער ליסט פון „האנשים הנכבדים קריאי מועד אנשי שם אשר באו על החתום לקחת את הספר ״למודי הטבע״, במחיר ב׳ רייניש כסף מאתי המחבר״ (ספר „למודי הטבע״, מאת משה מרדכי יאָוועל, טשערנאָוויץ, 1836), אַ העברעאישע נאַטור־געשיכטע אין דריי טייל, געווידמעט לכבוד דעם אידישען פילאָזאָף ר׳ נחמן קראָכמאַל — פאָלגענדע חתומים פון מיין משפחה:

ר׳ יהושע פלעקער (מיין מוטער׳ס פאָטער), ר׳ יוסף מרגאָשיש, ר׳ מרדכי דובש און זיין פאָטער ר׳ פישל דובש, ר׳ ניסן מרגאָשיש און מיין פאָטער ר׳ שמואל מרגאָשיש.

מיין פעטער ר׳ ניסן מאַרגאָשיש, וועמען איך האָב, אַלס קליינער אינגעל, נאָך געקענט, איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם און שטאַרק אָנגעזעהען אין דער לעמבערגער קהלה. ער איז געווען א זעהר רייכער מאַן, און איז שטענדיג געזעסען על התורה ועל העבודה. אויף זיינע עלטערע יאָהרען איז ער שטאַרק טויב געוואָרען און, דערפאַר, זיך געמוזט צוריקציען פון אלע קהל׳שע געשעפטען.

צוזאמען מיט זיינע צוויי איידעמס, די באַוואוסטע גבירים, ר׳ שלמה שפּרעכער און ר׳ אברהם־יצחק מענקיש, האָט ער זיך באַשעפטיגט מיט ארויסגעבען ספרים אויפ׳ן גאָר גרויסען שטייגער. קודם כל האָבען זיי ארויסגעגעבען גאַנץ ש״ס מיט די אלפס׳ן, אין אַזאַ פּראַכטפולער אויסגאבע, וואָס ווערט נאָך היינט שטאַרק ארומגעזוכט און גוט באַצאָלט פון אלע, וואָס האָבען ליב א שעהנעם ספר.

אז ר׳ ניסן האָט זיך שפּעטער צוריקגעצויגען פון אלע מסחרים, האָבען ביידע איידעמס, שפּרעכער און מענקיש, געדרוקט א סך ספרים, אויך עטליכע אויפלאַגעס פונ׳ם ש״ס. שפּרעכער איז דערנאָך אריין מיט זיינעם א ברודער יעקב, (אַן איידעם פונ׳ם וועלט־באַריהמטען גאון רבי צבי הירש חיות) אין א גרויס הורטאָווגע אייזען־געשעפט און דער־פון גאָר שטאַרק נתעשר געוואָרען. דיזאָזיגע פירמע עקזיסטירט נאָך היינט, מיט ר׳ יונה שפּרעכער, דעם גרעסטען גביר פון לעמבערג אַלס באַלעבאָס. מענקיש, ווידער, האָט דערנאָך אויף זיין אייגענעם חשבון, ארויסגעגעבען א סך ספרים. איבערהויפּט איז „מענקיש׳עס ש״ס" נאָך היינט א שם־דבר און שטאַרק געשעצט צווישען אלע לומדים.

מענקיש איז א חוץ זיין גרויסער לומדות, אויך געווען א שעהנער משכיל. ער האָט געגרינדעט און ארויסגעגעבען די ערשטע העברעאישע וואָכענצייטונג אין גאַליציע, דעם „הבשר". ער האָט די צייטונג ארויסגעגעבען אַן ערך פון צוויי יאָהר און דערנאָך זי איבערגעבען צו זיין שוועסטער׳ס זון, דעם באַוואוסטען און גרויסען מליץ און תלמיד חכם, ר׳ יוסף כהן צדק, וואָס איז שפּעטער אויך געוואָרען רעדאַקטאָר פון אנדערע העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלען.

ווי מען זעהט, איז דאָס שרייבעריי און דאָס עוסק׳ן זיך מיט׳ן געדרוקטען וואָרט ביי מיר און אויך ביי צוויי פון מיינע זין (דר. שמואל מאַרגאָשעס און הערמאַן מאַרגענשטערן, ביידע פונ׳ם „טאָג") אַן אַלטער „פאַמיליען־פעהלער"...

## 2 — מיין מאַמעס משפּחה

דער סדר היוחסין און דער שורש פון מיין מאַמעס משפּחה איז מיר ווייניג־וואָס באַקענט. אָבער לויט ווי די באָבע יוטעלע (געשטאָר־בען אין איהר זעקס און אכציגסטען יאָהר) האָט מיר דערצעהלט, שטאַמען זיי אָב פון׳ם בארימטען גאון ר׳ אלכסנדר שור, דער מחבר פון׳ם ספר „תבואות שור״, א באַוואוסטער ספר אויף הלכות שחיטות.

זי האָט מיר אויך איינמאָל געוויזען דעם דאָזיגען ספר, וואָס איז געווען געדרוקט אין זשאָלקווע. אקעגען טיטעל־בלאַט זיינען געווען אָבגעדרוקט צוויי בילדער: פון אויבען אַן אַלטער איד, אַן עוסק בתורה, און אונטען — א גרויסער אָקס, מיט גאָר לאַנגע הערנער. די אונטערשריפט האָט זיך געלייענט אזוי: „בכור שורו הדר לו״ (דברים ל״ג, 17). אז איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך מיר א סך מיה געגעבען נאָך אַמאָל צו קענען באַקומען דעם דאָזיגען ספר מיט׳ן בילד. ער איז עטליכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען, אָבער גראָד אָהן די בילדער. (און אפשר איז דאָס גאָר נאָר געווען אַן איינציגע צייכנונג, אין בלויז דעם איינעם פּאַמיליען־עקזעמפּלאר?)

מיין זיידע, ר׳ חיים־יהושע פלעקער, איז שוין געווען א וועלט־ליכער, העכסט־געבילדעטער מענש. ער איז געווען א טוך־סוחר און פלעגט אָפט פאָרען קיין ווין צוליב זיינע גרויסע געשעפטען. ער האָט געהאַט דרייצעהן קינדער (אַכט פון זיי האָב איך נאָך געקענט). די זיהן זיינען אַלע געווען „דייטשען״ (דאָס הייסט: געטראָגען קורצע, מאָדערנע קליידער). די טעכטער זיינען אַלע געווען געבילדעטע און געלעזען די דייטשע קלאַסיקער.

בלויז צוויי פון זיינע קינדער זיינען געווען פרומע: דער עלטסטער זון, דער פעטער ר׳ זלמן ליב, וועלכער איז געווען א משכיל, געשריבען שירים און אויך א גרויסער תלמיד חכם און איז געווען א באַוואוסטער דרוקער און ארויסגעבער פון ספרים.

די צווייטע פרומע אין מיין זיידענס משפּחה, איז געווען מיין מאַמע, שרה רבקה, (ריוועלע) עליה השלום.

כאָטש זי איז געווען א געבילדעטע און שטארק באַלעזענע פרוי, איז זי אָבער אויך געווען א גאָר פרומע. אין איהרע יונגע יאָהרען איז זי געווען פארהייראַט צו א מאַן, מיט'ן נאָמען סאפיר פון טארנאָפּאָל. זי האָט אָבער מיט איהם גאָר ניט לאַנג געוואוינט, ווייל... באלד נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבען זיך צו קליידען אין קורצע קליידער און זיך געפירט מעשה „דייטש". זי האָט זיך מיט איהם גע'גט און ערשט עטליכע יאָהר שפּעטער חתונה געהאַט מיט מיין פאָטער, וואָס איז שוין דאַמאָלס געווען אַן אלמן. ער איז געווען פארהייראַט מיט א טאָכטער פון זיין עלטערען ברודער, ר' ניסן מארגאָשעס, און האָט מיט איהר געהאַט צוויי זין.

דער זיידע ר' חיים יהושע (געשטאָרבען אין 1858) איז געווען ווי שוין געזאָגט, אַן אויפגעקלערטער. ווען עס איז איינמאָל געקומען קיין לעמבערג אַן אונגארישער רב, ר' יהונתן אַלעקסאַנדערזאָהן, וועמען די אונגארישע רבנים האָבען גע'רודפ'ט מחמת זיין „השכלה" און איהם אויך מעביר געווען פונ'ם רבנות און ער איז דערנאָך ארומגעפאָרען זאמלען אבאָנענטען אויף זיין ספר „תומך כבוד" (מיט א דייטשער אָבטיילונג „עהרענרעטונג") — איז מיין זיידע געווען איינער פון זיינע ערשטע לעמבערגער אבאָנענטען, און האָט איהם אויך געשטיצט מיט א היבש ביסעל געלד...

דערפאַר האָט דער זיידע געהאַט א שוואָגער, דער באָבע'ס א ברודער, וואָס איז שוין געווען א גאָר פרומער און געהויבענער איד: ר' אביגדור טשאָרטקאָווער.

כאָטש רבי אביגדור טשאָרטקאָווער איז ניט געווען קיין חסידישער „גוטער איד" און ניט גענומען קיין קוויטלעך, האָט ער אָבער אין לעמבערג פאָרט געהאַט א היבש ביסעל אָנהענגער, און אויך געהאַט זיינעם אַן אייגענעם מנין אינ'ם ירושה־הויז, וואָס ער האָט פארמאָגט, צוזאמען מיט'ן זיידען (נומער 13 גאַלאָכאָווסקי פּלאַץ, קעגען איבער די גרויסע הייזער פונ'ם גראַף סקארבעק). דער מנין איז שטענדיג געווען פול געפּאַקט מיט אידען און ער, רבי אביגדור, איז געזעסען א גאַנצען טאָג אין טלית ותפילין און עוסק געווען בתורה ועבודה.

מיין זיידענס אן איידעם, מיינער א פעטער, ר' וואָלף האבערמאַן, איז אויך געווען א „דייטש". ער איז געווען דער זוהן פון רבי נחמן קראָכמאַל'ס א שוועסטער פון זשאָלקווע, און זיין איינציגער זוהן איז, ווען איך בין נאָך א קינד געווען, שוין געווען א באַוואוסטער דאָקטאָר־מעדיצין.

## 3 — מיין פאָטער

מיין פאָטער, ר' אריה שמואל מארגאָשעס, איז געבאָרען געוואָרען אין לעמבערג, אין יאָהר 1814 און איז געשטאָרבען, אין זיין זעקס און זעכציגסטען יאָהר, אין 1880.

ער איז געווען א געלערנטער מענש אין אידישע למודים, און האָט אויך פאַרמאָגט א היבש ביסעל וועלטליכע בילדונג. ער איז אויך געווען א גרויסער פּקח במילי דעלמא און א גאָר גרויסער קענער אין לאנדעס־ און רעגירונגס־געזעצען, אזוי, אז עס פלעגט אָפט טרעפען, אז בא־וואוסטע אדוואָקאטען זאָלען קומען זיך מיט איהם בעראטען וועגען וויכטיגע געזעץ־פראגען.

ער האָט אויך געצויגען א גרויסען טייל פון זיין פּרנסה דערפון, ווייל א סך מענשען האָבען איהם איבערגעגעבען צו פירען זייערע וויכטיגע משפּטים. זיינע „קליענטען” האָבען שוין געוואוסט, אז אויב רבי שמואל מארגאָשעס נעמט זיך נאָר אונטער צו פירען זייערע משפּטים, האָבען זיי שוין אזוי גוט ווי געוואונען...

ער האָט אויך שטענדיג געהאלטען ביי זיך אין הויז א צוויי־דריי שרייבער, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט'ן איבערשרייבען דאָס וואָס ער האָט זיי דיקטירט.

אז דער וועלט־בארימטער גאון, רבי יוסף שאול הלוי נאטאנזאָהן, דער „שואל ומשיב”, איז אויפגענומען געוואָרען אלס לעמבערגער רב, איז מיין פאָטער דאַמאָלס שוין א מאַן פון א יאָהר פערציג און א שטארק באַשעפטיגטער דערצו, געוואָרן (צוזאמען מיט נאָך מעהרערע לומדי תורה, ווי א שטייגער, ר' שמואל גאָלדבערג, ר' אברהם ניסן זיס, ר' הערצעלע מאָרגענשטערען, דער שפּעטערער ראש בית דין, רבי אורי וואָלף סאלאט און נאָך עטליכע אנדערע), זיינער א תלמיד, און ער, דער פאָטער מיינער, ווערט אָפט דערמאָנט אין די שאלות ותשובות ספרים פון „שואל ומשיב.”

אין זיינע יונגערע יאָהרען איז מיין פאָטער געווען א גרויסער עושר. ער האָט פאַרמאָגט דאָס ירושה־הויז אויף דער דעמאָלט־אריס־טאָקראטישער סיקסטוסקע גאס און נאָך דריי גאָר גרויסע הייזער „אויפ'ן

בארג", וועלכע מען האָט גערופען „מארגאָשעס'ענס הייזער". זיי זיינען געווען באוואוינט פון אַן אָרימען קלאַס, איבערהויפּט אידען, מיט וועמען מיין פאָטער האָט שטענדיג מטיב געווען מכח'ן דירה־געלד.

ווי כמעט אלע רייכע אידען פונ'ם דעמאָלדיגען לעמבערג, האָט אויך מיין פאָטער זיך אָפּגעגעבען מיט'ן שפּילען אויף דער בערזע. אָבער אַז עס איז געקומען דער גרויסער בערזען־קראַך אינ'ם יאָהר 1873, האָט ער פארלאָרען דעם גרעסטען טייל פון זיין פארמעגען. די הייזער זיינען פארשולדיגט געוואָרען צו די באַנקען, און זייט דעמאָלט האָט ער שוין מעהר ניט געקאָנט קומען צו זיך. מען האָט נאָך געפירט א שעהן בעל־הבית'יש הויז, עס איז אָבער שוין ניט געווען דאָס וואָס פריהער.

קיינער פון מיין פאָטער'ס פאמיליע איז ניט געווען קיין חסיד און איז קיינמאָל ניט געפאָרען צו'ן א חסידישען רבי'ן. און איך בין שטארק אין ספק, צי מיין פאָטער אליין, וואָס איז אין זיינע אינגערע יאָהרען געווען גענויגט צו השכלה, איז דעמאָלט יאָ געפאָרען צו וועל־כען־עס־איז רבי'ן...

זיין התקרבות צום בעלזער רבי'ן — און דערנאָך אויך צו די אַנדערע חסידישע רביים — האָט זיך, לויט מיין מיינונג, אָנגעהויבען אין די יאָהרען 1867-8, ווען ער איז ארויסגעטראָטען פון דער חברה „שומר ישראל" און צוזאמען מיט אַנדערע פרומע תלמידי חכמים, אָנגעהויבען טראַכטען פון גרינדען א באַזונדערע, אָרטאָדאָקסישע חברה.

די חברה „שומר ישראל" איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרען פון משכילישע יונגעלייט, מיט'ן צוועק צו פארשפּרייטען צווישען דעם פראָסטערען עולם פון לעמבערג אביסעל בילדונג. מיין פאָטער איז געווען איינער פון איהרע ערשטע גרינדער.

אָבער מיט דער צייט האָבען זיך אין דער דאָזיגער חברה אריינ־געכאַפּט א היבש ביסעל דאָקטוירים און אדוואָקאַטען, אָהן שום אידישער בילדונג, וואָס האָבען בלויז אין זינען געהאַט פאר זיך א־דאָ איינצו־האַנדלען גרויסע פּאָרציעס כבוד און אויך צו גרינדען קאַריערעס. די־דאָזיגע אדוואָקאַטלאַך זיינען מיט דער צייט געוואָרען די רעדעל־פירער פון דער חברה און זייער אסימילאַטאָרישער גייסט האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען וואָס אמאָל מעהר.

זיינען דעמאָלט די פרומערע מיטגלידער אוועק פון דאָרט און האָבען אָנגעהויבען טראַכטען וועגען גרינדען אַן אָרטאָדאָקסישע חברה, וואָס זאָל באַקעמפען די אסימילאַטאָרישע טענדענצען פון דעם „שומר ישראל".

אין יאָהר 1867 האָבען די „שומר ישראל" אויסגעארבייט א פּראָיעקט — וועלכען זיי האָבען פאָרגעלעגט פאר'ן קייזערליכען מיניסטע־ריום אין ווין — אַז עס זאָל אין גאַליציע געגרינדעט ווערען אַ ראבינער־סעמינאר, און אַז איבער'ן גאַנצען לאַנד זאָל מען ניט טאָרען אויפנעמען קיין אנדערן רב, סיידען אזוינעם, וואָס האָט געענדיגט דעמ־דאָזיגען סעמינאר.

דאָס האָבען די פרומע אידען באַטראַכט פאר א שרעקליכער גזרה, ובפרט נאָך ווען די „שומר ישראל" האָבען מיט זייער פּראָיעקט אויך געוואָלט פאַרקאָכען עפּעס אַן עסק וועגען אריינברענגען רעפאָרמען אין די חדרים און תלמוד תורה'ס.

דאָס מיניסטעריום אין ווין, וואָס האָט אין יענע יאָהרען גאָר שטארק חשק געהאט צו „גערמאניזירען" דאָס גאַליציאַנער אידענטום און עם אוועקצורייסען פון'ם פּוילישען איינפלוס — האָט זיך אין די־דאָזיגע נייע פּראָיעקטען גאָר שטארק אָנגעכאַפּט און געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט פאר זייערע אייגענע פּאָליטישע צוועקען.

לויט ווי מיר איז באַקאַנט, איז דעמאָלט, אינ'ם יאָהר 1867, אוים־געפאַלען מיין פאָטער'ס ערשטער ארויסטריט אלס עפענטליכער כלל־טוער. זינט דאַן איז ער שוין אזוי אָנגעגאַנגען, ביז צו זיין אָפּשטארבען, אינ'ם יאָהר 1880.

אויף זיין, מיין פאָטערס, פאַרלאַנג, זיינען זיך, אינ'ם הויז פון'ם לעמבערגער רב, רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, צוזאַמענגעקומען פינף פון די וויכטיגסטע אנשים־חשובים און צוזאמען האָבען זיי ארויסגעלאָזט אַ בריף צו אַלע רבנים פון די גרעסערע קהלות איבער'ן לאַנד, אַז זיי זאָלען, אַזוי באַלד ווי מעגליך, פּראָטעסטירען געגען דעם פּראָיעקט פון דער חברה „שומר ישראל", וואָס האָט שוין געהאַלטען ניט־ווייט פון אויסגעפירט ווערען. אַזאַ בריף, וואָס איז געשיקט געוואָרען צום וועלט־בארימטען גאון רבי שלמה קלוגער, דער „בראָדער מגיד" (איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט, אַ מחבר פון אכט־און־צוואַנציג געדרוקטע ספרים, א חוץ פיר און אכציג נאָך־ניט־געדרוקטע ספרים, אויף אַלע מקצועות פון דער אידישער תורה, און אויך נאָך אַ זעכציג ספרים, בלויז אויף חומש), געפינט זיך נאָך היינט־צו־טאָג. ער איז אָבגעדרוקט אינ'ם ספר „תולדות שלמה", פון זיין אייניקעל ר' יהודה אהרן קלוגער (געדרוקט אין לעמבערג, דורך מיין שוועסטער־קינד, דעם באַוואוסטען דרוקער און ספרים־ארויסגעבער ר' אליעזר מארגאָשעס, דער זוהן פון מיין אויבען דערמאָנטען פעטער, ר' ניסן מארגאָשעס, אין יאָהר 1888).

ווייל דער ספר „תולדות שלמה" איז היינט שוין ווייניג־וואָס בנמצא, גיב איך דאָ, אין אַן אָנמערקונג, איבער דעם גאַנצען בריף. ער איז, לויט מיין מיינונג, א וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט, וועגען דעם קולטור־קאַמף אין גאַליציע.

מיין פֿאָטער איז געוועזן א שעהנער בעל־לשון און א כתבא־רבא דערצו. ער האָט פֿאַרפֿאַסט און, מיט זיין אייגענער האַנד, געשריבען די־דאָזיגע בריף צו די רבנים, נאָר מפּני הכבוד והדרך ארץ, האָט ער זיך אונטערגעשריבען דער לעצטער.*)

ווי עס זעהט אויס, האָבען די בריף געהאַט זייער ווירקונג. די גרויסע רבנים, צוזאַמען מיט זייערע קהילות, האָבען אריינגעשיקט זייערע פּראָטעסטען צו דער לעמבערגער שטאַטהאַלטעריי און די „גזירות"

*) ולמען יוקר הענין אציע פה המכתב מהגאון מו"ה יוסף שאול נ"ז זצ"ל.

מכתב הרב הגאון המובהק מופת הדור והדרו מו"ה יוסף שאול הלוי נ"ז זצ"ל אבד"ק לבוב והגליל ואתו עמו הרבנים הגאונים הגדולים הגבירים המפורסמים אדירי התבל ה"ה פו"ט וראשי יח"ס דק"ק לבוב.

וזה"ל אות באות:

ב"ה יום א', פ' צו, תרכ"ז, לפ"ק לבוב.

שוכ"ט סלה אל כבוד הרב הגאון הגדול מעוז ומגדל מופת הדור והדרו יחיד בדורו מאור הגולה סבא קדישא כש"ת מו"ה שלמה קלוגער נ"י ראב"ד דק"ק בראָדי יע"א.

דבר אלוקים לנו, בלי ספק גם אתם ידעתם את אשר בא ממקום הגבוה מן המיניס־טעריום דעם אונטעררימכטס אל השטאטהאלטעריי (משם אל כל הקרייז פֿאַרשטעגדע בדבר הלימוד לתינוקות של בית רבן לבטל תורה שבעל פה עד ימלא להם שתים עשרה שנים ואף גם זאת רק אחרי שלמדו כבר ארבעה קלאסען דייטש וגם אין רשות להיות מלמד בלתי אם ישיג רשיון מן השטאטהאלטעריי כי כבר למד ארבעה קלאסען דייטש וחכמת הפדגוגיע. אוי לנו כי היתה כזאת ואין לנו להשען כי אם על אבינו שבשמים וזכות הרבים אשר יעורדו ויבקשו רחמים ע"ז להפך לב השרים הגבוהים עלינו לטובה. ע"כ עושו חושו והתעוררו והכינו עצמיכם לעצה ולתפילה. ואל תאמרו כי עוד הזון למועד. כי ידענו אחינו ידענו כי הדבר נהוץ למאד ואם אנחנו מחשים ומצאנו עוון ואל תעשו אגודות רק כולנו כאחד נבקש מאת השרים הגבוחים על הדבר הזה ולהאיר עיניהם כי הוא באמת עקירת הדת הקדושה מה שלא חשבו כלל וכלל. ואת אשר יתן ד' בלבבכם עד מהרה ירוצו דבריכם אלינו למען נדע מה לעשות והיינו לאגודה אחת ואל תאחרו את השעה, כי עת לעשות לד' ואנחנו נעשה את אשר בידנו לעשות וה' הטוב בעיניו יעשה ויגמור בעדנו לטובה. ונבקש מאת מעכת"ה לכתוב לכל עיר ועיר הסרים למשמעתו את כל הדברים אשר כתבנו למעכת"ה.

אלה דברי המדברים ממעמקי הלב וממרירות הלב ומצפים לישועת ד' כי ירחם עלינו למען כבוד שמו ולמען תורתו הקדושה.

דברי חדו"ש באהבה. יאריך ימים ושנים כנפש הצעיר.
יוסף שאול הלוי נאטאנזאהן אבד"ק לבוב והגליל.
הק' ירחמיאל הלוי איש הורוויץ.
יעקב נפתלי הירץ בערנשטיין.
פרנס ומנהיג דפה"ק לבוב.
יצחק אהרן סג"ל איטינגא.
ישעיה אריה ליב איש הורוויץ.
יעקב יצחק יוטעס.
בעהמ"ח שו"ת אהלי יעקב ומקראי קודש.
חק' אריה שמואל מרגאשיש.

וועגען די חדרים זיינען אָפּגערופּען געוואָרען, כאָטש די „שומר ישראל" האָבען ניט אויפגעהערט וועגען דעם צו פאַראַרבייטען מעשים.

כדי צו קענען באַקומען אַן איינפלוס אויף די אידען אין לעמבערג (אַ צוואַנציג טויזענד אין יענער צייט) און אויך איבער'ן גאַנצען לאַנד, האָט די חברה „שומר ישראל", אַרום דעם יאָהר 1868, אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַ צוויי־וועכענטליכע צייטונג מיט'ן נאָמען „דער „איז־ראעליט".

די צייטונג האָט זיך אין משך פון איבער פיר יאָהר צייט געדרוקט אין אַ מין גאַליציאַנער „דייטש", מיט אידישע אותיות. אבער מיט'ן נומער פינף פונ'ם פינפטען יאָהרגאַנג, איז זי איבערגעגאַנגען צו דער ריין דייטשער שפראַך, מיט דייטשע בוכשטאַבען. בשעת די שפּעטערע גרויסע מחלוקת'ן, אָדער וואהל־קאַמפּאַניעס, האָט מען צו דער־דאָזיגער צייטונג צוגעגעבען ביילאַגעס, דוקא אין אַ שעהנעם, קלאָרען און מאָדערנעם העברעאיש.

(דידאָזיגע צייטונג איז אַרויס אַן ערך פון איבער עטליכע־און־צוואַנציג יאָהר; שפּעטער שוין יעדע וואָך. זי געהערט היינט צו די גרעסטע יקרי־המציאות. ביי מיר זיינען פאַראַנען צעהן געבונדענע יאָהרגאַנגען, צוויי־דריי פון זיי אין „אידיש").

עס איז געווען נאַטירלאַך, אַז דאָס אַרויסגעבען פון אַן אייגענער צייטונג און דאָס אָפּטע אַגיטירען פאַר „פּאָרטשריט", זאָל זיין ווי אַ דאָרן אין די אויגען פון די פרימערע אידען. זיי, די פרימערע, האָבען גענומען טראַכטען וועגען גרינדען אַ גענען־חברה, מיט דעם אויסקוק, שפּעטער אויך צו האָבען אַן אייגענעם אָרגאַן, כדי צו קאָנען באַקעמפען די „שומר ישראל" און צו פאַרטיידיגען די אָרטאָדאָקסישע אינטערעסען.

## 4 — ר׳ מרדכי פעלץ

מיין פאָטער, וואָס איז שוין געווען דער גאַנצער רוח החיים פון דערדאָזיגער פרומער „געגען־באַוועגונג" און וואָס איז איהר געווען אי־בערגעגעבען מיט „לייב און זעעל", האָט געהאַלטען כסדר אין ארומזוכען עפּעס א פּעהיגען און טעטיגען מענשען, וואָס זאָל איהם העלפען אין זיין ארבייט. דעם מענשען האָט ער געפונען אין דער פּערזאָן פון ר׳ מרדכי פעלץ, אין לעמבערג.

דערדאָזיגער ר׳ מרדכי פעלץ (זיין ריכטיגער פאמיליען־נאָמען איז געווען ענסער) איז זיכער געווען א גאָר אינטערעסאַנטע פּערזאָן, אויף וועמען עס לוינט זיך דאָ אביסעל אָפּצושטעלען.

ר׳ מרדכי׳ס פאָטער, ר׳ משה צבי ענסער (געבאָרען אין יאָהר 1804, געשטאָרבען אין 1871), איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע לעמבערגער משכילים, א נאָהענטער חבר פון ראַפּאַפּאָרט און נחמן קראָכמאַל און אן אָפטער מיטארבייטער אין די דעמאָלטיגע העברעאישע זאַמעל־ביכער. ער איז געווען א העברעאישער לערער און האָט זיך מפרנס געווען פון געבען לעקציעס (שטונדען, האָט מען עס דעמאָלט גערופען) אין רייכע, אידישע הייזער. ער איז אויך געווען דער מחבר פון א העברעאישער גראַמאַטיק מיט׳ן נאָמען „המצרף, או משאת משה" אין צוויי טיילען (געדרוקט אין זשאָלקווע, אין יאָהר, 1854).

וואָס עס האָט געבראַכט דערצו, אַז א זוהן פון אַזא משכיל און פאַרברענטען מתנגד, זאָל ווערען א חסיד — דאָס וויים איך ניט. אָבער זינט דעם יאָהר 1877, ווען ר׳ מרדכי פעלץ האָט אָנגעהויבען צו ווערען אן אָפטער איינגעהערער אין מיין פאָטער׳ס הויז, געדענק איך איהם פאַר א ברייטען, הויכען און פעסטען אידען, מיט א ספּאַדיק אויפ׳ן קאָפּ. ער איז שוין דעמאָלט געווען דער „געהיים־סעקרעטער" פונ׳ם בעלזער רב, רבי יהושע רוקח און זיין פּאָליטישער פאַרטרעטער.

ר׳ מרדכי האָט געהאַט א ירושה־הויז צוזאַמען מיט נאָך עטליכע שותפים. איינער פון זיי איז געווען דער „פּערטעל־רעוויזאָר" גינסבערג

(די שטאָדט לעמבערג איז געווען, פּאָליצייאיש, איינגעטיילט אין פיר פערטלען, מיט דער שטאָדט, דעם רינעק, אלס א באַזונדער טייל).

צוליב דעמדאָזיגען ירושה־הויז האָט ר׳ מרדכי געפירט יאָהרען־לאַנגע פּראָצעסען, דער עיקר מיט׳ן קרוב, דעם „פערטעל־רעוויזאָר" גינסבערג, וואָס איז געווען, לויט איך געדענק איהם, א איד א משכיל און כסדר געהאלטען אין איין זאָגען תורה, אָבער אן אָדם קשה כברזל. מיין פאָטער, וואָס איז געווען, ווי מען פלעגט עס רופען, א „ווינקעל אדוואָקאט" (ווי איך האָב שוין אויבען דערצעהלט), האָט פאַר ר׳ מרדכי׳ן געפירט זיינע משפטים, דערפאַר איז ער געווען ביי אונז אין הויז אַן אָפטער גאַסט און איך, א אינגעל פון א יאָהר עלף־צוועלף, שוין א שטיקעל מענש, א בר־דעת — ניט ווי די אמעריקאַנער קינדער, שאינם יודעים בין ימינם לשמאלם, — האָב געהאַט א געלעגענהייט איהם גוט צו קענען.

אַ דערדאָזיגער גרויסער חסיד, מיט׳ן אלטען ספּאָדיק און גראָבען גאַרטעל ארום׳ן ברייטען גוף, איז געווען א העכסט געבילדעטער מענש. ער האָט גוט געקענט העברעאיש, דייטש, פּויליש און אויך פראַנצויזיש. ער איז געווען בקי אין דער אלגעמיינער וועלט־געשיכטע, איבערהויפּט אין געאָגראַפיע.

איך געדענק, ווי ער האָט אַמאָל מיט מיין עלטערען ברודער יהושע מאַרגאָשעס, דעמאָלט א בחור פון א יאָהר אכצעהן, א גרויסער מושלם צו זיין חתונה האָט ער פונ׳ם דעמאָלטיגען לעמבערגער רב, רב צבי־הירש אָרנשטיין באַקומען דעם טיטעל „מורנו") און א קענער פון עטליכע שפּראַכען, זיך געשפּאַרט וועגען עפּעס א טייך: צי ער געפינט זיך אין זיד־אָדער נאָרד־אַמעריקע. און אז מען האָט נאָכגעקוקט אין „מאיערס קאָנווערזאַציאָנס־לעקסיקאָן", האָט זיך ארויס־געוויזען, אז דער חסידישער ר׳ מרדכי פעלץ האָט וועגען דעמדאָזיגען טייך אלץ און גענוי געדענקט, פיל בעסער ווי מיין ברודער, דער מושלם, וואָס האָט זיך געהאלטען פאַר א גרויסען ידען אין געאָגראַפיע.

ווען דער פּרעזידענט פון דער „פערדינאַנד באַהן", (פון קראָקע ביז ווין), האָפראַט פאָן סאכער, איז געווען א קאַנדידאַט צום ווינער רייכסטאַג, אלס פאַרטרעטער פון עטליכע גאַליצישע באַצירקען, און דער בעלזער רב האָט איהם פּאָליטיש געשטיצט, איז ר׳ מרדכי פעלץ געווען דער גאַנצער פאַרמיטלער אין דעמדאָזיגען ענין, און דער אריס־טאָקראַטישער ווינער האָפראַט פלעגט זיך גאָר ניט שעמען צו שפּאַצירען מיט ר׳ מרדכי׳ן — אינ׳ם ספּאָדיק און דער לאַנגער זשופּיצע — אינ׳ם ווינער „פּראַטער".

וואָס עס איז געווען דער סוף פונ'ם פעלץ ירושה־הויז, ווייס איך ניט. אָבער ר' מרדכי האָט אין זיינע שפּעטערע יאָהרען ניט געהאַט קיין שום אַנדערע אינטערעסען אחוץ דער נייער חברה „מחזיקי הדת", און דער בעלזער רב פלעגט איהם געבען אויף חיונה, מיט דער ברייטער האַנד.

ווען זיין ערשטע ווייב איז געשטאָרבען, האָט ער דערנאָך נאָך אַמאָל חתונה געהאַט, מיט אַ רייכער פרוי, טאָכטער פון בעלז. ער האָט שוין דאָרטען געוואוינט ביז זיינע לעצטע יאָהרען, און ער איז שוין אויף שטענדיג פאַרבליבען דער בעל־יועץ און פאַרטרויאונגס־מענש פונ'ם בעלזער רב.

כאָטש ר' מרדכי איז אליין געווען אַ געבילדעטער מענש, האָט ער זיינע קינדער גאָר קיין שום וועלטליכע בילדונג ניט געוואָלט געבען. און זיינע צוויי זיהן זיינען געווען חסידישע בחורים, מיט גראָבע פאות, אָבער גרויסע עמי־הארצים, אפילו אין אידישע לימודים.

דער באַוואוסטער ראַבינער און רייכסטאַג־אָבגעאָרדענטער דר. יוסף שמואל בלאָך, אין ווין, דערצעהלט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער האָט קאַנדידירט צום רייכסטאַג אין די גאַליצישע באַצירקען קאָלאָמיי, סניאַ־טין און בוטשאַטש, איז ר' מרדכי פעלץ געקומען צו איהם קיין ווין און פאַרלאַנגט אַ סומע פון פינף טויזענד גולדען. ניט חלילה פאַר זיך, נאָר כדי ס'זאָל זיין צו געבען דער עסטרייכישער רעגירונג אַלס „קאַוציע" אַז די צייטונג „מחזיקי הדת" זאָל מעגען אַרויסגעהן יעדע וואָך און ניט מוזען ערשיינען אונטער צוויי נעמען (איין וואָך „מחזיקי הדת" און די צווייטע „קול מחזיקי הדת"), וואָס דאָס האָט פאַרשאַרפט דער רעדאַקציע פיעל קאָפּדרייעניסען און אַ שטענדיגע מורא פאַר אַ מסירה . . . דערפאַר — פאַר די 5 טויזענט גולדען, האָט ר' מרדכי גע'טענה'ט — וועט ער איהם שטיצען ביי די וואַהלען; און לויט ער, פעלץ, האָט פאַרזיכערט, איז זיין שטיצע אַ סך מעהר ווערט ווי בלויז אַזאַ קליינע סומע . . .

און אַז דר. בלאָך האָט איהם אָפּגעזאָגט, צוריקגעוויזען דעם „אָנ־באָט" און ניט געוואָלט שאַפען דאָס געלט צווישען די רייכע ווינער אידען, האָט ר' מרדכי געדראָהעט, צו העלפען דעם געגען־קאַנדידאַט, מייזעלס'ן, אַ זעהר רייכער מאַן, אַן אייניקעל פונ'ם באַוואוסטען גאון רבי בעריש מייזעלס, געוועזענער רב אין קראָקע און דערנאָך אין וואַרשע . . .

לויט ווי בלאָך דערצעהלט, איז ר' מרדכי פעלץ פּלוצים געשטאָר־בען אין קראָקע, נאָך איידער די וואַלען זיינען פאָרגעקומען. כאָטש

ער גיט ניט אָן קיין דאַטום, מיינט ער אַז דאָס איז געווען אינ׳ם חודש דעצעמבער, 1890.

פון דעם טאָן ווי בלאָך שרייבט וועגען ר׳ מרדכי׳ס טויט, זעהט זיך ארויס, אַז ער האַלט דאָס פאַר אַ שטראָף מן השמים...

אָבער ווי עס האָט מיר דערצעהלט דער חסידישער רבי, רבי מאיר רוקח, „דער קאָזלאָווער רבי", איצט אין ניו יאָרק, שוין אַ זקן נכבד, וואָס האָט רבי מרדכי׳ן זעהר גוט געקענט, איז ר׳ מרדכי געשטאָרבען ניט אין קראָקע, נאָר אין לעמבערג און ניט אינ׳ם יאָהר 1890, נאָר אין 1892 (שנת תרנ"ב) און ער געדענקט, אַז אין דער צייטונג „מחזיקי הדת" איז וועגען איהם געווען געדרוקט אַ לאַנגער הספד, מיט דער אויפשריפט „אבד חסיד".

ווי עס האָט מיר דערצעהלט מיינער אַ פריינד, ר׳ חיים אהרן האפנער (וואָס איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען אַ „יושב" אין בעלז און דערנאָך אַ באַוואוסטער משכיל און דער „עוזר בבית המערכת" פונ׳ם „העברי" אין בראָד), פלעגט ר׳ מרדכי פעלץ, אין די לעצטע עטליכע יאָהרען פון זיין לעבען, בשעת ער האָט שוין געוואוינט אין בעלז, זעהר אָסך שטעהן (ניט זיצען) און לערנען. עס האָט אַ סך מאָל געטראָפען, אַז ר׳ מרדכי האָט זיך, אין אַן אָווענד, אוועק־געשטעלט ביי אַ שטענדער און אַזוי פאַרטיפט אין אַ גמרא, אַז ווען האפנער איז פאַרטאָג אויפגעשטאַנען פון זיין הארטען געלעגער אויף דער קלויז־באַנק, האָט ער ר׳ מרדכי׳ן נאָך אָנגעטראָפען שטייענדיג מיט איין פוס אָנגעשפאַרט אויף אַ בענקעל און לערנען די גמרא. ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרטיפט און פאַרטראַכט, אַז ער האָט ניט באַמערקט וואָס ארום איהם טוט זיך און אַז אין דרויסען האָט שוין לאַנג אָנגעהויבען צו טאָגען.

ער, ר׳ מרדכי, איז געווען אַ מזג טוב און פלעגט גאָר אַ סך טובות טאָן אידען, און אפילו אויך מתנגדים און אויסגעשפּראָ־כענע געגנער. איך האָב זיך וועגען איהם אָנגעהערט גאָר אַ סך מעשיות. ס׳וואָלט מיך אָבער צו־וויט פאַרפירט, ווען איך וואָלט זיי געוואָלט איבערגעבען דאָ.

און אָט דעמדאָזיגען, ביז גאָר פעהיגען מענשען, וואָס האָט אויך, אגב אורחא, פאַרמאָגט אַ גרויסען כח־הדבור, אַ רעדנער־טאַלאַנט, האָט מיין פאָטער אויסגעקליבען פאַר זיין מיטהעלפער אין דער גרינדונג פון אַ נייער, פרומער חברה, וואָס זאָל שטעהן אויף דער וואַך, אויפ־צוהאַלטען אין גאַליציע דאָס אָרטאָדאָקסישע אידענטום און אָבצו־שוואַכען די פאָרטשריטלעכע טענדענצען פון די „שומר ישראל".

צוליב דעמדאָזיגען צוועק און אויך אונטער דער השפעה פון ר׳ מרדכי פעליץ, האָט מיין פאָטער זיך אָנגעהויבען צו דערנענטערען צום בעלזער רב און אויך צו די אַנדערע חסידישע רביים.

דער בעלזער רב איז פון דערדאָזיגער התקרבות גאָר שטארק צו־פרידען געוועןֹ. ער איז געוועןֹ א גרויסער מענשען־קענער און באַלד פאַרשטאַנען דעם גרויסען געווינס, וואָס ער האָט איצט ארייגעכאַפּט אין מיין פאָטער אַלס זיין חסיד; בפרט נאָך, ווען מיין פאָטער האָט געהאט א גאָר שעהנעם שם, אַלס איינער פון די וויכטיגסטע אנשים מכובדים פון לעמבערג, און מיט א גרויסען איינפלוס אין שטאָדט.

## 5 — דער בעלזער רב

איך שרייב דאָ ניט די געשיכטע פון חסידות, אין וועלכער דער בעלזער רב האָט פאַרנומען א גאָר חשוב'ן אָרט. אָבער כדי מען זאָל וויסען ווער און וואָס פאַר אַ שטאַרקע פּערזענליכקייט דער בעלזער רב איז געווען, וויל איך דאָ פאַרצייכענען אַ פּאָר פון זיינע כאַראַקטער־שטריכען. איך האָב איהם גאָר גוט געקענט: ער איז עטליכע מאָל — פאַר א וואָך אָדער מעהר — געווען א גאַסט אין אונזער הויז. און, נאָך מיין חתונה, בין איך ביי איהם געווען, און אינ'ם זכות פון מיין פאָטער האָט מען מיך דאָרטען שטאַרק מקרב געווען . . .

דער בעלזער רב (ניט רבי, ווייל ער האָט שטענדיג מקפיד געווען, דאָס זיינע אָנהענגער זאָלען איהם, אונטער זיינע אויגען, ניט רופען „רבי", נאָר רב. אין זיין גרויס ענייות האָט ער זיך ניט געהאַלטען ראוי צו זיין א רבי . . .) יהושע רוקח, איז געווען דער עלטסטער זוהן פונ'ם וועלט־באַרימטען בעלזער רב, רבי שלום רוקח, דער גרינ־דער פון דער בעלזער רביים־דינאַסטיע, וועלכע עקזיסטירט נאָך היינט צו־טאָג, שוין אינ'ם פינפטען דור. זינט זיין פאָטער איז געשטאָרבען, אינ'ם יאָהר 1855, האָט ער אָנגעהאַלטען דאָס בעלזער רבנות, אַן ערך פון פערציג יאָר, ביז צו זיין טויט, אינ'ם יאָהר 1894.

דורך דער גאַנצער צייט איז ער געווען פאַרעכענט פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע רביים פון זיין דור. ער האָט געהאַט אין גאַליציע, פּוילען, אונגאַרן און די אַרומיגע פּראָווינצען, עטליכע צעהנדליגער טויזענד חסידים און אויף ראש השנה פלעגען קיין בעלז זיך צוזאַמענ־קומען אַן ערך פון פינף־זעקס טויזענד חסידים.

כמעט די גאַנצע שטאָדט בעלז, א קליינע אָבער מיט גאָר היבשע בלאָטעס, האָט געלעבט פונ'ם רבינ'ס „הויף" און פון די אָנגעפאַרענע חסידים. (יעדע וואָך היבשע עטליכע הונדערט פאַרשוינען; אין א יום־טוב א סך מעהר).

א הויכער, ברייטער און פעסטער איד איז דער בעלזער רב געווען, מיט א געדיכט־באַוואַקסענעם פּנים און גאָר לאַנגע ברעמען. אין דעמ־דאָזיגען מאַסיווען קערפּער האָט געפלאַקערט א פייערדיגער, שטאַרקער גייסט, וואָס האָט זיך פאַר קיין שום זאַך ניט אָפּגעשראָקען. ער האָט

קיינמאָל זיך ניט געוואַקעלט און זיך געהאַלטען פעסט ביי זיינע מיינונגען, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר די איינציג־אמת׳ע.

ער איז געווען גאָר שטאַרק פאַרגליבט אין זיך, און טיף איבער־צייגט, אז ער איז א העכערער מענש, מיט א גרויסער שייכות צו דער פמליא של מעלה...

איך בין איינמאָל געווען דערביי אין בעלז, בשעת א איד האָט איהם אָפּגעגעבען א קוויטעל מיט א פדיון (אין בעלז פלעגט מען געבען גאַנץ קליינע פדיונות. צוואַנציג קרייצער זיינען אויך געווען א פדיון), און דערביי אַן עצה געפרעגט וועגען א פאַרוויקעלטען ענין. דער רב האָט איהם געענטפערט און גע׳עצה׳ט, לויט ווי ער האָט פאַרשטאַנען פאַר ריכטיג.

דער איד איז אַרויס, אדער בעסער געזאָגט, ער איז אַרויסגע־שטופּט געוואָרען פון די, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער איהם און האָבען זיך אויך געוואָלט „פּראַווען". אָבער ווי גיך דערדאָזיגער איד האָט זיך אָנגעהויבען צו באַרעכענען, האָט ער גענומען צווייפלען צי דעם רבינ׳ס עצה איז טאַקע די ריכטיגע. באַלד איז ער צוריק אַריין צום רבי׳ן, און אז ער האָט זיך נאָכאַמאָל ווידער דערשטופּט צו דער „שטול", האָט איהם דער רב תיכף דערקענט און א פרעג געטאָן, וואָס ער וויל דאָ איצט.

דער איד האָט זיך, פאַר גרויס שרעק, געפונען אין א פאַרלעגענ־הייט און קוים אַרויסגעשטאַמעלט עטליכע ווערטער, אז ער וויל בעטען דעם רבי׳ן, אפשר איז מעגליך, איהם צו געבען אַנאַנדער עצה, א בעסערע, ווייל די פריערע איז, אזוי דוכט זיך איהם, ניט גענוג פּראַק־טיש...

קוים האָט דער בעלזער רב דאָס דערהערט, האָט ער זיך געגעבען א שטעל אויף, אין זיין גאַנצער הויך, און מיט זיין שטאַרקער און קלינגענדיגער שטימע אויסגערופען:

— וואָס מיינסטו עפּעס?! איך האָב דיר דאָס די עצה גע־געבען?! מן השמים האָט מען מיר מגלה געווען און אזוי געהייר־סען רעדען!

שטענדיג פלעגט ביי איהם אין „הויף" זיין פאַרזאַמעלט א גרויסער עולם אידען און, אז דער געפּילדער און די געוואַלדעס זיינען געווען אין לשער, די קולות און געשרייען זיינען געגאַנגען עד לב השמים, דעמאָלט איז גענוג געווען, אז דער רב זאָל פּלוצים געבען א מאַך־אויף די טיר און טאָן א הויכען געשריי: „שאַ!" אז אַלע זאָלען תיכף אַנטשווייגען ווערען און פאַר א ווייַלע זאָל איבער׳ן גאַנצען

„הויף” זיך אויסהענגען א טיפּע שטילקייט. אלע האָבען פאַר איהם געהאַט גרויס אָפּשיי און געציטערט אימת מות . . .

ער איז שטענדיג געוועזן אַן אמת׳ער „עומד בפרץ”. ער איז כל ימיו כסדר געשטאַנען אויף דער וואַך, און אכטונג געטאָן, אַז אין בעלז און אין די ארומיגע שטעדטלאך, וואו זיין השפּעה איז געוועזן געוואַלדיג גרויס, זאָל פון דער אַלטער פרומקייט, חלילה, גאָר ניט געמינערט ווערען, און אַז עס זאָל זיך ניט אריינ׳גנב׳ענען דער מינ־דעסטער הויך פון פּאָרטשריט און צייט־גייסט.

אין בעלז און אין די שטעדטלאך אויף היבשע עטליכע מייל אַרום, זיינען די אידישע מענער און פרויען נאָך געגאַנגען אין אַזא הלבשה, וואָס מען האָט ערגעץ אַנדערש, אין גאַנץ גאַליציע, שוין גאַנץ לאַנג ניט געזעהען.

די מאַנסבילען, וואָס זיינען כמעט אַלע געוועזן בעלזער חסידים (מיט גאָר זעלטענע אויסנאַמען)*) האָבען געטראָגען אַלטע און אָפּגע־טראָגענע ספּאָדיקעס אויף זייערע קעפּ. דאָס העמד איז קיינמאָל ניט געוועזן צוגעקנעפּעלט ביים קראַגען. פון א האַלזטיכעל, אָדער גאָר א קראַוואַט, איז שוין אָפּגערעדט. ווינטער האָבען זיי די גאָרגלען אַרומ־געוויקעלט מיט א מין בוימוואָלענעם שאַליק. די הויזען, שטענדיג שמוציגע, אריינגעשטעקט אין אַמאָל־געוועזענע ווייסע זאָקען און א פּאָר פּאַנטאָפּעל; אָדער יובטענע שטיוועל, אין דער קאַלטער צייט. דער גוף איז געוועזן איינגעהילט אין גראָבע, בוימוואָלענע, קאַטונענע בעקע־שעס. טוך, אָדער „שטאָף”, האָט מען ניט געטאָרט טראָגען, עס איז געוועזן „מעשה אויפגעקלערטער” — און דידאָזיגע בעקעשעס זיינען שטענדיג געוועזן אַרומגעבונדען מיט גראָבע, פּאָדימנע, גאַרטלען.

*) לעבען בעלז געפינט זיך א שטעדטעל מיט׳ן נאָמען היוונעוו (אוהנאָוו. אויף פּויליש), עס איז א קליינע באַהן־סטאַנציע ניט ווייט פון בעלז און אהין און צוריק פלעגט קאָסטען אין גאַנצען זעקס און צוואַנציג קרייצער.

איין מאָל בין איך, אום ערב יום כפור, געפאָרען קיין בעלז. אז די באַהן איז אַנגעקומען קיין היוונעוו, איז די סטאַנציע געווער אין גאַנצען באַלאַגערט פון אידען. אַלע זיינען זיי געווען אַנגעטאָן אין די שטריימלאך און די זיידענע (מעהר צוריסענע ווי גאַנצע) בעקעשעס. יעדער האָט מיט זיך געהאַט א קליין פּעקעלע, בלויז דעם טלית און אביסעל שפּייז, א שטיקעל עוף צום איבערבייסען נאָכ׳ן תענית. פון דער בעלזער באַהן זיינען זיי גלייך אוועק צו־פוס (פון באַהן אין שטאָדט אריין איז געווען א היבשער מהלך) אין שוהל אריין און מוצאי יום כפור, תיכף מיט דער באַהן צוריק אהיים געפאָרען. לויט ווי אידען האָבען דעמאָלט דערצעהלט, איז זייער צאָל, אַלט און יונג בחרומ׳לאָך, געווען אַז ערך פון א פיר הונדערט. אין היוונעוו איז איבער יום כפור ניט פאַרבליבען, א חוץ ווייבער, נאָר גאָר אַלטע און קראַנקע מענשען און קליינע קינדער.

אין אמת׳ער בעלזער חסיד, איז קיינמאָל ניט געגאַנגען פֿאַמעלאַך, נאָר שטענדיג זיך געאיילט און געהאַלטען אין איין יאָגען זיך, באַטש ער האָט כמעט קיינמאָל ניט געהאַט צוליב וואָס...

די ווייבער ווידער, האָבען געטראָגען קליידער, נאָך פֿון דער באָבע־טאָלצעס צייטען. גראָע, ברייטע און לאַנגע יופּקעס; אין תעניתים־פֿאַלקעס, ווי „תכריכים", און הייבלאַך אויף די קעפּ. פֿון די נייע מאָדעס און די „פּאַרשייטע" קליידער, האָבען זיי ניט געטאָרט וויסען. אין בעלז און די ארומיגע מקומות, זיינען פּשוט ניט געווען קיין שניידערס פֿאַר אזעלכע מלבושים...

אין בעלז, היוונעוו, מאָסט, און די אנדערע נאָענטע שטעדטלאַך, האָבען די ווייבער, יונג און אלט, געמוזט טראָגען אזא מין שלייער, וואָס מען האָט גערופֿען א „בעלזער שלייער". פֿון אייגענע האָר איז דאָך גאָר געווען אָפּגערעדט, אזא אשה וואָלט מען דאָרטן פּשוט געווען „פֿאַרשטיינט". נאָר אפילו פּאַדימנע, אָדער „פּעלענע" (זיידענע) שייטלען, האָבען זיי, חלילה, ניט געטאָרט טראָגען, אויף זייערע געגאָלטע קעפּ...

אין די אלע אויסגערעכענטע מקומות האָט זיך קיין איין „דייטש" ניט געפֿונען אפילו אויף א רפֿואה. סיידען א ראַזירער, א גאָלער־יונג, א צוגערייזטער שניידער־געזעל, אָדער אן עהנליכער פּאַרשוין. אפילו דער בריפֿטרעגער איז געווען א איד מיט א ספּאָדיק, וואָס האָט געהאַט א שנוץ פֿאַר אן ארויסהעלפֿער, אויף צוטראָגען די בריף שבתים און ימים טובים. אלע אנדערע בעלזער אידען האָבען געטראָגען די אלטע אידישע הלבשה. א ליטישער מענש וואָלט דאָרטען גאָר ניט געוואַגט צו טראָגען „דייטשע קליידער"...

וואָס די בילדונג און וועלטלאַכע קענטעניששען פֿון דידאָזיגע מענשען האָט געקענט זיין, פֿאַרשטעהט מען שוין אליין. זיי האָט אבער גאָר ניט געפֿעלט און זיי האָבען זיך קיין אנדער אַרט לעבען ניט געוואונשען...

אין די ערשטע פֿינף־און־צוואַנציג יאָהר פֿון זיין רבי׳סטווע, האָט זיך דער בעלזער רב געלאָזט באַנוגענען מיט זיין השפּעה, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער פֿרומקייט פֿון בעלז און די אנדערע, קליינע, ארומיגע מקומות.

אָבער אז ר׳ מרדכי פּעלץ איז געוואָרען זיין מקורב און דערנאָך טאַקע זיין געהיים־סעקרעטער און גאַנצער בעל יועץ; און ווען ס׳איז דערצו נאָך אונטערגעקומען די מעשה מיט די „שומר ישראל" אין דעם ניט־ווייטען לעמבערג (װענען וועלכע איך האָב שוין אויבען געשריבען),

האָט דער בעלזער רב מיטאַמאָל דערפילט, אז איצט איז פאַר איהם געקומען די גינסטיגע צייט, אז ער זאָל אויסאיבען זיין גאַנצען און גרויסען איינפלוס אויך אויף די אָרטאָדאָקסישע אידען פון ווייטערע און גרעסערע שטעדט אין גאַליציע.

מיין פאָטער, צוזאַמען מיט ר' מרדכי פעלץ און אַנדערע אנשים חשובים אין לעמבערג, האָבען שוין געהאַט אויסגעארבייט א פּלאַן, צו גרינדען א גרויסע חברה, מיט'ן נאָמען „מחזיקי הדת", מיט'ן הויפּט־זיץ אין דער הויפּט־שטאָדט לעמבערג. אין יעדער שטאָדט און שטעד־טעל איבער'ן גאַנצען לאַנד, סיי גרוים סיי קליין, האָט זיך באַדאַרפט געפינען א „סניף", (צווייג, אָפּטיילונג) כדי יעדער איד, וואָס פאַרמאָגט נאָר אין זיך א פונק אידישקייט, זאָל ווערען א מיטגליד פון דער־דאָזיגער חברה און צאָלען א יעהרליכען בייטראַג, פון בלויז דריי גולדען (פינף־און־צוואַנציג קרייצער א חודש).

עס האָט אָבער גענומען א צייט פון עטליכע יאָהר, ביז דערדאָזיגער אזוי איינפאַכער, אָבער פּראַקטישער, פּלאַן האָט געקאָנט פאַרווירק־ליכט ווערען.

דער חברה „שומר ישראל" אין לעמבערג — אָן וועלכער עס זיינען געווען אָנגעשלאָסען כלעריליי אידען פונ'ם גאַנצען לאַנד גאַליציע, און וואָס איז באַשטאַנען פון גאָר א סך דאָקטוירים, אדוואָקאַטען, באַנקי־רען, משכילים און סתם פאָרגעשריטענע ליַיט, כמעט אַלע „דייטשען" — האָט דער עסק וועגען דער גרינדונג פון אזאַ נייער חברה גאָר שטאַרק ניט געשמעקט.

ביז איצט האָבען די „שומר־ישראל" זיך געפיהלט „אויפ'ן פערד". עס זיינען אין יענער צייט ניט געווען אזוי פיל אידישע דאָקטוירים און אדוואָקאַטען ווי היינט צו־טאָג. זיינען זיי, דערפאַר, געווען גאָר אָנגע־זעהען און איינפלוסרייך און זיי האָבען, וואָס אמאָל מעהר, אָנגעהוי־בען איינצונעמען די קהילות און ווערען אידישע פאָרשטעהער און פּירשפּרעכער.

זיי, ביי וועמען בשר כשר איז כמעט קיינמאָל ניט אריינגעקומען אין הויז, און וואָס האָבען זיך בכלל געהאַלטען גאַנץ ווייט פון אידיש־קייט און אָפּטמאָל דערפון אָפּגעלאַכט אין דער עפענטליכקייט — זיי זיינען געוואָרען די אידישע פאָרשטעהער און האָבען, וואָס אמאָל מעהר, זיך גענומען דאָס רעכט איינצופירען נייע אָרדנונגען אין די אידישע קהלות, און האָבען געוואָלט איינשטעלען נייע מנהגים און לעבענס־שטייגערס, על פי „נוסח אשכנז", לויט די דרכים פון די רעפאָרמער אינ'ם „פאָרטגעשריטענעם" דייטשלאַנד.

און ניט נאָר אין איינצעלנע אידישע געמיינדעס (אין די קלענערע שטעדטלאך האָבען זיי דעמאָלט נאָך קיין דריסת הרגל ניט געהאַט; דערצו איז דעמאָלט זייער צאָל און איינפלוס נאָך געווען צו קליין), האָבען דידאָזיגע משכילים און אסימילאַטאָרען זיך אָנגעהויבען צו־צופירען די הענד. זיי האָבען זיך אויך פאַרמאָסטען צו פאַרטרעטען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק כ ל פ י ח ו ץ, אויפ׳ן פ אָ ל י ט י־ש ע ן פעלד, אינ׳ם לעמבערגער לאַנדטאָג (סעים) און אויך אינ׳ם ווינער רייכסראַט.

אין יענער תקופה האָבען אין עסטרייך — די הערשערין איבער דער פּראָווינץ גאַליציע — אָנגעהויבען צו בלאָזען ליבעראַלע ווינטע־לאַך. אידען האָבען באַקומען פולשטענדיגע בירגער־רעכט און זיי האָבען געמעגט וועהלען און אויך געוועהלט ווערען אַלס דעפּוטאַטען צום גאַליציישען לאַנדטאַג און דעם עסטרייכישען רייכסראַט.

די אידישע אסימילאַנטען, די רייכע באַנקירען, די ערפאָלגרייכע דאָקטוירים און אדוואָקאַטען, האָבען איצט פאַר זיך דערזעהען אַן אָפענע וועלט און א גרויס פעלד, צו דערגרייכען זייערע אמביציעס. זיי, וואָס האָבען קיינמאָל אפילו קיין איינציג אידיש וואָרט ניט געוואָלט אַרויסרעדען און אינגאַנצען פרעמד געווען דעם אידישען פאָלק און זיין אמונה — זיי האָבען אַלץ מעגליכע אָנגעווענדט, אבי זיי זאָלען ווערען די אידישע פאַרטרעטער. און אז איינִיגע פון זיי האָבען שוין דאָס זייעריגע דערגרייכט, האָבען זיי גאָר זייערע הויכע אַמטען און מאַנדאַטען אויסגענוצט פאַר זייערע אייגענע פערזענליכע צוועקען. די אידען און זייערע רעליגיעזע, געזעלשאַפטלאַכע און עקאָנאָמישע אינטע־רעסען זיינען זיי אפילו אין דער לינקער פּיאַטע ניט געלעגען.

דאָס גאַליציישע, אָרטאָדאָקסישע אידענטום האָט דאָס אַלץ וואויל צוגעזעהען, גרינטליך פאַרשטאַנען, אָבער זיך ניט געקאָנט העלפען.

זיינע כוחות זיינען געווען צושפליטערט, צעוואָרפען אויף אַלע „פיר ווינטען", און עס האָט אפילו ניט געקאָנט מאַכען וועלכען־עס־איז פּרואוו זיך אָקעגענצושטעלען געגען זייערע פאַרטרעטער־פאַררעטער, וואָס זיינען צווישען זיך געווען שטאַרק געקניפט־און־געבונדען אונטער דעם פאַראיין מיט דעם שעהנעם נאָמען „שומר ישראל".

און אַט האָט זיך אויף דידאָזיגע „דייטשען" פּלוצים אַראָפּגעלאָזט אַזאַ צרה, פאַר וועלכער זיי האָבען געהאַט גענוג אורזאַכען זיך צו שרעקען:

די אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען זיך אויפגעכאַפּט פון זייער לאַנג־יאָהריגען שלאָף און געהען זיך פאַראייניגען, כדי צו קעמפען און פון זיך ארונטערוואַרפען דעם יאָך פון די „דייטשען"!

עס פאַרשטעהט זיך ממילא, אַז אַלע וואָס האָבען באַלאַנגט צו דעם „שומר ישראל", און געהאַט אורזאַכען זיך צו שרעקען פאַר זיין עקזיסטענץ, האָבען „אָנגעגורט זייערע לענדען" און זיינען ארויס, פריער אין אַ געהיימער און דערנאָך אויך אין אַן עפענטליכער מלחמה, געגען די אָרטאָדאָקסישע אידען און זייער פאַראייניגונג.

אַז מען האָט אין יענע צייטען, אין די עסטרייכישע פּראָווינצען, געוואָלט גרינדען וואָס פאַר אַ ס'איז פאַראיין, אָדער חברה — אפילו אַ חברה משניות — האָט מען דערצו געמוזט האָבען אַ דערלויבעניש פון אַ לאָקאַלען רעגירונגס־אַמט. און אַז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַזאַ פאַראייניגונג מיט „צוויגען" (באַזונדערע אָבטיילונגען), ווי די געפּלאַנטע „מחזיקי־הדת", האָט מען שוין וועגען דעם געמוזט אָנקומען צו אַ העכערער אינסטאַנץ אין דער עסטרייכישער הויפּט־שטאָדט ווין.

אַז מיין פאָטער, צוזאַמען מיט ר' מרדכי פּעלץ און די אַנדערע גרינדער, זיינען שוין פאַרטיג געוואָרען מיט די פּאָרבאַרייטונגען פאַר זייער נייער חברה, די „מחזיקי הדת", האָבען זיי, ווי דאָס געזעץ האָט פאַרלאַנגט, אָנגעגעבען זייערע ביטעס, אַז מען זאָל זיי ארויסגעבען אַ דערלויבעניש.

די „שומר ישראל" האָבען זיך דערפון באַלד דערוואוסט און תיכף אָנגעהויבען די געהיימע מלחמה געגען דער חברה, וואָס איז דערווייל נאָך אויף דער וועלט ניט געווען.

קודם כל האָבען זיי אוועקגעקלאַפּט אַ מסירה, אַז די גרינדער פונ'ם נייעם פאַראיין זיינען אַ באַנדע „פינסטערלינגע", וואָס האָבען זיך פאַראייניגט מיט'ן פאַנאַטישען צוועק אויפצוהאַלטען דעם גאַנג פון דער „ליבער ציוויליזאַציע" און קולטור צווישען דעם אידישען פאָלק, און אַז זיי ווילען די גאַליציישע אידען אויף שטענדיג האַלטען אין דער פינס־טערניש, כדי עס זאָל זיי לייכטער אָנקומען זיי אויסצונוצען פאַר זייערע אייגענע, זעלבסטזיכטיגע, צוועקען...

און אַזוי ווי צווישען די מיטגלידער פון די „שומר ישראל" זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געקענט פּערזענליך מיט די „אדונים", אין וועמעס מאַכט עס איז געווען צו אַנטשיידען וועגען דעם שיקזאַל פונ'ם געפּלאַנטען פאַראיין, האָבען זיי טאַקע ניט געשפּאָרט

קיין מיה און אנדערע מיטלען און אָנגעווענדט זייער גאנצען איינפלוס, אז די בקשה ווענען די „מחזיקי הדת" זאָל צוריקגעוויזען ווערען.

דער גאַנג פון גערירכטען און אמטען איז שוין פון שטענדיג־אָן א זעהר קריכעדיגער („די מילען פון גערעכטיגקייט מאָלען זעהר לאנג־זאם", זאָגט אַן אַלט ווערטעל). בפרט איז דאָס פון אייביג אַן אזוי געווען אין דעם צוריק־געשטאַנענעם גאַליציע. אחוץ דעם האָבען די „אדונים", די „גאָלדענע קנעפלאַך", איצט דאָך געהאַט אַן אינטערעס די בקשה צו פארהאַלטען אזוי לאַנג ווי נאָר מעגליך. ומי יאמר להם מה תעשו ? !

עס האָט, דערפאַר, געדויערט עטליכע יאָהר, ביז דער עסק איז דורכגעגאַנגען אַלע אינסטאַנצען און... די גרינדער פון דער נייער חברה האָבען, מיט גרויס הארצוועהטאָג, געמוזט איינזעהען, אז זייער האָפנונג איז ערשט גאַנץ־ווייט דערפילט צו ווערען.

אחוץ זייערע געהיימע מסירות און די שתדלנות ביי די „אדונים", האָבען די „שומר ישראל" איצט אָנגעהויבען אַן אָפענעם קאַמף געגען די אָרטאָדאָקסישע אידען בכלל און די עטליכע אנשים חשובים, די גרינדער, בפרט.

זייער צייטונג, „דער איזראעליט", איז שוין דעמאָלט געווען גע־דרוקט אין דער דייטשער שפראַך. (דאָס ביסעל אידיש וואָס איז דאָר־טען נאָך געווען, האָבען זיי שוין לאַנג געהאַט ארויסגעוואָרפען) ; האָ־בען זיי ניט געשפּאָרט קיין געלד און ערשט אָנגעהויבען ארויסצוגע־בען העברעאישע ביילאַגעס. אין ביידע אויסגאַבעס, אין דער דייטשער און אין דער העברעאישער, האָבען זיי געהאַלטען אין איין זידלען די אָרטאָדאָקסישע אידען און די געפּלאַנטע חברה, וועמען זיי האָבען, אָנשטאָט „מחזיקי הדת", שטענדיג אָנגערופען מיט'ן באַליידיגונגס־נאָמען „מזיקי הדת". זיי האָבען אויך אָנגעגריפען אויף א בייזוויליגען אופן א טייל פון די גרינדער, זיי פּערזענליך באַליידיגט און אפילו געפּרואווט זיי צו שעדיגען אין זייערע פּריוואַטע אינטערעסען.

די אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען דעמאָלט נאָך ניט געהאַט קיין אייגענעם אָרגאַן, א צייטונג, אַן עפענטליכע פּלאַטפאָרמע, פון וואַנען צו ענטפערען אויף די זלזולים און באַשולדיגונגען. האָבען זיי זיך געמוזט באַגנוגענען מיט'ן ארויסגעבען פלוג־בלעטער און פּלאַקאַטען, וואָס זיינען געווען געשריבען אין אידיש, אָדער דייטש, און אויך אין העברעאיש.

דידאָזיגע „ליטעראַטור" איז געווען געשריבען פון מיין פאָטער און פון רבי הערצעלע גאָלדענשטערען, וואָס איז געווען אַ שעהנער העב־רעער און אַ גרויסער מומחה אין אַזאַ קאַמפּס־ליטעראַטור. (ער איז געווען דער פאַרפאַסער פון עטליכע קליינע בראָשורען „שבר פושעים", „שבט לגיו כסילים" און עטליכע אַנדערע פלוג בלעטער, בשעת ס'איז אינ'ם יאָהר תרכ"ט (1869), פאָרגעקומען דאָס גרויסע מחלוקת צווישען סאַנדז און סאַדיגערע, צוליב'ן רבי'ן ר' בער פון לעווע, וואָס איז אַרוים „לתרבות רעה").

אויך איך האָב גענומען אַ גאָר געשמאַקען אַנטייל אין דעם קאַמף געגען די „שומר ישראל": איך בין כסדר אַרומגעלאָפען, געהאָלפען טיילען פלוג־בלעטער און געטראָגען די קאַמף־אַרטיקלען צום זעצען אין דער דרוקעריי.


1. Jahrgang

Zeitung für das wahre Judenthum (erscheint zweimal im Monat)

צייטונג

פיר דאס וואהרע יודענטום

(ערשיינט 2 מאהל אים מאנאט)

Lemberg 27 Decemb 874 № 6

אַ זייטעל פון דעם זשורנאַל „צייטונג״

# 6 — איגנאַץ דייטש

די עטליכע מענשען, וואָס האָבען כסדר געארבייט ביי דער גרינדונג פון דער נייער חברה „מחזיקי הדת" ובפרט מיין פאָטער צוזאמען מיט ר' מרדכי פּעליז, און מיט זיי אויך דער בעלזער רב, וואָס האָט אויף זיך געטראָגען דעם גרעסטען טייל פון די הוצאות, האָבען ניט גרוהט.

זיי האָבען אבער געפונען כמעט אלע טירען ביי די „אדונים" פארשלאָסען, ווייל די מאכערס פונ'ם „שומר ישראל" האָבען שוין אויסגעאיבט זייער איינפלוס, אז די חברה פון די „פינסטערלינגע", די „מזיקי הדת", זאָל קיינמאָל ניט ווערען דערלויבט.

עס קען אויך מעגליך זיין, אז די „דייטשען" וואָלטען טאקע געווען דאָס זייעריגע אויסגעפירט און די עטליכע מענשען פון פרומען צד וואָלטען, סוף־כל־סוף, מיד געוואָרען און אויפגעהערט צו ארביי־טען פאר זייער אידעאַל.

איז זיי, די „מחזיקי הדת", אָבער געקומען צו הילף איינער אַן איגנאַץ דייטש, פון ווין, און די אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען, אזוי ארום, געזיגט, באקומען פונ'ם קייזער־קעניגליכען מיניסטעריום (איבער'ן קאָפּ פון דער גאַליצישער שטאטהאלטעריי) אַ דערלויבעניש פאר אַן אייגענער, פרומער, צייטונג, און מען האָט זיי אויך באוויליגט צו גרינדען זייער געפּלאַנטע חברה מיט צווייג־פאראיינען אין אלע גאַלי־צישע שטעדט.

ווער איז געווען דערדאָזיגער איגנאַץ דייטש, ובמה כוחו גדול?

איגנאַץ (יצחק) דייטש, איז געבאָרען געוואָרען אין דער אונגאַ־רישער שטאָדט פּרעסבורג, ארום דעם יאָהר 1809. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער, מיוחס'דיגער משפחה. ער האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געלערנט אין דער פּרעסבורגער ישיבה און געווען אַ תלמיד פונ'ם וועלט־באַרימטען גאון, רבי משה סופר, דער „חתם סופר".

ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין ווין, וואו ער איז געוואָרען אַ גרויסער סוחר, און אז ער איז רייך געוואָרען — אויך אַ באַנקיר. ער האָט באַלד באַקומען אַ שם פאר אַ גרויסען מוצלח, איבערהויפּט

פאר אן עהרליכען מאן, און די העכסטע אדעל־לייט זיינען געוואָרען זיינע קליענטען.

כמעט אלע פרינצען און פרינצעסינס פונ'ם קייזערליכען הויף האָבען איהם אָנפארטרויט זייערע גרויסע פארמעגענס און ער האָט זיי יאָהרנלאנג פארוואלטעט צו זייער פולסטער צופרידענהייט.

קייזער פראַנץ יאָזעף, וועמען די פרינצליכע קרובים האָבען אויפ־מערקזאם געמאכט אויף דייטש'ן, האָט איהם באעהרט מיט'ן טיטעל „קייזער־קעניגליכער האָף־וועקסלער"; דאָס הייסט, אז ער האָט פאר־וואלטעט קייזערליכע (ניט רעגירונגס, נאָר פריוואטע) געלדער...

איגנאַץ דייטש איז געווען א זעהר פרומער איד און דאָס אָרטאָ־דאָקסישע אידענטום, איבערהויפט דאָס אונגארישע, האָט אין איהם געהאט א גאָר גרויסע שטיצע. אזוי, למשל, האָט ער גע'פועל'ט ביי דער רעגירונג, אז אידישע יונגעלייט, וואָס האָבען פארבראכט פיר יאָהר אין דער פרעסבורגער ישיבה, זאָלען זיין פטור פונ'ם מיליטער־דינסט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט עטליכע פון די גרויסע אוניווער־זיטעטען פון דער עסטרייכיש־אונגארישער מאָנארכיע. אויך: אויב אימיצער פון דידאָזיגע ישיבה בחורים זאָלן וועלען מיט'ן גוטען ווילען אריינטרעטען אין דער ארמעע, זאָל ער דאָרטען אָפדינען בלויז איין יאָהר, אלס „פרייוויליגער", און ארוים מיט'ן ראנג פון אן אָפיצער.

עס איז פאר דער רעגירונג געווען, אז דער פרעסבורגער ראש הישיבה זאָל ארויסגעבען א צייגניש צו א בחור, אז ער האָט פאר־בראכט די פאָרגעשריבענע פיר יאָהר אין דער ישיבה, אז ער זאָל באַ־פרייט ווערען פונ'ם אלגעמיינעם מיליטער־דינסט.

דערמיט איז די פרעסבורגער ישיבה פון דער רעגירונג אָנערקענט געוואָרען אלס אן עפענטליכער טעאָלאָגישער אנשטאלט און דאָס איז געווען צו פארדאנקען בלויז דייטש'ס באמיאונגען. ווי לאנג דאָס האָט אזוי אָנגעהאלטען און אויב דידאָזיגע פריווילעגיע עקזיסטירט נאָך היינט צו טאָג — ווייס איך ניט.

ער, דייטש, האָט אויך א סך געטאָן פאר ארץ ישראל. ער האָט גע'פועל'ט ביי דער רעגירונג, אז מען זאָל איבער גאַנץ עסטרייך־אונגארן מעגען זאמלען און איבערשיקען געלד פאר ארץ ישראל'ער אנשטאלטען און פאר דער חלוקה, א זאך וואָס איז פריער געווען פארבאָטען.

אינ'ם ספר „איגרות סופרים" (ווין, 1928), וואָס אנטהאלט בריף פון מיטגלידער פון די גאונישע פאמיליעס אייגער און סופר, דערצעהלט דער ארויסגעבער, דער אלטער גאון, רבי שלמה סופר, וואָס האָט דייטש'ן נאָך גוט געקענט פערזענליך, פאָלגענדען אינטערעסאנטען עפּיזאָד:

איינמאָל האָט דייטש דורכגעפירט עפּעס א גרויס געשעפט, מיט א סך פּראָפיטען, פאַר דער קייזערליכער פאַמיליע, און דער קייזער פראַנץ יאָזעף איהם דערפאַר געוואָלט באַלוינען. האָט ער צו איהם, צו דייטש'ן, געשיקט זיינעם א גאָר הויכען באַאמטען, אָנבאָטענדיג דעם אידען דעם גרויסען און עהרענפולען טיטעל באַראָן, וואָס זאָל איהם דערהויבען צום אדעליגען שטאַנד. אָבער דייטש האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ער האָט געהייסען דעם קייזער דאַנקען, און באַ־פוילען, אַז אַזוי ווי זיינע עלטערען זיינען געווען פּשוט'ע, אָבער עהר־ליכע אידען, פיהלט ער קיין שום באַדערפעניש ניט צו זיין העכער פון זיי. איינס יאָ: די גרעסטע באַלוינונג פאַר איהם וואָלט געווען, אַז יעדעס מאָל, וואָס ער וועט זיך ווענדען צו דער רעגירונג מיט א בקשה לטובת זיינע אָרטאָדאָקסישע ברידער, זאָל דיזאָזיגע ביטע, אויף ווי ווייט נאָר מעגלאַך, דערפילט ווערען.

אָט צו דעמדאָזיגען פרומען און איידעלען אידען, האָבען זיך די גאַליצישע אָרטאָדאָקסען געווענדעט.

מיין פאָטער, צוזאמען מיט זיין שטענדיגען מיטארבייטער ר' מרדכי פעלץ, זיינען צו איהם אריבערגעפאָרען קיין ווין און מיט איהם געהאַט א לאַנגען געשפּרעך וועגען זייער קאַמף מיט'ן אסימילאַטאָרישען „שומר ישראל".

דייטש האָט זיי צוגעזאָגט צו העלפען און ער האָט טאַקע זיין וואָרט געהאַלטען. ער האָט אין דעם פאַראינטערעסירט איינע פון זיינע קליענטען פונ'ם קייזערליכען הויף (דוכט מיר, אַז פּרינצעסין קאַראָלינא, האָט זי געהייסען) און איידער עס זיינען נאָך אוועק עטליכע וואָכען, האָט מיין פאָטער באַקומען פונ'ם עסטרייכישען קולטוס־מיניסטעריום די דערלויבעניש ארויסצוגעבען א צייטונג. אין צוויי חדשים ארום איז, פונ'ם זעלבען מיניסטעריום, אויך גוטגעהייסען געוואָרען די גרינדונג פון דער חברה „מחזיקי הדת", מיט'ן רעכט צו האָבען צווייג־פאַראיינען איבער אַלע שטעדט אין גאַנץ גאַליציע.

די אָרטאָדאָקסען האָבען געזיגט און די „דייטשען" פונ'ם „שומר ישראל", זיינען געבליבען מיט א נאָז...

מיט א צוויי יאָהר שפּעטער, ווען די צייטונג און די חברה זיינען שוין געווען אינ'ם פולען גאַנג, האָט דייטש געהאַט זיין זיבעציג־סטען געבורטס־טאָג, וואָס איז געפייערט געוואָרען מיט גרויס גלאַנץ און פּראַכט. לכבוד דערדאָזיגער שמחה זיינען זיך צוזאמענגעקומען קיין ווין צום „שבעים־מאָל" א סך אונגארישע רבנים און כלל־טוער.

מיין פאָטער, אלס וויצע־פּרעזידענט פון דער „מחזיקי הדת" און רע־דאקטאר פון איהר צייטונג, איז אויך געווען אָנוועזענד און געהאַלטען א פיינע רעדע. אַלע צייטונגען, איבערהויפּט די אידיש־דייטשע און העברעאישע, האָבען וועגען דעם פיל געשריבען און מאַנכע פון זיי האָבען אויך איבערגעגעבען א ליסט פון אַלע אָנוועזענדע געסט.

א צוויי יאָהר שפּעטער איז איגנאַץ דייטש געשטאָרבען. איך ווייס ניט אויף זיכער, אָבער מיר דוכט זיך, אז ער האָט קיין קינדער ניט געהאט און קרובים האָבען גע'ירש'ענט זיין גרויס פארמעגען.

# 7 — דער קראָקעווער רב

אז מיין פאָטער און ר׳ מרדכי פעלץ האָבן שוין געהאַט די דער־לויבעניש פאר דער צייטונג און אויך דעם (געהיימען) צוזאָג, אז גאָר אין קורצען וועלען זיי באַקומען די דערלויבניש פאַר זייער נייעם פאַר־איין, איז ביי זיי ארויפגעשוואומען די ביז־גאָר וויכטיגע פראַגע וועמען צו באַשטימען פאַר׳ן ראש החברה, פאַר „נשיא״, פרעזידענט.

עס איז באַלד פאַרשטאַנען געוואָרען, אז אזא אַמט ווי פרעזידענט פונ׳ם פאַראיין, וועט זיין בלויז אן עהרען־אַמט, אָהן א סך ארבייט. די הויפט־פירונג וועט ווייטער פארבלייבען אין לעמבערג אין די הענד פון די אנדערע באַאַמטע.

וואָלט עס זיך געהאַנדעלט וועגען א לאָקאַלען פאַראיין, פאַר בלויז דער שטאָדט לעמבערג, וואָלט גאָר קיין שום פראַגע ניט געווען, אז מיין פאָטער, אָדער אן אנדערער פון די אנשים מכובדים פון לעמבערג, וואָלט דערצו אויסגעקליבען געוואָרען. ווייל די נייע חברה האָט, אבער, געזאָלט האָבען (און דערנאָך איז טאַקע אַזוי געווען) צווייג־פאַראיינען איבער אַלע שטעדט און שטעדטלאַך אין גאַנץ גאַליציע, האָט מען דערצו, אלס דעם יושב ראש, געמוזט האָבען א פערזאָן מיט א גרויסען נאָמען, א נאַציאָנאַלע פיגור, וועמען יעדער זאָל קאָנען און מוזען שטארק רעספעקטירען.

דער לאָגישסטער ראש־החברה וואָלט אפילו געווען דער בעלזער רב, רבי יהושע רוקח.

ערשטענס, איז ער געווען א רבי פון עטליכע צעהנדליג טויזענד חסידים, מיט א גרויסען איינפלוס אויף זיי. והשנית איז ער שטענדיג געווען אן „עומד בפרץ״ און האָט זיך אויף קהל׳שע זאכען יאָהרען־לאַנג געלאָזט קאָסטען א סך געלד. איז אבער דער חסרון זיינער געווען, וואָס ער איז געווען — א רבי!

אין גאַליציע זיינען דאַמאָלס געווען נאָך עטליכע אַנדערע גרויסע רבייאישע דינאַסטיעס, וואָס זיינען געווען „מולכים בכיפה״ און געהאַט א גרויסע השפעה אויף זייערע אָנהענגער: די זין פונ׳ם ריזינער צדיק, רבי ישראל׳טשע: דער סאַדיגערער, דער טשאָרטקאָווער, דער הוסיאַ־

טינער און זייער שוואָגער, דער וויזניצער מיט זיין קאָסאָווער משפחה; די ראָפּטשיצער גזע, דעם סאנדזער רב'ס קינדער און אייניקלאך, זשי־דאַטשאָוו און נאָך עטליכע אַנדערע גזע'ס. צוזאמען האָבען זיי געהאַט איבער הונדערט טויזענד אַנהענגער אין בלויז גאַליציע אליין, און דערצו אויך א גאָר גרויסען איינפלוס אין אַנדערע פּראָווינצען און מדינות.

אָבער דידאָזיגע אַלע רביים זיינען געזעסען רוהיג, יעדער ביי זיך אין „הויף" און זיך גאָר ווייניג געמישט אין אַלגעמיינע כלל־זאַכען. יעדער פון זיי איז געווען פארטאָן אין זיין אייגענעם דרך און איז מתפלל געווען פאר די וואָס האָבען זיך צו זיי געווענדעט נאָך הילף.

יעדער אין זיין ווינקעל (אָדער „הויף"), האָט אפילו פארשטאַנען וואָסערע גרויסע שאָדענס די „דייטשען" טוען אָן דעם גאַליציאַנער אָרטאָדאָקסישען אידענטום. זיי האָבען אויך אָפט געקרעכצט און גע־זיפצט אויף „שכינתא בגלותא" און „התגברות הקליפות", רחמנא לצלן, אָבער געטאָן דערצו האָבען זיי גאָרנישט.

וואָלט אָבער די חברה „מחזיקי הדת" געגרינדעט געוואָרען מיט דעם איינציג־שטענדיג טעטיגען בעלזער רב אלס ראש החברה, וואָלטען די אנדערע רביים, — דער עיקר זייערע חסידים — אין דעם געזעהען א שטיקעל הסגת גבול און חושד געווען, אז די גאַנצע כוונה פונ'ם עסק איז צו פאַרגרעסערען דעם בעלזער רב'ס איינפלוס, אויפ'ן חשבון פון די אַנדערע רביים.

און א חוץ דעם, זיינען די אידען פון גאַליציע (אַן ערך אַכט הונדערט טויזענד) ניט באַשטאַנען פון בלויז חסידים. עס איז, איבער־הויפּט אין די גרעסערע שטעדט, געווען א גאָר גרויסע צאָל מתנגדים און סתם פרומע אידען; אויך גאָר א סך געבילדעטערע מענשען, וואָס פון א רבי'ן האָבען זיי קנאָפּ־וואָס געהאַלטען, און כאָטש זיי זיינען געווען געגען דעם „פאָרטגעשריטענעם" „שומר ישראל", וואָלטען זיי אָבער צו א חברה, מיט'ן בעלזער רב אלס פירער, קיינמאָל זיך ניט אָנגעשלאָסען...

איז געבליבען, אז אויב ניט א רבי, דאַרף דאָס, לכל הפחות, זיין א גרויסער און פאר אַלעמען באַוואוסטער רב. און די אויגען פון די מיסדים האָבען זיך איצט געווענדעט צו רבי שמעון סופר, דעם קראָ־קעווער רב.

רבי שמעון סופר (שרייבער) איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1821 און איז געשטאָרבען אין 1883.

ער איז געווען דער זון פון׳ם וועלט־בארימטען גאון רבי משה סופר פון פרעסבורג, דער „חתם סופר״, איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין דור און פון די שטארקסטע קעמפער געגען רעפארם, וואס האט זיך שוין אין יענער צייט, פון דייטשלאנד און ווין, אנגעהויבען ארייננצושמוגלען קיין אונגארן.

צו זיין 21סטען יאהר איז ער אויפגענומען געווארען פאר רב אין דער אלטער קהלה פון מאטערסדארף, אין אונגארן, און אין 1860, פאר רב אין קראקע, וואו ער איז שוין פארבליבען כל ימי חייו.

איך האב עטליכע מאל געהאט די געלעגענהייט איהם צו זעהען פון דער נאהענט.

יעדעס מאל וואס ער איז געווען אין לעמבערג, איז ער איינגע־שטאנען ביי אונז אין הויז. און איך, דעמאלט א אינגעל פון א יאהר צעהן־צוועלף, בין געווען זיין „רעכטע האנד״, דאס הייסט, ער פלעגט מיך שיקען אויף דער פאסט, אויפלעגען א בריף, אדער געהן סתם א גאנג.

איך האב איינמאל, ווען ער איז, אינ׳ם יאהר 1878, געווען אויף דער גרויסער אסיפת הרבנים, פון וועלכער ער איז געווען דער יושב ראש, געהאט די זכיה זיך ביי איהם צו פארהערען א שטיקעל גמרא מיט א תוספות׳ל. און ער האט מיר דעמאלט געגעבען א קניפ אין בעקעל און א זאג געטאן מיט א שמייכעל: „א וואויל אינגעל!״ אוידער ער איז אפגעפארן פון לעמבערג, נאך דער גרויסער רבנישער אסיפה, האט ער מיר געגעבען א מתנה: א גרויסע אפגעפארבטע היל־צערנע פושקע (ווארשיינליך אויף שמעק־טאבאק). דידאזיגע פושקע איז ביי מיר געווען א היבש ביסעל יאהרען. מיינע אייגענע קינדער האבען זיך מיט איהר אזוי לאנג געשפילט, ביז זיי האבען זי צו־בראכען.

דער קראקעווער רב איז געווען א זעלטן־שעהנער פארשוין, מיט א הדרת פנים און ראזעווע בעקעלאך. ער האט זיך געהאלטען ווי אן אמת׳ער אריסטאקראט און ניט ליב געהאט זיך אויפצורעגען.

ווי מען קען זעהן פון זיין בריף־וועקסעל מיט מיין פאטער און מיט די אנדערע גרינדער פון די „מחזיקי הדת״ (אפגעדרוקט אינ׳ם אויבען דערמאנטען ספר „איגרות סופרים״), האט ער אין אנפאנג גאנץ וועניג חשק געהאט זיך צו שטעלען אן דער שפיץ פון דער חברה, וועמעס טענדענץ איז געווען א קעמפערישע און אן אנגרייפערישע. ער איז געווען א שטילער מענש, פלעגט שרייבען העברעאישע שירים און ליב געהאט א רוהיג און שטיל לעבען.

לויט ווי איך פארשטעה, האָט איהם אבער דאָך געלאָקט דער גרויסער כבוד, וואָס מען האָט איהם צוגעטיילט, צו שטעהן אָן דער שפּיץ פונ׳ם גאנצען גאַליציאַנער יודענטום; איבערהויפּט האָט איהם געצווינגען דער צוזאָג פון מיין פאָטער און רבי מרדכי פּעלץ, אז מיט דער הילף פון דער נייער חברה און דעם איינפלוס פונ׳ם בעלזער רב, און די אנדערע חסידישע רביים, וועט ער געוועהלט ווערען אלס אָבגע־אָרדנעטער צום עסטרייכישען רייכסטאג, א כבוד, צו וועלכען קיין שום אָרטאָדאָקסישער רב האָט נאָך קיינמאָל — ניט פאר איהם און אויך ניט נאָך איהם — ניט זוכה געווען.

און דערדאָזיגער צוזאָג איז אויך געהאלטען געוואָרען.

אין יאָהר 1879 איז רבי שמעון סופר געוועהלט געוואָרען אלס רייכסראטס־אָבגעאָרדנעטער פון די גאַליצישע וואהל־באַצירקען קאָלאָמעא, בוטשאטש און סניאטין (וואָס האָבען געהאַט א גרויסע אידישע וועה־לערשאפט) און ער האָט דעמדאָזיגען מאנדאַט אָנגעהאַלטען אָן ערך פון קנאַפּע פיר יאָהר צייט, ביז צו זיין אָפּשטארבען, אינ׳ם יאָהר 1883.

דורך דער גאַנצער צייט איז ער פּאָליטיש געגאנגען מיט׳ן פּוילען־קלוב און מיט זיי געשטימט סאָלידאריש. ער האָט אפילו קיין איינמאָל קיין וואָרט ניט גענומען אין וועלכער עס איז דעבאטע און קיין איינציגע רעדע ניט געהאַלטען לטובת הכלל.

כאָטש ער איז געווען געבאָרען אין אונגארן און גערעדט א גאַנץ פליסיגען דייטש, האָט ער אָבער, וואהרשיינליך, ביי זיך געפיהלט, אז קיין גרויסער רעדנער אין דעמדאָזיגען לשון איז ער ניט, האָט ער ליי־בערשט געשוויגען און געלאָזט פּאָליאַקען פּארטרעטען די אידישע אינ־טערעסען . . .

אז ער איז געשטאָרבען, האָט דער פּרעזידענט פונ׳ם רייכסראַט, אין אַן עפענטליכער זיצונג, נאָך איהם געהאַלטען א ווארימע און עהרענדע רעדע. (אָבגעדרוקט צום סוף פונ׳ם ספר „חוט המשולש”).

די וואהל פונ׳ם קראָקעווער רב צום עסטרייכישען רייכסראַט, האָט דעמאָלט אָנגעמאכט א גאָר גרויסען רושם איבער דער גאַנצער אידישער וועלט און די גאַליציאַנער אידען האָבען זיך דעמאָלט געריכט אויף א סך ישועות . . .

עס האָט זיי גאָר שטארק הנאה געטאָן, וואָס עס האָט זוכה געווען, אַן איין־און־איינציגער רב, צו זיצען צווישען אזוי פיעל גרויסע לייט; אָנגעטאָן אין א פיינעם סויבעל־היטעל (קאָלפּאַק) צווישען אזוינע גרויסע הארען . . . זיי האָבען נעבאָך גאָר ניט געוואוסט, אז דאָס טראָגען פון א סויבעל־היטעל געהערט צו דער אַלט־פּוילישער טראַכט און אז א סך

פּאָליאקען, ובפרט די אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליסטען, פלעגען אויך טראָגען אזעלכע סויבעלנע היטלען ביי די זיצונגען...

צוליב דעם קראָקעווער רב׳ס געוועהלט ווערען צום רייכסראַט זיינען דעמאָלט געבוירען געוואָרען א היבשע ביסעל שעהנע מעשיות און לעגענדעס. איך וועל דאָ איבערגעבען בלויז צוויי פון זיי:

אז דער קייזער פראַנץ יאָזעף האָט איהם, דעם קראָקעווער רב, אמאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער שטימט קיינמאָל ניט מיט דער רעכטער צענטרום־פּאַרטיי, האָט דאַרויף דער קראָקעווער רב, מיניה וביה, געענט־פערט:

— ווייל מיר אידען האָבען גאָר קיינע ר ע כ ט ע (רעכט) ניט.

עס איז געווען איינמאָל אום שבת, ווען דער רייכסראַט האָט זיך געעפענט. דער קייזער איז דערביי געווען אָנוועזענד און ער האָט דעמאָלט דעם קראָקעווער רב געגעבען אַ פיינעם ציגאַר. דאַנקענדיג פאַר דער מתנה, האָט דער רב דעם ציגאַר באַהאַלטען אין קעשענע, אַנשטאָט איהם באַלד צו פאַרויכערען, ווי דער שטייגער איז, און ווי עס האָבען געטאָן מאנכע פון די אָנוועזענדע, וואָס האָבען אויך באַקו־מען אזעלכע ציגאַרען. און אז דער קייזער האָט דעם רב וועגען דעם אויפמערקזאם געמאכט, האָט ער געענטפערט מיט א קלוגען שמייכעל:

— די מתנה פון אייער מאַיעסטעט, איז ביי מיר אַזוי חשוב, אַז איך קען מיר ניט דערלויבען זי אַוועקצולאָזען מיט׳ן רויך...

די נאַאיווע גאַליציאַנער אידען האָבען אין דיזאָזיגע מעשיות געגלויבט באמונה שלימה און דערפון גאָר שטארק הנאה געהאַט.

* * *

אָבער אחוץ כבוד און נחת, האָט רבי שמעון סופר, צוליב דער פאָרשטעהערשאַפט פון דער „מחזיקי הדת", אויך געהאַט אויסצושטעהן א סך אומכבוד און פערזענליכע באַליידיגונגען.

עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדליך, אז די לייט פונ׳ם „שומר ישראל" זאָל עס גאָר שטארק פאַרדריסען, אז אַזא מאַן ווי דער קראָקע־ווער רב, מיט א גרויסען נאָמען, זאָל זיך שטעלען אָן דער שפּיץ פון זייערע געגנער, און זיי האָבען איהם באַלד גענומען אָנגרייפען אין זייער אָרגאַן „דער איזראַעליט".

כמעט אין יעדער אויסגאבע, ובפרט אין די ציי‍טונגען פון די וואַהל־קאַמפּאַניעס פאַר רייכסראַטס־אָפּגעאָרדענטע, האָבען זיי ניט פאַרגעסען וועגען איהם צו שרייבען און טאָקע איהם צו באַליידיגען.

אָבער נאָך פיל מעהר און שטאַרקער האָבען דאָס געטאָן דער ארויסגעבער פון דער העברעאישער צייטונג „העברי" אין בראָד, און

זיין מיטאַרבייטער, דער גרויסער געלעהרטער, אָבער שפּעטערדיגער עובר־בטל, יה״ש.

דערדאָזיגער יה״ש האָט, זינט די „מחזיקי הדת״ האָט זיך געגרינ־דעט, יעדע וואָך, געדרוקט אינ׳ם „העברי״ זיינע „מכתמים״ (עפּיגראַ־מען) מיט׳ן נאָמען „רשפי אש״. זיי זיינען געווען געשריבען אין אַ אָפּ־געלעבטען, בטלנישען העברעאיש, אין גראַמען. אָבער פול מיט גיפט און גאַל און דערצו מיט פּערזענליכע באַליידיגונגען.

דער „העברי״ (אַזוי האָט ער געהייסען איין וואָך, און די צווייטע וואָך „עברי אנכי״, צוליב דער אורזאַך וואָס איך האָב שוין אויבען געשריבען), איז געווען געדרוקט אין בלויז עטליכע הונדערט קאָפּיעס (קיין רוסלאַנד האָט מען איהם פאר א צייט לאַנג ניט אריינגעלאָזט), און אויף ביליגען פּאַפּיר, דערפאַר געהערען זיינע יאָהרגאַנגען צו די יקרי־המציאות.

אין דער ניו יאָרקער „פּאָבליק לייברערי״, זיינען פאַראַנען אייניגע יאָהרגאַנגען, אָבער אין אַ שלעכטען צושטאַנד, אַז מען קען זיי אפילו ניט איינבינדען. זיי ליגען צווישען טאָוולען. און וואָס מען קען פון דאָרטען ארויסראַטעווען — איז פּשוט ווי געפונען...

מען האָט דעם קראָקעווער רב געהאַלטען פאר א קנאַפּען למדן און זיינע פּאָליטישע שונאים, די חברה „שומר ישראל״ און דער „העברי״, האָבען עפענטליך וועגען איהם געשריבען, אַז ווען עס וואָלט איהם ניט געווען בייגעשטאַנען „זכות אבות״ — זייענדיג א זון פונ׳ם בארימטען גאון רבי משה סופר, — וואָלט ער קיינמאָל ניט געקאָנט פארנעמען אזא הויכע רבנות, ווי דאָס קראָקעווער...

מען האָט איהם געהאַלטען אין איין פּאָרוואַרפען, אַז ער, דעמאָלט שוין א איד פון א יאָהר זעכציג, האָט נאָך קיין איינציגען ספר ניט אָפּגעדרוקט, ווי דער מנהג פלעגט צו זיין — און איז נאָך איצט — ביי אַלע גרויסע רבנים...

אינ׳ם פייער פונ׳ם מחלוקת האָט דער „העברי״ אבגעדרוקט פאָל־גענדע „מודעה״ (אַנאָנס), וואָס האָט געזאָלט מאַכען דעם איינדרוק פון אן אמת׳ער, ערנסטער זאַך:

## בקשה לגדולי ישראל וגאוני זמננו!

נדרשתי מאחד הרבנים ברוסיא, מקבץ ומו״ל שו״ת גדולי הזמן, אשר אתאמץ להשיג למענו שו״ת מהרב הגאון הצדיק מו״ה ש מ ע ו ן

סופר הי״ו, אב״ד דק״ק קראָקאָ יצ״ו, ויוציאם לאור. ולמען לא יקופח שכר מסייע ידי עושה מצוה, אשלם מחיר כל שו״ת אשר תכיל אלף שורות בדפוס, 10 פלאָרין (עשרה זהובים כסף), ואשר תכיל אלפים שורות אשלם שלושים זהובים. העתקות לא יקובלו, רק בעצם ידו הטהור. המכתבים והשו״ת ישולחו ליד: ישראל משה סג״ל בקראָקאָ.

(או ליד המו״ל).

דידאָזיגע „מודעה״ איז געווען געדרוקט אינ׳ם „העברי״, דעם 6טען פעברואר, 1880 און אויך דערנאָך נאָך עטליכע מאָל.

עס פארשטעהט זיך, אז אזא איד ווי ישראל משה סג״ל מקראָקאָ, האָט גאָר ניט עקזיסטירט. מען האָט זיך דערנאָך דערוואוסט, אז דער שרייבער דערפון איז געווען דער באוואוסטער משכיל און מוכר ספרים אהרן פויסט, אין קראָקע, וואָס האָט געהאט זיינע פערזענליכע חשבונות מיט׳ן שטאָדט־רב.

אין אידיש לייענט זיך דערדאָזיגער אנאָנס ווי פאָלגט:

א ביטע צו די גרויסע רבנים

פון אונזער צייט!

איך בין אויפגעפאָדערט געוואָרען פון א רב אין רוסלאַנד, וועלכער שטעלט צוזאַמען און גיט אַרויס די שאלות ותשובות פון די איצטיגע גרויסע רבנים, אז איך זאָל פאַר איהם באַקומען שאלות ותשובות פון הרב הגאון הצדיק מו״ה שמעון סופר — דער רב פון קראקא. ער וויל זיי אַרויסגעבען אין דרוק.

כדי מען זאָל ניט דאַרפען אַרבייטען אומזיסט ביי דער דאָזיגער מצוה, וועל איך צאָהלען א פּרייז פאַר יעדער שאלות ותשובות, וואָס וועט פאַרנעמען א טויזענד שורות אין דרוק, די סומע פון צעהן פלאָרין. און פאַר אזעלכער, וואָס וועט האַלטען צוויי טויזענד דרוק־שורות — דרייסיג גולדען.

אָפּשריפטען וועלען ניט אָנגענומען ווערען. זיי מוזען זיין געשריבען אין זיין אייגענער האַנדשריפט. די בריף און די שאלות ותשובות זאָלען געשיקט ווערען צו ישראל משה סגל אין קראָקע, אָדער צום רעדאַקטאָר.

## 8 — די צייטונג

ווי גיך די צייטונג פון „מחזיקי הדת" האָט זיך אָנגעהויבען — בפרט ווען זי איז שוין אַרוים — האָט זיך פאַר מיר געעפענט אַ נייע וועלט.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען — וואַרשיינליך צוליב געלד־מאַנגעל — אַז דערוויילע זאָל מען ניט דינגען קיין לאָקאַל פאַר דער רעדאַקציע, נאָר אַז מען זאָל דערצו אָבגעבען איינס פון אונזערע צימערען — די „גרינע שטוב".

דאָס איז אָבער נאָר געווען אַן אויסרייד פאַר דער מאַמען, וואָס האָט שטענדיג ליב געהאַט ריין און ציכטיג. אָבער אין אמת'ן זיינען אונזערע אַלע פינף צימערען (אויסער דער שלאָף־שטוב) שטענדיג גע־ווען פול, ווי אויף אַ יריד.

מענשען מיט פאַרשידענע פּראָיעקטען האָבען געהאַלטען אין איין קומען און געהן. איך, ווידער, האָב געהאַט אַ שטענדיגע באַשעפטיגונג: געהן אין דער דרוקעריי, צו דער פּאָסט, אין אַנדערע „ליטעראַרישע" שליחות'ן, אָדער מיט עפּעס העלפען אין רעדאַקציע.

כאָטש איך בין דעמאָלט געווען אַ אינגעל פון בלויז צעהן־צוועלף יאָהר, און אַ היבשער שטיפער דערצו, האָב איך מיך אבער באמיט צו האַלטען מעשה־מענש. איך בין שטענדיג געווען אָנוועזענד ביי אַלע שמועסען און זיצונגען, און מען האָט זיך מיט גאָר ניט געהיט פאַר מיר.

אזוי גיך ווי ס'איז אָנגעקומען די דערלויבעניש פאַר דער צייטונג, האָט מען באַלד באַשטימט דריי רעדאַקטאָרן: דעם שוין־פריהער־דער־מאָנטען ר' הערצעלע גאָלדענשטערען, מיין ברודער יהושע'ן און אַ יונגען, גבירישען אייִדים, יוסף יואל פיליפּ. דערדאָזיגער פיליפּ איז געווען אַ פיינער דייטש־שרייבער און — וואָס איז געווען וויכטיג — ער איז געווען גאָר שטאַרק בקי אין אַלע אָנגעלעגענהייטען, וואָס האָ־בען אַ שייכות מיט דער פירונג פון דער לעמבערגער קהלה, מיט וועל־כער די צייטונג האָט שטענדיג געפירט אַ קאַמף.

די ערשטע דריי נומערן פון דער צייטונג זיינען געדרוקט געוואָרען אזוי ווי עס דרוקען זיך אַלע צייטונגען אין דער וועלט: אין א דרוק־קעריי. אָבער די וויטערדיגע דריי נומערן זיינען שוין געווען ליטאָ־גראַפישע: פריער געשריבען מיט דער האנד און דערנאָך אָבגעצויגען פונ׳ם שטיין אין א ליטאָגראַפישער אנשטאַלט.

די אמת׳ע אורזאך דערפון ווייס איך ניט, אָבער לויט ווי איך בין זיך משער, איז דאָס געווען צוליב געלד־מאַנגעל. אָבער פאַר דער וועלט זיינען אָנגעגעבען געוואָרען צוויי אַנדערע תירוצים. ראשית: ווייל א געדרוקטע צייטונג ווערט דאך ניט לאַנג אָפּגעהיט, נאָר מען וואַרפט זי באַלד אוועק, אָדער מען פּאַקט אין איהר איין דברי חול — קאָן עס גאָר לייכט קומען דערצו, אז די דברי קודש וואָס זיינען דאָרטען געדרוקט, זאָלען, חלילה, מבוזה ווערען, און דאָס איז דאך, כידוע, א גאָר גרויסע עבירה...

והשנית, ווילען די ארויסגעבער פון דער צייטונג, געבען א גינסטיגע געלעגענהייט צו אַלע אידישע בחורים, אז... זיי זאָלען זיך דער־ווערבען א שעהנע האַנדשריפט...

די צייטונג איז געשריבען געוואָרען (מיט גענזענע פעדערען) אין עטליכערליי שריפטען: רונד, האַלב־רונד, אויך מיט אזא שריפט, ביי וועלכער די בוכשטאַבען קומען ארויס זעהר דין, בלויז די עקען פון די נונ׳ען און די קופ׳ען און עהנליכע אותיות זיינען גאַנץ דיק, און נאָך אנדערע אזעלכע מינים שריפטען.

די שרייבער פון דידאָזיגע שריפטען זיינען געווען מיין ברודער יהושע, דער מיט־רעדאקטאר פון דער צייטונג, און א יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען גדליה־יצחק אָרוך, וועלכער איז טאַקע געווען, כשמו כן הוא — א לאַנגער און א דאַרער בחור. ער האָט אויך געהאָלפען שרייבען נייעס און אנדערע קליינינקייטען און האָט דערפאַר באַקומען דעם גרויסען געהאַלט פון גאַנצע פינף גולדען א וואָך.

ביי מיר איז נאָך פאַראַנען איינע פון דידאָזיגע דריי ליטאָגראַפישע נומערן פון דער צייטונג. (זי איז געוועהנליך דערשינען אין אן אכט הונדערט עקזעמפּליאַרען.)

ווען די „צייטונג פיר דאס וואהרע אָרטאָדאָקסישע יודענטהום", ווי זי האָט געהייסען, האָט שוין געהאַלטען ביי איהר זיבעטען נומער, איז געקומען די דערלויבעניש פאַר דער גרינדונג פון דעם פאַראיין „מחזיקי הדת". דעמאָלט מיט׳ן נומער זיבען, האָט זיך די צייטונג אָנגע־הויבען צו רופען מיט׳ן נאָמען „מחזיקי הדת", אבער דער דייטשער טיטעל איז געבליבען ווי פריער.

די גרינדער האָבען איצט איינגעזעהען, אז אונטער די געענדערטע אומשטענדען, ווען מען קאָן זיך מיט רעכט ריכטען אויף א פיל גרע־סערער צירקולאַציע (וואָס איז טאַקע שפּעטער געווען דער פאַל, ווען די צייטונג האָט זיך געדרוקט אין ביז דריי טויזענד קאָפּיעס), קאָן מען מעהר ניט אָנגעהן מיט דעם בטלנישען, ליטאָגראַפירטען בלאַט, איז מען צוריקגעגאנגען צום דרוקער.

כדי רעכטצופארטיגען פאר דער וועלט דעם איסור צו דרוקען א צייטונג מיט הייליגע אותיות, האָט מיין פאָטער וועגען דעם פריער אָנגעפרעגט ביים דעמאָלטדיגען לעמבערגער רב, רבי צבי הירש אָרנ־שטיין. ער האָט איהם געגעבען צו פארשטעהן די שוועריגקייטען, וואָס מען האָט מיט אזא ליטאָגראַפירטען בלאַט, און דער רב האָט מתיר געווען, אָבער באופן, אז אין יעדען נומער, תיכף אויף דער ערשטער זייט, זאָל זיין געדרוקט מיט גרויסע אותיות אַן „אזהרה ובקשה" אין וועלכער די לעזער וועלען געוואָרענט, אַן דערדאָזיגער צייטונג נוהג כבוד צו זיין, צו באַהאַלטען די בלעטער און נאָכ'ן יאָהר, זיי צו לאָזען איינבינדען, פונקט ווי א ספר.

דידאָזיגע „אזהרה ובקשה" האָט זיך געדרוקט יאָהרען־לאַנג, אזוי לאַנג ווי די צייטונג האָט עקזיסטירט. אָבער פונדעסטוועגען זיינען געבונדענע יאָהרגאנגען פון דער „מחזיקי הדת" זעהר זעלטען און איצט כמעט ניט צו באַקומען. איך גלויב אָבער, אז דאָס האָט א שייכות צו דער וועלט־מלחמה, וואָס האָט חרוב געמאַכט די גאַנצע געגענד, אין וועלכער די צייטונג איז געווען פארשפּרייט.*)

וועגען דעם אינהאַלט פון דער צייטונג — וועלכע איז געווען אין דער ערשטער צייט א געמיש פון אידיש און העברעאיש — און ערשט

---

*) ביז צום יאָהר 1900, האָט אין דער גאַנצער עסטרייך־אונגארישער מאָנארכיע געהערשט א געזעץ, לויט וועלכען יעדע וועכענטליכע צייטונג האָט געמוזט איינלייגען ביי דער רעגירונג א סומע פון דריי טויזענד גולדען, אלס א פארזיכערונג, אז זי וועט ניט איבערטרעטען די פּרעס־געזעצען. א חוץ דעם האָט מען אויך געמוזט אויף יעדער וועכענטליכער צייטונג ארויפקלעפּען אַן אָבצאָהל־מארקע, אדער א סטעמפּעל פאַר איין גראָצער פון יעדען עקזעמפּלאַר.

אידען פלעגען זיך אָבער אַן עצה געבען (דאָס האָבען אויך געטאָן אלע ניט־אידישע ארויסגעבער פון וועכענטליכע צייטונגען): מען האָט געדרוקט צוויי צייטונגען מיט עהנליך־קלינגענדע נעמען, אבער אין אמת'ן איז דאָס געווען בלויז איין און די־זעלבע צייטונג. די רעגירונג האָט דערפון געוואוסט, אבער כל זמן מען האָט ניט גע'מסר'ט, האָט זי זיך ניט וויסען געמאַכט . . .

דערפאַר זיינען אין גאַליציע און אין עסטרייך געווען צייטונגען מיט דאָפּעלטע נעמען: ווי א שטייגער „המבשר און הנשר", „עברי און עברי אנכי", „השמש־און החרסה", „מחזיקי הדת און קול מחזיקי הדת", "דער כרמל און דער וועקער" און נאָך א היבש ביסעל אנדערע, וואָס זיינען איצט ארוים פון מיין זכרון.

שפּעטער געוואָרען אַ ריין העברעאישע צייטונג — וועגען דעם וויל איך מיך איצט דאָ ניט צופיל אַריינלאָזען.

איך וויל דאָ נאָך באַמערקען, אַז אין דער צייטונג האָבען מיטגעאַרבייט עטליכע יונגע לייט, וואָס זיינען דערנאָך אויך באַוואוסט געוואָרען אויף אַנדערע געביטען. אַזוי איז מיין יוגענד־פריינד, דר. יהודה ליב לאַנדא, דער באַקאַנטער דיכטער און איצטיגער הויפּט־ראַבינער אין יאָהאַנעסבורג, אין זיד־אַפריקע, געווען אַ גאָר פליסיגער מיטאַרבייטער און דאָרט אָפּגעדרוקט מעהרערע פון זיינע שירים און מאמרים.

דורך דער גאַנצער צייט וואָס מיין פאָטער האָט געלעבט, איז די צייטונג געפירט געוואָרען ביי אונז אין הויז און דאָרטען זיינען אויך אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַלע פאַרזאַמלונגען פונ׳ם פאַראיין. ערשט נאָך מיין פאָטערס אָפּשטאַרבען, און ווען די טעטיגקייטען האָבען זיך אויך אָנגעהויבען וואָס אַמאָל מעהר צו פאַרגרעסערען, האָט מען געדונגען אַ לאָקאַל פון צוויי צימערען, אין קראַקויער פּלאַץ נומער פערצעהן, אינ׳ם הויז פון רבי יעקב יוטעס, קעגענאיבער גראַף סקאַר־בעק׳ס הויז, אינ׳ם רעכטען אידישען קוואַרטאַל.

איצט האָב איך געהאַט נאָך פיל מעהר באַשעפטיגונג און אַ לויפעניץ אהין־און־צוריק, איבערהויפּט מיט שליחות׳ן צו מיינע צוויי ברידער, מענדעל און יהושע, וואָס האָבן זיך אַ סך אָפּגעגעבען מיט׳ן פאַראיין און מיט דער צייטונג. מענדעל האָט איבערגענומען מאַנכע פון מיין פאָטער׳ס געשעפטען אין ווינקעל־שרייבעריי, און מענשען האָבען גאָר אָפט אויף איהם געוואַרט.

# 9 — הכנסת אורחים

זייט איך געדענק, איז אונזער שטוב געווען שטענדיג פול מיט מענשען.

ווי איך האָב שוין עטליכע מאָל דערמאָנט, איז מיין פאָטער געווען א „ווינקעל־אדוואָקאט" און צוליב דעם געפירט אין דער היים א גאנצע קאנצעלאריע. ער האָט שטענדיג ביי זיך געהאלטען א שרייבער, און אָפטמאָל אויך צוויי אָדער דריי.

מענשען זיינען כסדר געקומען זיך באראטען וועגען זייערע משפטים. צווישען זיי זיינען געווען א היבש ביסעל קליינשטעדטלדיגע אידען, און פאכטערס, וואָס האָבען געהאט פראָצעסען מיט פריצים.

אחוץ דעם פלעגען גאָר אָפט ביי אונז איינשטעהן חסידישע רביים און „שעהנע אידען".

אז דער קראָקעווער רב, אָדער דער בעלזער רב (רבי), זיינען גע־קומען קיין לעמבערג, איז עס שוין געווען כמעט א מנהג, אז זיי זאָלען זיין אונזערע געסט, פאר דער גאנצער צייט וואָס זיי זיינען געווען אין שטאָדט.

דעם בעלזער רב'ס ברידער, ר' משה און ר' זונדעל (איינער פון זיי, איך געדענק ניט וועלכער, איז געווען א סגי נהור), ווען זיי זיינען געקומען קיין לעמבערג זאמלען געלד פון די חסידים; דעם בעלזער רב'ס קינדער אליין (ר' שמואל, דער סקאָלער רב, ר' נפתלי, דער מאגע־רעווער רב, און ר' ישכר בער, דער שפעטערער בעלזער רבי) — אלע זיינען זיי שטענדיג געווען אונזערע געסט, די גאנצע צייט וואָס זיי האָבען פארבראכט אין לעמבערג.

אויך אנדערע רביים, ווי א שטייגער די זשידאטשאָווער: ר' אליה און ר' סענדער ליפאָ, די זין און נאָכפאָלגער פונ'ם גרויסען רבי'ן ר' אייזיקעל זשידאטשאָווער, זיינען געווען אונזערע געסט.

עס איז אויך געווען ביי אונז ר' אברהמ'טשע מיקאָלאיעווער (אן איידים פונ'ם בארימטען ר' מאירל פרימישלאנער) ווען מען האָט געהאלטען פאר א גרויסען בעל מופת. אויך ר' בעריש, דער זון פון ר' מרדכי'לע נאדווערנער: ווען ער האָט זיך א גאנצען ווינטער אויסבאָ־

האלטען פונ'ם מיליטער, איז ער ביי אונז אבגעווען די גאנצע צייט. ער איז דערנאך געווארען א רבי מיט א גרויסען פארנעם.

אין יאהר 1876 (שנת תרל"ו) האט מען אין לעמבערג געדרוקט דעם גרויסען שאלות ותשובות, ספר „דברי חיים", פונ'ם וועלט־באריהמ־טען צדיק און גאון רבי חיים האלבערשטאם פון סאנז. צו דעם צוועק האבען צוויי פון זיינע אייניקלאך, דער באדיאווער רב, ר' משה'לע האלבערשטאם און דער אושפיצינער רב, רבי שלמה'לע האלבערשטאם, (שפעטער א גרויסער רבי אין ווישניצע און דערנאך אין באבאוו), פאר־בראכט אין לעמבערג אן ערך עטליכע חדשים און אכטונג געגעבען אויפ'ן דרוק פונ'ם ספר.

צייטענווייז זיינען זיי געווען ביידע צוזאמען, טיילמאל בלויז איי־נער פון זיי. מען האט פאר זיי ביי אונז אבגעגעבען א גרויסען צימער, וואו זיי זיינען איינגעשטאנען די גאנצע צייט, מיט זייערען א משמש.

ביידע רבנים האבען מיך, דעם צעהן יאהריגען בחור'ל, באלד ליב באקומען און אפט זיך מיט מיר באנוצט פאר לייכטע שליחות'ן, איבער־הויפט צו געהן אויפ'ן טעלעגראפען־אמט. זיי האבען גאר אפט געמוזט אנפרעגען אין סאנז, קוים האט זיך זיי געדאכט, אז זיי האבען עפעס ניט ריכטיג פארשטאנען אינ'ם כתב יד.

ווי געזאגט, זיינען זיי ניט שטענדיג געווען צוזאמען, יעדער איינער פון זיי איז אפט ארגעץ וואוהין אוועקגעפארען, פלעג איך שוין מוזען זיין דעם צווייטענס באגלייטער, בשעת ער איז געפארען מיט א פיאקער צו דער גאנץ־ווייטער דרוקעריי.

מיט דעם אושפיצינער רב, רבי שלמה'לע, האט מיט מיר פאסירט א זעהר אינטערעסאנטער פאל, וואס באווייזט וואס פאר א שטארקען זכרון ער האט פארמאגט.

עס איז געווען מיט א זעקס יאהר שפעטער, נאכדעם ווי ער האט געהאט פארבראכט ביי אונז אין לעמבערג. מיין פאטער האט שוין ניט געלעבט, און איך מיט דער מאמען האבען שוין געוואוינט אין טארנע, צוזאמען מיט מיין ברודער יהושע'ן.

רבי שלמה'לע איז שוין דעמאלט געווען א רבי אין ווישניצע (עטליכע מייל פון טארנע) און האט שוין געהאט א היבש ביסעל חסידים, וואס ער האט איבערגענומען פון זיין פארשטארבענעם סאנזער זיידען.

ארום נאך שבועות איז ער געקומען קיין טארנע און איז איינ־געשטאנען ביי דעם באוואוסטען בעל הבית און אלטען סאנזער חסיד ר' יוסל שיף כמעט אלע סאנזער חסידים פון שטאדט זיינען איהם גע־גאנגען מקבל פנים זיין און געבען קוויטלאך און פדיונות.

איך, דעמאָלט אַ בחור פון אַ קנאַפּע זעכצעהן יאָהר, בין צו איהם ניט געגאַנגען. אָבער פרייטאג אין אָווענד, ווען עס האָט זיך פאַר־זאַמעלט אַ גרויסער עולם חסידים צו קבלת־שבת, ביי ר׳ יוסלן אין הויז, בין איך אויך געווען צווישען זיי.

עס זיינען דאָרטען געווען דריי גרויסע צימערן, וואָס מען האָט דעם רבי׳ן, דעם גאַסט, אָבגעגעבען אין הויז. אינ׳ם ערשטען צימער, באַלד נאָך דער קיך, איז געווען דער דאַווענדיגער עולם. די טיר צו די אַנדערע צוויי צימערען איז געווען האַלב־פאַרמאַכט און באַשטימט פאַר׳ן רבי׳ן.

איך האָב אין זינען געהאַט שלום צו נעמען ביי ר׳ שלמה׳לען באַלד נאָך קבלת שבת. איך האָב עס אָבער ניט געוואָלט טאָן צווישען דעם גרויסען עולם. האָב איך זיך אריינגעגנב׳עט אינ׳ם צווייטען צימער, וואָס איז גאָר ניט געווען באַלויכטען און האָב דאָרטען געוואַרט, ביז דער רבי וועט דאָ אַרום אדורכגעהן צו דער גרויסער און העל־באַלויכ־טענער פאָדערשטוב.

אַז מען איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן דאַוונען, איז דער רבי, מיט׳ן טלית איבער׳ן קאָפּ, אריין אינ׳ם צווייטען צימער און נאָך איהם אויך אַ היבש ביסעל חסידים. דורכגעהענדיג און טאַפּענדיג מיט די הענד אין דעם האַלב־באַלויכטענעם צימער, האָט ער זיך פונקט אָנגעשלאָגען אָן מיר און אויסגערופען:

— ווער איז דאָס?!

איך בין אַזוי שטאַרק איבעראשט געוואָרען, אַז עס האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאַפּט דאָס איינציגע — און אויך נאַרישע — וואָרט:

— איך!...

ניט געקוקט דארויף וואָס ער האָט מיך פאַר אַזאַ לאַנגער צייט ווי זעקס יאָהר, ניט געזעהען און וואָס איך האָב זיך דערווייל אַנטוויקעלט און פון אַ צעהן יאָהריגען אינגעל געוואָרען אַ בחור פון אַ יאָהר זעכצעהן, און כאָטש ער איז געווען איינגעהילט אינ׳ם טלית ביז איבער׳ן קאָפּ, און ער האָט מיך אין דער האַלב־טונקעלקייט בשום אופן ניט געקאָנט זעהען, איז פאַר איהם דאָך גענוג געווען דאָס איינ־ציגע וואָרט „איך״, אַז ער זאָל מיך תיכף ומיד דערקענען און וויסען ווער איך בין:

— יאָשע, דו ביסט עס!? — האָט ער אַ רוף געטאָן.

אַז איך האָב געענטפערט „יאָ״, האָט ער מיך באַלד אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט זיך מיטגענומען אין דעם פאָדערשטוב, און מיך באַלד, נאָך פאַר די תפילות פונ׳ם קידוש, געהאַלטען אין איין אויספרע־

גען, וואָס איך טו דאָ אין טאָרנע, וואָס די מאַמע מאַכט אין געזונד, און ווי עס געהט מיינע צוויי ברידער, מענדלע'ן אין לעמבערג און יהושע'ן אין טאָרנע...

אַ גאַנצען שבת, ביי אַלע דריי סעודות, האָט ער מיך שטאַרק מקרב געווען און מיר אַרויסגעוויזען אַ סך ליבשאַפט.

אין מיטען וואָך בין איך ווידער ביי איהם געווען מיט מיין ברודער יהושע'ן. (די מאַמע האָט ניט געוואָלט געהן. זי האָט וויניג־וואָס געהאַלטען פון חסידישע רביים. זי איז אויפגעצויגען געוואָרען צווישען מתנגדים און אויפגעקלערטע מענשען). אַזוי ווי איך האָב יענעם זומער געזאָלט חתונה האָבען, האָט ער מיך געבענשט, אָנגעוואונשען אַל־דאָס גוטס און דערביי אַרויסגעזאָגט דעם וואונש און די האָפנונג, אַז איך וועל נאָך ווערען זיינער אַ חסיד...

ליידער האָב איך איהם שוין מעהר קיינמאָל ניט געזעהען... מיך האָט מעהר געצויגען קיין בעלז און אַמאָל אויך קיין שיניעווע, אָדער גאָר צו רבי אַלטער'ן פון דעמביץ — פון דער ראָפּשיצער גזע — וואָס איז אויך געווען אַ גאָר גרויסער פּיקח אין מילי דעלמא.

אויך די רביים, וואָס זיינען נ י ט איינגעשטאַנען ביי אונז, האָב איך, אויב זיי זיינען נאָר געקומען קיין לעמבערג, געהאַט די געלע־גענהייט (און אפשר די זכיה) צו קענען פּערזענליך. ווייל יעדען רבי'ן, וואָס איז נאָר געקומען אין שטאָדט אריין, האָט מיין פאָטער געהאַלטען פאַר זיין הייליגען חוב צו באַזוכען און אויך מהנה זיין.

יעדעס מאָל, ווען ער איז געגאַנגען באַזוכען אַזאַ רבי'ן, האָט ער מיך, און אויך אָפטמאָל מיין ברודער יהושע'ן, מיטגענומען מיט זיך. מיין עלטסטער ברודער מענדעל איז שוין לאַנג געווען פאַרהייראַט און אַן עומד ברשות עצמו. ער איז אָבער אויך געווען אַ חסידישער יונגער־מאַן (אַן איידים פון אַ גרויסער יחסנישער און חסידישער משפחה, פון די בראָדער רוקח'ס, נאָהענטע קרובים פונ'ם בעלזער רב), און ער פלעגט אַליין באַזוכען אַלע חסידישע רביים, וואָס זיינען געקומען קיין לעמבערג און אויך ער האָט מיך מיטגענומען צו זיי... — כדי לחנך במצוות!...

## 10 — דער טאַלנער רבי

דער וויכטיגסטער רבי אין רוסלאַנד איז אין יענער צייט געווען רבי דוד'ל טאַלנער (טווערסקי), דער זון פון רבי מאָטעלע טשערנאָבילער.

און טאַקע דערפאַר וואָס ער איז געווען דער גרעסטער און געהאַט דאָס גרעסטע פאַרערכּץ פון חסידים, האָט ער פון דער רוסישער רעגירונג געהאַט אויסצושטעהן גאָר א סך רדיפות, האָט ער דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזען רוסלאַנד און זיך צו באַזעצען אין גאַליציע, אין דער שטאָדט בראָד, וואָס איז גאָר נאָהענט פון דער רוסישער גרעניץ. ער האָט דאָרטען טאַקע אויך געוואוינט איבער א יאָהר.

באַלד ווי ער איז אריבערגעקומען פון רוסלאַנד, האָט ער פאַרווײלט אין לעמבערג אַן ערך פון א דריי חדשים. און ווען ער איז צוריק אהיימגעפאָרען, איז ער אויך געווען אין לעמבערג, א צייט פון א צוויי וואָכען.

ביידע מאָל איז ער איינגעשטאַנען ביי אונז אין הויז, אויף דער סיקסטוסקע גאַס, נומער דריי.

דאָס הויז אונזערס האָט געהאַט צוויי שטאָק (אויסערדעם איז נאָך אויך געווען אינ'ם הויף אַן אונטער־הויז פון איין שטאָק, מיט א געמויערטע סוכה אויפ'ן דאַך). מיר האָבען שטענדיג געוואוינט אויפ'ן צווייטען שטאָק. דער ערשטער איז, יאָהרענלאַנג, געווען פאַרנומען פון א לעמבערגער חסידישען גביר, ר' שמעון ברז"פ־ראַפּאַפּאָרט.

דערדאָזיגער ר' שמעון, א געהויבענער איד און שעהנער תלמיד־חכם, איז געווען אַן אײדים פון די רוסישע גבירים זוסמאַנס, פון אָסטראָ. ער איז געווען א טאַלנער חסיד און פלעגט פון לעמבערג, צוויי מאָל אין יאָהר, פאָהרען צום רבי'ן ר' דודל'ן.

אז זיין רבי איז געקומען קיין לעמבערג, האָט איהם ר' שמעון אָבגעגעבען זיין גאַנצע דירה, כאָטש ער האָט געהאַט זעקס קליינע קינדער. (ער איז דעמאָלט געווען אַן אלמן).

אזוי ווי מיט'ן רבי'ן איז אויך מיטגעווען א גרויס בני בית, איז עס פאר זיי ניט מעגליך געווען אלע זיך אהינצוטאָן ביי ר' שמעונ'ען אין הויז (פינף צימערן מיט א קיך), האָט דעם רבינ'ס איידים, ר' מאיר'ל כאַדאָראָוו, מיט זיין פרוי און קינדער, געוואוינט ביי אונז אויפ'ן צווייטען שטאָק; און אויך עפּעס א יונגע רביצי'ן פון זייער משפחה.

דער טאלנער רבי האָט מיט זיך מיטגעהאט צוויי אייניקלאך, אינגלאך אין מיינע יאָהרען און מיט זיי האָב איך זיך גאָר שנעל באַפריינדעט און געוואָרען חברים.

די צוויי אינגלאך, וואָס זיינען געקומען פון טאַלנע, א קליין שטעדטעל, האָבען אזא גרויסע שטאָדט ווי לעמבערג קיינמאָל אויף זייער לעבען נאָך ניט געהאט געזעהען. בין איך געוואָרען זייער וועג־ווייזער און ארומפירער איבער'ן שטאָדט. און אזוי ווי מען האָט ביים טאלנער רבי'ן געלעבט זעהר ברייט און פאר די אייניקלאך קיינמאָל קיין געלד ניט געשזאלעוועט, פלעגען מיר דאריבער יעדען טאָג פאָרען שפּאַצירען, אלעמאָל אין אַן אנדערער געגענד פון שטאָדט.

מיט אונז פלעגט פאָרען „זישע דער פיאקערניק", אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געהאט זיינעם אַן אייגענעמפ פיאַקער, מיט אַ גוט פערד. מיט איהם פלעגען פאָרען אלע רבנים און חסידישע רביים, וואָס זיינען געקומען קיין לעמבערג. אפילו דער בעלזער רב און זיין משפחה—ווייל זישע איז געווען אַן עהרליכער יונגערמאַן און אין די געבעטע זיצען פון זיין פיאקער האָט זיך, חלילה, גאָר קיין שום שעטנז ניט געפונען.

די צוויי אינגלאך, מיינע דעמאָלטדיגע חברים, זיינען דערנאָך אויסגעוואקסען באוואוסטע חסידישע רביים.

ר' נחום'טשע, וואָס איז געווען דאָס איינציגע קינד פון ר' דודל'ס זון ר' מאָטעלען, האָט נאָך זיין זיידעס אָפּשטאַרבען, איבערגענומען זיין גרויס רביסטוואָ און ער האָט שפּעטער געוואוינט אין טולטשין. דער „טאלנער רבי" פון אַטוירני סטריט, איז איינער פון זיינע זין.

דער צווייטער איז ר' מאָטעלע כאַדאָראָוו, וואָס איז דערנאָך געוואָרען אַן איידים ביים וויזניצער רבי'ן, ר' ברוך האגער, פון דער באוואוסטער קאָסאָווער גזע. ער רופט זיך דער טאלנער־וויזניצער רבי און וואוינט אין בראָנקס, ניו יאָרק.

איהם האָב איך שוין דאָ געזעהען עטליכע מאָל, און ווען מיר קומען זיך צוזאמען, דערמאָנען מיר זיך אָן לעמבערג און פרישען אויף אונזערע זכרונות פון עטליכע און פופציג יאָהרען צוריק.

* * *

אין דער צייט, ווען עס איז אין לעמבערג אפגעהאלטען געווארען די ערשטע אסיפת הרבנים, זיינען עטליכע פון די וויכטיגסטע רבנים געוועזן אונזערע אפטע געסט, און רבי שמעון סופר, דער קראקעווער רב, איז געוועזן אונזער גאסט א וואך צייט. עס איז דעמאלט ביי אונז געווען ווי אויף א יריד, א גאנצען טאג ביז שפעט אין דער נאכט. מענשען זיינען געקומען און געגאנגען און איך אליין בין שטענדיג געווען פאר'טרוד און פארהאוועט....

## 11 — מיין טאַטענס אָפּשטאַרבען

מיין פאָטער איז אויף זיינע עלטערע יאָהרען געווען א קראנקער מענש. ער האָט געליטען אויף א כראָנישער מאַגען־קראַנקהייט. אָבער ער האָט אויף גאָר ניט געקוקט און כסדר נאָכגעקומען זיינע טעגליכע פליכטען, ובפרט פאר די „מחזיקי הדת" און איהר ציישונג. ביידע האָבען זיך געהאַלטען אין איין אַנטוויקלען און האָבען אוועקגענומען זיין גאַנצע צייט. ער האָט פאר זיי געאַרבייט גאַנצע טעג, איבערהויפּט דורך די נעכט.

אין ווינטער 1880 איז ער גוט קראנק געוואָרען און שוין געמוזט פאַרבלייבען אין בעט. אָבער אויך דאָ האָט איהם זיין שטענדיג טעטי־גער גייסט ניט געלאָזט איינרוען. ער האָט גאָר אָפט צו מיין ברודער יהושע'ן, אָדער צו אימיצען אנדערש, דיקטירט בריף, און אפילו הע־ברעאישע אדער אידישע ארטיקלען פאר דער צייטונג.

פרייטאַג, דעם 30טען יאַנואר פאַרטאָג (י"ז שבט, תר"ם) איז ער אוועק אין א בעסערער וועלט, אין זיין זעקס און זעכציגסטען יאָהר.

מיר זיינען געבליבען דריי זין: (א שוועסטער, הענע, א מיידעל פון א יאָהר זיבעצען, איז מיט עטליכע יאָהר פריער געשטאָרבען. זי איז פאַרבליבען אין מיין זכרון אלס א הויכע, בלאַסע און שוואַכע מיידעל, מיט צוויי לאַנגע און שווארצע צעפּ) מענדעל, פונ'ם טאַטענ'ס ערשטער פרוי—ער איז דעמאָלט אַלט געווען א צוויי און דרייסיג יאָהר —יהושע, פון א יאָהר צוואַנציג און איך, דער „מוזיניק", וואָס איז מיט א דריי חדשים פריער געוואָרען בר־מצוה.

ווי איך האָב שוין פריער דערצעהלט, איז דעם טאַטענס עשירות צורונען געוואָרען, נאָך אינ'ם יאָהר 1873, ביים גרויסען ווינער בער־זען־קראַך. דאָס גרויסע הויז „אויפ'ן באַרג", האָט שוין די באַנק געהאַט צוגענומען פאר איהרע חובות. עס איז נאָך געבליבען דאָס הויז, אין וועלכער מיר האָבען געוואוינט, אויף דער סיקסטוסקע גאַס. אָבער דאָס איז אויך ניט געווען אונזערס. א באַנק האָט דארויף גע־האַט א היפּאָטעק. אָבער דער טאַטע האָט געהאַט צו דער באַנק געגען־פאָדערונגען פאר געוויסע אָבליגאַציעס און עס איז צוליב דעם געווען

א פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגען יאָהרען־לאַנג, אויך נאָכ'ן טאַטענס אָפּשטאַרבען.

מיין ברודער מענדעל, וואָס איז אויך דערנאָך געוואָרען א באַוואוסטער „ווינקעל־אַדוואָקאַט" און א גרויסער קענער פון אַלע געזעצען, האָט זיך, נאָכ'ן טאַטענס טויט, נאָך א צעהן יאָהר צייט גע'משפט מיט דער באַנק. ער האָט געוואונען אין הויז און אַפילו גענומען דירה־געלד, ביז מען האָט זיך מיט איהם, סוף־כל־סוף, פאַרגלייכט. איך און מיין ברודער יהושע, האָבען דערפון גאָר ניט גענאָסען. מיר האָבען עס ביידע דעמאָלט ניט געדאַרפט האָבען.

פונדעסטוועגען איז אביסעל געלד דאָך געבליבען נאָכ'ן טאַטען, אַן ערך פון איבער דריי טויזענד גולדען, און גוטע פריינד פון אונזער פאַמיליע, צוזאַמען מיט'ן בוכהאַלטער פון די „מחזיקי הדת", ר' יהושע'לע ליפּסקער, האָבען געמאַכט אַן אָרדנונג צווישען די יורשים:

איך, דער אומפאַרזאָרגטער יתום, האָב באַקומען דעם גרעסטען חלק, גאַנצע טויזענד גולדען. די מאַמע, די שוואַכע אַלמנה, אויך טויזענד גולדען און די צוויי ברידער האָבען באַקומען דעם רעשט, יעדער צו קנאַפּע זעקס הונדערט גולדען. — —

נאָך א יאָהר צייט האָבען מיר געוואוינט אין לעמבערג. מיין ברודער יהושע איז, עטליכע חדשים פריער, אוועק אין זיין פרוי'ס געבורטס־שטאָדט, קיין טאַרנע. ער האָט דאָרטען געעפענט א גרויס גלאָז־און־פּאָרצעלאַן געשעפט, וואָס ער האָט געפירט ביז צו זיין אָפּשטאַרבען, אין יאָהר 1931.

איך און די מאַמע האָבען שוין ניט געוואָלט פאַרבלייבען אין לעמבערג און מיר האָבען זיך אריבערגעקליבען קיין טאַרנע און דאָרטען געוואוינט צוזאַמען מיט יהושע'ן.

* * *

דעם טאַטענס אָפּשטאַרבען האָט אָנגעמאַכט א גאָר גרויסען רושם אין דער גאַליציאַנער אָרטאָדאָקסישער וועלט, אין וועלכער ער איז געווען פאַרעכענט פאַר איינעם פון די אמת'ע „עוסקים בצרכי צבור באמונה". אַלע דעמאָלטדיגע צייטונגען, דער „המגיד" און די אַנדערע אידיש־דייטשע זשורנאַלען, אין ווין און אין אויסלאַנד, האָבען וועגען איהם געשריבען און דערמאָנט צום גוטען. פון דער „מחזיקי הדת" צייטונג, איז דאָך גאָר געווען אָבגערעדט. פאַר א צייט פון עטליכע חדשים איז אין יעדען נומער פון צייטונג געווען א שיר, אָדער אַן אַרטיקעל (איינער אויך פון מיין יוגענד־פריינד יהודה ליב לאַנדאַ, דער

איצטיגער הויפט ראבינער פון יאָהאנעסבורג, אין זיד־אפריקע) וועגען מיין פארשטאָרבענעם פאָטער.

דער „מליץ מפואר" און וואָרט־קינסטלער מו"ה, פון ווין, מיין פאָטער'ס אַ אַלטער פריינד, האָט אין דער „מחזיקי הדת" אָפּגעדרוקט א לאַנגען מליצה־הספד, וועמעס אַלע ווערטער האָבען זיך אָנגעהויבען מיט א שין אָדער מיט א מים (די ראשי תיבות פון שמואל מארגאָשיש.) און דערדאָזיגער מליצה־הספד איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרען אין דער פרומער צייטונג „הלבנון", וואָס איז ארויסגעגאנגען אין מאינץ, אין דייטשלאַנד, אונטער דער רעדאקציע פון ר' יחיאל בריל, אָבער וועמעס ריכטיגער רעדאקטאר און אייגענטימער איז געווען דער באַוואוסטער אָרטאָדאָקסישער ראבינער דר. מארקוס לעהמאן, דער ארויסגעבער פונ'ם „מאינצער איזראעליט" און דער פארפאסער פון די אומשטערבליכע היסטאָרישע אידישע געשיכטען, וואָס ווערען נאָך היינט געגנוג באַארבייט אין אַלע אידישע צייטונגען...

דערפאַר האָבען אבער די געגנערישע צייטונגען, איבערהויפּט דער „העברי" און זיין מיטארבעטער, דער אַלטער יה"ש (כאָטש ער איז געווען אונזערער א קרוב, פון דער מאמע'ס צד, אַן אייניקעל פונ'ם „תבואות שור") ניט אויפגעהערט, וואָכען־לאַנג, צו שיטען שוועבעל און פעך און באַשמוצען דעם נאָמען פון מיין פארשטאָרבענעם פאָטער.

דער „איזראעליט", דער אָרגאַן פון די „שומר ישראל", האָט זיך דאָך אביסעל געהאַלטען אָנשטענדיגער. און ווייל ער איז ארויס אין לעמבערג, האָט ער זיך פשוט געשעמט צופיל צו באַשמוצען מיין פאָטער'ס נאָמען, ווי דאָס האָט געטאָן דער „העברי", אין בראָדי.

עס וועט זיכער זיין אינטערעסאנט און אפשר אויך א שטיקעל ביטראַג צו דער אידישער קולטור־געשיכטע אין גאַליציען, זיך אביסעל נעענטער צו באַקענען מיט דידאָזיגע צוויי פארשוינען, יה"ש און יעקב ווערבער און צו זעהען וואָסערע קאמפּס־מעטאָדען זיי האָבען באַנוצט.

## 12 — יה״ש

איך וועל דאָ איבערגעבן אַ קורצע ביאָגראַפיע און אַן איבערבליק וועגן יה״ש׳ן און אויך ברענגען מאַנכע פון זיינע „רשפי אש״, וואָס ער האָט געדרוקט אינ׳ם „העברי״ וועגן מיין פאָטער און די „מחזיקי הדת״.

יה״ש, אָדער ווי זיין פולער נאָמען איז געווען, יהושע העשיל שור, איז געבוירען געוואָרען אין בראָד, אינ׳ם יאָהר 1814 און איז גע־שטאָרבען, אין זיין איין־און־אַכציגסטען יאָהר, אין בראָד, אין 1895.

ער האָט געשטאַמט פון אַ זעהר רייכער און גאָר מיוחס׳דיגער משפחה. אויך זיין פרוי איז געווען איינגעטונקען אין גרויסען יחוס, זי איז געווען אַן אייניקעל פונ׳ם וועלט־בארימטען רבי יחזקאל לאַנדא, דער „נודע ביהודה״, רב אין פּראָג.

שוין אין זיינע יונגע יאָהרען האָט זיך יה״ש גענומען צו דער השכלה און האָט געפירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די דעמאָלט־דיגע גרויסע משכילים. ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט שד״ל לכבוד איהם ארויסגעגעבן און איהם געווידמעט די ערשטע אויסגאַבע פון רבי יהודה הלוי׳ס שירים (אָדער דיוואַן), אונטער׳ן נאָמען „בתולת בת יהודה״.

שפּעטער האָט זיך יה״ש אנטוויקעלט אין אַ גאָר שאַרפען קריטיקער פון דער אידישער תורה, און איבערהויפּט פונ׳ם תלמוד, אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַלעמען פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט. צו דעם צוועק האָט ער ארויסגעגעבן דעם באַוואוסטען העבראישען זשורנאַל „החלוץ״, פון וועלכען עס זיינען ארויס — דורך אַ צייט פון זיבען און דרייסיג יאָהר — גאַנצע דרייצען העפטען.

אין די ערשטע יאָהרען האָבען מיט איהם מיטגעארבייט עטליכע פון די וויכטיגערע אידישע געלעהרטע, ווי אַ שטייגער, גייגער, אברהם קראָכמאַל, שטיינשניידער, פינעליש, מיין פעטער מרדכי דובש און נאָך אנדערע פריי־גייסטער.

אָבער די שפּעטערע „חלוצ'ם" זיינען געוואָרען, וואָס אמאָל מעהר, שאַרפער און אָנגרייפערישער, און אַלע זיינע פריערדיגע מיטאַרבייטער האָבען זיך פון איהם צוריקגעצויגען. האָט ער אַליין אויסגעפילט אַלע העפטען און אין איין וועגס שוין געהאַלטען אין איין זידלען און באַשמוצען אַלע וועלכע האָבען איהם פריער מיטגעהאָלפען.

יה"ש איז געוועזן א גאָר גרויסער עושר פון עטליכע הונדערט טויזענדער גולדען, אָבער אַ נאָך גרעסערער קמצן דערצו.

ער האָט געהאַט בלויז איין איינציגען זון, וואָס איז געשטאָרבען יונגערהייט. און כאָטש ער אַליין האָט געהאַט אַן אָרימע משפּחה (צווישען זיי זיין ברודער, דער העברעאישער דיכטער און שריפטשטעלער נפתלי מענדעל שור, וואָס פלעגט זיך אונטערשרייבען מיט די ענדבוכשטאַבען פון זיין נאָמען י. ל. ר.), האָט ער זיינע נאָענטע געלאָזט אויסגעהן פון הונגער און זיי מיט גאָר ניט אונטערשטיצט.

אויף זיינע עלטערע יאָהרען האָט יה"ש זיך אינגאַנצען צוריקגעצויגען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. ער האָט געוואוינט, איינער אַליין, אין זיין גרויסען הויז און אפילו פאַר דירה־געלד קיינעמען ניט געוואָלט אריינלאָזען. בלויז אַן אַלטע פרוי האָט איהם באַדינט און יעדען טאָג פאַר איהם אָפּגעקאָכט אַ גרויסען טאָפּ קאַשע, וואָס ער האָט געגעסען מיט מילך. די בראָדער אידען האָבען מיט איהם קיין שום מגע ומשא ניט געוואָלט האָבען, און אויך די עטליכע משכילים פון שטאָדט האָבען זיין שוועל ניט איבערגעטראָטען.

אז ער איז געשטאָרבען, האָט ער איבערגעלאָזט זיין גאַנץ פאַרמעג, אַן ערך פון הונדערט און פופציג טויזענד גולדען, פאַר דעם ווינער ראַבינער סעמינאַר, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטען אין גרינדען און דערצו אויך זיין גרויסע ביבליאָטעק פון עטליכע טויזענד זעלטענע ספרים, ביכער און כתבי־יד, אין מעהרערע שפּראַכען.

וואָס עלטער ער איז געוואָרען, אַלץ פאַרביטערטער און אָנגרייפערישער איז ער געוואָרען. ער האָט אויסגעגאָסען זיין גיפט און גאַל אין זיינע בטלנישע גראַמען, וואָס ער האָט אינ'ם „העברי" געדרוקט יעדע וואָך, אונטער'ן טיטול „רשפי אש", פון וועלכע מיר וועלען דאָ ווייטער געבען עטליכע מוסטערען.

און ניט נאָר אויף די אָרטאָדאָקסישע אידען און זייער „מחזיקי הדת", אָדער די חסידישע רביים, האָט ער אויסגעגאָסען זיין צאָרן — נאָר אויך אויף יעדען, וואָס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנד. אויך אויפ'ן „שומר ישראל" און די משכילים — כאָטש ניט מיט אזוי פיל גיפט און גאַל ווי אויף די פרומע אידען און זייערע פאָרשטעהער.

## 13 — יעקב ווערבער, דער בעל „העברי"

דער „העברי" איז געגרינדעט געוואָרען אין בראָדי, אין יאָהר 1865, דורך ר' ברוך ווערבער, אַ איד אַ משכיל און אַ תלמיד חכם פונ'ם אַלטען שניט. ער איז אויך געווען דער מחבר פון אַ פירוש אויף קהלת, וואָס איז צוויי מאָל געדרוקט געוואָרען.

דער „העברי" איז אייגענטליך געגרינדעט געוואָרען אַלס אַ קאָנקורענץ־צייטונג געגען דעם „המבשר" אין לעמבערג, וועמעס ארויסגעבער עס איז געווען דער באַוואוסטער מליץ ר' יוסף כהן צדק.ביידע, כהן צדק און ווערבער, זיינען געווען נאָהענטע קרובים און ביידע טאַקע פון איין שטאָדט, פון בראָד.

אין דער ערשטער צייט איז ברוך ווערבער געווען איינער פון די נאָהענסטע מיטארבייטער אין זיין קרוב'ס צייטונג. אָבער שפּעטער האָבען זיי ביידע זיך צוקריגט און ווערבער איז געוואָרען אַליין אַ רעדאַקטאָר. ער האָט דעם צווייטען געוואָלט ווייזען, אַז ער קען די קונסט — אויב ניט אַ סך בעסער, זיכער ניט ערגער פון איהם...

ווער עס האָט אַמאָל געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען דידאָזיגע צוויי צייטונגען, וואָס געהערען היינט צו די גרויסע יקרי המציאות, דער וועט שטוינען וויפיל שמוץ און גראָבע אויסדרוקען דידאָזיגע צוויי אידען האָבען פּאַרמאָגט און וואָס זיי האָבען באַנוצט איינער אויפ'ן צווייטען אין דער עפענטליכקייט. עס איז כמעט ניטאָ קיין איין מענשליכער פאַרברעכען, אין וואָס איינער פון דידאָזיגע צוויי קרובים האָט ניט באַשולדיגט דעם צווייטען...

אין וואָס עס איז, באמת, באַשטאַנען דער אונטערשייד צווישען דידאָזיגע צוויי צייטונגען, ווייס איך ניט. ביידע האָבען זיך גליך געזידעלט, איינער דעם צווייטען, און דיזעלבע מיטארבייטער, משכילים, בטלנים, האָבען אומזיסט געארבייט (פון נעמען געלד פאַר אַזעלכע זאַכען, האָט מען דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט, און עס וואָלט געווען אַ באַליידיגונג אפילו פאַר'ן אָרימסטען) גלייכצייטיג אין ביידע צייטונגען.

אז דער „המבשר" האָט אויפגעהערט צו ערשיינען — טאַקע דורך אַ מסירה פון זיינע שונאים — איז דער „העברי" געבליבען די איינ־

ציגע העברעאישע ציימונג אין גאליציע. עס זיינען אפילו געמאכט געוואָרען פארשידענע פּרואווען ארויסצוגעבען אנדערע אזעלכע צייטונגען, אָבער אָהן אַן ערפאָלג.

די אלע צייטונגען זיינען געווען אין משכיל'שען־בעל־הבית'ישען גייסט, און אַזא איד ווי יה"ש, א פריי־גייסט און חוזק־מאַכער פון אַלץ וואָס איז הייליג ביי אידען, וואָלט אין זיי ניט געקאָנט האָבען קיין דריסת הרגל. ער, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרטאָן אין זיינע פאָרשונגען וועגען אידישער געשיכטע און אין קריטיקירען רעליגיע, וואָלט מיט זיי אויך גאָר ניט געוואָלט האָבען צו טאָן.

ערשט אז יה"ש איז עלטער געוואָרען און זיין גייסט וואָס אַמאָל שוואכער — ווען ער איז געוואָרען שוין א פשוטער עובר בטל — האָט ער אָנגעהויבען זיך צורוקען צום „העברי", וואָס האָט זיך געדרוקט אין זיין וואוין־שטאָדט בראָד.

ר' ברוך ווערבער האָט שוין דעמאָלט ניט געלעבט און די רעדאקציע האָט איבערגענומען זיין איינציגער זוהן יעקב ווערבער, וואָס איז דאַמאָלט ערשט אַלט געווען אַן ערך פון אַ זיבעצעהן יאָהר.

ער האָט שפּעטער שטודירט אויף אדוואָקאַט, האָט שטענדיג גערעדט פּויליש און קיין איין אידיש וואָרט ניט געוואָלט ארויסלאָזען פון זיין מויל.

קיין גרויסער קענער פון העברעאיש און אנדערע אידישע לימודים איז דער יונגער ווערבער ניט געווען. ער איז (אזוי האָט מיר דערצעהלט מיין פריינד חיים אהרן האפנער, וואָס איז געווען זיין „עוזר בבית המערכת") גאָר בלויז דערפאַר געבליבען דער רעדאַקטאָר און ניט אויפגעגעבען די צייטונג באַלד נאָכ'ן פאָטער'ס טויט, ווייל זיין מוטער — א שטאַרק־ריהרעוודיגע אידענע — האָט איהם שטארק מפציר געווען זי אָנצוהאַלטען, מיט'ן אויסקוק, אַז צוליב דער „רעדאַקטאָר־שאַפט" וועט ער, איהר בן יחיד, אויסכאַפּען אַ גרויסאַרטיגען, רייכען, שידוך...

ליידער איז איהר האָפנונג ניט מקוים געוואָרען. יעקב ווערבער איז געווען אַ שוואכער און אַ קראַנקער בחור און ער איז צו זיין איין־און־דרייסיגסטען יאָהר געשטאָרבען. נאָך זיין טויט האָט די מוטער נאָך געפּרואווט, מיט פרעמדע הענד, ארויסצוגעבען די צייטונג. דאָס האָט אָבער נאָר אָנגעהאַלטען עפּעס איבער אַ האַלב יאָהר און דער „העברי" איז איינגעשלאָפען געוואָרען אויף אייביג.

די יאָהרגאַנגען פונ'ם „העברי" געהערען — ווי איך האָב שוין פריער געהאַט געזאָגט — צו די גרויסע יקרי המציאות. און דאָ ווייטער

וועל איך איבערגעבען עטליכע מכתמים „רשפי אש" פון יה"ש און אויך וואָס די צייטונג האָט געשריבען נאָך מיין פאָטער'ס אָפּשטאַרבען.

אינ'ם „העברי", פונ'ם זעקסטען פעברואר 1880, אכט טעג נאָך מיין פאָטער'ס טויט, איז דאָרטען געווען געדרוקט אזא מין שטיקעל ניים:

„מלמברג מודיעים לנו, כי ביום ו' העבר נצחו אראלים את „המזיקים" ונשבה ארון הקודש, ר' שמואל מארגאָשעס, ראש „המזיקים". לא נספד אחרי מטתו יבא ש ל ו ם על מ ש כ ב ו ותהא מיתתו כפרתו. — "

די כונה פארוואָס די ווערטער „שלום" און „משכבו" זיינען גע־ווען געדרוקט מיט גרעסערע אותיות — כאַפּ איך ניט.

א דריי וואָכען פאר'ן טאַטענס אָפּשטאַרבען, האָט יה"ש געהאַט פאָלגענדען „מכתם" אין זיינע „רשפי אש" („עברי אנכי", 9טען יאנואר, 1880):

## אל ראש המחזיקים בלבוב

הטה נא אלי אוזן ושמעה,
מה לך אצל רבי החסידים אוילים,
כלך לך אצל משכילים אצילים,
כבר כתוב בספרא דאדם קדמאה:
ש מ ו א ל, חכים יתקרי,
רבי לא יתקרי! —

תיכף נאָך מיין פאָטער'ס אָפּשטאַרבען, האָט יה"ש געשריבען פאָלגענדעס:

## קלני מראש, קלני מזרוע

אוי לי על שברי, אנושה מכתי,
אל תנחמוני הבל על כן אמרתי
היש מכאוב במכאובי, צרה כצרתי
אויה לי מ ש נ ה שברון השברתי!
קלני מראש, ראש מחזיקי לבוב,
מרן שמואל, משנה לספרא־רבה
כי שבק לן חיים וירכב על כרוב

ויעף להתעדן בטוב עולם הבא
פנה וילך לתענוגות מפלגות
לקצור פרי כשרון מפעלו ברנה,
ואותנו — עזב לאנחות ודאגות
אללי לי, קנה היא תהי לקנה!

אזוי געהט עס נאָך ווייטער אין פיער און צוואנציג שורות. ער לאָזט אוים:

על מי ארבה בכי, אשפוך דמעי?
האבכה על מת הנקרא איש חי
מרן שמואל מחזיקי, שועי ורועי
העוצר בעם לבל ינזרו לגנאי?
האבכה על חי הנקרא גוף מת
שומר קשה לב, עז פנים וחזק מצח,
השוקד על הרעה בכל עת ועת
וחטאתו כי גדלה שמורה לנצח?

אז מו"ה האָט אָפּגעדרוקט זיין מליצה'דיגען הספד אויף מיין פאָטער (ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט) איז דאָס יה"ש'ן זעהר ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט זיין כעס אויסגעדריקט אין פאָל־גענדע „רשפי אש" („העברי", 27טען פעברואר, 1880).

כל השבחות והתהילות
שבספר התהילות
אחת לא נעדרה
נקמצו כולנה
והיו לו למנה
למשנה החברה
שמואל מרגושם
בעל נפש מרגשת
רב אונים גדל כח
כן יקרא בגרון —
בעל „משנה שברון"
הפונדקאי מו"ה,
כל קורא יתפלא

על גבר מאוד נעלה
לא נודע בעם
וברגש קודש
ישיר שיר חדש
נס גדול היה שם!

די „מחזיקי הדת" ציטונג פון איהר זייט האָט אויך ניט געשוויגען און אָנגעגריפען יה"ש'ן, ווייל ער האָט ניט געהאַט גענוג טאַקט, צו לאָזען אַ טויטען רוהען און מעהר ניט באַשמוצען זיין נאָמען. דערפאַר האָט יה"ש זיך פאַרענטפערט אין איינעם פון זיינע „רשפי אש" („עברי אנכי", 5טען מערץ, 1880).

## כמה יוסף בן שמעון איכא בשוקא!

חמתי על המחזיקים
כי מתאנים המה לי
ויסלפו דברי צדיקים
וזה עון פלילי!
הלא מראש אמרתי
ולא בסתר דברתי:
„במות מחזיקי אל תשמח
עד בלעי רוקי, ישועה תצמח
והם יבדו בסודם
ובטאו בשפתם
ולא ידעו בושת
כי ש מ ח ת י לאידם
במות מחזיק דתם
מר שמואל מרגושם! —
הן ידעתי בנפשי נאמנה
גדולת החברה הקדושה
פנת יקרת אבן הראשה
על כל האומות כולנה
כי חבה יתרה נודעת לה
ואיש ואיש נמצא בה
חסידא צדיקיא ותיקא
כמה שמעון ושמואל איכא בשוקא!

עס זיינען ביי מיר פארצייכענט נאָך עטליכע פון אזעלכע „פערל״, אָבער איך דענק אז די עטליכע זיינען שוין גענוג, אז מען זאָל זיך קענען מאכען א באגריף, מיט וואָסערע פארזשאַיוערטע כלי־זיין מען האָט דער־מאָלט געקעמפט געגען דער גאליצישער אָרטאָדאָקסיע און פון וואָס א גרויסע צאָל משכילים האָבען גאָר געלעקט די פינגער.

## 14 — מיינע קינדער־יאָהרען

איך, אליעזר יוסף מארגאָשעס, בין געבאָרען געוואָרען אין לעמ־בערג, דעם 16טען נאָוועמבער, 1866 (דאָנערשטאג, אכט טאָג אין כסלו, שנת תרכ"ז).

מיין מאַמע שרה רבקה (ריבעלע) איז פון שטענדיג אָן, זינט איך געדענק זי, געווען א שוואכע פרוי און אלעמאָל געוועזן אָן עוסקת ברפואות.

זי האָט געהאט דריי קינדער: א מיידעל, הענע, וואָס איז געשטאָר־בען אין איהר זיבעצעהנטען יאָהר און איך געדענק זי גאָר שוואך; מיין ברודער יהושע'ן (וואָס האָט געהייסען נאָך מיין מאַמע'ס פאָטער חיים יהושע פלעקער; ער איז עלטער געווען פון מיר מיט קנאַפּע זיבען יאָהר) און איך — בין געווען דער מוזיניק.

מיין פאָטער האָט אויך געהאָט פון זיין ערשטער פרוי, רחל'ע (די טאָכטער פון זיין עלטסטען ברודער ר' ניסן מארגאָשעס) א זון מענדעל און נאָך אַן עלטערער זון, יוסף, וואָס איז געשטאָרבען איידער איך בין געבוירען געוואָרען. איך הייס טאקע נאָך איהם (און נאָכ'ן זיידען ר' יוסל). פאר א סגולה האָט מען מיר צוגעזעצט נאָך א נאָמען: אליעזר — נאָכ'ן עלטער־זיידען, דעם סופר ונאמן פונ'ם ועד ארבע ארצות. (איך האָב שוין וועגען איהם געשריבען אינ'ם אָנפאנג פון מיינע זכרונות).

דערדאָזיגער ברודער יוסף, — מיין פאָרגעגנגער — איז געווען א בחור א גאָר גרויסער מושלם. אז ער איז געשטאָרבען, אין זיין נייַנ־צעהנטען יאָהר, האָט ער שוין געקענט זעקס שפראַכען און איז אויך געווען א גרויסער העברעער.

אין איינעם פון די אונטערשטע שיפלאָדען פון א ספרים־שאַפע, האָב איך — ווען איך בין געווען אַן אינגעל פון א יאָהר צעהן, און זיך שטענדיג ארומגעפאָרעט ביי די ספרים — געפונען א היבש ביסעל פון זיינע איבערגעבליבענע „כתבים", אין דייטש און אין העברעאיש. עס איז דאָרטען אויך געווען א געשריבענע צייטונג מיט'ן נאָמען „אפריון", פול מיט שירים און מליצות, וואָס ער און איינער פון זיינע חברים (דוכט זיך מיר, אז ער איז געווען דער שפּעטער באַקאנטער העברעאישער

דיכטער אהרן דאַרנצוויג, וואָס איז אויך געשטאָרבען אין גאָר יונגע יאָהרען) האָבען צוזאַמענגעשטעלט.

איך האָב אויך געפונען א „שער" (א טיטעל־בלאַט), וואָס איז געווען געמאָלען מיט שעהנע וואַסער־פאַרבען. צי ער אליין האָט געמאָ־לען דעמדאָזיגען „שער", אָדער אימיצער אנדערש — ווייס איך ניט!

דאָרט אינ'ם שופלאָד, האָב איך אויך געפונען א פולשטענדיגע איבערזעצונג, וואָס ער האָט געמאַכט פון פיליפּזאָהנ'ס א לענגערע ער־צעהלונג „די מאַראַנען". ער האָט איהר א נאָמען געגעבען „האַנוסים בספרד". (אונטער דעמזעלבען נאָמען האָט דידאָזיגע ערצעהלונג, מיט יאָהרען שפּעטער, ארויסגעגעבען דער באַקאַנטער שרייבער אברהם אבא ראַקאָווסקי, און זי איז עטליכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען). דעמ־דאָזיגען ספר האָב איך, ווען איך בין אביסעל עלטער געוואָרען, געלאָזט איינבינדען און אויך געהאַט נאָך עטליכע יאָהר נאָך מיין חתונה, ביז ער איז ערגעץ פאַרלאָרען געוואָרען. חבל על דאבדין . . .

די מאַמע האָט מיך קיינמאָל ניט געלאָזט פאָרען ביי די איבער־געבליבענע „כתבים", דעמאָלט, ווען דער טאַטע איז געווען אין דער־היים. זי האָט געוואוסט, אז ווען ער דערזעהט דאָס, דערוועקט זיך ביי איהם אן אַלטע, קיינמאָל־ניט־פאַרהיילטע וואונד . . .

צוליב דערזעלביגער אורזאַך האָט מיך די מאַמע — כאָטש איך בין ביי איהר געווען אזוי ציטעריג און זי האָט מיר אַלעס נאָכגעגעבען — ניט געלאָזט שפּילען מיט די זאכען און פאַרשידענע האַנד־ארבייטען, וואָס זיינען פאַרבליבען נאָך איהר טאָכטער העניע. זי האָט אַלעס גע־האַלטען פאַרשלאָסען אין א באַזונדערען שיפלאָד פון איהר קאָמאָדע און קיינעם דערצו ניט צוגעלאָזט . . .

(ערשט נאָך דער מאַמעס אָפּשטאַרבען, זיינען דידאָזיגע פאַמיליען־אָנדענקענס פאַרניכטעט, אָדער פאַרלאָרען געוואָרען. מיין ברודערס ווייב האָט ניט געהאַט קיין פאַרשטענדניס פאַר אזעלכע פאַמיליען־אָנדענקענס . . .)

כל זמן מיין פאָטער האָט געלעבט, האָט ער אָפּגעהיט דעם יאָהר־צייט פון זיין פאַרשטאָרבענעם עלטסטען זון. דער יאָהרצייט איז אויס־געקומען דעם לעצטען טאָג חנוכה, „זאת חנוכה". מיין פאָטער האָט יעדעס יאָהר, צוליב דעם, ביי זיך אין הויז, געמאַכט א גרויסע סעודה, צו וועלכער עס זיינען געווען געלאַדען דעם טאַטענס גוטע פריינד און אויך אַלע בעלי בתים פון ר' וואָווטשיס קלויז, וואו מיר האָבען גע־וואוינט. עס פלעגען ביי דערדאָזיגער סעודה זיין אן ערך פון א זיבעציג־אכציג מענשען. אויך אזעלכע, וואָס האָבען דעמדאָזיגען גרויסען מושלם

— וואָס איז אויך געווען א גרויסע בקי אין ש"ס און פּוסקים — נאָך גוט געקענט.

נאָך א היבש ביסעל יאָהרען שפּעטער, האָט מיין ברודער מענדעל — וואָס איז געגאנגען אינ'ם טאַטענס דרכים — געהאַלטען זיין עלטערען ברודערס יאָהרצייט און יעדען לעצטען טאָג חנוכה געמאכט אזא סעודה, כאָטש פאר א פיל קלענערען עולם.

## 15 — מלמדים

ווענגען מיינע מלמדים, וואָס איך האָב געהאַט אין מיינע יונגע יאָהרען, האָב איך ניט קיין סך צו דערצעהלען. איינס ווייס איך איצט יאָ, אז זיי אליין האָבען גאָר ווינציג געקענט און דערפאַר ניט געווען בכח עפּעס ממשות'דיגעס אויפצוטאָן מיט זייערע תלמידים — כאָטש עס זיינען צווישען זיי געווען איינגלאַך מיט גאַנץ גוטע קעפּלאַך...

דער מנהג איז געווען, אז יעדער בטלן און לא־יוצלח, וואָס האָט שוין צו גאָרנישט געטויגט, האָט זיך גענומען צו מלמדות. און אפילו אין לעמבערג, א קהילה פון איבער צוואנציג טויזענד אידען, און צווי־שען זיי א סך געלערנטע, איז די לאַגע ניט פיל בעסער געווען.

אלף־בית און „טראַף", האָב איך געלערנט ביי ר' ישראל קיטש, (ראָהאָטין; דער פאָטער פונ'ם באַוואוסטען בוך־דרוקער חיים ראָהאָטין). ער איז געווען דער חזן און שמש פון דער סיקסטוסקע שוהל און ער האָט זיין דירה געהאַט אויפ'ן שוהל־הויף. ער איז געווען א שטילער איד און א גאָר פיינער מענש. די רביצין — א גאַנץ לייטישע אלטע אידענע. אָבער די תורה זיינע, ובפרט זיין „חכמת הפּעדאַגאָגיע" האָט געקענט א גאַנץ שוואַכע פליג אוועקטראָגען...

איך האָב ביי איהם און זיינע באהעלפערס געלערנט עטליכע זמנים (און זיך נאָך מעהר געשפּילט אויפ'ן שוהל־הויף, דאָס הייסט, לעבען די אָפענע בית הכסאות)... ביז איך בין עלטער געוואָרען און מען האָט מיך אוועקגעגעבען צו א חומש מלמד, דעם „בלינדען משה".

קיין גרויסער לערנער איז ער אויך ניט געווען. ער איז שוין געווען אַן עלטערער איד און זיין חתוך הדבור איז אויך ניט געווען קיין גאָר שאַרפער. פונדעסטוועגען, אז עס איז געקומען דינסטאג, אָדער העכס־טענס מיטוואָך, האָב איך שוין געקענט די צוויי־דריי פּרשיות חומש מיט די פּאָר פּסוקים רש"י, וואָס ער האָט מיט אונז געלערנט.

ער, אזוי גוט ווי מיין פריערער רבי, ר' ישראל קיטש, האָבען זייערע תלמידים כמעט קיינמאָל ניט געשלאָגען, העכסטענס אמאָל געמאַכט א „פּעקעל", אָדער פּאַר א גרעסערען „פאַרברעכען" — אוועקגעשטעלט „אין ווינקעל" (אין קונע).

דאָס פאַרשולדיגטע אינגעל איז, בשעת די אַנדערע קינדער האָבן געלערנט, אוועקגעשטעלט געוואָרען אין א ווינקעל און צוויי „גבורי ישראל", מיט בלויזע „שווערדען", מיט ריטלאך אין די הענד, האָבן איהם געהיט, אז ער זאָל ניט אַנטלויפען...

דידאָזיגע שטראָף האָט, געוועהנליך, אָנגעהאַלטען פופצעהן מינו־טען „אויפ'ן זייגער". אָבער אַז דאָס אינגעל, סך הכל א קינד פון זעקס־זיבען יאָהר, האָט זיך שטאַרק צואווייינט, פלעגט איהם דער רבי „באַגנאַדיגען" און האָט געהייסען די „גבורים" איהם אָפּלאָזען, א סך פריער פאַר די פופצעהן מינוטען...

אויך דער „בלינדער משה" האָט געוואוינט אויף א גרויסען הויף און עס איז געווען א סך פּלאַץ וואו ארומצולויפען און זיך צו שפּילען.

ווער מיינע חברים זיינען געווען אין יענע צוויי חדרים, געדענק איך גאָר ניט. עס זיינען ניט געווען אזעלכע אינגלאך, מיט וועמען אָנצוהאַלטען א לענגערען אינטערעס.

מיין ערשטער גמרא־מלמד, ווען איך בין אַלט געווען א יאָהר אַכט, איז געווען א הויכער און ברייטער איד, מיט'ן נאָמען מרדכי אבא.

איין זאַך בין איך וועגען איהם זיכער: אין גן־עדן איז ער זיכער ניט! און ווען איך וואָלט געהאַט דעם מינדעסטען חשד, אז ער האָט זיך אהין פּאַרט אריינגעכאַפּט, וואָלט איך תיכף אוועקגעשיקט א בקשה צום בית דין של מעלה — קיין אונטערשריפטען פון זיינע תלמידים וואָלטען מיר זיכער ניט געפעהלט — אז מען זאָל איהם פון דאָרטען „דעפּאָרטירען" און אָפּשיקען, אונטער א וואַך, אין דער שאול תחתיה אריין, אינ'ם נידריגסטען און פייערדיגסטען אָרט פונ'ם גיהנם...

דאָס איז געווען א איד, אַן אכזר און א מערדער!

מיט'ן ווייב, א שטיל און רוהיג ווייבעל, האָט ער געהאַט גאָר קנאַפּ שלום בית. ער פלעגט זי שעלטען און באַליידיגען אויפ'ן ערגסטען אופן. און זי האָט איהם כמעט קיינמאָל ניט צוריק געענטפערט. די ערשטע קללות, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט אויף מיין לעבען, זיינען געווען פון דעם דאָזיגען רבי'ן...

מרדכי אבא, איז שטענדיג געווען בייז און מלא־רציחה און אַלע קינדער האָבען פאַר איהם געציטערט אימת־מות. מיר זיינען ביי איהם געווען א פופצעהן תלמידים, אויסגעזעצט אויף צוויי בענק ביים לאַנגען טיש. מיר האָבען געלערנט די גמרא בבא־מציעא, דעם ערשטען פּרק.

ער, מרדכי־אבא, איז געזעסען אויבן־אָן, אינ'ם בלויזען טלית־קטן. אין האַנד האָט ער געהאַלטען א לאַנגע ווירע (אזא לאַנג ברעטעלע, מיט פיר שאַרפע קאַנטען, מיט וועלכען מען ליגירט פּאַפּיר צום שרייבען)

און מיט דערדאָזיגער „ווירע" האָט ער געפירט און געציכטיגט זיינע „צאן קדשים", מייסטענס אינגלאך פון נגידישע עלטערען, ווייל ער האָט אין שטאָדט געהאט א נאָמען פאר א גוטען בעל פועל...

יעדע פערטעל, אָדער האלבע שעה, האָט ער אויסגעקליבען אנ־אנדער אינגעל און איהם אוועקגעזעצט לעבען זיין לינקער האנד (די „ווירע" האָט ער די גאנצע צייט פונ'ם לערנען ניט ארויסגעלאָזט פון דער לאפּע), און וועה איז שוין געוועזען צו דעם דאָזיגען אינגעל...

אחוץ שלאָגען מיט דער „ווירע", האָט מרדכי־אבא געהאט א טבע צו קניפּען. און אזוי ווי קניפּען קען מען דאָך ניט פון דער ווייטענס, פלעגט ער אויסלאָזען את כל אפּו ואת כל חמתו צו דעמדאָזיגען אינגעל, וואָס איז איצט געזעסען ביי זיין לינקער האנד. ניט איינמאָל האָט זיך אזא קינד אזוי צוואווינט און פשוט פארקייכט, אז עס איז שווער געווען איהם איינצונעמען. בשעת אזא „פּאָגראָם", פלעגט די רביצי'ן פּרואווען ראטעווען דעם קרבן. זי פלעגט צולויפען און דאָס אינגעל פון זיינע הענד ארויסרייסען. זי פלעגט דעם „קרבן" איינשטילען. זי האָט שטענדיג געהאט קאראמעלקעס און אנדערע זיסע זאכען צו פארקויפען (מרדכי־אבא האָט געוואוינט אויף א שטאָק און מען האָט א גאנצען טאָג ניט געטאָרט ארונטערגעהן. קיין הויף צום שפּילען איז דאָרטען ניט געווען)...

די רבי'צין האָט מיט'ן „געקניפּטען" אינגעל אזוי לאנג איינגע־טענה'ט, און איהם טאקע געגעבען אומזיסט אזוי פיל קאראמעלקעס און צוקערלעך, ביז ער איז צוריק געגאנגען צום טיש . . .

„אויסזאָגען פון חדר" איז אין אלע חדרים געווען שטרענג פאר־באָטען, און אלע אינגלאך וואָלטען פון א „מסור" געוויכט און מיט איהם זיך ניט געוואָלט שפּילען. האָבען, דערפאר, די עלטערן, איבער־הויפּט די מאַמעס, ניט געוואוסט וואָסערע רציחות דערדאָזיגער מרדכי־אבא באגעהט געגען זייערע אָפּט־„ציטערדיגע" קינדער.

אויך איך האָב פון איהם געהאט א היבש ביסעל אויסצושטעהן. איהם איז געווען א גאָר קליינער אונטערשיד, אויב א אינגעל האָט יאָ אָדער ניט געקענט, דאָס שטיקעל גמרא. עס איז פאר איהם געווען נגנוג, אז ער זאָל ביי א אינגעל זעהען די מינדעסטע תנועה, וואָס איז איהם ניט געפעלען געוואָרען, אז ער זאָל איהם מכבד זיין מיט דער „ווירע", אָדער דערלאנגען אזא קניפּ, אז עס זאָל אזש אָנכאַפּען ביי דער „זיבע־טער ריפּ".

איך האָב ביי איהם אָפּגעלערנט א גאנצען זומער און אויך א האל־בען ווינטער. ער האָט מיר אָבער איינמאָל — כאָטש איך האָב זיך

גאָר קנאַפּ פארשולדיגט — געגעבען אזא שטארקען קניפּ, אז איך האָב שיער ניט גע'חלש'ט. און די גוטע רביצין, האָט מיט מיר געהאט גאָר א סך ארבייט און מיר אװעקגעגעבען א סך פון איהרע זיסע זאכען, ביז זי האָט מיך איינגענומען, און איך האָב איהר געמוזט צושװערען ביי מיינע ציצית און פאר צװיי „עדות", מיינע חדר־חברים, אז איך װעל פאר קיינעמען ניט דערצעהלען װאָס אין חדר איז פאָרגעקומען.

און איך װאָלט זיכער מיין „שבועה" געװען געהאלטען און ניט אויסגעזאָגט פונ'ם חדר.

האָט זיך אָבער פּונקט געמאכט, אז סאָשיע, דאָס דינסט־מיידעל (זי איז ביי אונז געװען א משך פון עטליכע יאָהר און טאקע פון אונזער הויז חתונה געהאט), האָט מיך אינ'ם זעלבען אװענד, פאר'ן שלאָפען ליגען, אויסגעטאָן און איבערגעביטען די װעש. איך האָב מיך מיט איהר געאמפּערט און ניט געלאָזט אויסטאָן. דאָס האַרץ האָט מיר טאקע געזאָגט, אז קיין גוטס װעט דערפון ניט ארויסקומען. זי איז דאָך אָבער געװען א סך שטארקער פון מיר און, האָט מיט געװאָלט, אראָפּגעשלעפּט די װעש. און דאָ האָט זי פּלוצים אזא הויכען געשריי געטאָן, אז די מאַמע איז אזש געקומען אריין צולויפען פונ'ם שלאָף־צימער...

סאָשיע האָט ביי מיר אויפ'ן קני דערזעהען א שװארץ־בלאָהען פלעק און זי האָט זיך דערפון אזוי דערשראָקען, אז זי האָט אזש ארויסגע־לאָזען דעם געשריי...

אין אָנפאנג האָב איך טאקע ניט געװאָלט אויסזאָגען פונ'ם חדר. איך האָב גע'טענה'ט, אז איך בין געפאלען אויף די טרעפּ און צוקלאַפּט די קני. אָבער סוף־כל־סוף, האָב איך פאר סאָשיע'ן אויסגעזאָגט דעם גאנצען סוד, דערצעהלט װאָס אין חדר איז פאָרגעקומען, און אז ס'איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, װאָס איך האָב באקומען אזעלכע קניפּ פונ'ם רבי'ן.

סאָשיע האָט מיך שוין גענומען אין איהרע הענד אריין און עטליכע שעה כסדר געהאלטען צולייגען קאלטע „קאָמפּרעסען", ביז דאָס גע־שװילאכץ און דער שװארץ־בלאָער צייכען האָבען אָנגעהויבען אָפּצור־געהן.

אויפ'ן צװייטען טאָג בין איך שוין אין חדר ניט געגאנגען. דער טאַטע האָט מרדכי־אבא'ן געשיקט רופען צו אונז אין הויז אריין און ער איז באַלד געקומען — א דערציטערטער און דערשראָקענער...

דער טאַטע איז אויף איהם געװען מלא־כעס (איך האָב קיינמאָל דעם טאַטען ניט געזעהען אזוי שטארק אין כעס) און ער האָט צום מלמד געזאָגט, אז אין אמת'ן האָט ער אין זינען געהאט איהם צו

רופען צו א דין תורה, אז דאָס בית דין זאָל איהם מעניש־זיין פאר'ן קנייפען און שלאָגען אומ'ברחמנות'דיג פרעמדע, קליינע קינדער. ער האָט זיך אָבער דערנאָך באַרעכענט; ווארום ווען ער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלטען זיכער אלע אנדערע בעלי בתים פון איהם אוועקגענומען זייערע קינדער און מקפח־פרנסה זיין, וויל ער איהם ניט...

ער האָט איהם באצאָלט שכר לימוד, פאר א גאנצען זמן, און מעהר האָב איך זיין פרצוף ניט אָנגעקוקט...

## 16 — גמרא־מלמדים

מיט מיינע אנדערע גמרא מלמדים, האָב איך פּשוט „געבראָכען דעם רעקאָרד". זעהר וועניג אינגלאַך האָבען זיך געקאָנט באַרימען, אַז זיי האָבען מיטגעמאַכט דאָסזעלבע וואָס איך. איך האָב געהאַט אַלס מיינע גמרא־מלמדים א פאָטער מיט זיינע צוויי זין. צוערשט האָב איך געלערנט ביים פאָטער, דערנאָך ביי זיין יונגערן זון און צולעצט, ביז מיין פאָטער'ס אָפּשטאַרבען, ביים עלטערען פון די זין.

אין גאַליציע, ניט ווייט פון דער שטאָדט ריישאָ, איז פאַראַנען א קליין שטעדטעל מיט'ן נאָמען סאָקאָלאָוו. עס געהט אין גאַליציע אַרום א פאָלקס־ווערטעל אויף איינעם וואָס מישט זיך אין פרעמדע עסקים, אַז ער איז א „סאָקאָלאָווער עדות". דעם טייטש דערפון קאָן מען משער־זיין.

אָט אין דעם דאָזיגען גרויסען כרך סאָקאָלאָוו, האָט געוואוינט א איד מיט'ן נאָמען מענדעל וויינער. ער האָט געהאַט צוויי זין: יהושע און משה. אַלע דריי האָבען געקענט אביסעל לערנען. איבערהויפּט דער לעצטער ר' משה (ער איז סוף ימיו געווען א דיין ביים לעמבערגער בית דין).

אַלע דריי, דער פאָטער מיט די צוויי זין, זיינען געווען שדכנים. אָבער נישט קיין פּשוט'ע שדכנים, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט קליינע, אָרימע שידוכים, נאָר טאַקע פון דעם סאָרט, וואָס מען רופט „וועלט־שדכנים". זיי האָבען געפירט שידוכים, ווי דער מנהג פלעגט צו זיין, מיט א סך שותפים, מיט אַנדערע „וועלט־שדכנים", אין פאַרשידענע לענדער, פאַר גרויסע גבירים, איבער גאַנץ גאַליציע, פוילען, רוסלאַנד, אונגאַרן און אַנדערע פּראָווינצען און מדינות.

צוליב זייערע געשעפטען (קיין גרויסע נגידים זיינען די דאָזיגע „וועלט־שדכנים" נאָך אַלץ ניט געווען), האָבען זיי זיך באַזעצט אין לעמבערג. זייערע פאַמיליעס זיינען פאַרבליבען אין סאָקאָלאָוו, אָבער די שדכנים האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין לעמבערג און נאָר „פּוקד געווען את נויהם" פון רגל צו רגל...

עס האָט פּשוט שעהנער געפּאַסט צום „מסחר", צו שרייבען בריף צו מחותנים פון אַזאַ גרויסער שטאָדט ווי לעמבערג, די הויפּט־שטאָדט פון גאַליציע, איידער פון אַזאַ העק־שטעדטעל ווי סאָקאָלאָוו.

אַ לעמבערגער שדכן איז שוין אַ וויכטיגע פּאַרשוין. מיט אַזאַ איינעם און מיט די שידוכים, וואָס ער שלאָגט אָן, מוז זיך אַ מחותן, אפילו דער גרעסטער גביר אָדער יחסן, גאָר שטאַרק רעכענען. אָבער ווער וואָלט זיך געוואָלט רעכענען מיט אַ שידוך, וואָס איז אָנגעטראָגען געוואָרען פון עפּעס אַ סאָקאָלאָווער שדכן?...

אַזוי ווי די דריי פּאַרשוינען האָבען ניט געהאַט קיין צופיל ארבייט — העכסטענס צו שרייבען עטליכע קאַרטלאַך אַ טאָג צו די מחותנים אָדער צו זייערע שותפים, די אַנדערע „וועלט־שדכנים" — האָבען זיי זיך מישב געווען, געוואָרען גמרא מלמדים און אונטערגעקנעלט פּאַר־איין־וועגס.

גאָר שווער איז זיי דאָס ניט אָנגעקומען. צוליב זייערע שידוכים, האָבען זיי געהאַט אַ דריסת הרגל אין אַ סך נגידישע הייזער, און יעדער פון זיי האָט באַקומען צו עטליכע תלמידים, פון וועלכע זיי האָבען באַקומען שכר לימוד צו פופציג־זעכציג גולדען אַ זמן, דאָס הייסט אַ זעקס הונדערט גולדען אַ יאָהר. און דאָס האָבען זיי שוין געהאַט געננוג פאַר זיך אין לעמבערג און פאַר זייערע פאַמיליעס אינ'ם קליי־נעם שטעדטעל סאָקאָלאָוו.

צוערשט האָב איך געלערנט ביים פאָטער, ביי ר' מענדעלען. צו־זאַמען האָבען מיר ביי איהם געלערענט זעקס אינגלאַך. דאָס חדר איז געווען אין אַ שולעכעל, אינ'ם הויף פון ר' שלמה היסען'ס הויז. דאָס שולכעלע האָט מען גערופען „דאָס ספּאָדקי שולעכעל" ווייל מיט יאָהרען צוריק, ווען אַלע אידען פלעגען נאָך געהן אין „ספּאָדיקעס", האָבען דאָרטען געדאַווענט די קירזשנערס, וואָס האָבען די דאָזיגע ספּאָדיקעס געמאַכט.

דאָס שולעכעל האָט זיך געפונען אין אַ טונקעלען, שמוציגען און ענגען הויף. די זון איז דאָרטען קיינמאָל ניט צוגעקומען, און עס איז געווען קאַלט און האַלב־פינסטער. עס איז פּשוט געווען אַן אָפּקומעניש און אַ שטיק קרענק דאָרטען צו פאַרברענגען גאַנצע ווינטער־טעג. אָבער ווער האָט זיך אין יענע צייטען אומגעקוקט אויף אַזעלכע „קלייניג־קייטען"?...

איך האָב דאָרטען געהאַט אַ חבר מרדכי פאַלטוראַק. זיינע עלטערן האָבען געוואוינט טאַקע אין דעם זעלבען הויז, נאָר צו דער פראָנט, אויף „דער ברייטער גאַס". זיי זיינען שטענדיג געווען פאַרנומען מיט

זייער גרויסען מעהל־געשעפט — אויך אינ׳ם זעלבען הויז — און מיר, קינדער, פלעגען אָפט זיין אין זייערע צימערען, האָבען זיך דאָרטען געשפּילט און אויף אַזאַ אופן אויסגעמיטען דאָס קאַלטע און פינסטערע שולעכעל.

ביי ר׳ מענדלען האָב איך געלערנט בלויז דעם איינעם זמן. אויפ׳ן זומער איז מיין רבי געוואָרען זיין זון, ר׳ יהושע. ביי איהם האָבען מיר געלערנט א פינף־זעקס אינגלאך, אין דער געמויערטער סוכה, אויפ׳ן דאך פון אונזער הויז.

סיי ביים פאָטער, סיי ביי דעמדאָזיגען זון, האָב איך ווייניג־וואָס אויפגעטאָן אין לערנען. ערשטענס, זיינען זיי כמעט שטענדיג געווען פארטאָן און פארהאַוועט אין זייערע שידוכים. ועל כולם — כאָטש זייענדיג טאַקע שארפע קעפּ — זיינען זיי געווען גאָר קנאַפּע בעלי־מסבירים. זיי האָבען גיך־גיך „אָפּגעמאָלען" דאָס שטיקעל גמרא מיט׳ן תוספות׳ל, און זיך גאָר ניט גערעכענט דערמיט, וואָס זיי האָבען צו טאָן מיט ניין־צעהן יעהריגע קינדער, מיט וועמען מען מוז לערנען לאַנגזאַם און מיט מעהר הסברה.

זיי זאָלען מיר דאָרטען ביידע מוחל זיין, איך וויים ניט: מעגליך, אז זיי זיינען יאָ געווען גרויסע תלמידי חכמים; אָבער פון „חכמת הפּעדאַגאָגיע" זיינען זיי געווען גאַנץ וויט. זיי האָבען ניט געוואוסט מיט וואָס מען עסט עס. זיי האָבען ניט אָנגעהויבען צו וויסען ווי מיט אונז צו לערנען און דער פועל־יוצא איז געווען, אז כאָטש ביים פאַר־הערען האָב איך, אדער די אַנדערע תלמידים, געקענט גאַנץ גוט נאָכצו־זאָגען דאָס וואָס מען האָט מיט אונז געלערנט א גאַנצע וואָך, אָבער קיין טיפערע ידיעה און א ריכטיג פארשטענדניש פון דער גמרא, האָט קיין איינציגער פון אונז ניט געהאַט — כאָטש עס זיינען צווישען אונז געווען אינגלאך מיט גאָר גוטע קעפּ.

דאָס ביסעל ידיעות וואָס איך האָב מיר, אין מיינע יונגע יאָהרען, יאָ דערוואָרבען אין תלמוד, איז געווען צו פארדאַנקען ר׳ מענדלעס ע ל ט ע ס ט ע ן זון, ר׳ משה וויינער. כאָטש ער איז געווען מעהר „וועלט־שדכן" און צוליב דעם געפירט א פיל גרעסערע קאָרעספּאָנדענץ ווי זיי ביידע, האָט ער אָבער דאָך שטענדיג צייט געהאַט זיך בעסער אָפּצוגעבען מיט זיינע תלמידים, און דער עיקר: ער איז בכח געווען דעם אינגעל א סך בעסער געבען צו פארשטעהן דאָס שטיקעל גמרא. עס איז ניט מעהר געווען א „מצוות אנשים מלומדה", נאָר דער שכל און די לאָגיק האָבען דערצו א היבש ביסעל צוגעהאָלפען.

ביי ר׳ משה וויינער האָב איך געלערנט גאנצע צוויי יאָהר, ביז צו מיין בר־מצוה. און איהם האָב איך צו פארדאנקען מיין ביסעל קענטניס — איבערהויפּט די אָנפאנגס־לימודים — אין דער גמרא.

ער איז אויך געווען מעהר פיקח במילי דעלמא, ווי זיין פאָטער און יונגערער ברודער — צוויי אָפּגעלאָזענע און נאכלעסיגע קליינשטעדטעלדיגע אידען — און אויך א סך מעהר מקפיד אויף זיין הלבשה און בעסערער אומגעבונג. ביי איהם האָבען מיר ניט געלערנט אין א קאלטען שולעכעל, אָדער א סוכה, נאָר ער האָט געדונגען א גרויסען און א באַקוועמען צימער און דאָרטען געמאכט זיין חדר.

אויף דער „ברייטער גאַס״ איז געווען א גרויסער שענק, וואו בעלי־בתישע אידען, איבערהויפּט סוחרים פון די ארומיגע שטעדטלאך, פלעגען אָפט פארקערען און טרינקען מעד. אין דעמדאָזיגען שענק איז אויך געווען א רעסטאָראַן, וועלכען ס׳האָט געפירט א פיינער איד מיט׳ן נאָמען ר׳ אביש טראקטירער.

ר׳ אביש, מיט׳ן ווייב, זיינען א גאַנצען טאָג געווען פארנומען אין זייער רעסטאָראַן און די דירה זייערע איז תמיד געווען אָפּגעשלאָסען.

דערדאָזיגער „רעסטאָראַטאָר״ האָט געהאַט אַן איינציג אינגעל מיט א זעהר גוט קעפּעל און א גרויסען חשק צום לערנען, האָט ר׳ אביש אָבגעמאכט מיט׳ן מלמד, אז ער וועט איהם געבען, פאר א גאַנצען טאָג און א שטיקעל אין אָווענד, זיין דירה פאר א חדר און דערפאר זאָל זיין אינגעל לערנען מיט אונז צוזאַמען.

דערדאָזיגער אינגעל, וואָס איז באַלד געוואָרען מיין חבר, האָט געהייסען שמואל גוטמאַן און ער איז שפּעטער, יאָהרענלאַנג, געווען דער הויפּט־ראַבינער און פרעדיגער פונ׳ם לעמבערגער טעמפּעל פון די פּאָרטגעשריטענע אידען. ער האָט אויך געהאַט א נאָמען פאר א זעהר גוטען רעדנער און אידישען געלעהרטען.

נאָך א חבר האָב איך דעמאָלט געהאַט. דאָס איז געווען א אינגעל פונ׳ם ניט־ווייטען שטעדטעל יאַנאָוו, ביי לעמבערג. ער האָט געהייסען יאַנקעלע ריכטער. זיין זיידע, ר׳ בערל ריכטער, איז געווען א גרויסער גביר און א באַזיצער פון א ביר־ און מעד־ברויערייִ.

יאַנקעלע האָט פארמאָגט א גאָר גרויסען טאַלאַנט צום מאָלען. ער האָט שפּעטער געלערנט ביים באַריהמטען מאַלער מאַטעיקאָ אין קראָקע, און איז געוואָרען אָ קינסטלער מיט א גרויסען נאָמען.

שרייבען אידיש, דייטש און פּויליש, האָב איך געלערנט ביי א באַזונדערען לערער.

אין לעמבערג זיינען אין יענע צייטען אויף דארויף געווען צוויי גרויסע „קינסטלער": פּאָלטאָוואָר און וואשיץ. זיי זיינען געווען גרויסע „קאָנקורענטען" צווישען זיך און יעדער האָט זיך באַרימט, אז ער קען מעהר כל'ערליי שריפטען אין אידיש פון צוויטען. יעדע פּאָר וואָכען איז פון יעדען ארויסגעהאנגען געוואָרען א גרויס פּאפּיר אין א ראם, מיט וואָס אמאָל מעהר שריפטען. ביז וואשיץ האָט ענדליך „געשלאָגען" מיין לערער פּאָלטאָוואָר'ן און זיין ראם האָט פארמאָגט גאנצע צוויי־און־צוואנציג־ערליי אידישע שריפטען.

געשריבען האָבען מיר מיט גענזענע פעדערען (מיט שטאָלענע האָט מען ניט געקענט אזוי פיין אויסציקלען די שריפט) און דער לערער האָט אונז אויך אויסגעלערנט, ווי אזוי צו פארשניצען א גענזענע פעדער, וואָס איז פאר זיך אליין אויך געווען א גרויסע קונץ, און יעדער אינגעל האָט צוליב דעם געמוזט האָבען א „פעדער־מעסעריל", מיט א גאָר שארפען קלינגעל.

## 17 — מיינע צוויי חבריטעס

ניט נאָר בלויז פיינע און ליטישע חברים — כּמעט ניט קיין סך — האָב איך געהאַט אין מיינע יונגע יאָהרען. עס קומען מיר איצט אויפ'ן זינען אויך צוויי שעהנע און ליבליכע מיידלאך, מיינע חבר'טעס, וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך בין געווען אַ אינגעל פון אַ יאָהר צוועלף.

אויך מיט זיי האָב איך זיך, חלילה, ניט געהאַט וואָס צו שעהמען, און אַ אמת-ווארים געפיהל נעמט מיך ארום, ווען איך שרייב די איצ־טיגע שורות.

דער גרעסטער און חשוב'סטער גביר אין לעמבערג איז אין יענע צייטען געווען ר' ירחמיאל הלוי איש האָראָוויץ, וועמעס פארמעגען איז געשאַצט געוואָרען אין אַן ערך פון דריי מיליאָן גולדען. אַ חוץ איהם איז אין גאַנץ לעמבערג ניט געווען נאָך אַזאַ רייכער איד.

אויסער זיין גבירישאַפט, איז ער אויך געווען אַ גרויסער מיוחס (אַן אייניקעל פונ'ם וועלט-באַריהמטען של"ה און אליין אַ גרויסען רב'ס אַ זון) און אַ ברייטער בעל צדקה דערצו. בלויז קליינע נדבות, וואָס זיין פרוי פלעגט פארטיילען, זיינען געווען איבער הונדערט גולדען אַ וואָך. מיט וויכטיגערע זאַכען האָט מען זיך געווענדעט צו איהם אליין און ער האָט שטענדיג געגעבען מיט דער ברייטער האַנד.

רבי ירחמיאל פלעגט גאָר אָפט זיצען און עוסק זיין בתורה. און כדי עס זאָל זיך איהם ניט בענקען אליין ביים לערנען, האָט ער מקיים געווען די קלוגע עצה פון אונזערע אלטע חכמים: „קנה לך רב ועשה לך חבר". ער האָט זיך גענומען דעם לעמבערגער ראש בית דין, רבי אורי וואָלף סאלאַט, אַ באוואוסטער גדול בתורה און אויך אַ פיקח במילי דעלמא, וועמען ער פלעגט צאָלען צוואנציג גולדען אַ וואָך (אַ גרויסע סומע געלד אין יענע צייטען, מיט אַ זעכציג יאָהר צוריק). יעדען אָוועט, באַלד נאָכ'ן דאַווענען, האָבען זיך ביידע אוועקגעזעצט לערנען און אַזוי פאַרבראַכט עטליכע שעה.

דער ר"ב"ד צוזאַמען מיט רבי ירחמיאל'ן, זיינען געזעסען אין דער לעצטער שטוב, און פון דער פראָנט-שטוב ביז צו זיי, האָט מען געמוזט דורכגעהן פיר האלב-באַלויכטענע צימערען.

מיין פֿאָטער איז געווען שטאַרק באַפֿריינדעט מיט ר׳ ירחמיאל׳ן, ווי מיט אַלע לעמבערגער גבירים. אַזוי ווי ר׳ ירחמיאל איז געווען אַ יעהרליכער אַבאָנענט אויף דער ווינער צייטונג „די נייע פֿרייע פּרעסע" און האָט זי דורכ׳ן טאָג דורכגעלייענט, פֿלעגט מיין פֿאָטער זי פֿון איהם באַקומען אין אָווענט.

איך פֿלעג יעדען אויף־דערנאַכט, באַלד נאָכ׳ן דאַווענען, געהן צו ר׳ ירחמיאל׳ן אין הויז אריין צו נעמען דאָס בלאַט.

די צייטונג איז שוין שטענדיג געלעגען אין ר׳ ירחמיאל׳ס לערן־שטוב, אויפ׳ן קאַסע־קאַסטען און פֿון דאָרטען האָב איך זי, שטילער־הייט, צוגענומען, כדי די צוויי לערנערס ניט צו שטערען.

יעדעס מאָל איז אויך לעבען דער צייטונג געלעגען אַ „פֿירער" (אַ קופּערנע מטבע, אין ווערט פֿון פֿיר גראַצער). דאָס האָט רבי ירחמיאל אוועקגעלעגט פֿאַר מיר, „שכר הליכה".

אַז איך האָב שוין געהאַט די צייטונג מיט׳ן „פֿירער", בין איך צוריק אַריין אין דער פֿאָדערשטער שטוב, וואו עס האָבען שוין אויף מיר געוואַרט מיינע פֿריער דערמאָנטע צוויי חבר׳טעס. די פֿאָדערשטע שטוב איז געווען אַ גאָר גרויסע. עס האָבען זיך דאָרטען געפֿונען עטליכע טישען. ביי דער טיר איז געזעסען די „בעל הביתטע" אַן עלטערע, בכבוד׳ע פֿרוי, וואָס האָט אַכטונג געגעבען אויפ׳ן גרויסען הויז. זי איז אויך געווען די פֿאַרטיילערין פֿון די קלענערע נדבות. ביי אַ צוויי־טען טיש פֿלעגט זיצען פֿייגעלע האָראָוויץ, די גביר׳טע, מיט איהרע טעכ־טער. (קיין זין זיינען דאָרטען ניט געווען).

און ביים דריטען טיש זיינען, אַלעמאָל אין אָווענד, געזעסען צוויי עלף־יעהריגע מיידלאַך און ביי זייער טיש האָב איך זיך אַוועקגעזעצט, ווען איך בין געקומען נאָך דער צייטונג.

איינע פֿון די צוויי מיידלאַך איז געווען ר׳ ירחמיאל׳ס אַן אייני־קעל — פֿון זיין פֿאַרשטאָרבענער טאָכטער, די פֿרוי פֿון איהר קאָזין שמעלקע האָראָוויץ — דער שפּעטערער מיליאָנער און באַזיצער פֿון דער שטאָדט בראָד און איהרע אַרומיגע גאָר גרויסע וועלדער און גיטער. (ער איז אויך פֿון קייזער געאַדעלט געוואָרען מיט׳ן טיטעל „פֿאָן", און איז יאָהרען לאַנג געווען ראש הקהל פֿון לעמבערג).

דאָס צווייטע מיידעל, מאַריאַמשטע, איז געווען אַ טאָכטער פֿון ר׳ ירחמיאל׳ס אייניקעל, דעם באַוואוסטען גביר און גרויסען יחסן ר׳ שמעלקי רוקח.

(די ערשטע האָט דערנאָך געהייראַט מיט דעם באַוואוסטען אַדוואָ־קאַט נאַטהאַן לעווענשטיין פֿון לעמבערג, אַ זון פֿונ׳ם לעמבערגער

טעמפּעל־פּרעדיגער, ר׳ ישכר דוב לעווענשטיין. דער יונגער לעווענשטיין איז שוין געווען א גאנצער „פּאָליאַק״ און אן אסימילאַטאָר. ער איז דערנאָך געווען רייכסראַטס־אַבגעאָרדענטער פונ׳ם דראָהאָביטשער קרייז, און צוליב זיין וואהל האָט זיך א סך אידיש בלוט געגאָסען. ער איז אויך פון קייזער פראַנץ יאָזעף געאדעלט געוואָרען און באקומען — ווי זיין שווער — דער טיטעל „פאָן״. די צווייטע האָט געהייראַט מיט גאָר א פרומען מאַן: מיט דר. מאיר מונק, פון אַלטאָנא, א שוועסטער־זון פונ׳ם וועלט־באַרימטען רבי עזריאל הילדעסהיימער, ראַבינער אין בערלין און גרינדער און פירער פונ׳ם דאָרטיגען ראַבינער־סעמינאַר).

די צוויי מיידלאַך פלעגען, געוועהנליך, שפּילען אין קאָרטען, אין „קאַנטעשניע״, צו גראַצער א קאָן.

אין אָנפאַנג האָב איך, נעבאַך, ניט געקענט די שפּיל. ביי מיין פאָטער אין הויז האָט מען קיין קאָרט ניט אָנגעזעהען און עס איז פּשוט ניט געווען מיט וועמען צו שפּילען...

אָבער דידאָזיגע צוויי מיידלאַך האָבען זיך געקויפט די גרויסע „מצווה״ און מיך אויסגעלערענט די שפּיל און דערנאָך האָב איך שוין געקענט בעסער פון זיי.

אזוי ווי איך האָב שטענדיג געהאַט פיר גראַצער, האָב איך דערמיט געשפּילט. טאָמער האָב איך פאַרלאָרען דעם „פירער״ און נאָך פון מיין אייגענעם געלד דערצו, (אין אָנהויב פלעגט דאָס כמעט שטענדיג געשעהען און מען האָט פון מיר דערפאַר געלאַכט), בין איך אָבער מיט קיין היזק פון דאָרטען קיינמאָל ניט ארויס: די גבירה, אדער איינע פון איהרע טעכטער, ביים צווייטען טיש, האָט מיר שטענדיג מיין שאָדען דערזעצט, אזוי, אז אָפטמאָל בין איך נאָך אוועק מיט ריוח.

ביי מיר אין דער היים האָט קיינער דערפון ניט געוואוסט. איך אליין האָב איך זיך אודאי געשעמט וועגען דעם צו דערציילען, ווארים ווי פאַלט עס אויס, אז אזא בחור׳ל ווי איך, וואָס האָט שוין געלערנט א בלאַט גמרא מיט תוספות און שוין ארייגעקוקט אין א לשון הקודש׳דיגען ספר׳ל, זאָל זיך גאָר שפּילען מיט מיידלאַך און אין קאָרטען דערצו?!...

דאָס האָט אזוי אָנגעהאַלטען איבער אָנדערהאַלבען יאָהר, ביז מיין פאָטער איז קראַנק געוואָרען, און טאַקע דערנאָך געשטאָרבען, און איך האָב שוין מעהר קיין אורזאַך ניט געהאַט צו קומען אין דעמדאָזיגען גבירישען הויז.

זייט דעמאָלט האָב איך דידאָזיגע צוויי מיידלאַך געזעהען בלויז איינמאָל און פון דער ווייטענס, ווען איך בין, מיט א פופצעהן יאָהר

שפּעטער, געווען אין לעמבערג און עס איז דעמאָלט פּונקט געווען די לויה פון זייערער א מוהמע, ר׳ ירחמיאל׳ס א טאָכטער. זיי זיינען דאן שוין געווען פאַרהייראטע פרויען און האָבן ביי דער לויה געטראָגען שוואַרצע שלייערס איבער די פּנימער, אזוי אז איך האָב זייערע געזיכטער אפילו ניט געקענט זעהען...

אויב דידאָזיגע צוויי דאַמען לעבען נאָך, און אויב זיי קאָנען נאָך איצט לייענען אַביסעל אידיש און אויב זיי וועלען האָבען א געלעגענהייט צו זעהען מיינע איצטיגע שורות — שיק איך זיי א האַרציגען גרוס, גלויבענדיג אז אויך ביי זיי וועט זיך דערוועקען א ליבע דעראינערונג פון יענע פרעהליכע, זאָרגלאָזע און פרידליכע קינדער־יאָהרען...

## 18 — השכלה

שוין צו אכט יאָהר, ווען איך האָב נאָך גאַנץ ווייניג פאַרשטאַנען העברעאיש, האָב איך שוין ליב געהאַט זיך צו פאָרען ביי ספרים.

ביי אונז אין שטוב זיינען געווען דריי גרויסע, אַלטמאָדישע, שאַפעס און אַלע זיינען זיי געווען אָנגעפּילט מיט ספרים. צווישען זיי זיינען אויך געווען א היבש ביסעל השכלה־ספרים און אפילו אויך שירים און מליצות פון די פריערע משוררים, ווי א שטייגער ויזל, שלום הכהן, לעטערים און אנדערע.

צו אַט דידאָזיגע ספרים האָט עס מיך שטענדיג געצויגען. איך האָב זיי אַלע ארויסגעקליבען פון צווישען די גרעסערע פאָליאַנטען און זיי אוועקגעשטעלט אין צוויי באַזונדערע פאַכען. איך האָב מיך באַטראַכט פאַר זייער בעל־הבית און קיינער האָט ניט געהאַט די העזה צו נעמען איינס פון זיי אָהן מיין וויסען...

דאָס ערשטע ספר, וואָס איך האָב באמת געלייענט, איז געווען די „ספורי מעשיות" פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער. צווישען אונזערע ספרים האָט זיך געפונען די ערשטע אויסגאַבע פון דידאָזיגע מעשיות: דער פאָרמאַט איז געווען א גרויסער, באַלד ווי א משניות. דער טעקסט איז אויבען געווען אין לשון־קודש און אונטען אין אידיש. די מעשיות זיינען געווען אַזעלכע פשוט׳ע, אָנציהענדע און לייכט צום לייענען, אַז איך האָב זיך, בשום אופן, פון זיי ניט געקאָנט אָפּרייסען, ביז איך האָב זיי טאַקע איינגאַנצען דורכגעלייענט.

ביי א גרויסען טיש, אין דער „לאַנגער שטוב", איז געזעסען דער טאַטע, מיט איינעם, אָדער מעהר, שרייבער, און דער גאַנצער טיש איז געווען אָנגעלייגט מיט פאַרשידענע פּאַפּירען און דאָקומענטען. כדי איך זאָל זיי ניט שטערען אין דער ארבייט, האָב איך פאַר מיר געהאַט מיינס א באַזונדער טישעל, מיט א חלב־ליכט, און דאָרטען האָב איך ליב געהאַט צו זיצען און אריינקוקען אין מיינע ספרים׳לאַך.

נאָך ר׳ נחמן׳ס מעשיות האָב איך נאָך דורכגעלייענט אנדערע חסידישע מעשה־ביכלאַך, אָדער לייכטע השכלה־ספרים׳לאַך, ווי א שטייגער, „הפודה ומציל", „בן מלך" און עהנליכע.

אַז איך בין אַביסעל עלטער געוואָרען און בין שוין געווען פעהיג אַריינצוקומען אין אַנדערע שווערערע ספרי השכלה, האָב איך אָנגעהויבען באַקומען חברים, אינגלאַך אין מיינע יאָהרען, און צוזאַמען פלעגען מיר רעדען וועגען די ספרים, וואָס מיר האָבען שוין געהאַט געלייענט, אָדער איינער דעם צווייטען געבאָרגט, און מאַנכעסמאָל אויך געמאַכט אַ „חילוף". כמעט יעדען פאַרנאַכט, פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען, פופצעהן־צוואַנציג אינגלאַך, פון אַלע עקען שטאָדט, „פאַר דער שול" (אַ באַוואוסטע גאַס אינ'ם אידישען קוואַרטאַל) כמעט יעדער האָט מיט זיך מיטגעהאַט אַנאַנדער השכלה־ספר'ל, עס געוויזען צו די חברים, וועגען דעם גערעדט און געזאָגט מבינות...

מיר פלעגען שוין אויך לייענען דעם „המגיד", „הלבנון", „הקול" און אפילו דעם „העברי", און געוואוסט די נעמען פון די שרייבער און זייערע פריוואַטע פאַרהעלטענישען.

איבערהויפט פלעגען מיר אַ סך רעדען און באַוואונדערען יענע לעמבערגער יונגעלייט, וואָס האָבען זיך מיט עטליכע יאָהר פריער אַרויסגעריסען אין דער גרויסער וועלט און זיך געכאַפּט צום שטודירען.

אַזוי אַ שטייגער, איז שמעון בערנפעלד (איך האָב איהם פערזענליך ניט געקענט), וואָס איז אין זיין זעכצענטען יאָהר, שוין געווען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער אינ'ם „המגיד" און איז געווען דער „עוזר בבית המערכת" אין ליק, ער איז געווען אונזער אידעאַל, און מיר האָבען זיך געוואונשען צו קאָנען דערגרייכען אַזאַ הויכע מדרגה ווי ער.

אין טעג ווען דאָס וועטער האָט ניט דערלויבט, פלעגען מיר זיך פאַרזאַמלען אינ'ם ניט־ווייטען בית המדרש „אנשי מעמד" און, צווישען מנחה ומעריב און תיכף נאָכ'ן דאַווענען, האָבען מיר עוסק געווען אין אונזערע השכלה־שמועסען און „חילוף־ספרים".

די „השכלה־בערזע" „פאַר דער שול" איז דערנאָך אַזוי באַוואוסט געוואָרען איבער דער שטאָדט, אַז יעדער אינגעל, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקעל שייכות צו השכלה, האָט געזוכט דאָרטען אָנוועזענד צו זיין, אַזוי אָפט ווי נאָר מעגליך.

פון די דאָזיגע השכלה־חברים געדענק איך נאָר צוויי: (אַחוץ דעם שוין דערמאָנטען יהודה ליב לאַנדאַ), יחיאל קליין (איך ווייס ניט וואו ער איז אַהינגעקומען) און יהושע גייער, וואָס איז דערנאָך געווען אַ באַוואוסטער בוך־הענדלער אין בודאַפּעסט.

אפילו יונגע־לייטלאַך, שוין פאַרהייראַטע באַלעבעסלאַך, וואָס זיינען געווען אָנגעשמעקט מיט השכלה, אָדער גאָר שוין געווען מחברים פון אַזעלכע ספרים'לאַך, האָבען זיך ניט געשעמט און געקומען פאַר־

נאכט „פאר דער שול״. זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט די אינגלאך, זיך אינטאיינוועגס אָנגערופען אַ וואָרט, אָדער באַקוקט די ספרים׳לאך, וואָס מיר האָבען מיט זיך געהאַט...

פון „פאר דער שול״ זיינען דערנאָך ארויסגעקומען א היבש ביסעל געלערטע, וואָס האָבען זיך קונה שם געווען אויף פארשידענע געביטען. איבערהויפט אזעלכע, וואָס האָבען שטודירט אויף ראבינערס און אויך געוואָרען העברעאישע דיכטער און שריפטשטעלער.

אויך דייטשע ביכער פלעגען מיר לייענען, אָבער ניט קיין ראָמאַנען. בלויז די קלאַסיקער. די באַליבטעסטע זיינען געווען שילער און לעסינג. כמעט יעדער האָט געלייענט „די רויבער״, „ווילהעלם טעל״, „קאבאלע אונד ליבע״, און אויך לעסינג׳ס „נאטהאן דער וויזע״, „די יודען״, „עמיליא גאלאָטי״ און אַנדערע.

פון געטהע׳ן האָבען מיר ווייניג געהאַלטען. ערשטענס, איז ער געווען צו שווער פאר אונז. (מאנכע האָבען אפילו יאָ זיך גענומען צו „פאַאוסט״, אָדער זיך בלויז אזוי באַרימט; וואָרים פארשטאַנען האָבען זיי ווינציג־וואָס). צווייטענס, האָבען מיינע חברים וועגען איהם גע־רעדט, אז ער איז געווען א גאָר קנאַפּער אידען־פריינד. נאָר פונדעסט־וועגען האָב איך געלייענט זיין „דיכטונג אן ואהרהייט״ און אפילו פּרובירט צו לייענען זיינע „וואהלפערוואנדשאפטען״ און „ווערט־הערס ליידען״, אבער... כ׳האָב עס באַלד געמוזט אויפגעבען...

דערפאַר האָבען זיך די עלטערע פון אונז גענומען צו שילער׳ס און היינע׳ס געדיכטען און א היבש ביסעל פון זיי געקענט אויף אויסענ־וויינינג.

פּויליש, די לאַנדעס־שפּראַך, אָדער גאָר רוטעניש, האָט כמעט קיינער פון אונז ניט געקענט. מען האָט אפילו ניט ארויסגעוויזען דעם מינ־דעסטען חשק דאָס צו דערלערנען. בלויז, אַ צוויי־דריי, וואָס האָבען באַזוכט די פאָלקס־שולען, האָבען פארשטאַנען יענע שפּראַכען.

אונזער גייסט איז דעמאָלט געווען געווענדט אויף אידעאַלען און מיר האָבען ניט געהאַט קיין שום זין פאר׳ן פּראַקטישען לעבען.

## 19 — ר׳ וואָווטשיס קלויז

איך קאָן ניט פאַרלאָזען מיין געבורטס־שטאָדט לעמבערג, איידער איך באַשרייב ניט פריער איינעם פון יענע ערטער, וואו איך האָב פאַרבראַכט אַ היבשע צייט פון מיינע קינדער־יאָהרען און מיט וועלכען עס זיינען פאַרבונדען מיינע אָנגענעמסטע זכרונות: דאָס איז ר׳ וואָוטשי׳ס קלויז.

לעמבערג איז אין מיינע צייטען געווען אַ גאָר פרומע, מען מעג זאָגען, חסידישע שטאָדט. עס זיינען דאָרטען אפילו געווען אַ סך „דאַטשען״, אויפגעקלערטע, און אפילו אפיקורסים און מחללי שבת בפרהסיא, אָבער זיי האָבען צו אונזער הויז גאָר קיין שום שייכות ניט געהאַט...

אפילו צו מיין מאַמעס משפחה און צו זייערע קינדער, אין מיינע יאָהרען, בין איך, מהאי טעמא, כמעט קיינמאָל ניט געגאַנגען. און זיי פלעגען זעהר זעלטען קומען צו אונז. איך האָב אפילו ניט געקענט אַלע פערזענלאַך.

דער טאַטע האָט מקפיד געווען, אַז אונזער הויז זאָל זיין אמת אידיש־חסידיש, און מיין מאַמעס משפחה — אַ חוץ דעם פעטער ר׳ זלמן ליב, אַ איד אַ גרויסער תלמיד חכם און ארויסגעבער פון אַ סך ספרים — איז געווען גאַנץ ווייט דערפון...

אין לעמבערג זיינען דעמאָלט געווען מעהרערע חסידישע קלויזען: די סטרעטינער קלויז, די סאַדיגערער, די סטעפּינער, די „חדשים״־קלויז, און נאָך עטליכע אַנדערע, וואָס איך געדענק איצט ניט זייערע נעמען.

אָבער די וויכטיגסטע און פאַרנעמסטע צווישען זיי אַלע, איז גע־ווען ר׳ וואָוטשי׳ס קלויז אויף דער סיקסטוסקע גאַס.

ר׳ וואָוטשי, וועמעס נאָמען די קלויז האָט געטראָגען, איז געווען אַ לעמבערגער גביר און דערצו אויך אַ גאָר געהויבענער איד, אַ שטאַר־קער מתנהג בחסידות און דער וויכטיגסטער תלמיד־מובהק פונ׳ם וועלט־באַרימטען חסידישען רבי׳ן ר׳ אורי סטרעליסקער, וועמען מען האָט גערופען מיט׳ן נאָמען „דער שרף״, פלאַם־פייער.

די קלויז האָט זיך געפונען אין דער גרויסער געביידע, וועלכע מען רופט די סיקסטוסקע שול, (כאָטש זי געפינט זיך גאָר אין דעם זייטען־געסעל שאינאַכא). א חוץ דער שול און א בית המדרש און עטליכע קלענערע שולכעלאך, וואו עס דאַוונען באַזונדערע חברות, געפינט זיך דאָרט אויך ר׳ וואָווטשי׳ס קלויז.

עטליכע נגידים, האָבען מיט יאָהרען פריער, אויפ׳ן שול־הויף אָפּגעקויפט א שטיקעל פּלאַץ, דאָרטען אויסגעבויט די קלויז און אהין איבערגעטראָגען זייער מנין, וואָס זיי האָבען געהאַט אויף ר׳ וואָווטשי׳ס נאָמען.

איהם אליין, דעם דאָזיגען ר׳ וואָווטשי׳ן, האָב איך ניט געקענט (ער איז געשטאָרבען היבשע עטליכע יאָהר פאַר מיין געבוירען ווערען), בלויז זיינע צוויי זין און א שוואָגער.

דער עלטערער פון ר׳ וואָווטשי׳ס זין, איז געווען ר׳ אבעלע שעהנ־בלום, דער רב פונ׳ם שטעדטעל שטשערעץ, ניט ווייט פון לעמבערג. ער איז אויך געווען א מתנהג בחסידות און געהאַט א פּאָרעכץ פון אביסעל חסידים, איבערהויפּט פון לעמבערג און די נאָהענטע שטעדט־לאך. דער צווייטער זון, ר׳ שמואל שעהנבלום, איז געווען א איד אן עושר, (א שוואָגער און א מחותן פון די באוואוסטע גבירים וועקסלער פון קאָמארנאָ) א היבשער תלמיד חכם און א משכיל דערצו. ער האָט זיך שטענדיק אָפּגעגעבען מיט חקירה און אליין אָפּגעדרוקט עטליכע ספרים פון די פריערע גאונים מיט זיינע הגהות און הוספות.

זיין מסחר איז געווען מיט גאָר אלטע ספרים און כתבי־יד. צוליב דעם פלעגט ער אָפט פאָרען קיין איטאַליע איינהאַנדלען ספרים און זיי דערנאָך פארקויפען צו גרויסע ביבליאָטעקען. מען האָט וועגען איהם געזאָגט, אז ער איז א מושלם אין עטליכע שפּראכען. ער פלעגט זיך אָבער האַלטען שטאַלץ און א היבש ביסעל געבלאָזען פון זיך. ניט יעדער האָט געהאַט די זכיה, אז ר׳ שמואל שעהנבלום זאָל צו איהם ארויסרעדען א וואָרט.

ר׳ וואָווטשי׳ס שוואָגער איז געווען ר׳ מרדכי ברז״פ־ראַפּאָפּאָרט (דער פאָטער פונ׳ם פריער דערמאָנטען טאַלנער חסיד, ר׳ שמעון ברז״פ־ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט געוואוינט ביי אונז אין הויז), אן אלטער איד, א כהן און דערפאַר א גרויסען קפּדן.

אין דערדאָזיגער קלויז ר׳ וואָווטשים האָבען געדאַוועט כמעט אלע נגידים און תלמידי חכמים, וואָס האָבען געוואוינט אויף דער דעמאָלט אריסטאָקראַטישער גאַס סיקסטוסקע און די ארומיגע גאַסען. ווי א שטייגער: די האָראָוויצעס, חיות (א זון פון ר׳ צבי הירש חיות,

דער באַרימטער וועלט־גאון און מחותן פון די האָראָוויצעס); ר׳ ישראל נאטהאנזאָהן (אַ פעטער פון׳ם לעמבערגער רב, רבי יוסף שאול הלוי נאטהאנזאָהן); ר׳ שמואל שעהנבלום און זיין רוסישער אײדים, אַ זעהר רייכער יונגערמאַן, ר׳ נח פאַפּערנא, מיט זיין זון שאול; ר׳ יצחק אהרן איטונגאַ (דער שפּעטערער לעמבערגער רב) און זיינע זין און איידימס; ר׳ נחום בורשטין (דער שפּעטערער „נשיא" פון דער „מחזיקי הדת") מיט זיינע קינדער; די גבירים פּפאָו; ר׳ יוסלי קויפמאַן מיט זיינע זין, ר׳ נחמן און וואָווע, און נאָך אַנדערע געהויבענע לייט.

„קאַטשאַלאבעס" און „פּליאַסקעדריגעס", האָבען אין דערדאָזיגער קלויז ניט געהאַט קיין שום דריסת הרגל, ווי אין די אַנדערע קלויזען. סיידען אין די וואָכנטעג, ווען זיי פּלעגען אהין קומען, בשעת׳ן דאַווד נען, קלייבען פאַר זיך נדבות...

אין דערפרי פּלעגט מען געוועהנליך דאַוונען דריי מאָל. מיין פאָטער און נאָך עטליכע אַנדערע „געהויבענע" אידען, האָבען תמיד געדאַוועגט ביים דריטען מנין. יעדען טאָג האָט געמוזט זיין „תיקון", אַ גאַנץ קוואַרטירעל בראָנפען, מיט צוויי־דריי שטיקלאַך האָניג־לעקאַך, אויף אַ צוועלף־פופצעהן מענשען — אבי מען זאָל טרינקען „לחיים!"

צו מנחה־מעריב איז די קלויז שטענדיג געוועזן פול. יעדער איינער האָט עס געהאַלטען פאַר זיין הייליגסטען חוב ניט צו פאַרפעהלען חלילה איין אויף־דערנאַכט.

באַלד נאָכ׳ן דאַוונען איז קיינער ניט אוועק. מען האָט נאָך פאַר־בראַכט אַ שעה, און מעהר, אין קלויז. ר׳ מרדכי ברז"פ, דער קפדן, האָט זיך תיכף אוועקגעזעצט מיט אַ צוואַנציג בעלי־בתים און מען האָט זיך גענומען לערנען משניות מיט פירושים. דאָנערשטאָג פּלעגט ער מיט זיי לערנען חומש מיט רש"י.

די תלמידי חכמים, ווידער, האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין אַ ווינקעל און באַלד האָט זיך צווישען זיי איינגעפעדימט אַ שמועס אין לערנען. ר׳ יצחק אהרן איטונגא און ר׳ נחום בורשטין זיינען געווען די ראשי המדברים, און כמעט יעדער האָט זיך אָנגערופען און אריינגעוואָרפען עפּעס אַ וואָרט.

פרייטאָג צו נאַכטס, נאָך קבלת שבת, האָט מען דאָ אין קלויז פאַר־בראַכט אַ לענגערע ווייל. בפרט איז דאָס געווען דער מנהג ווינטער־צייט, ווען די טעג זיינען קליין.

על פי קבלה איז אין דער שעה צווישען זעקס און זיבען, אין אָווענט שולט דער מזל „שבתאי", וואָס איז גאָר אַ בייזער און אַ שלעכטער מזל. דערפאַר פּלעגען חסידים ואנשי מעשה מקפיד זיין אין דערדאָזיגער

שעה ניט צו מאַכען קידוש. זיי האָבען דאָס געטאָן אָדער פאַר זעקס, אָדער ערשט נאָך זיבען. דערפאַר איז מען שוין פאַרבליבען אין קלויז און געשמועסט דברי תורה.

ר׳ וואָווטשי׳ס קלויז (אַ טייל האָבען זי גערופען די סיקסטוסקע קלויז) איז געווען אַ שם־דבר איבער גאַנץ לעמבערג, און אַלע אורחי־פרחי פון שטאָדט האָבען שוין געוואוסט, אַז ביי די בעלי־בתים פון דערדאָזיגער קלויז וועלען זיי האָבען די בעסטע שבתים. דערפאַר זיינען יעדען פרייטאג־צו־נאַכטס זיך צוזאַמענגעקומען אַ סך אורחים (אָפטמאָל אַ זיבעציג־אכציג) און יעדער בעל־הבית האָט גענומען איינעם אדער צוויי אויף איבער גאַנץ שבת.

ביי אונז איז געווען איין קליינשטעטדלדיגער איד — ר׳ לייבוש האָט ער געהייסען — אַ שטענדיגער אורח פאַר יעדען שבת, עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד. פונדעסטוועגען זיינען, אַ חוץ איהם, אויך געווען איינער אָדער גאָר צוויי, אַנדערע אידען ביי אונזער שבתדיגען טיש.

די „שלש סעודת׳ן״ אין ר׳ וואָווטשי׳ס קלויז זיינען געווען גאָר וואַזשנע. מיר האָבען געוואוינט ניט ווייט פון קלויז. פלעגט דער טאַטע, תיכף נאָך מנחה, אהיימגעהן, זיך וואַשען צום טיש און מיטנעמענדיג מיט זיך אַ כזית חלה, תיכף צוריקגעהן אין קלויז און דאָרטען שוין פאַרברענגען מיט׳ן גאַנצען עולם.

צו שלש סעודות, פלעגט מען געוועהנליך טרינקען מעהד. יעדעס מאָל האָט עס זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז דער אָדער יענער בעל־הבית „האָט ג ע ד א ר פ ט שטעלען משקה״ און עס איז באַלד גולד גע־וואָרען אַ „גרויסער צדיק״, אָדער לכל הפחות אַ „קליינער צדיק״ מעהד. (אַ „גרויסער צדיק״ איז געווען אַזאַ פלעשעל, אין וועלכע עס זיינען אַריין נייניציג גלעזער מעד, אין אַ „קליינעם צדיק״—בלויז זעכציג).

מען האָט געהאַלטען אין איין זאָגען תורה, אָדער זינגען זמירות, און יעדער זמר האָט שוין געהאַט זיין שטענדיגען זינגער.

ר׳ שמואל שעהנבלום, ר׳ וואָווטשי׳ס זון, האָט געהאַט אַ שעהן, בנעימות׳דיג קול. און ווייל ער איז געווען אַ משכיל, האָט ער דערפאַר געזונגען די זמירות, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרען פון די אַלטע גרויסע משוררים, ר׳ אברהם אבן עזרא און דונש בן לברט. דאָס איז: „כי אשמרה שבת״, און „דרור יקרא״.

ר׳ וואָווטשי׳ס יאָהרצייט פאַלט אוים עטליכע טעג פאַר ראש השנה. פלעגט מען דעמאָלט מאַכען אַ גרויסע סעודה, מיט פאַרבעטענע בעלי־בתים, וואָס האָבען איהם נאָך גוט געקענט און פון איהם שטאַרק געהאַלטען. צום יאָהרצייט האָט די חברה „בני בנימין״ (אויף ר׳

וואָווטשי׳ס נאָמען) אויך געמאַכט א סיום אויף גאַנץ ש״ס. וואָרים כמעט יעדער בעל־הבית, וואָס האָט נאָר געקענט לערנען, האָט אויף זיך גענומען א מסכתא, וועלכע ער האָט געלערנט דורכ׳ן גאַנצען יאָהר און דעמאָלט אויף איהר געמאַכט דעם סיום.

מיין פאָטער, כאָטש ער איז שטענדיג געווען א פארנומענער מענש, האָט יאָהר־איין־יאָהר־אויס, געלערנט דווקא צוויי מסכתא׳ס, איינע פון סדר נזיקין, און די צווייטע זבחים, אָדער חולין.

א שטענדיגער, יאָהרען־לאַנגער, מנהג פלעגט זיין, אלע אכט טעג פון חנוכה צו פראווען סעודות פאר אלע בעלי־בתים פון קלויז.

יעדען אווענד איז די סעודה געווען ביי אנאנדערען בעל־הבית, און עס איז געווען צום עסען און צו טרינקען כיד המלך.

ווי איך האָב שוין פריער דערצעהלט, האָט מיין פאָטער שטענדיג געהאַלטען די יאָהרצייטען נאָך זיין עלטסטען זון יוסף (פון זיין ערש־טער פרוי). דער יאָהרצייט איז אויסגעפאַלען דעם לעצטען טאָג פון חנוכה (זאת חנוכה) דערפאר איז יענעם טאָג געווען ביי אונז א גרויסע סעודה, פאר א זיבעציג־אכציג פארשוין.

באַלד נאָכ׳ן וואשען זיך און טועם זיין אביסעל בראנפען און א שטיקעל פיש, אָדער הערינג, האָט מען אָנגעהויבען צו שפּילען אין דריידל. איטלעכער בעל־הבית האָט יעדעס מאָל אוועקגעלייגט אין א טעלער א „פירער״ (א קופערנע מטבע פון פיר גראַצער) און איין מאָל געלאָזט דאָס דריידעל לויפען. עס זיינען אויף אלע פיר זייטען פונ׳ם דריידל געווען די אותיות נ. ג. ה. ש. (נס גדול היה שם). עס זיינען געווען געוויסע כללים און דינים ביים שפילען, און ביז אלע בעלי־בתים האָבען, נאָך דער רייהע נאָך, אָפּגעשפּילט, איז שוין געווען גענוג געלד אינ׳ם טעלער אויף צו שיקען נאָך מעהד...

די אחדות און ליבשאפט צווישען די בעלי־בתים פון דער קלויז, איז געווען גאָר גרויס. מען האָט זיך — אפילו מיט די גאָר רייכע — געהאַלטען ווי מיט מיטגלידער פון איין משפחה. אויב עס איז ביי איינעם פאָרגעקומען פרייד, אָדער לייד, האָבען כמעט אלע זיך משתתף געווען און זיך ניט צוריקגעהאַלטען פון צו געהן צו אן אָרימערען פון צווישען זיי.

געווען אין קלויז עטליכע בעלי־בתים — גאַנץ קנאַפּע נגידים, האָבען זיי זייער גאַנצע פּרנסה געצויגען פון די רייבערע. זיי זיינען געווען מעקלערס ביי די גבירים׳ם געשעפטען, אָדער האָבען באַקומען חיבשע און לאַנגע הלוואות, אז זיי זאָלען האָבען מיט וואָס אליין צו

האנדלען, און זיך מפרנס זיין בדרך כבוד, און דאָס איז אַלץ געווען אינ׳ם זכות וואָס זיי האָבען אָנגעהערט צו דער קלויז...

איך האָב די קלויז ליב געהאַט אהבת נפש, און זיך דאָרטען שטענדיג געפיהלט ווי אין דער היים (איך בין דאָך דאָרטען עפּעס אָפּגעווען היבשע עטליכע יאָהר, צו צוויי מאָל א טאָג...) אפילו ווען איך בין עלטער געוואָרען, האָט דידאָזיגע קלויז קיינמאָל ניט פארלאָרען איהר „כח המושך" איבער מיר.

ווען איך האָב זיך באַדאַרפט שטעלען צום „אסענטירונג" (פּריזיוו) און בין פון טאָרנע געקומען צופאָרען קיין לעמבערג מיט א צעהן טעג פריער, כדי זיך צו „פּאָרען" און באַוואָרענען וועגען דעם, בין איך יעדען אָוונט צו מנחה ומעריב געווען אין קלויז.

מען האָט זיך דאָרטען מיט מיר געפרעהט און אַלע, אפילו די גרעסטע גבירים און תלמידי חכמים, האָבען מיר געגעבען „שלום" און אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט, וואָס איך בין געוואָרען „א גאַנצער מענש"...

און אפילו אין די שפּעטערע יאָהרען, ווען נאָר מיר פלעגט אויס־קומען צו זיין אין לעמבערג, צוליב געשעפטען, בין איך יעדעס מאָל געגאַנגען אין קלויז און זיך געזעהען מיט אונזערע אַלטע גוטע פריינד, יענע וואָס זיינען נאָך געווען צווישען די לעבעדיגע.

איך פלעג שטענדיג עטליכע פון זיי מיטנעמען אין מעד־שענק און ביי א גלעזעל משקה הערען וואָס זיי האָבען צו דערצעהלען פון די פריערע, בעסערע, צייטען.

אך, ווען עס וואָלט מיר מעגליך געווען כאָטש נאָך איין מאָל אויף מיין לעבען, צו זיין אין דער דאָזיגער ר׳ וואָוטשי׳ם קלויז!!...

עס איז אפשר דאָרטען נאָך פאַראַנען א „שריד ופליט" פון די אַלטע בעלי־בתים, און מיט זיי וואָלט איך געקענט אויפפרישען די זכרונות פון מיינע בעסטע —און אויך לעצטע — קינדער־יאָהרען...

## 20 — אין טאָרנע

פון לעמבערג בין איך ארויסגעפאָרען א אינגעל, אָבער קיין טאָרנע בין איך אָנגעקומען — שוין א גאנצער בחור...

מיין ברודער יהושע איז, נאָך מיט עטליכע חדשים פריער, אוועק פון לעמבערג און זיך באַזעצט אין טאָרנע, וואו עס האָט געוואוינט זיין ווייב'ס משפחה — די חסידישע און נגידישע אידען: די לע־זער'ס, די אבערדאמ'ס און די וועקסלער'ס.

יהושע האָט אונז די גאנצע צייט געהאלטען אין איין שרייבען בריף, אז מיר זאָלען פארלאָזען לעמבערג און קומען זיך באזעצען ביי איהם אין טאָרנע.

אָבער אין יעדען בריף האָט ער מיר צוגעשריבען — אין לשון־קודש א לאנגע מגילה, אין וועלכער ער האָט מיך, מיט ליבליכע און פריינדליכע ווערטער, אויפמערקזאם געמאכט, אז עס איז שוין פאר מיר די העכסטע צייט אוועקצוואַרפען מיינע קינדישע שטותים און ווע־רען א מענש. בפרט, אז איך וועל קומען קיין טאָרנע, זאָל ער, חלילה, פון מיר ניט דארפען איינעמען חרפות ובושות...

און סך הכל בין איך דעמאָלט נאָך געווען א קינד, א אינגעל פון עפעס איבער פערצעהן יאָהר, און אָט פון דעמדאָזיגען פארשוין האָט מיין ברודער, און אויך די מאמע, שוין געוואָלט מאכען א גאנצען מענש...

אמת הדבר, איך בין דעמאָלט געווען א היבשער שטיפער און גאָר שטארק ליב געהאט כסדר ארומצושפאצירען מיט מיינע חברים און שמועס'ן וועגען השכלה. היינט וואו נאָר ס'איז אין שטאָדט געווען עפעס א פאראד, אָדער אן עפענטליכער ספעקטאקעל, האָב איך געמוזט זיין דערביי.

אָבער דער ברודער מיט דער מאמען האָבען ניט געוואָלט וויסען פון דעם וואָס מיך „ציט" אזוי, און זיי האָבען פון מיר, דעם שנעק, פארלאנגט, אז איך זאָל זיך האלטען בהדרגה, מעשה גרויסער בחור...

זיי האָבען שוין גאָר אָנגעהויבען צו טראכטען וועגען א תכלית פאר מיר. און דערדאָזיגער תכלית האָט געזאָלט זיין א רייכער שידוך און טאקע א באלדיגע חתונה...

אין טאָרנע, א פיל קלענערע שטאָדט, ווי לעמבערג, און אין א מעהר פרומערער און חסידישער סביבה, — האָבען זיי אויסגערעכענט — וועט זיי אַ סך לייכטער אָנקומען אויסצופירען זייער פּלאַן.

פון לעמבערג בין איך ארויסגעפּאָרען אין א נידריגען צילינדער־הוט, אָבער קיין טאָרנע ביז איך שוין אָנגעקומען אין... א חסידישען, סאַמעטענעם, קאַפּעלוש.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין טאָרנע צוויי וואָכען פאר פּורים, שנת תרמ״א (1881). איך בין דעמאָלט אַלט געווען פערצעהן יאָהר מיט עפּעס איבער דריי חדשים, אָבער מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט אז איך זאָל זיך פירען ווי אַ „סטאַטיק”, ווי אַ בחור, וואָס שטעהט שוין אין שידוכים...

## 21 — די טאָרנער קלויז

די טאָרנער קלויז איז געווען א שם־דבר איבער גאַנץ גאַליציע און אין איהר איז געהערט געוואָרען דער קול תורה גאַנצע פיר און צוואנציג שעה אין מעת־לעת. דידאָזיגע קלויז איז ניט געווען קיין ישיבה, אין וועלכער עס האָט געלערנט א רבי מיט תלמידים. דאָ האָט יעדער — העכסטענס צו צוויי־דריי צוזאמען — געלערנט באזונדער. אָבער יעדער אין שטאָדט (א גרויסע קהילה פון איבער פופצעהן טויזענד אידען, מיט א סך לומדים), וואָס האָט נאָר מעהר אָדער ווייניגער געקענט לערנען, האָט געהאַט א שייכות צו דערדאָזיגער קלויז.

זי איז אויך געווען א סימבאָל און א פעסטונג פון חסידות (איבערהויפט סאַנזער חסידות. אַלע פרומע אידען אין טאָרנע, מיט קליינע אויסנאמען, זיינען געווען אָנהענגער פון סאַנזער רבי׳ן. און נאָך זיין הסתלקות פון זיינע קינדער און אייניקלאך).

די טאָרנער אָרטאָדאָקסיע האָט געהאַט איהר אָרט אין קלויז און ביי יעדער קלענערער אָדער גרעסערער אָנגעלעגענהייט פאר כלל ישראל, האָט מען זיך באַלד געפרעגט, וואָס די קלויז וועט דארויף האָבען צו זאָגען...

ווי אין יעדער שטאָדט אין גאַליציע, זיינען אין טאָרנע און אויך אין דער קלויז געווען גאָר א סך אָרימע לייט. אָבער אויך א היבש ביסעל חסידישע נגידים. און זיי, די גבירים, האָבען אָנגעפירט די גאַנצע „גרענדע" אין קלויז. זיי זיינען אויך געווען — א חוץ די אויפגעקלערטע, און די גאָר „דייטשע" פאמיליעס — די אָנפירער און טאָן־אָנגעבער פון דער אידישער טאָרנע. איבערהויפט זיינען דאָס געווען די צוויי גרויסע, איינפלוסרייכע און ווייט־פאַרצווייגטע פאמיליעס: די שיפ׳ס און די לעזער׳ס.

ר׳ יוסל שיף איז, ווען איך האָב איהם באַגעגענט, געווען שוין א גאַנץ אַלטער איד. צוזאמען מיט זיינע זין און איידעמס, האָט ער געפירט דאָס גרעסטע אייזען־געשעפט אין גאַנץ טאָרנע. זיי האָבען געהאַט די אויסשליסליכע פארטרעטונגען פון עטליכע גרויסע, אויסלענדישע און אינלענדישע פאבריקען און אייזען־גיסערייען. ווען מען

האָט אין טאַרנע און אין די אָרומיגע שטעדטלאַך געדאַרפט עפּעס האָבען אין דער אייזען־בראַנזשע, האָט מען געמוזט אָנקומען צו זיי.

דער אַלטער ר׳ יוסל שיף האָט זיך שוין מעהר ניט געמישט אינ׳ם געשעפט, נאָר זיך אָפּגעגעבען מיט חסידות און קהל׳שע זאַכען. כאָטש ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם, האָט אָבער איט־ליכער אין שטאָדט אָן איהם שטארק נוהג כבוד געווען און זיך גערע־כענט מיט זיינע מיינונגען. ער איז געווען דער עלסטער און חשוב׳סטער סאנזער חסיד אין טאַרנע.

(קיין גרויסע נגידים זיינען אין דערדאָזיגער ווייט פאַרצווייגטער משפּחה, פון זין און עטליכע איידימס, אפילו ניט געווען. זיי האָבען זיך שטענדיג געדרעהט מיט וועקסעלאַך און הלוואות, ווי אַלע טאַרנער סוחרים, ביז זיי האָבען, נאָכ׳ן אַלטענס אָפּשטאַרבען, באַנקראָטירט אויף צוויי הונדערט טויזענט גולדען און שוין פאַרבליבען אָרימעלייט. בלויז איין איידים, ר׳ יוסף שמואל עהרליך, וואָס איז שפּעטער אוועק קיין לאָנדאָן, האָט דאָרטען שטארק מצליח געווען. ער האָט צווישען די דאָרטיגע אידען באַקומען אַ שעהנעם נאָמען פאַר אַ בעל צדקה און מכניס אורח).

די צווייטע, באמת רייכע און שטארק איינפלוסרייכע פאַמיליע אין טאַרנע, איז געווען די־דאָזיגע פון די לעזער׳ס.

דער אַלטער ר׳ וואָלף לעזער, איז געווען אַ זון פונ׳ם באוואוסטען סטריזאָווער רב, רבי מנחם מענדעל לעזער, דער מחבר פון צוויי וויכ־טיגע ספרים,ביידע מיט׳ן נאָמען „שובע שמחות”. (דאָס ערשטע אויף תורה, על פּי דרך החסידות און דאָס צווייטע אויף די מסכתות קידושין און כתובות).

קיין גרויסער תלמיד חכם איז דער דאָזיגער ר׳ וואָלף לעזער אויך ניט געווען. אַ שטיקעל בטלן און אַ באַנק־קוועטשער דערצו. האָט איהם אָבער השם יתברך מזכה געווען מיט אַ ווייב, אַ גאָר גרויסע אשת חיל, און מיט עטליכע זעהר פעהיגע טעכטער, וואָס האָבען געפירט דאָס גרעסטע טוך און זייד־געשעפט אין גאַנץ טאַרנע.

אַלע אָרומיגע פּריצים און שטאָדטישע קריסטליכע איינוואוינער זיינען דאָרטען געווען שטענדיגע קונים און מיט קיינעם ניט געוואָלט האַנדלען, נאָר מיט דער „באָבאָווסקאַ” (זי האָט געשטאַמט פונ׳ם ניט־ווייטען שטעדטעל באָבאָוו.)

זי האָט אָנגעזאַמעלט אַ פאַרמעגען, אַלע קינדער חתונה געמאַכט, געגעבען גרויסע נדנס (אַלע איהרע טעכטער זיינען דערנאָך זעהר רייך

געווען), און איהר מאַן איז געזעסען אין סאַנז ביים רבי'ן... אדער דאָ, אין טאַרנע, אין קלויז און געפּראַוועט חסידות.

צוויי פון זיינע איידימס זיינען געווען שטאַרק רייך: ר' זכריה מענדעל אבערדאם און ר' משה'ל וועקסלער. ביידע האָבען געהאַט גרויסע קאָנטאָרען און וועקסעל־געשעפטען.

איינער פון ר' וואָלף לעזער'ס זין, ר' דוד, איז געווען מיין ברודער יהושע'ס שווער. ער איז געווען א שותף אינ'ם קאַנטאָר מיט זיין שוואָגער ר' משה'ל וועקסלער.

(ער איז געשטאָרבען א יונגער מענש פון קוים פערציג יאָהר, באַלד נאָך מיין ברודערס חתונה און זיין אַלמנה האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט'ן באַראַנאָווער רב, ר' ישראל האָראָוויץ, א זון פונ'ם רבי'ן ר' אליעזר'ל פון דזיקאָוו, וואָס איז ווידער געווען א זון פונ'ם גרויסען ראָפּשיצער, דעם רבי'ן ר' נפתלי.)

דידאָזיגע צוויי משפּחות, מיט זין און איידימס, און א גאַנצע שורה פון אייניקלאך, זיינען געווען די פירער פון דער חסידישער קלויז אין טאָרנע און מיט זיי אלע בין איך געוואָרען „געקניפּט און געבונדען" דורך מחותנותשאַפט.

אין אָט דערדאָזיגער קלויז־סביבה בין איך אריינגעפאלען, באַלד נאָך אונזער אָנקומען קיין טאָרנע.

די אויפנאַמע אונזערע איז געווען א גאָר פריינדליכע. מיט מיר, א אינגעל, האָט מען זיך, אין אָנפאנג, ווייניג־וואָס צערעמאָניעט, אָבער די מאַמע'ן, א חשוב'ע נגיד'יסטע, און נאָך דערצו פון לעמבערג, זיינען געקומען אלע פרויען פון מיין שווערינס רייכער משפּחה באזוכען און האָבען זי אויך איינגעלאַדען צו זיך אהיים.

די מאַמע איז געווען א שוואַכע פרוי און א היימזיצערין, אָבער פון יוצא־וועגען האָט זי, בלויז איין מאָל, אָפּגעשטאַט א וויזיט צו אלע פרויען, וואָס זיינען שוין פריער געווען ביי איהר.

די מאַמע, און איבערהויפּט מיין שווערין, זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז עס איז שטענדיג גוט אָנצוהאַלטען פריינדליכע באַציאונגען מיט א רייכער משפּחה...

## 22 — קלויז-בחורים

באלד ווי איך בין אָנגעקומען קיין טאָרנע, האָט מיך מיין ברודער יהושע מיטגענומען אין קלויז אריין און מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער ווייב׳ס פאַמיליע. אַלע זיינען געווען פריינדליך צו מיר. אָבער ווייל זיי זיינען אַלע געווען מענשען אַ סך עלטער פון מיר, האָב איך אין זייער געזעלשאַפט גאָר קיין שום אינטערעס ניט געהאַט און דערפאַר מיט זיי געהאַט אַ גאַנץ קליינעם מגע־ומשא.

עס זיינען צווישען זייערע קינדער געווען עטליכע אינגלאַך, אין מיינע יאָהרען. אָבער זיי זיינען אַלע געווען פשוט׳ע עמי־הארצים און עס איז ניט געווען מיט וועמען אַ וואָרט ארויסצורעדען.

אזוי ווי עס זיינען דעמאָלט געווען בלויז עטליכע וואָכען צו פסח און עס האָט זיך שוין ניט געלוינט מיך אוועקצוגעבען צו אַ גמרא־מלמד, האָב איך דערפאַר די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין הויז, אויסער וואָס איך בין, צוויי מאָל אַ טאָג, געגאַנגען אין קלויז צום דאַוונען.

דאָרטען אין קלויז זיינען אפילו געווען אַ היבש ביסעל אינגלאַך פון מיינע יאָהרען און מיין שטאַנד, און איך האָב, אין די ערשטע עטליכע וואָכען, געפּרוּאווט מיט עטליכע פון זיי אַ שמועס צו טאָן און „טאַפּען דעם דופק״ וועגען השכלה און לשון קודש׳דיגע ספרים׳לאך — האָבען זיי אָבער ניט געוואוסט וועגען וואָס איך רעד צו זיי און אפילו ניט געהאַט געהערט, אַז עס זיינען אַזעלכע ספרים׳לאך פאַראַן אויף דער וועלט...

זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט די נעמען לעטערים (זיין „יונה הומיה״ איז דעמאָלט געווען שטאַרק באַוואוסט און געזונגען געוואָרען פון אַלע משכילים), לעבענזאָהן — פאָטער און זון — מאַפּו. זיי האָבען פון זיי ניט געהערט און זייערע ספרים קיינמאָל ניט אָנגעזעהען.

צווישען דידאָזיגע בחורים זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געקענט אביסעל לערנען און געלערנט ביי אַ גמרא־מלמד, אדער פאַר זיך אין קלויז. אָבער דאָס רוב פון זיי זיינען געווען „לאַ האָ ולאַ האָ״,

האָבען גאָרניט געקענט, אבער דערפאר פארמאָגט... לאַנגע, געקריי־זעלטע פאות...

איך האָב איינגעזעהען, אז עס איז ניטאָ מיט וועמען צום טיש צו געהן. דערצו האָב איך פשוט מורא געהאט פאר א „שלעכטען שם", אז איך בין עוסק אין אפיקורסישע ספרים'לאך — האָב איך זיך באַלד צוריקגעצויגען און זיך מיט זיי מעהר ניט גע'חבר'ט, דורך דער גאַנצער צייט וואָס איך בין געווען אין טאַרנע.

בלויז איינאיינציגען חבר האָב איך דעמאָלט געהאט און ער איז מיר געבליבען טריי און ליב, דורך די אַלע יאָהרען פון מיין לעבען.

דאָס איז געווען א בחור, אפילו אביסעל עלטער פון מיר, אבער ער האָט זיך צו מיר דערנעהענטערט, באַלד ווי ער האָט מיך נאָר דערזעהען, און אונזער פריינדשאַפט איז זייט דעמאָלט ניט איבערגע־ריסען געוואָרען: דאָס איז מיין יוגענד־פריינד יהודה ליבוש קאָרעטץ. ער איז געווען דער איינציגער, מיט וועמען איך האָב געקענט רעדען וועגען השכלה ספרים, איך בין אויך געוואָרען זיין רבי און איהם געלערנט אביסעל דקדוק, לשון קודש שרייבען און איהם אויך געבאָרגט מיינע ספרים, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון לעמבערג.

ער איז דערנאָך געוואָרען א העברעאישער שרייבער און איינער פון די ערשטע און וויכטיגסטע חובבי־ציון אין גאַליציע און האָט וועגען דעם ארויסגעגעבען עטליכע אינטערעסאַנטע בראָשורען. ער האָט נאָך זיין חתונה געוואוינט אין ראָפּשיץ (עטליכע מייל פון זיין געבורטס־שטאָדט טאַרנע) געפירט א גרויס שפּעצעריי געשעפט אין הורט און איז געווען א שעהנער עושר. איצט, אויף זיינע עלטערע יאָהרען, וואוינט ער מיט זיינע דריי טעכטער און איידימס אין דער קאָלאָניע תל־מאָנד, אין ארץ־ישראל. (איין טאָכטער מיט'ן מאַן, מר. שוועבעל, וואוינען אינ'ם שטעדטעל אָזאָן פּארק, ביי ניו יאָרק).

ער שרייבט מיר אָפט „ליבעס־בריוולאך" און דערמאָנט מיט גרויס בענקשאַפט אונזערע פארגאנגענע, אָנגענעמע, יוגענד־יאָהרען.

## 23 — ר׳ נפתלי ר׳ פסח׳ס

ווייל איך האָב זיך דאָך ניט געקענט אַרומדרעהען אַ גאַנצען טאָג אַ פּועל בטל, און דאָס האָט אויך בשום אופן ניט געפּאַסט פאַר אַ נגידישען בחור, וואָס שטעהט שוין אין שידוכים, האָט מיין ברודער יהושע, באַלד נאָך פּסח, מיך אוועקגעגעבען צום גרעסטען און וויכטיגסטען גמרא־מלמד פון טאָרנע, ר׳ נפתלי ר׳ פּסח׳ס, דער הויפּט דיין פון שטאָדט.

געוועהנליך פלעגט ר׳ נפתלי (גאָלדבערג איז געווען זיין פאַמיליען־נאָמען) נעמען צו הונדערט גולדען אַ זמן פון אַ תלמיד, אָבער ווייל איך בין געווען אַ יתום און געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ בחור (דאָס וואָרט אינגעל, האָט מען דאָ ניט געטאָרט דערמאָנען — לא יזכר ולא יפּקד) מיט אַ גוטען קאָפּ, האָט ר׳ נפתלי מסכים געווען פון מיר צו נעמען בלויז זיבעציג גולדען.

צוזאַמען האָבען ביי איהם געלערענט זעקס־זיבען בחורים.

קיין גרויסע עלוים זיינען מיר אַלע ניט געווען. דערפאַר האָבען מיר געלערנט (אָדער געמוזט זיין ביים רבי׳ן אין הויז) אַ סך שטונדען אין טאָג.

באַלד נאָך פּסח האָבען מיר אָנגעהויבען צו לערנען פּוסקים, חושן משפּט, הלכות טוען ונטען.

געזעצט לערנען האָבען מיר זיך נאָך פאַר זעקס אזייגער אין דער־פרי. אָבער כדי ניט צושטער׳ען דעם שלאָף פון׳ם רבי׳נס בני בית, איבערהויפּט פון דער יונגער רביצין — (וואָס איז געווען ביי איהם דאָס צווייטע, אָדער גאָר דאָס דריטע ווייב. אַ גאַנץ שעהן ווייבעל, אָבער נאָר פון איין זייט פּנים, ווייל אויף דער צווייטער באַק איז ביי איהר געווען אַ זעהר מיאוסער מוטער־צייכען: אַ מייזעל, מיט פּיסלאָך און אפילו מיט די האָר), האָבען מיר געלערנט אין דערפרי אין „דבורה מענקיש שול״, וואָס איז געווען פונקט געגען דעם רבי׳נס דירה.

נאָך אַכט אזייגער זיינען מיר אוועק אין דער ניט־ווייטער קלויז דאַווענען שחרית און נאָך צעהן זיינען מיר שוין געווען צוריק און גע־

לערנט גמרא ביז ארום צוויי. ווינטער־צייט, האָבען מיר געלערנט נאָך צוויי שעה אין אָווענד.

אויף וויפיל איך ווייס, איז קיין איינציגער פון ר׳ נפתלי׳ס תלמידים ניט אויסגעוואקסען א גרויסער למדן . . .

דער רבי אליין, כאָטש ער איז געווען א וואזשנער תלמיד חכם (ער האָט מחבר געווען א גרויסען ספר „בית לוי״, אויף מסכת גיטין) און א גרויסער בעל פלפול, האָט ער אָבער ניט געהאַט די אייגענ־שאַפטען און געניטשאַפט, וואָס א מלמד מוז האָבען. והשנית, איז ער געווען, ווי שוין געזאָגט, דער וויכטיגסטער דיין אין שטאָדט, און זיין הויז, וואָס האָט זיך געפונען אינ׳ם מיטען ריכטיגען אידישען קווארטאַל, איז שטענדיג געווען פול פון מענשען. מען איז געקומען מיט דין־תורה׳ס, גטין, שאלות וועגען טעפעל־לעפעל, אזוי פיל, אז מיר תלמידים האָבען שוין שיער ניט געקענט אליין פסק׳ענען אזעלכע שאלות. און דאָס איז אלץ פאָרגעקומען אין די שעה׳ן, ווען מיר זיינען געזעסען איבער די גמרות און פונקט געהאַלטען אין מיטען שיעור...

גאָר א סך צייט האָבען אוועקגענומען די גט׳ן און איבערהויפּט די חליצה׳ס. אזעלכע זאכען ווערען ניט געטאָן אזוי גיך, ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר. קודם־כל, הרג׳ענען און קריגען זיך די פּארטייען (זיי קומען קיינמאָל ניט אליין, נאָר מיט עטליכע פון משפחה און גוטע פריינד), און אז עס קומט שוין צום גט און דאָס בית דין מיט׳ן סופר זעצען זיך אוועק, הויבען זיך ערשט אָן צווישען זיי די פּלפּולים און חלוקי־דעה׳ס וועגען די נעמען און צו־נעמעניש־ען פון די פּארשוינען, וואָס האָבען א שייכות צום גט, און נאָך עהנליכע זאכען. אזא גט האָט אָפט געדויערט א גאַנצען טאָג, אָדער נאָך מעהר. אין אזא טאָג האָבען מיר שוין ניט געלערנט, אָבער געבליבען זיינען מיר ביים רבי׳ן אין הויז און זיך צוגעקוקט צו אלעם, וואָס קומט פאָר... היינט אז גאָט האָט געהאָלפען א חליצה — האָט דאָס שוין געדויערט א סך לענגער, אָפטמאָל עטליכע טעג.

די דינים און מנהגים פון חליצה, וואָס קומען ניט אזוי אָפט פאָר, זיינען שווערע, גאַנץ פארוויקעלטע, און ניט יעדער רב, אָדער דיין — איבערהויפּט אין די קליינע שטעדטלאך — ווייסט ווי אזוי דערמיט אומצוגעהן. מיין רבי איז אָבער געווען א גרויסער פאַכמאַן אין דעמ־דאָזיגען עסק. אַלע חליצה׳ס, וואָס זיינען אין זיין צייט פאָרגעקומען אין טאָרנע און די ארומיגע שטעדטלאך, זיינען פון איהם דורכגעפירט גע־וואָרען. דורך די אנדערטהאלבען יאָהר, וואָס איך האָב ביי איהם גע־

לערנט, זיינען געווען סך־הכל פיר חליצה'ס און מיר תלמידים האבען אין דעם שוין געהאט א היבשע ידיעה.

אט ווי אזוי מען איז זיך נוהג:

קודם כל מוז דער רב, אדער דער דיין, גרינטליך דורכלערנען און געבען צו פארשטעהן צו די צוויי פארשוינען, דעם מאנסביל און דער אשה, די גאנצע פרשה, (אין פרשת כי תצא), וואס רעדט וועגען יבום און חליצה. דעריבער פלעגט זיך דער רבי אוועקזעצען אין אן אווענד, מיט דעם מאן און דער פרוי, און פונקט ווי א חומש־מלמד, מיט זיי לערנען און פארטייטשען די גאנצע צעהן פסוקים פון דער פרשה. דאס איז געווען א זעהר שווערע, פשוט א קאטארזשנע, ארבייט...

שטעלט אייך פאר, א פראסטען אידען, אפטמאל א גאר גרויסען עם־הארץ, און א נאך נארישערע, פארגרעבטע און פאר'צרה'טע אידענע — און זיי מוז מען דאס אויסלערנען גרינטליך אלע צעהן פסוקים פונ'ם חומש און דערצו מוזען ביידע נאך קענען זאגען פאר'ן בית דין, בשעת חליצה־נעמען, עטליכע פסוקים און טאקע אין א ריכטיגען לשון־קודש.

אז אזא איד דארף ארויסזאגען די ווערטער: „לא חפצתי לקחתה!" מוזען זיי ארויס פון זיין מויל ריין, דייטליך און על פי דקדוק:

— לא ח—פצ—תי לקח—תה!

ניט געבאפט צו־גיך, אבער אויך ניט צו־לאנגזאם...

אבער נאך גרעסערע צרות זיינען געווען, אז די אידענע האט געמוזט פאר'ן בית־דין — און טאקע אויסענווייניג — ארויסזאגען דעם גאנצען און לאנגען פסוק: — מ—אן יב—מי לה—קים ל—אחיו שם ביש—ר—אל לא א—בה יב—מי!

עס איז געווען א גאט'ס רחמנות צוצוקוקען אויף דער ארימער חלוצה, ווי זי האט זיך, נעבאך, אזוי שטארק אפגעמאטערט און פאר־שוויצט ביי דעם דאזיגען פסוק...

דעם רבי'נס ווייב פלעגט אפט ארויסהעלפען און מיט דער חלוצה כסדר איינ'חזר'ן דעמדאזיגען פסוק.

היינט זשע דער חליצה־שוך!

דאס איז געווען אזא גרויסער און גראבער שוך, וואס קהל האט שוין געהאט איהר'ן אן אייגענעם, וועלכער האט געפאסט, צוליב זיין גרויסקייט און ברייטקייט, אויף יעדענס פוס. ער האט אבער געהאט אזא לאנגען „שרוך", (א שוך־רימען), און ווען ער איז אנגעטאן און פארקניפט געווארען, אויף א משונה'דיגען שטייגער, אויפ'ן פוס פונ'ם חלוץ, האט די וויסטע אלמנה איהם געמוזט, פאר'ן בית־דין, אויפקני־פען בלויז מיט איהר לינקער האנד...

דאָס איז געווען אַ שווער שטיקעל אַרבייט, וואָס דער רבי, מיט דער הילף פון דער רביצין, האָבען געמוזט אויסלערנען די אידענע, ביז זי האָט געקענט...

מיר, די תלמידים, האָבען דערביי שוין געהאַט איינמאָל אַן עסק: זיך צוגעקוקט, געהאָלפען מתעסק-זיין, אונטערגעשטופּט און שוין ניט געלערנט...

רבי נפתלי ר' פּסח'ס איז געווען אַ שטענדיג-בייזער און פאַר־טראַכטער איד און אַ שרעקליכער כעסן. ער האָט אָבער, נעבאך, ניט געהאַט צו וועמען אויסצולאָזען זיין אָפּטען כעס.

פאַר'ן יונגען ווייב האָט ער פּשוט מורא געהאַט (זי איז, איינמאָל, פון איהם אוועק מיט'ן קליינעם קינד אויף עטליכע וואָכען. איז טאַקע געווען צרות. עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אכטונג געבען אויף איהם און אויף די קינדער פון דער ערשטער פרוי, ער האָט זי קוים דערבעטען צוריקצוקומען).

מיט די תלמידים ווידער האָט ער זיך אויך ניט געקאָנט צופיל איינרייסען. אַלע זיינען געווען נגידישע קינדער און צוויי זיינען שוין געווען חתנים, מיט גאָלדענע זייגערס און קייטען. אז ער האָט זיך אויף זיי גע'כעס'ט, האָט ער מהדר געווען זיך ניט צו בייזערען אויף וועלכען עס איז בחור באַזונדער, נאָר בלשון רבים, אויף אַלע צוזאַמען, און אונז מכבד געווען מיט אַלגעמיינע צונעמען: „גראָבע קעפּ, עמי־הארצים, עבברושים" און נאָך עהנליכע טיטלען...

און אז ער איז שוין גאָר שטאַרק בייז געוואָרען, פלעגט ער אויס־לאָזען זיין כעס... צום בענקעל, אויף וועלכען ער איז געזעסען. ער האָט זיך פּלוצים געגעבען אַ שטעל־אויף, אָנגעכאַפּט דאָס בענקעל ביים אָנלעהן, עס פעסט געהאַלטען מיטביידע הענד און דערמיט גענומען קלאַפּען אויף דער פּאָדלאָגע, אָדער אַרומטאַנצען איבער'ן שטוב...

דאָס פלעגט אזוי אָנהאַלטען עטליכע מינוט, ביז ער האָט זיך אַביסעל באַרוהיגט, שווער אָפּגעזיפּצט, זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפ'ן בענקעל, ווידער געעפענט די גמרא און מיט אונז ווייטער געלערנט...

## 24 — שידוכים

דאָס אידיש־עקאָנאָמישע לעבען אין גאַליציע, איז קיינמאָל ניט געווען קיין זיכערס.

מענשען, וועמען ס'איז יאָהרען־לאַנג גוט געגאַנגען און וואָס האָבען געפירט אַ נגידיש לעבען, זיינען פּלוצים, צוליב נישט־פאַראויסגעזעהענע אומשטענדען, וועלכע זיי האָבען ניט געקאָנט קאָנטראָלירען אָדער אי־בעראַנדערשען, אַראָפּ פון זייער מדרגה, און שוין אויף שטענדיג פאַר־בליבען אָרימע לייט.

דאָס זיינען געווען מעשים בכל יום, און אַזעלכע זאַכען זיינען אָפט פאָרגעקומען אין די גרויסע שטעדט, אַזוי גוט ווי אין די קלענערע, און אפילו אין דערפער.

דאָסדאָזיגע געפיהל פון שטענדיגער אומזיכערהייט, האָט געבראַכט דערצו, אַז אידישע טאַטע־מאַמעס אין גאַליציע, אויב זיי האָבען נאָר געהאַט אַ אינגעל, אָדער גאָר אַ מיידעל, פון אַ יאָהר פערצעהן־פופצעהן, זאָלן זיי שוין שפּירען ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט זיי געלעגען אויף די פּלייצעס און אַז זיי זאָלען וועלען וואָס גיכער פּטור ווערען פון דער לאַסט דורך חתונה מאַכען און — „אַראָפּ פון מארק״ . . .

ביי פרומע אידען האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע דער רעליגיעזער איינשטעל, וואָס הייסט יונגע קינדער וואָס פריער פירען צו דער חופּה, כדי זיי זאָלען, חלילה, ניט נכשל ווערען אין הרהורי עבירה, אַ מחשבה זרה, רחמנא לצלן . . .

אַזאַ בחור'ל, ווי איך בין געווען, אַ יתום אָהן אַ פאָטער און אָהן אַ וועג־ווייזער און „אכטונג־געבער״, איז אוודאי געווען אַ יושר, אַז מען זאָל טראַכטען וועגען איהם, וואָס פריהער איהם חתונה צו מאַכען. און מיט דעמדאָזיגען געדאַנק האָבען זיך אַרומגעטראָגען די מאַמע מיינע, מיין ברודער יהושע און אויך מיין שוועגערין, זייט איך בין געקומען קיין טאַרנע — אַלט זייענדיג בלויז פערצעהן יאָהר און דריי חדשים. בין איך, אַזוי אַרום, געוואָרען אויס קינד, אויס אינגעל, און אַנגעגאַנגען שוין פאַר אַ פולשטענדיגען „בחור״ . . .

זעקס בחורים, פון פערצעהן ביז זעכצעהן יאָהר, זיינען מיר געווען ביי אונזער רבי'ן, ר' נפתלי ר' פסח'ס, אַלע נגידישע קינדער און אַלע זיינען מיר געשטאַנען אין שידוכים. עס פאַרשטעהט זיך ממילא, אַז די עלטערען האָבען צו די קינדער קיינמאָל ניט גערעדט וועגען די שידוכים און ניט דערצעהלט וועגען די גליקען, וואָס מען טראָגט פאַר זיי אָן. אָבער פונדעסטוועגען האָט יעדער בחור אָנגעשמעקט און גע־וואוסט וועגען דעם: פון א וואָרט, אָדער א קליינעם שמועס, וואָס די עלטערען האָבען צווישען זיך געהאַט; אָדער אַן עלטערער ברודער, צי א שוועסטער, האָבען זיך „מרחם" געווען, געגעבען אָנצוהערען אָדער א וואונק.

עס זיינען צווישען די בחורים אויך געווען באַרימערס, וואָס האָ־בען פאַר זייערע חברים, בסוד סודות, דערצעהלט וועגען שידוכים, וואָס מען רעדט זיי מיט דעם אָדער יענעם גביר. און דאָס זיינען על פּי רוב געווען שקרים, ווייל די דערמאָנטע שידוכים זיינען געווען פיל העכער פון די בחורים'ס שטאַנד.

עס איז כמעט ניט אוועק א וואָך, אַז ביי אונזער רבי'ן זאָל זיך ניט באַווייזען — בשעת מיר זיינען געזעסען און געלערנט — איין איד, אָדער גאָר א צוויי־דריי, אויף אַמאָל. דאָס איז געווען א שדכן, א מחותן, אדער ביידע אינאיינעם, וואָס האָבען געוואָלט, איידער מען טוט נאָך עפּעס „אין דער זאַך", פּריער א קוק טאָן אויפ'ן „קרן"...

דידאָזיגע אידען האָבען מיט אונז בחורים כמעט קיינמאָל ניט גערעדט, נאָר זיך אביסעל גע'סוד'עט מיט'ן רבי'ן (ער פלעגט זיין א שטיקעל שותף צו יעדען שידוך) און זיך געהן זייער וועג.

מיר זיינען אָבער אַלע געזעסען מיט פאַרפלאָמטע פּנים'ער און זיך געשאָקעלט איבער די גמרות. מיר האָבען ניט געוואוסט אויף באַשטימט וועמען פון אונז מען האָט דאָ געמיינט. אָבער דאָס יונגע בלוט האָט געקאָכט און געזאָטען און מיר וואָלטען געווען אוועקגעגעבען „מי יודע וואָס", ווען מיר וואָלטען געוואוסט אויף זיכער וועמען מען האָט דאָ אין זינען געהאַט. און אַז דער רבי איז ארויס פאַר א ווייל, אָדער גאָר נאָכ'ן לערנען, איז באַלד צווישען אונז געוואָרען א שמועס, און איינער האָט זיך מיט'ן צווייטען געריצט, אַז א י ה ם האָט מען דאָס געמיינט...

אויך פון מיר האָבען זיך די שדכנים באַלד דערוואוסט.

א שעהנער, הויך־געוואַקסענער בחור בין איך געווען; פון א באַ־וואוסטער, מיוחס'דיגער פאַמיליע, אין נאָהענטער מחותנותשאַפט מיט די פאַרנעמסטע משפחות אין טאַרנע און מיט א גאַנצען טויזענדער

במזומנים נדן — האָבען די שדכנים אין מיר דערזעהען אן אבן טוב און דער מאַמען פאר מיר אָנגעשלאָגען לויטער „שמאלץ”...

איך האָב אויך געהאַט א נאָמען פאר א בחור, וואָס קען שעהן לערנען (דער שם איז געווען א סך גרעסער פון מיינע דאַמאָלסדיגע קענטענישען...); פון א גרויסער שטאָדט, פון לעמבערג, בין איך געווען, און אויך א שטיקעל משכיל, מיט א שעהנער „האנדשריפט” דערצו — איז, ווי כאַפּט מען אזוינס ניט אוים?

מען האָט מיר באלד, ווי איך בין געקומען קיין טאַרנע, און בין אריין לערנען צו מיין רבי'ן, פאָרגעשלאָגען עטליכע שידוכים, טאקע פון טאַרנע גופא. פון אַן אונטערגעהערטען קורצען שמועס צווישען דער מאַמען מיט מיין שוועגרין, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זיי וואָלטען חשק געהאַט מיט מיר א שידוך צו טאָן פון א דאָרף, מיט א רייכען אָרענדאר, אָדער גאָר א גוטס־באַזיצער. זיי האָבען אין דעם פאַר מיר געזעהען א סך מעהר תכלית, ווי אין אַ שטאָדטישען שידוך.

איך, פון מיין זייט, בין דערפון זעהר צופרידען געווען. ערשטענס, האָב איך זיך אין מיינע השכלה־ספרים גאָר אַ סך אָנגעלייענט וועגען דער שעהנקייט און באקוועמליכקייט פונ'ם דאָרפישען לעבען (מאַפּו, ר' משה חיים לוצאטו, לעטערים, אַד"ם הכהן לעבענזאָהן און א סך אַנדערע). והשנית, האָב איך ביי זיך קיינמאָל ניט געפילט די מינדסטע נטיה, וועז עס איז צו ווערען א סוחר. האנדעל, שאַכער־מאַכער, ווי איך האָב דאָס אָנגערופען אין מיינע געדאנקען, איז מיר שטענדיג געווען דערווידער.

מען האָט מיר איינמאָל גערעדט א שידוך פון טאַרנע, מיט א איד א נגיד, אַ גרויסען אייער־סוחר. איך האָב דערפון גאָר ניט גע־וואוסט. מען האָט מיך אפילו פאַרהערט און איך האָב גאָר קיין אהנונג ניט געהאַט וועגען וואָס עס האנדעלט זיך.

איינמאָל האָט מיר מיין חבר יהודה ליבוש קאָרעטץ, דערצעהלט, אַז זיין געוועזענער רבי, ר. יודעלע אָרשיצער, דער מגיד אינ'ם שטאָד־טישען בית המדרש, האָט געהערט אַז איך בין א משכיל און אַז ער וואָלט מיך וועלען זעהן.

מיין חבר האָט מיר שטאַרק צוגערעדט, אַז מיר זאָלען אַמאָל צוגעהן צו ר' יודעלע'ן. איך האָב גאָר ניט פאַרדעכטיגט און בין איינגעגאַנגען דאַרויף. מיר האָבען אָפּגערעדט, אַז פרייטאָג נאָכמיטאָג זאָלען מיר אהין געהן.

ווי איך האָב דערשמעקט, האָט רבי יודעלע שוין פון פריער גע־וואוסט, אַז מיר וועלען קומען צו איהם. וואָרים אויסער איהם איז

דאָרטען אין שטוב אויך געווען א מאַן פון א יאָהר פערציג, וועמען איך האָב ניט געקענט און אויך ניט געשענקט צופיל אויפמערקזאַמקייט.

ר' יודעלע האָט אונז זעהר פריינדליך אויפגענומען און מיך באַלד פאַרוויקעלט אין א שמועס וועגען פאַרשידענע זאַכען. דאַן האָט ער מיך געפרעגט ביי וועמען און וואָס איך לערן. איך האָב איהם געענטפערט און פאַרשטאַנען אז ער איז צופרידען פון מיינע תשובות.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער ספרים־שאַפע און פון דאָרטען אַרויסגענומען א גרויסען און גראָבען ספר. דאָס איז געווען דער באַוואוסטער „עקדת יצחק" (מען פלעגט איהם רופען „דער עקדה"), א פירוש אויף תורה, על פי דרך החקירה, אין וועלכען אַלע אַלטע משכילים און מגידים האָבען זיך שטענדיג געגריבעלט.

ער האָט מיך געפרעגט אויב איך האָב אמאָל געלערנט, אָדער אַריינגעקוקט, אין דעמדאָזיגען ספר. און כאָטש איך האָב איהם געענטפערט אז ניין, האָט ער מיך געבעטען אַריינצוקוקען אין דער היינטיגער סדרה און זאָגען א שטיקעל פשט אין אַן אָרט, אויף וועלכען ער האָט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער.

אַלע דריי זיינען אַרויס אין א צווייטען צימער און מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט'ן „עקדה". עס האָט אָבער גאָר ניט לאַנג געדויערט און איך בין פאַרטיג געוואָרען. איך האָב פאַר איהם איבערגעזאָגט דאָס שטיקעל און ער האָט דערפון א הנאה געהאַט.

נאָכדעם וואָס מען האָט אונז ביידען נאָך מכבד געווען מיט פירות, זיינען מיר אַהיימגעגאַנגען.

ערשט מיט עטליכע טעג שפּעטער, האָב איך זיך פון מיין חבר דערוואוסט דעם גרויסען סוד, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען א שידוך פאַר מיר. דער מאַן וואָס איז דעמאָלט געווען מיט אונז, איז טאַקע דער מחותן און ער האָט דאָס ר' יודעלע'ן געבעטען, אז ער זאָל מיך, אין זיין געגענוואַרט, פאַרהערען.

ר' יודעלע האָט אפילו ליבוש'ן אָנגעזאָגט, „בגזרת כבוד רב", ער זאָל מיר וועגען דעם גאָר ניט דערציילען. ער האָט זיך אָבער, בשום אופן ניט געקענט לאַנג איינהאַלטען און מיר דעם גרויסען סוד מגלה געווען.

דער אייער־סוחר איז נאָכ'ן זעהען און פאַרהערען מיך, גאָר צופריעדען געוואָרען צום שידוך. ער האָט זיין שדכן געשיקט עטליכע מאָל צו אונז אין הויז. עס איז אָבער דערפון גאָר ניט געוואָרען, ווייל מיין

ברודער יהושע האָט אויסגעפונען אז דער מדובר איז „אן אויפגעבלאָזענער״...

אז איך בין דערפון שפּעטער געוואָהר געוואָרען, האָב איך גרויס הנאה געהאַט. עס האָט זיך מיר זעהר שטאַרק ניט געגלוסט צו ווערען אן אייער־סוחר...

מען האָט מיר אָנגעשלאָגען נאָך עטליכע אנדערע שידוכים, און טאַקע מיט רייכע דאָרפסלייט. דאָס זיינען אָבער געווען אויפגעקומענע, גראָבע יונגען, נחותי דרגא, און די מאמע האָט געזאָגט, אז עס וועט פאר׳ן טאַטען זיין א גרויסער בזיון אין קבר צו האָבען אזעלכע מחותנים...

## 25 — איך ווער א חתן

אין ראדאָמישלאַ („גרויס ראדאָמישלאַ", לעבען טאַרנע. ביי ראָז־וואָדאָוו איז אויך פאראַנען א שטעדטעל מיט'ן נאָמען „קליין ראדאָ־מישלאַ"), איז געווען א איד א שדכן, ר' מענדעל ר' בעריש'עס, געלד־צעהלער (ער איז געווען דער זיידע פונ'ם באוואוסטען דיכטער און זשורנאַליסט ראובן אייזלאַנד).

דערדאָזיגער ר' מענדעל פלעגט אָפט קומען קיין טאַרנע און זיין אן איינגעהער אינ'ם הויז פון מיין רבי'ן ר' נפתלי. אז ער האָט מיך דערזעהען, האָב איך ביי איהם שטאַרק נושא חן געווען און ער האָט ביי זיך באַשלאָסען, אז ער מוז מיך, אונטער אלע אומשטענדען, מאַכען פאַר א חתן. האָט עס איהם טאַקע ניט לאַנג גענומען און ער האָט דאָס זייניגע אויסגעפירט...

עס איז געווען דער שטענדיגער „מנהג" פון אלע שדכנים צו זאָגען ליגען. די טבע פון זייער „פאַך" פאָדערט פון זיי, אז זיי זאָלען גאָר א סך איבערטרייבען און פאַר די מחותנים, וואָס זוכען שטענדיג גליקען, דערצעהלען זאכען, גוזמאות, אשר לא היו ולא נבראו...

איך ווייס ניט, צי דערדאָזיגער ר' מענדעל איז טאַקע געווען אן אויסנאָם צווישען אלע שדכנים, אבער ביי די צוויי־דריי שידוכים, וואָס ער האָט פאַר מיינטוועגען פאָרגעשלאָגען, האָט ער זיך בסדר, אויף ווי ווייט עס איז איהם נאָר מעגליך געווען, געהאַלטען גאַנץ נאָהענט צום אמת.

אין דעם דערמאָנטען שטעדטעל ראדאָמישלאַ האָט געוואוינט אן עלטערער, בכבודער בעל־הבית, מיט'ן נאָמען ר' יודעל שטיגליץ, מיט זון און איידימס. (אלע צוזאמען האָט מען גערופען „די שטיגליצעס").

קיין גרויסער גביר, אָדער שטאַרקער תלמיד חכם, איז ער ניט גע־ווען, אָבער זעהר אן איידעלער איד און א העכסט פיינער בעל־הבית. ער פלעגט האנדלען מיט וואלד און זיין ווייב רחמה, א גרויסע אשת חיל, האָט געפירט א וויין־שענק. דערפון אליין האָט מען געהאַט זעהר שעהן פרנסה. זי האָט אָבער דערצו אויך געהאַנדעלט מיט די „מיעס־משאָנעס", שטאָדטישע גויים, וואָס פלעגען פאָהרען אויף ירידים איבער גאַנץ גאַליציע און אויפקויפען חזירים. זי פלעגט זיי באָרגען געלד און נעמען גוטע פראָצענטען.

דער עלטסטער זון זייערע, איז געווען ר׳ מרדכי דוד שטיגליץ. ער האט געהאט א גרויסע פאסעסיע אינ׳ם דארף זגורסק, א האלבע מייל פון ראדאמישלא.

ווייל זגורסק האט דערנאך געשפילט א היבשע ראלע אין מיין לעבען, וויל איך דא דערפאר וועגען דעם דארף אביסעל מעהר שרייבען.

דאס דארף זגורסק, מיט עטליכע ארומיגע דערפער און א סך וועלדער, האט אמאל באלאנגט צו דעם באוואוסטען פוילישען גראף אסאלינסקי. ווייל ער האט ניט געהאט קיין קינדער, האט ער זיין גרויס פארמעגען, אין מזומנים און געוויסע הכנסות פון די גיטער, פאר־שריבען פאר טובת הכלל. פון זיינע פאנדען איז געגרינדעט געווארען אין לעמבערג די גרויסע און בארימטע אסאלינסקישע ביבליאטעק.

פון די גיטער האט ער געמאכט (מיט א באזונדערער באוויליגונג פון דער רעגירונג) א „פידייקאמים״. דאס הייסט, אז זיי טארען קיינמאל ניט פארקויפט, אדער פארדונגען ווערען, נאר דארפען פארוואלטעט ווערען פון די פאמיליעס, וועלכע ער האט באשטימט פאר זיינע יורשים. און אלס יורשים האט ער באשטימט — אויף וויפיל איך ווייס — דריי פוילישע פאמיליעס פון שליאכציצעס: בראניאוווסקי, באיער און די פירסטליכע משפחה לובאמירסקי.

די גיטער און די וועלדער (צוזאמען עטליכע טויזענד אקער) זיינען צוערשט איבערגעגעבען געווארען צו דער פאמיליע בראניאווסקי אין באזיץ, אויף אזוי לאנג ווי זי וועט עקזיסטירען אין מאנסבילישע מיט־גלידער, וועלען די זכרים אויסשטארבען, געהט אלץ איבער צו דער פאמיליע באיער און נאך זיי צו די לובאמירסקי׳ס.

צו דער אסאליניסקישער ביבליאטעק האט מען פונ׳ם גאנצען מאיאנ־טעק געדארפט צאלען בלויז דריי טויזענד פינף הונדערט גולדען א יאהר.

דער ערשטער בראניאווסקי, וואס האט, נאכ׳ן טויט פונ׳ם גראף אסאלינסקי, איבערגענומען די גיטער, איז געווען א שפארזאמער מענש. ער האט אלעס פארוואלטעט אין בעסטער ארדנונג, ווי אן אמת׳ער בעל־הבית. אז ער איז, מיט יאהרען שפעטער, געשטארבען, האט ער צו זיין איינציגען זון אנטאן (אנטעק) איבערגעלאזט, א חוץ די גיטער, אויך איבער א האלבען מיליאן גולדען במזומנים.

דערדאזיגער זון איז אבער געווען פונקט דער היפך פונ׳ם פאטער: א גרויסער פארשווענדער און א היבשער טרינקער. אויך א שטיקעל פלוט דערצו, א חושים׳ניק, ווי עס פלעגען צו זיין א סך פוילישע פריי־צים, די מה יעשה׳ניקעס.

באַלד נאָכ'ן פּאַטערס טויט איז אַנטעק אוועק קיין פּאַריז און אַנדערע מקומות און האָט דאָרטען אָנגעהויבען צו לעבען א גוטען טאָג. די גיטער זיינע זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרען פון פרעמדע הענד.

איידער עס זיינען אוועק עטליכע יאָהר, איז פון אַנטעקס גאַנצען מזומנים האַלבען מיליאָן גולדען שוין גאָרניט פאַרבליבען. דער אוצר איז פאַרלומפּט און צורונען געוואָרען, פיל לייכטער ווי ער איז אָפּגע־שפּאָרט געוואָרען.

אָבער אַנטעק האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט, ער האָט איצט אָנגע־הויבען לעבען — כאָטש שוין ניט אזוי פאַרשווענדריש — אויפ'ן חשבון פון די אַסאָלינסקישע גיטער און, איבערהויפּט פון די גרויסע און אַלטע וועלדער.

לאַנג האָט אָבער אַזאַ ווירטשאַפט אויך ניט געקאָנט אָנגעהן. די פּוילישע פאַרוואַלטערס אין די גיטער האָבען גע'גנב'עט און גערויבט וואָס זיי האָבען נאָר געקענט, און עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז עס איז שוין ניט געווען וואָס צו שיקען אַנטעק'ן קיין פּאַריז. אפילו אויף צו צאָלען די פאַרהעלטניסמעסיג קליינע סומע פון פערטהאַלבען טויזענד גולדען צו דער ביבליאָטעק האָט געפעלט געלד.

איז, באין ברירה, אַנטעק צוריק געקומען פון פּאַריז און זיך באַ־זעצט אין איינעם פון די גיטער, אינ'ם דאָרף פּשיביש, און אָנגעהויבען אַליין צו ווערען א בעל־הבית.

ער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען ווי אזוי צו פיהרען אזעלכע גיטער און וועלדער און ער האָט א קורצע צייט שפּעטער באַשלאָסען די גיטער, איינס נאָכ'ן אַנדערען, צו פאַרדינגען צו... אידען...

אי, דער „פּידייקאָמיס" פאַרוועהרט דאָך אויסדריקליך די גיטער צו פאַרדינגען? נו, זיינען אויף דער וועלט פאַראַנען קלוגע און פּיפּיגע אַדוואָקאַטען, וואָס קאָנען געפינען אַן עצה. זיי האָבען זיך גענומען צו דעמדראָזיגען „פּידייקאָמיס" און אין איהם אזוי לאַנג אריינגעלערנט פּשט, ביז עס איז אויסגעקומען, אז אויף איין יאָר מעג מען יאָ די גיטער פאַרדינגען. ווייטער מוז מען יעדעס יאָהר דעם קאָנטראַקט באַנייען...

קוים האָט עס שוין געהאַלטען אזוי ווייט, האָבען זיך שוין אויך געפונען אידען, וואָס האָבען געוואָלט די גיטער דינגען.

דער קאָנטראַקט איז טאַקע געווען אויף בלויז איין יאָהר, אָבער מזומן האָט מען דעם פּריץ געמוזט געבען פאַר היבשע עטליכע יאָהר אין פאָראויס, און עס איז געווען א געהיימער אָפּמאַך, מיט פאַרשידענע באַוואָרענישען, אז דער קאָנטראַקט האָט צו לויפען גאַנצע צוועלף יאָהר.

אנטעק איז אָבער שוין געווען דער לעצטער מאנסביל פון דער משפחה בראָניאָווסקי און נאָך זיין טויט האָט געזאָלט קומען די פאַמיליע באַיער (אַן אָרימע שליאַכציצען־פאַמיליע אין פוילען, וואָס האָט שוין לאַנג ארויסגעקוקט אויף זיין טויט). איז דאָס גאַנצע געלד, וואָס די אידען האָבען געגעבען אין פאָראויס, געווען איינגעשטעלט. די געפאַהר איז געווען אז זיי זאָלען די גיטער מוזען פארלאָזען תיכף נאָך אנטעק'ס אָפּשטאַרבען . . .

פארשטעהט זיך, אז אונטער אזעלכע אומשטענדען, איז דאָס גאַנצע געלד געשטאַנען אין א סכנה פארלאָרען צו ווערען און מען האָט, דערפאַר, געמוזט די גיטער דינגען גאַר־גאָר ביליג. און עס זיינען אין אָנפאַנג אויך ניט געווען קיין צופיל בעלנים דארויף.

בלויז צוויי אידען האָבען זיך איינגעשטעלט און דעם פריץ געגעבען צו פופצעהן טויזענד גולדען און ביי איהם גענומען צוויי גיטער אין פאַכט.

בראָניאָווסקי איז דערוויל נ י ט געשטאָרבען. קיין פאַריז איז ער טאַקע שוין אויך מעהר ניט געפאָרען, נאָר אין פשיביש געלעבט א „גוטען טאָג", און די צוויי אידען זיינען דערוויל נתעשר געוואָרען.

זיי זיינען געווען שוואָגערס פון ר' מרדכי דוד שטיגליץ, וואָס איז פונקט דעמאָלט ארויס פון זיינער א פאָסעסיע מיט א קאפיטאַל פון א פינף און צוואַנציג טויזענד גולדען און א זעהר גוטען קרעדיט דערצו.

דער פריץ בראָניאָווסקי האָט נאָך דעמאָלט „געבאַלעבאַטעוועט" אין איין גוט, זגורסק, דאָס בעסטע און אויך דאָס גרעסטע גוט, וואָס ער האָט פארמאָגט, פון איבער טויזענד אַקער פעט לאַנד. דאָס איז איהם אָבער אויך נמאס געוואָרען און ער האָט עס פאַרדונגען צו שטיגליצ'ען און ביי איהם צוגענומען די גאַנצע פינף און צוואַנציג טויזענד גולדען.

שטיגליץ האָט דערביי געמאַכט א זעהר גוט, כּמעט א גאָר ריזיקאַליש, געשעפט. דער טויטער און לעבעדיגער אינווענטאַר און די אָנגעוואקסענע תבואות, וואָס ער האָט איבערגענומען מיט'ן גוט, האָט אָנגעטראָפען א הון רב. און דערצו האָט ער פאַר די קומענדע זיבען יאָהר כּמעט גאָר קיין צינז ניט געדאַרפט צאָלען.

אין די ערשטע צוויי יאָהר איז ער ארויס מיט זיינע פינף און צוואַנציג טויזענד גולדען און ער איז געווען אויפ'ן בעסטען וועג — אויב בראָניאָווסקי וועט נאָר פריער ניט שטאַרבען — צו ווערען א גאָר גרויסער עושר, מיט'ן גרעסטען גוט אין דער גאַנצער אומגעגענד.

אָט מיט דעמדאָזיגען ר' מרדכי דוד שטיגליץ, דעם פּאָסעסאָר פון גוט, האָט דער שדכן ר' מענדעל בעריש'עס דער מאַמען פאָרגעלעגט א שידוך פאַר מיר.

דער עסק איז דער מאַמען און מיין ברודער באַלד געפעלען געוואָ־רען. מיין שוועגערין איז געפאָרען אָנקוקען די כלה און איז צוריקגע־קומען אַן אַנטציקטע און א באַגייסטערטע, פאַר דעם גרויסען גליק וואָס מיר שטעהט דאָ פאַר.

א וואָך שפּעטער, איז דער אַלטער ר׳ יודעל שטיגליץ, מיט זיין אשר חיל רחמה, געקומען צו אונז קיין טאַרנע. זיי האָבען מיט זיך אויך מיטגעבראַכט זייערן א בן־־עיר, ר׳ זעליג ניימאַן („דער רויטער זעליג״ האָט מען איהם גערופען). ער איז אין זיינע יונגע יאָהרען געוועזן א גמרא מלמד. איצט איז ער געווען א גרויסער עושר און א וואַכערניק.

דערדאָזיגער ר׳ זעליג האָט מיך פאַרהערט א היבש שטיקעל גמרא און א תוספות׳ל און אויך חושן משפט, הלכות טוען ונטען. און „צו גוטער לעצט״, האָט ער מיר געגעבען א „טעמא״, אז איך זאָל וועגען דעם, טאַקע דאָ אויפ׳ן אָרט, אָנשרייבען א לשון הקודש׳דיג בריוועל.

איך האָב עומד בנסיון געווען און אַלץ געטאָן צו זיין בעסטער צופרידענהייט, ער האָט דערנאָך געזאָגט צום שדכן ר׳ מענדל׳ן, אז אויב די שטיגליצ׳עס וועלען זיך ניט צואיילען צום שידוך, איז ער מוכן ומזומן מיך צו נעמען פאַר א חתן, פאַר זיין איינציגע טאָכטער...

א צוויי וואָכען שפּעטער זיינען מיר אַלע זיך צוזאַמענגעקומען אויף דער נאָהענטער באַהן־סטאַנציע טשאָרנע. עס איז אָנוועזענד געווען די גאַנצע משפחה שטיגליץ. פון מיין צד זיינען מיט מיר מיטגעפאָהרען— כדי מיך צו „באַשווינען״ — עטליכע גבירים, ר׳ זכריה מענדעל אבערדאם און ר׳ משה׳ל וועקסלער.

דאָרטען בין איך, צו מזל, א חתן געוואָרען און אז איך בין אהיים־געפאָרען, האָב איך שוין געטראָגען א גרויסען גאָלדענעם זייגער, מיט א גראָבער קייט.

דער אַלטער מחותן ר׳ יודעל, האָט מיר געשאָנקען א סערבישע לאָז (אָ בילעט) און אַלע האָבען מיר געוואונשען, אז ביז צו מיין חתונה זאָל איך געווינען דאָס גרויסע געווינס...

דאָס איז געווען ווינטער (אַרום חנוכה צייט). זיבען חדשים שפּע־טער, תמוז שנת תרמ״ב (1882), ווען איך בין אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, אָהן פיר מאָנאַטען, האָב איך למזל חתונה געהאַט.

די מאַמע און מיין ברודער האָבען איצט לייכטער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבען אראָבגעוואָרפען א שווערען עול פונ׳ם קאָפּ און — מיך געבראַכט צו א תכלית.

## 26 — מיין חתונה

מיין חתונה איז געפּראַוועט געוואָרען מיט גרויס פּראַכט און גלאַנץ. זי האָט געהאַט א שם אין דער גאַנצער געגענד און, מיט יאָהרען שפּע־טער, האָט מען נאָך אַלץ וועגען איהר געהאַט וואונדוירים צו דער־צעהלען.

דער מחותן, ר׳ מרדכי דוד שטיגליץ, איז געוועזן א מענש, וואָס האָט תמיד ליב געהאַט זיך ברייט צו שטעלען און זיך ארויסצואווייזען טאַקע ווי א גרויסער גוטס־באַזיצער.

היינט, אז ער האָט אויף אַן אמת׳ן געהאַט צוויי גרויסע פּאָסעסיעס, זגורסק און יאָזעפאָוו, און גאָט האָט איהם נאָך געהאָלפען, אז ער האָט זיך פאַרבונדען מיט אזעלכע מיוחס׳דיגע און פּאַרנעמע משפחות — האָט ער זיך אוודאי געוואָלט שטעלען נאָבעל און ברייט.

לכבוד דער חתונה זיינען צוגעגרייט געוואָרען גאַנצע דריי גרויסע סעודות.

די ערשטע סעודה איז געווען דאָס „אָרימע מאָלצייט". עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען איבער הונדערט אָרימע אידען און שלעפּערס, מיט זייערע ווייבער און קינדער. זיי זיינען געקומען פון היבשע עטליכע מייל אַרום. מען האָט פאַר זיי געמאַכט א גרויסע סעודה, אַן אמת׳ע חתונה (א חוץ דעם חתן, וואָס איז ניט געווען דערביי), מיט כלי־זמרים און בדחנים. די חברה האָט געגעסען און געטרונקען און געהוליעט א גאַנצע נאַכט, ביז צום פריהמאָרגען. ביים אוועקגעהן האָט יעדער פון זיי באַקומען צוויי גרויסע בולקעס, מיט א היבש שטיק געבראָטען פלייש און דערצו גאַנצע צוואַנציג גראַצער במזומנים.

די חברה האָט א גאַנצע נאַכט אזוי פיעל געגעסען און נאָך מעהר געטרונקען, אז א סך פון זיי זיינען געווען טויט־שיכור און זיינען דער־נאָך שטונדען־לאַנג געלעגען אינ׳ם גאָרטען אָדער אויף די ארומיגע פעלדער.

די צווייטע סעודה איז געווען „די פּריצישע".

ראַדאָמישלא איז געווען בלויז א האַלבע מייל, מיט׳ן קייזער־וועג, פון׳ם זגורסקער הויף. עס איז דאָרטען אין שטאָדט געווען א באַצירקס־

גערי‍כט און א שטייער־אַמט און דערצו אויך „פינאַנצען" און זשאַנ־דאַרען. מיט דידאָזיגע אַלע פאַרשווינען האָט די פאַמיליע שטיגליץ גאָר גוט געלעבט. ערשטענס, איז דער אַלטער ר' יודעל שטיגליץ, יאָהרען־לאַנג, געווען דער וויצע־בירגערמייסטער פון שטאָדט. (דער „בורמישטש" איז געווען א רייכער חזירים־סוחר און פלעגט זעהר וועניג זיין אין דער היים, נאָר ארומגעפאָרען פאַר זיינע מסחרים. ר' יודעל האָט געפירט די שטאָדט. ער האָט געקענט גוט פויליש רעדען, אָבער ניט שרייבען און לעזען, פלעגט איהם דער סעקרעטער פאַרלייענען אַלע בריף און דאָקומענטען, וואָס זיינען אָנגעקומען אין „גמינע", און ר' יודעל האָט זיך געמאכט זיינע נאָטיצען, אין אידיש, טאַקע אויף די בריף און אַנדערע גערי‍כטליכע שריפטען, און זיי דערנאָך שוין ערליידיגט). א חוץ דעם זיינען אַלע באַאַמטען געווען אָפטע קונדען און איינגעהער אין דער „פאַניע שטיגליצאָוואַ'ס" שענק.

אז מען האָט פאַר זיי געמאַכט א סעודה און מען האָט נאָך זיי געשיקט קאַרעטעס, זיינען זיי אַלע געקומען און, צוזאַמען מיט עטליכע פריצישע שכנים פון די ארומיגע גיטער, פאַרבראַכט און געהוליעט ביי דער גרויסאַרטיגער סעודה

די דריטע, די הויפט־סעודה, איז געווען אינ'ם טאָג פון דער חתונה. עס זיינען דערביי אָנוועזענד געווען איבער צוויי הונדערט פערזאָנען. עס זיינען געווען אַלע נגידים און בעלי־בתים פון ראַדאָמישלאָ. אויך די דאָרטיגע „שעהנע אידען" און איבערהויפט אַלע קרובים פון דער שוויגער'ס צד, אן ערך פון א פערציג־פופציג מענשען.

אויף דידאָזיגע מחותנים, איז נעבאך געווען „א גאַנץ רחמנות", צוליב א מחלוקה אין דער משפחה

ר' מרדכי דוד שטיגליץ האָט געהאַט א שוואָגער, יאָסקי חיים, אויך א רייכער פאָסעסאָר, אינ'ם ניט־וויי‍טען דאָרף פשיביש.

דידאָזיגע צוויי שוואָגערס זיינען דעמאָלט געווען צוקריגט. איז, אז ווען יאָסקי האָט זיך דערוואוסט, אז מרדכי־דוד האָט שוין באַשטימט דעם טאָג פון זיין טאָכטער'ס חתונה, האָט ער, איהם אויף להכעיס, אויך באַשטימט פאַר'ן זעלבען טאָג די חתונה פון ז י י ן טאָכטער. די גאַנצע משפחה האָט זיך אפילו אריינגעלעגט און געוואָלט ביי יאָסקי'ן פועל'ן, אז ער זאָל אָפּלייגען אויף אַן אַנדער וואָך ער איז אָבער געווען אַן אדם קשה כברזל און מען האָט ביי איהם גאָר ניט געקענט אויספיהרען. האָט די משפחה זיך, נעבאך, געמוזט צורייסען און טאַנ־צען אין איין נאַכט אויף צוויי חתונות...

קיין טאָרנע, מיך צו ברענגען צו דער חופּה, האָט דער מחותן גע־שיקט גאַנצע פיר קאַרעטעס מיט די בעסטע „צוגאָווע" פערד. עס איז מיטגעפאָרען דער רבי ר' נפתלי ר' פּסח'ס, מיט דריי בחורים, מיינע חברים, און עטליכע טאָרנער נגידים, פון מיין שוועגערינס משפּחה.

אז מיר זיינען, אין מיטען העלען טאָג, אָנגעקומען קיין ראַדאָ־מישלאָ, זיינען אַלע קאַרעטעס, מיט גרוים בייטשען־געקנאַקעריי, דריי מאָל אַרומגעפאָרען דעם שטאָדטישען מאַרק און דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צונויפגעלאָפען אונז אָנצוקוקען און צו באַוואונדערען.

# 27 — נאָך דער חתונה

אַ נייע, פאַר מיר גאַנץ אומבאַקאַנטע, וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפנט, ווען איך בין אָנגעקומען — און שוין פאַרבליבן — אין דאָרף.

דער חתונה־טאַראַראַם איז שוין געווען פאַראיבער. די מאַמע, וואָס איז מיט מיר פאַרבליבן נאָך אַ וואָך צייט, איז צוריקגעפאָרן קיין טאַרנע. און איך, דער זעכצעהן־יעהריגער יונגערמאַנטשיק, בין אַליין געבליבן מיט מיין ווייב, אויף דריי יאָהר קעסט, ביי די שווער און שוויגער.

כאָטש איך האָב מיין כלה רעכט ניט געקענט — מיר האָבען זיך בלויז געזעהען, און זעהר ווייניג גערעדט בשעת די תנאים; און דער־נאָך קיין איין בריוועל אפילו ניט געשריבען — זיינען מיר אָבער, באַלד נאָך דער חתונה, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך בעסער דערקענט, אַזוי צוגעלאָזען געוואָרען איינער צום צווייטען און זיך באמת ליב באַקומען, גלייך מיר וואָלטען זיך געווען געקענט אַ סך יאָהרען. און דידאָזיגע האַרציגע ליבשאַפט האַלט שוין אָן, ברוך השם, איבער פופציג יאָהר און וועט שוין אַזוי פאַרבלייבען ביז צו אונזער לעבענס־ענדע...

ווען איך האָב חתונה געהאַט, איז מיין שווער ר׳ מרדכי דוד שטיגליץ געווען אַ מאַן פון אַ קנאַפע פערציג יאָהר. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַכט קינדער. מיין פרוי, רחל־לאה, איז געווען זיין צווייטע טאָכטער. אַן עלטערע טאָכטער, איידעל, איז שוין געווען זייט צוויי יאָהר פאַרהייראַט צו אַ פיינעם יונגענמאַן, בערל לעוו, פון שענדישאָוו.

מיין שוויגערס משפחה איז געווען אַ היבש גרויסע און אַ ווייט־פאַרצווייגטע און אַ רייכע דערצו. אַלע האָבען זיך באַשעפטיגט מיט האַלטען גרעסערע, אָדער קלענערע, גיטער און פאַכט.

איהר פאָטער ר׳ ישראל לינד (ווען איך האָב שוין ניט געקענט) איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען אַן אַרענדאַר אינ׳ם דאָרף רידע, ביי ראַדאָמישלאָ.

דאָס איז נאָך געווען אין די יאָהרען, ווען עס זיינען אין גאַליציע נאָך גאָר קיין באַהנען ניט געווען, און אַלע אָקסען, וואָס זיינען אויף די גרויסע יארידים פאַרקויפט געוואָרען קיין אָלמיץ, ברין און ווין, זיינען אהין געטריבען געוואָרען איבער געוויסע, באַשטימטע וועגען.

ישראל רידער׳ס קרעטשמע איז געווען אויפ׳ן טראקט, איבער וועל־כען טויזענדער אָקסען זיינען יעדע וואָך פארביי־געטריבען געוואָרען. איז ביי דערדאָזיגער קרעטשמע געווען די אָקסישע סטאַנציע, דאָס אָפּ־רוהפּלאַץ. דאָרטען האָט מען זיי געפיטערט מיט היי—געקויפט ביים ארענדאר — און אָנגעטרונקען מיט וואסער.

דער אָקסען־מסחר איז אין יענע צייטען געווען א גאָר גרויסער און איז אין גאַנצען געווען אין אידישע הענד. עס זיינען דערביי באשעפטיגט געוואָרען א סך מענשען. א חוץ די גוי׳אישע טרייבערס, זיינען אידען געווען די באַגלייטערס פון די טראַנספּאָרטען, נאמנים, קאַסירערס, רואי־חשבונס. אלע פלעגען פאָרען מיט פיינע קארעטעס, איבערהויפּט די סוחרים, וואָס פלעגען אָפט נאָכפאָרען, כדי אויף די ירידים די אָקסען צו פארקויפען.

אָט די אלע מענשען פלעגען דורכפאָרען דאָס דאָרף רידע, דאָרטען אָפּטרעטען, אָדער אויך איבערנעכטיגען אין קרעטשמע און געבען צו לייזען א סך געלד. דער ארענדאר ישראל האָט אָפּגעוואוינט א סך יאָהרען אין קרעטשמע און איז נתעשר געוואָרען.

און אז עס זיינען שפּעטער אין גאַליציע אויפגעקומען די באהנען, און מען האָט שוין מעהר קיין אָקסען ניט געטריבען, נאָר געפירט מיט׳ן באהן, האָט די גאַנצע שפע מיט אמאָל אויפגעהערט און עס האָט זיך דעם ארענדאר שוין מעהר ניט געלוינט צו בלייבען וייטער וואוינען אין דאָרף.

אזוי ווי געלד האָט ער שוין געהאט גאָר א סך, האָט ער פאר זיך און זיינע קינדער, זין און איידימס (א צעהן אין ערך) געדונגען גרויסע גיטער. אלע האָבען זיך זעהר גוט אויסגעטויגט צו די פּאַסעסיעס און שטארק מצליח געווען.

כמעט קיינער פון זיינע קינדער און אייניקלאך האָבען ניט געוואוינט אין שטאָדט, נאָר אין די דערפער, אין געדונגענע, און שפּעטער אויך אין אייגענע, גיטער.

עס איז געווען א צייט, אין מיינע יאָהרען, ווען זיינע קינדער און אייניקלאך, האָבען, אין איין אין דערזעלבער צייט, געהאַלטען צוויי און צוואַנציג גרעסערע, אָדער קלענערע גיטער, און אלע ניט וויט פון ראדאָ־מישלאָ.

מען האָט שוין געוואוסט, אז אויב ר׳ ישראל קעלקיאָווער׳ס (מען האָט שוין לאַנג געהאט פארגעסען וועגען דעם דאָרף רידע, נאָר איהם גערופען אויפ׳ן גרויסען גוט, קעלקיאָוו, וואָס ער האָט געהאַלטען יאָהרען־לאַנג אין פּאַסעסיע און דערנאָך איבערגעגעבען צו זיין יונגסטען זון

משה לינד, וועלכער האָט זיך שוין געפירט אזוי ברייט ווי אַן אמת'ער שליאכציץ. . .) אַ זון אָדער אַן איידים מאַכט חתונה אַ קינד, ווערט מען איהם באַלד פאַרזאָרגען מיט אַ פּאָסעסיע.

אויך מיין שווער, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַררעכענט פאַר אַ גרויסען עושר, האָט דאָסזעלבע געטאָן.

ווען ער, מיין שווער, איז אריין אין זגורסק, אין דעם גרויסען גוט פון בראָניאָווסקי'ן, האָט ער פון פריער נאָך געהאַט אַ קליין גוט, קאָניעץ, ביי פּשעצלאוו, לעבען ראדאָמישלאָ.

דאָס איז אפילו געווען אַ קליין גיט'על, אָבער זעהר גוטע ערד און מען האָט דערביי יעדעס יאָהר פאַרדינט אַ סך געלד.

זיין ערשטער איידים, בערל לעוו, אַ שטאָדטישער בחור, האָט גאָר ניט געוואוסט אין הלכות גוט. ער האָט אפילו, פּונקט ווי איך, כמעט קיין איין וואָרט פּויליש ניט פאַרשטאַנען. אָבער דאָס יונגע ווייבעל זיינס, איידעל, איז געווען אַ גאָר גרויסע בריה, פלאַם־פייער, און איהר האָט דער פאָטער איבערגעגעבען דעם פאַלוואַרק קאָניעץ צום פאַרוואַל־טען.

זי איז אבער דאָרטען געזעסען בלויז איין יאָהר. דער קאָנטראַקט האָט זיך אויסגעלאָזט און איהר פאָטער האָט פאַר איהר געדונגען אַ סך אַ גרעסער גוט, יאַזעפּאָוו, פון אַ פיער הונדערט־און־פופציג אַקער גוטע ערד, און ער האָט דאָרטען אריינגעלייגט אַ קאַפּיטאַל פון איבער צוואַנציג טויזענד גולדען.

מרדכי דוד שטיגליץ איז געווען אַ זעהר גוטער און געטרייער פאָ־טער און ער האָט פאַר זיינע קינדער שטענדיג געטאָן נאָך מעהר ווי זיינע כוחות האָבען איהם דערלויבט. ער האָט אָבער זיין ליבשאַפט צו קיינעמען קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען. ער איז געווען אַ זעהר שטרענ־גער און פעסטער כאַראַקטער און אלע, אויך זיינע נאָהענסטע, האָבען פאַר איהם גאָר שטאַרק געציטערט און זיך געהיט ניט ארויסצואַווייזען אַ פרייע מינע אין זיין געגענוואַרט. ער האָט אויך ליב געהאַט אַ היבש ביסעל כבוד און ביי זיך געווען זעהר שטאָלץ. אלעס וואָס ער האָט נאָר ארויסגעזאָגט, האָט געמוזט אויסגעפירט ווערען תיכף ומיד.

## 28 — דאָרפס-ארבייט

אין דער צייט ווען איך בין אָנגעקומען אין דאָרף, איז געווען זומער, שניט־צייט.

די ווירטשאפט איז געווען באמת א גאָר גרויסע, טויזענד אקער לאַנד און דערצו בהמות א סך.

עס זיינען דאָרטען געווען א פערציג גוטע ארבייטס־פערד און אויך דיזעלבע צאָל ארבייטס־אָקסען, א זיבעציג־אכציג מילך קיה, א חוץ יונגוואַרג מכל המינים, א סך הכל פון א צוויי הונדערט בהמות.

דינערס זיינען געווען אן ערך פון א צוואנציג, און דערצו א צעהן שיקסעס. אלע זיינען זיי געווען געדונגענע אויפ'ן גאנצען יאָהר, מיט קעסט, וואָס זיי האָבען באקומען אין דער גוי'אישער קיך, טאקע אינ'ם הויף.

די ארבייט האָט געברענט. עס איז דעמאָלט געווען א זעהר גוט יאָהר. עס איז אָנגעוואקסען א סך תבואות און הונדערטער שניטער און אנדערע ארבייטער זיינען יעדען טאָג געווען באַשעפטיגט די תבואות ארונטערצונעמען פון די פעלדער, אריינצוברענגען אין די שייערען, אָדער צו לעגען גרויסע „סטויגען".

מיין שווער האָט דעמאָלט געהאט, ווי שוין געזאָגט אכט קינדער, פון וועלכע די עלטסטע טאָכטער, איידעל, האָט שוין געוואוינט אין א באזונדערען גוט, יאַזעפּאָוו, איין מייל פון זגורסק. אלע קינדער, א חוץ צוויי גאָר קליינע, זיינען א גאנצען טאָג געווען באַשעפטיגט מיט אכטונג געבען אויף די ארבייטער, אין די פעלדער און אין די שייערען און אלע האָבען זיך דערצו גאָר גוט אויסגעטויגט.

די ערשטע עטליכע טעג נאָך מיין חתונה, (שבעת ימי חמשתה) איז מיין יונגע ווייבעל געווען אין הויז און זיך גאָר ניט געמישט אין דער ווירטשאפט. די מאמע מיינע איז נאָך דער חתונה נאָך פארבליבען מיט אונז אויף א וואָך צייט. אָבער קוים איז די מאמע נאָר צוריק אהיימגעפאָרען, איז מיין ווייב שוין געוואָרען אויס כלה, און גלייך מיט אלעמען געווען איינגעשפאנט אין דער טעגליכער ארבייט.

אין פעלד, אָדער אין שייער אכטונג געבען, איז זי אפילו (מסתמא צוליב מיר) ניט געגאַנגען. אבער אינ'ם הויף גופא, אין דער כשרה'רער און אין דער גוי'אישער קיך, האָט זי געהאַט איבער גענוג ארבייט, פון גאַנץ פריה ביז אין אָוונט.

פון לײדינג ארומגעהן, שפּאַצירען און פוסט און פּאַסעווען, האָט מען אויף מיין שווער'ס פּאַסעסיע און אויך ביי דער גאַנצער משפחה ניט געוואוסט.

דעם ערשטען בײשפּיל פון אומדערמידלעכען האַווען, האָט געגעבען מיין שוויגער אליין. איך האָב זי ניט איינמאָל באַוואונדערט, ווי עס נעמען זיך צו איהר, א דאַרער און קליין־געוויקסיגער פרוי, די כוחות אזוי פיל צו ארבייטען.

פיר א זייגער (זומער נאָך פיל פריער) איז זי שוין געווען אויף די פיס. זי האָט אויפגעוועקט די גוי'אישע קעכין, זי זאָל מאַכען פייער און אוועקשטעלען די גרויסע טעפּ געקעכץ פאַר די פּאַראָבקעס און די שיק־סעס. דאַן איז זי מיט די שיקסעס געגאַנגען צו „די מעלק", און אז מען האָט אויסגעמאָלקען די פילע קיה, האָט זי אכטונג געגעבען, אז מען זאָל די מילך אָפּשיקען אין שטאָדט אריין צום קרוב יאָסעלע ריגלי־צער, וואָס איז געווען דער שטענדיגער אָפּנעמער אויף איהר.

ווי נאָר זי האָט אָפּגעטרונקען אביסעל קאַווע („בראַווע" פלעגט זי דאָס רופען) און עפּעס איבערגעביסען, איז זי שוין געפאָרען מיט די ארבייטער אין די פעלדער, צו די פארשידענע ארבייטען און זי פלעגט דאָרטען אָפּזיצען א גאַנצען טאָג, ביז נאָך זון־פארגעהן, און דערנאָך איז זי ערשט ווידער געגאַנגען צו דער אָוונד־מעלק.

זי האָט פשוט ניט געקענט זיצען לײדיג. אויב עס איז אמאָל ניט געווען וואָס צו טאָן, האָט זי זיך שוין ארויסגעזוכט וועלכע ס'איז ארבייט. ווינטער־צייט, א שטייגער, ווען מען האָט אלע טאָג געדראָשען די תבואות אויף דער מאַשין, און מיט דער האַנד (מיט „צעפּעס"), האָט זי יעדען זונטאָג געהאַט א סך טועכץ, אויסצופּאַרריכטען די פילע זעק, וואָס האָבען זיך צוריסען אינ'ם לויף פון דער וואָך.

א חוץ דעם איז זי דאָך עפּעס געווען א מאַמע פון א צעהן־עלף קינדער (דריי זיינ'ען געשטאָרבען יונגערהייט) און ביז מען טראָגט אוים און מען „האָט" אזוי פיל קינדערלאך, דאַרף עס אויך נעמען א היבש ביסעל צייט, מיה און מאַטער...

אין „הויף" איז שטענדיג געווען ווי אויף א יאַריד. מיין ווייב האָט אויף אָלדינג געמוזט אכטונג געבען און איטליכען, אויף ווי ווייט מעגליך, צופרידען שטעלען.

דאָס זגורסקער הויף איז געלעגען גאָר האַרט ביים קייזער־וועג. אַ האַלבע מייל פון ראַדאָמישלאַ און אַנדערטהאַלבען מיילען פון מעליץ.

* * *

דאָס איז געווען דער אמת'ער „דרך המלך" און אָרימעלייט האָבען שטענדיג געהאַלטען אין איין וואַנדערען. עס איז כמעט נים געווען דער טאָג, אַז עס זאָלען אינ'ם הויף ניט זיין אַ צעהן־פופצעהן אידישע אָרימעלייט. דידאָזיגע אורחא־פרחא'ניקעס פלעגען אָפט וואַנדערען אין גאַנצע פאַמיליעס: מאַן און פרוי, עטליכע קינדערלעך, און אַמאָל גאָר עופה'לאַך ביי דער ברוסט.

יעדער אָרימאַן, וואָס איז געקומען אין הויף, האָט באַקומען עסען, אַ היבש שיסעלע געקעכץ, אַ גרוים שטיק ברויט אויפ'ן וועג, און אַ נדבה פון צוויי גראַצער.

בלויז נעכטיגען אין הויף האָט מען זיי ניט געלאָזט (צווישען זיי זיינען אויך געווען אַ סך אומריינע און דערצו גרויסע גנבים). מען פלעגט זיי אָפשיקען אין דער ניט־ווייטער קרעטשמע, אָדער בשעת הדחק — מיט אַ וואָגען קיין ראַדאָמישלאַ אין „הקדש".

מיין שווינער איז געווען זעהר אַ גוטע און אַ גרויסע בעלת־צדקה. אַ היבש ביסעל אָרימעלייט פון ראַדאָמישלאַ און רזאָכאָוו האָבען פון איהר באַקומען שטענדיגע שטיצע. זי האָט זיי אַהיימגעשיקט קעז, פּוּ־טער, תבואה און אַנדערע שפּייז, אַ חוץ מזומן געלד.

עס זיינען אין ראַדאָמישלאַ געווען עטליכע „שעהנע אידלעך", ר' ישראל פּוילישער, ר' שמואל יאָסעל און אַ צוויי דריי אַנדערע. צו זיי האָט זי אָפט געשיקט גאַנצע זעקלעך תבואה, אַז זיי זאָלען האָבען מעהל אויף באַקען ברויט. ערב פסח, פלעגען עטליכע פאַסעסאָרס פון דער קעלקאָווער משפחה, אַריינשיקען גאַנצע וואָגענס מיט ערד־עפּעל פאַר אָרימעלייט. צו די „באַהאַלטענע אָרימע" האָט מען אַהיימגעשיקט אין זעק.

„שעהנע אידלעך", רביי'אישע אייניקלאַך, און סתם מקבלים, האָט עס דאָרטען אויך ניט געפעהלט. מאַנכע פון זיי האָבען געהאַט אייגענע פערד און וואָגענס און גאָר אָפט געווען אונטער־וועגענס. אויך זיי האָבען אינ'ם זגורסקער הויף באַקומען דאָס זייעריגע: אַ ראַניש (אַ גולדען) און אַמאָל מעהר. אויך היי און האָבער פאַר'ן פערדעל.

אויף דעם אַלעם האָט מיין ווייבעל געמוזט אַכטונג געבען און זי האָט דערפאַר נעהאַט גענוג אַרבייט פון פריה־מאָרגען ביז שפּעט אין אָוועגד.

מיך האָט מען אין דער ערשטער צייט צורוה געלאָזט און ניט איינגעשפּאַנט אין קיין שום אַרבייט. בין איך געזעסען אין הויף און אַריינגעקוקט אין מיינע ספרים׳לעך, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון טאַרנע, אָדער געשריבען בריף צו מיין משפחה און באַקאַנטע.

## 29 — איך ווער „געשאָסען״

די ערשטע צוויי־דריי וואָכען נאָך מיין חתונה האָב איך גאָר ניט געטאָן, נאָר פארבראכט אין גאָרטען און געגעסען אַ סך אויבס.

אין זגורסק איז, הארט ביי די טירען פונ׳ם הויף, געווען אַ גאָר פיינער און גרויסער גאָרטען, פול מיט פארשידענע פרוכט־בוימער. און די צייטען ווען דער פריץ בראָניאָווסקי האָט דאָרטען נאָך באַלעבאַטעוועט, האָט ער צום גאָרטען געהאַלטען אַ באַזונדערען, געלערנטען גערטנער, אַן „אָגראָדניק״, מיט אַ צוויי־דריי ארויסהעלפערס, וואָס האָבען שטענדיג געארבייט: געפּוצט יעדען בוים באַזונדער און די בלומען כמעט געצויגען ביי די קעפּלעך, אַז זיי זאָלען וואָס גיכער און וואָס שעהנער וואַקסען.

מיין שווער אָבער האָט, פארשטעהט זיך, פון אַזעלכע נאַרישקייטען ניט געהאַלטען און ביי איהם איז קיין „אָגראָדניק״ ניט געווען . . .

ביי מיין שוויגער איז געווען אַ קרן, וואָס זי האָט די גאָר יונגע קעלבלעך געקענט אריינלאָזען אין גאָרטען.

זיינען אינ׳ם גאָרטען טאַקע מעהר קיין בלומען ניט געוואַקסען (סאידען אַזעלכע, וואָס וואַקסען פון זיך אליין) אָבער די פרוכט־בוימער האָבען דאָך אָהן אַ גערטנער אויך ארויסגעגעבען זייערע פירות און אַרום זיי האָב איך זיך שטענדיג געפּאַרעט.

ביז צו מיין חתונה, בין איך קיינמאָל ניט געווען אין קיין פרוכט־גאָרטען, און דאָ האָט זיך פאַר מיר געעפענט אַזאַ נייע, שעהנע און וואונדערבארע, וועלט: נעהם און עס, וויפיל דיין הארץ גלוסט!...

און איך האָב גענומען און גענאָסען מיט ביידע הענט.

דין, דאַר, איידעל און הויך־געוואַקסען, בין איך געווען — האָב איך זיך, דאַריבער, גאָר לייכט געקאָנט אויסלערנען קלעטערען אויף די העכסטע בוימער. איך בין שטונדען־לאַנג געזעסען אויף די צווייגען פון די קארשען־וויינשעל־בארען און עפּעלבוימער. עס האָט מיך ווייניג־וואָס געארט, צי די פירות זיינען גענוג צייטיג, צי ניט. איך בין געזעסען אויף די בוימער, אָדער מיט אַ לאַנגען שטעקען געשאָקעלט

די צווייגען, א סך פון זיי צעבראָכען און האָב גרויס הנאה געהאַט פון די שעהנע און באַטעמ׳טע פרוכטען.

באַלד נאָך מיין חתונה האָב איך פארבויגען די גמרא און זי זעלטען־ווען געעפענט. אָבער איך האָב נאָך אָפט אריינגעקוקט אין א לשון קודש־דיגען ספר׳ל. יעדען צווייטען טאָג האָב איך אויך געשריבען א בריוועל צו דער מאמען — איך האָב איהר געמוזט געבען תקיעת כף, אז איך וועל אזוי טאָן.

אָבער קוים איז נאָר געוועזען שעהן אין דרויסען, בין איך שוין געזעסען אויף די בוימער און געגעסען אויבס.

מיין מאָגען און פארדייאונגס קראַפט האָבען דעמאָלט געמוזט זיין זעהר שטארק, ווען ניט, וואָלט איך זיכער ניט געווען געקאָנט אין מיר אריינלייגען אזוי פיל פרוכט.

מיין שווער און זיין בני בית האָבען דאָס אלץ צוגעזעהן און מיר ניט געשטערט. זיי האָבען בלויז געלאַכט, און מיר אָפט געזאָגט, אז איך וועל זיך אזוי פיל איבערעסען מיט פרוכט, אז דערנאָך וועל איך אויף זיי שוין מעהר ניט קענען אפילו קוקען. נאָר דערווייל האָט עס נאָך ניט געהאַלטען דערביי.

אָבער איין מאָל האָט זיך מיין שווער מיט מיר דערלויבט א שפּאַס, פון וועלכען איך וואָלט גאָר געווען געקאָנט שטארק געניזק׳ט ווערען.

איינמאָל — ווי מיין שטייגער פלעגט צו זיין — זיץ איך מיר אזוי צווישען די דיקע און הויכע צווייגען און עס פרוכט.

מיין שווער, וואָס איז געווען אין הויז, האָט דאָס צוגעזעהן. און ווייל גוט אויפ׳ן הארצען איז איהם געווען — האָט איהם אָנגעכאַפּט א חשק מיך אביסעל איבערצושרעקען. האָט ער גענומען די געלאָדענע ביקס, וואָס פלעגט שטענדיג הענגען איבער זיין בעט און האָט אויסגעשאָסען דורכ׳ן פענסטער.

פון דעם שטארקען און אומגעווענליכען קנאַל בין איך ארונטערגעפאַלען צו דער ערד, כמעט גאָר ניט באשעדיגט. נאָר אז איך האָב דערזעהען מיין שווער שטעהן אין פענסטער און זיך האַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג, האָב איך זיך אזש צעוויינט פון גרויס אויפרעגונג און פארדראָס.

מיין ווייבעל איז באַלד ארויסגעלאָפען צו מיר אין גאָרטען און מיך קוים איינגענומען. איך האָב זיך דאָך „צעבונטעוועט" און תיכף ומיד נאָר געוואָלט אהיימפאָרען צוריק צו דער מאמען...

מיין ווייב האָט ניט געהאַט די עזה דעם פאָטער אויסצורעדען, אָבער אז די שוויגער איז פארנאַכט אהיימגעקומען פון פעלד, האָט מיין ווייב פאר איהר אָפּגעוויינט „א גאַנץ שטיק", אז איך וויל זי פאר־לאָזען און צוריק אהיימפאָהרען.

איז זי, די שוויגער, באַלד אריין צו איהר „כל־בוניק" (אזוי האָט זי איהם גערופען, ווען זי איז געווען אין כעס) און איהם געגעבען א „סילוק", הלמאי ער טשעפּעט זיך אומזיסט און אומנישט צום „קינד"...

ער האָט איהר אָבער וויינינג־וואָס געענטפערט און געהאַלטען אין איין לאַכען. א גאַנצע וואָך האָב איך מיט איהם ניט גערעדט, ביז מיר האָבען זיך, צוביסלאַך, ווידער איבערגעבעטען.

די שוויגער האָט מיך זעהר ליב געהאַט. ניט איין מאָל האָט זי געזאָגט פאר די קינדער און איהרע קרובים, אז איך בין ביי איהר א סך חשוב'ער, ווי זי וואָלט זיך געקויפט אן אייגען גוט. (צוויי פון איהרע ברידער האָבען שוין דעמאָלט געהאַט אייגענע, גרויסע, גיטער).

אהיים בין איך, מאָלט אייך, ניט געפאָרען. און אין מיינע בריף צו דער מאַמען, האָב איך די גאַנצע פּאַסירונג אויך ניט דערמאָנט.

עטליכע טעג שפּעטער, האָט מיר די שוויגער, כאָטש עס איז מיר אפילו ניט איינגעפאַלען וועגען דעם צו בעטען, דערלאַנגט צעהן גולדן:

— נאָ, דער שווער האָט דיר געגעבען, דו זאָלסט דיר קויפען דיינע ספרים'לאַך, וואָס האָסט אזוי ליב צו לייענען...

איך האָב דאָס געלד אוועקגעשיקט צום מוכר ספרים אהרן פויסט, אין קראָקע, און דער גאַנצער אינצידענט איז פון מיר, בסך הכל א אינגעל פון א זעכצעהן יאָהר, באַלד פארגעסען געוואָרען.

אויף די בוימער האָב איך זייט דעמאָלט שוין וויינינ־וואָס גע־קלעטערט. אז די פּירות זיינען צייטיג געווארען האָבען זיי אַליין אָנגעהויבען ארונטערצופאַלען...

עס האָט דעמאָלט שוין אויך אָנגערוקט די צייט פון די ליבע און טייערע וויינפערלאַך און שעהנע רויטע אגרעסען. זיי וואַקסען אויף גאָר נידריגע קשאַקעס, אזוי אז מען דארף זיך צו זיי נאָר צובויגען און עסען...

אויב איך האָב נאָך אמאָל יאָ חשק געהאַט א קלעטער צו טאָן אויף א בוים, האָב איך מהדר געווען דאָס צו טאָן, ווען דער שווער איז ניט געווען אין דער היים. איבערהויפּט אין א דאָנערשטאַג, ווען ער פלעגט פאָרען קיין ראַדאָמישלא, אָדער קיין מעליץ, אויף די דאָרטיגע ירידים.

דעמאָלט בין איך געווען דער בעל הבית און אליין־הערשער איבער'ן גרויסען גאָרטען און דאָרטען געטאָן וואָס מיין הארץ האָט נאָר אליין געגלוסט.

## 30 — איך ווער „געבונדען"

איך האָב חתונה געהאט ראש חודש תמוז און אין עטליכע וואָכען ארום האָט זיך שוין אָנגעהויבען שניט־צייט.

די ווירטשאַפט אין זגורסק, ווי איך האָב שוין עטליכע מאָל געזאָגט, איז געווען א זעהר גרויסע, אן ערך פון א טויזענד אקער, גאַנץ גוטע ערד.

דערצו איז דעמאָלט געווען אַ זעהר גוט און געראָטען יאָהר. (מיין שוויגער פלעגט זאָגען אַז דאָס איז אין מיין מזל . . .) און עס זיינען אָנגעוואַקסען זעהר א סך תבואות און פארשידענע הייען און קלעען.

ארבייטער האָבען דעמאָלט אין די פעלדער געארבייט גאָר א סך, אָפטמאָל עטליכע הונדערט יעדען טאָג. מען האָט זיך ניט געקאָנט צופרידען שטעלען מיט די שטענדיגע ארבייטער פון די ארומיגע דער־פער, נאָר מען האָט נאָך באַצויגען „געבערגס־גוים".

דאָס זיינען געווען אָרימע גוים פון די בערג ארום טאָרנע און סאנזער געגענד. מען האָט געשיקט וועגענער נאָך זיי און זיי זיינען געקומען מיט זייערע ווייבער און קינדער און דאָ אָפּגעווען אַ גאַנצען זומער.

זיי האָבען די תבואות ניט געשניטען מיט די געוועהנליכע סערפּעס, נאָר געהאַקט מיט קאָסעס. זיי האָבען גענומען אַ סך מעהר ווי די היימישע גוים: צוויי גולדען א טאָג פאר מאַן און ווייב. דערצו האָט מען זיי אויך געמוזט געבען פּראָדוקטען, אַז זיי זאָלען פאר זיך אליין קאָכען. עס איז אָבער ווערט געווען, ווייל זיי זיינען געווען שנעלע און גוטע ארבייטער.

אָבער די הויפּט־ארבייטען פלעגען טאָן די שטענדיגע, היימישע, גוים און שיקסעס. מיין שוויגער האָט שוין געהאט איהרע אייגענע שיקסעס, פאַר וועלכע זי וואָלט ניט געווען גענומען „אַ זאַק מיט באָרשטש". זי פלעגט זיי אָפּט מהנה זיין מיט איבריגע עטליכע גראצער און מיט אַן איבעריגען טרונק־בראַנפען...

די זגורסקער פעלדער זיינען אלע געלעגען בלויז פון איין זייט הויף. ניט צום וועג קיין ראַדאָמישלאַ, נאָר האָבען זיך געצויגען גאָר העט וויט, אזש ביז קיין וואדאָוויץ. יעדעס שטיק פעלד איז געווען איבער הונדערט אקער לאנג און ברייט, און איז געווען פארזייט מיט בלויז איין סאָרט תבואה, קאָרן, ווייץ, גערשטען, אָדער האָבער.

אז אזא שטיק פעלד איז פארטיג געוואָרען צום ארונטערנעמען די אָנגעוואקסענע תבואה, האָט מען דערצו געדארפט האָבען עטליכע הונדערט שניטערס אָדער העקערס.

דער געוועהנליכער לוין פון די ארבייטער איז געווען זעהר פאר־שידען, און איז געווען אָפּהענגיג פונ׳ם סעזאָן פון יאָהר און דעם אופן פון ארבייט.

ווינטער־צייט, ווען מען האָט גאָר ניט געטאָן, נאָר טאָג־אויס טאָג־איין געהאַלטען אין איין דרעשען די תבואות, פלעגט דער לוין פון א דערוואקסענעם פויער זיין זעכצעהן און האלבען גראַצער א טאָג, דאָס הייסט, א האלבען „צוואַנציגער״ (די צוואַנציגערס זיינען שוין לאנג ניט געווען אויף דער וועלט, אָבער דער פויער האָט נאָך אויף זיי גערע־כענט).

א דערוואקסענע, גרויסע, שיקסע אָדער פויערטע, האָט באקומען פופצעהן גראַצער; קלענערע שיקסלאך — צו צוועלף גראַצער.

אָבער מיט׳ן אָנקומען פונ׳ם פריהלינג האָט זיך דער ארבייטס־פּרייז געהויבען, וואָס אמאָל העכער געוואָרען און ער האָט זיין העכס־טען שפּיץ דערגרייכט שניט־צייט, ווען מען פלעגט צאָלען אפילו די שיקסעס צו זעכציג גראַצער א טאָג.

צוליב אזא הויכען פּרייז פלעגען זיך פויערים אָנלויפען אין גרויסע צאָלען, פון גאַנץ וויט. עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואָס זיינען געגאַנגען צו פוס (אין אויסנאַמס־פאַלען האָט מען נאָך זיי געשיקט פורען), א קנאַפּע מייל, אין דער פריה צו דער ארבייט און אין אבענד צוריק, אויב מען האָט נאָר ערגעץ אין א הויף געצאָלט מיט פינף אָדער צעהן גראַצער מעהר, ווי דער הויף אין זייער שכנות.

מען פלעגט אויך די שניטערס געבען — אין דער העכסטער שניט־צייט, אָדער אין הערבסט ביים אויסגראָבען די קארטאָפעל — צוויי מאָל אין טאָג צו גלעזלאך בראנפען.

געוועהנליך פלעגען אזעלכע טאָג־ארבייטער זיין גרויסע פויליאקעס און האָבען נאָר געזוכט דער טאָג זאָל אריבערגעהן מיט וואָס וועניגער ארבייט. האָט מען אויף זיי געמוזט אכטונג געבען און ניט אָפּלאָזען פון אויג א גאַנצען טאָג.

די שווינגער, מיט דער ארויסהילף פון איהרע קינדער און דערצו עטליכע גערונגענע אידישע און אויך גוי'אישע אויפזעהערס, האָבען געהאַלטען אין איין מינטערען די ארבייטער און שרייען אָהן אן אויפהער:

— זשני! זשני! זשני! (שנייד, שנייד, שנייד!)

כדי די ארבייט זאָל אָנגעהן שנעלער און מען זאָל אויף די ארבייטער קענען בעסער אכטונג טאָן, האָט זי זיי איינגעטיילט אין עטליכע סעקציעס. צו פערציג־פופציג אויף איין פּלאַץ.

די גיכקייט פון דער ארבייט ווענדט זיך אָן דעם „פּשאָדאָווניק", אָן דעם ערשטען שניטער, נאָך וועמען אלע אנדערע פון דער סעקציע מוזען נאָכפאָלגען און האַלטען שריט.

אויב די ארבייט ווערט געטאָן פון א פלינקען שניטער, מוזען די אנדערע ארבייטער, באין ברירה, שוין נאָכפאָלגען און ניט בלייבען הינטערשטעליג צופיל.

יעדער הויף האָט דערפאַר שוין געהאַט זיינע געניטע און בעסטע ארבייטער — געוועהנליך גרויסע און פלינקע שיקסעס — מיט וועמען מען האָט זיך באַנוצט אלס „פּשאָדאָוויקעס". זיי פלעגען באַקומען צו עטליכע גראַצערס מעהר א טאָג, און ביי זיך געווען גאַנצע מיוחסת־טעס. אפילו אין אַנדערע צייטען, ווען עס איז געווען ווענינ ארבייט אין הויף, און מען האָט א סך אַרבייטער צוריק אהיימגעשיקט, האָט מען פאַר אזא „פּשאָדאָווניצע" שוין שטענדיג געפונען עפּעס צו טאָן...

* * *

איינמאָל, בשעת מען האָט געשניטען ווייץ אין א וויטען פעלד, האָט מיך מיין ווייב איינגעלאַדען, אז איך זאָל מיט איהר מיטגעהן אין פעלד אריין, וויל זי וויל טראָגען עפּעס אביסעל ווארימעס פאַר דער מוטער, וואָס איז שוין געווען אין פעלד זייט דעם פריען מאָרגען.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפ'ן פעלד, איז געווען ארום עלף א זייגער. די גאַנצע ליאַנע איז געווען געדיכט פון מענשען. עס זיינען דעמאָלט געווען איבער צוויי הונדערט שניטער.

מיין שווינגער האָט זיך געפונען פונקט ביים שפּיץ ביי די ערשטע ארבייטער — אלע האַלב־נאַקעטע און באַרוועסע מענשען. מיין ווייב האָט איהר דערלאַנגט דאָס טעפּעל געקעכץ. די שווינגער איז אוועק אביסעל אָן א זייט. מיין ווייב האָט פארנומען איהר אָרט און געהאַלטען אין איין שרייען:

— זשני! זשני! זשני!!!

איך בין געשטאַנען לעבען איהר אין מיין לאַנגען בעקעשעל און אין סאַמעטענעם קאַפעלושעל. קיין רעקעל האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געטראָגען. זיי האָבען אין דאָרף מורא געהאַט, אַז די מאַמע וועט זיך דערפון דערוויסען און האָבען טענות, אַז מען האָט איהר זון גע־מאַכט פאר א „דייטש"... בין איך מיר אזוי געשטאַנען און עפּעס גערעדט מיט מיין ווייב.

אָבער פּלוצים, איידער איך האָב זיך נאָך רעכט צייט געהאַט ארומצוזעהען, איז צו מיר צוגעלאָפען איינע פון די שיקסעס, טאקע די „פּשאָדאָווניצע", און מיט א שטריק, געפלאָכטען פון געשניטענער תבואה, מיך פעסט ארומגעבונדען. בין איך געבליבען שטעהן, אין מיין לאַנגער־שוואַרצער בעקעשע, אַן ארומגעבונדענער מיט א שטרויענער „פּאָוראָסלא"...

איך אָנפאנג האָב איך גאָר ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער מיין ווייב און אַלע אַרבייטער האָבען אָנגעהויבען גאָר שטאַרק צו לאַכען און מען האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אַלטער פּויע־רישער מנהג, אַז ווען א גאסט קומט אין פעלד אריין ווערט ער תיכף געבונדען און ער מוז זיך אויסלייזען. פריער טאָר ער פון זיך די „פּאָוראָסלא" ניט ארונטערנעמען.

מיין ווייב האָט מיך אויסגעלייזט פון די דאָזיגע גוי'אישע הענד מיט אַ גאַנצען גולדען און די שוויגער האָט, לכבוד איהר „נאָווי דזשענץ", „דעם נייעם איידים", צו מיטאָג געהייסען געבען צו אַלע אַרבייטער צו טרונק בראַנפען, אַ חוץ דעם בראַנפען, וואָס זיי האָבען שוין באַקומען צום אָנבייסען און וועלען נאָך באַקומען פאַרנאַכט, צום „פּאָד־וויעטשאָרעק".

א וואָך צוויי, וואו איך בין נאָר געשטאַנען און געגאַנגען, צו־קוקענדיג זיך צו די פאַרשידענע דאָרפס־אַרבייטען, האָט מען מיך גע־האַלטען אין איין „בינדען" און איך האָב געמוזט צאָלען אויסלייז־געלד, כאָטש שוין ניט קיין גאַנצען גולדען, ווי דאָס ערשטע מאָל. איך בין אָפּגעקומען מיט צוואַנציג, אָדער דרייסיג גראַצער . . .

## 31 — רייטען אויף פערד

באַלד ווי איך בין נאָר אָנגעקומען אין דאָרף אַריין, האָט זיך אין מיר אָנגערופען אַ גרויסער חשק צו רייטען און פאָרען מיט פערד.

אייגענטליך האָב איך דעם דאָזיגען חשק שוין געהאַט פון פריער — זייט איך בין אַ חתן געוואָרען.

דער שדכן, ר' מענדעל ר' בעריש'ענס, ווען ער האָט נאָר אָנגעשלאָגען דעם שידוך, האָט ער שוין געפונען פאר נויטיג דאָס אויסצורעכענען פאר אַ מעלה. איך ווייס אפילו ניט וואָס די מאַמע, מיין ברודער און די שוועגערין, האָבען וועגען דעם געדענקט. אָבער איך אַליין האָב דערפון זעהר גרויס הנאה געהאַט און שוין אַרויסגעקוקט אויף דער צייט, ווען דערדאָזיגער וואונש וועט ענדליך מקוים ווערען...

אייגענטליך האָב איך דעמאָלט נאָך זעהר שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַ פערד. אין לעמבערג, אַדער טאַרנע, ווען איך האָב געזעהען אַ פערד, האָב איך שטענדיג זיך אָפּגעטראָגען אָן אַ זייט. הייסט, אַז איך האָב דערזעהען, אַז אַזאַ פערד הויבט אויף דעם עק, אָדער טוט אַ בריק מיט'ן הינטערשטען פוס, האָב איך פשוט עוקר געווען.

איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פשוט אַ נאַרישע מורא, און אויב איך וועל נאָר האָבען די געלעגענהייט דערצו, וועל איך קענען געהן אַרום אַ פערד, פונקט אַזוי גוט ווי יעדער איינער...

אויך מיינע חברים, ביי רבי נפתלי ר' פסח'ס און די אַנדערע קלויז־בחורים, האָבען מיך געהאַלטען אין איין מקנא זיין, אַז איך וועל האָבען אַזאַ גוטע און אָנגענעהמע צייט און שטענדיג אַרומרייטען, ווי אַן אמת'ער פּריץ, אויף אַ פערד, אָדער אַרומפאָרען אין מיין אייגענער קאַרעטע, אַ זאַך, צו וועלכער זיי וועלען קיינמאָל ניט קענען קומען...

אַ פּאָר טעג נאָך מיין חתונה, ווי גיך די מאַמע איז נאָר אַהיימגעפאָרען (זי וואָלט מיך זיכער ניט געלאָזט צוגעהן צו אַ פערד, עס זאָל מיר ניט אַ בריקע טאָן), האָב איך זיך שוין אָנגעהויבען צו דרעהען אַרום די פערד. ניט אַרום די, וואָס זיינען געשטאַנען אין שטאַל, אָדער געאַרבייט אין פעלד, נאָר ביי יענע, וואָס זיינען געווען איינגע־

שפּאַנט אינ׳ם שווער׳ס בריטשקע און מען איז מיט זיי כסדר אַרומ־געפאָרען.

מיין שווער האָט זיך שטענדיג ליב געהאַט צו פירען ברייט, אַ סך אַנדערש ווי זיינע שוואָגערס, און ער איז שטענדיג אַרויסגעפאָרען מיט אַזאַ טייערען געשפּאַן, ווי דער גרעסטער פּריץ פון דער געגענד. פלעגט מען איהם טאַקע, פון שפּאַס וועגען, רופען דער „באַראָן".

ער האָט געהאַט אַ פּאָר טייערע פערד, וואָס האָבען איהם אַליין געקאָסט די גרויסע סומע פון זעקס הונדערט גולדען און זיינען אַ סך מעהר ווערט געווען. איינער פון זיי איז געווען אַ געשניטענער און דער צווייטער אַן אָגער.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פערד, זיינען געווען דידאָזיגע צוויי סוסים. ווען איך האָב זיי צום ערשטען מאָל דערזעהען, איז מיין האַרץ צו זיי צוגעצויגען געוואָרען מיט גרויס ליבשאַפט, און מיין גרעסטער וואונש איז אין יענע צייטען געווען, אַז איך זאָל נאָך האָבען די זכיה אויף זיי אַמאָל צו רייטען, אָדער כאָטש מיט זיי צו קוטשירען.

איך האָב זיך צו דידאָזיגע פערד צוביסלאַך צוגעוואוינט. אין אָנפאַנג האָב איך זיי געגעבען שטיקלאַך צוקער, אָבער אין איינוועגס האָב איך זיך גאָר שטאַרק געשראָקען, אַז דאָס פערד זאָל מיר אויך ניט אַ ביס טאָן . . .

אָבער, ניט קוקענדיג אויף זייער הויכען פּרייז און גאָר שנעלען לויפען, זיינען דידאָזיגע צוויי פערד געווען גאָר געמיטליכע באַשעפע־נישען. זיי האָבען מיר קיינמאָל קיין ביס ניט געטאָן און באַהבה מקבל געווען מיינע — וואָס אַמאָל מעהר דרייסטערע — באַריהרונגען. איך פלעג זיי גלעטען ביי די גריוועס און זיי האָבען געגען דעם גאָר ניט פּראָטעסטירט.

* * *

מיין ווייב האָט געהאַט אַ ברודער, מיט אַ קנאַפּע צוויי יאָהר אינגער פון איהר, פון אַ יאָהר זעכצעהן, דאָס הייסט, אין מיין עלטער, מיכאל האָט ער געהייסען.

אָט דערדאָזיגער מיכאל איז געווען אַ גאַנץ וואוילער בחור און אַ גאָר שטאַרק צוגעלאָזענער. ער האָט מיך ליב באַקומען זייט ער האָט מיך דערקענט און אונזער פריינדשאַפט האָט אָנגעהאַלטען ביז צו זיין אָפּשטאַרבען.

ער איז געווען דער איידעלסטער און צו־מייסט געלערנסטער פון שווער׳ס זין; דער שווער האָט זיך אויף איהם אויך געלאָזט קאָסטען אַ סך געלד. ער האָט איהם שטענדיג געהאַלטען אין ראַדאָמישלאַ ביי

א מלמד און דערנאָך אויך אין טאָרנע, ביי א לערער, וואָס האָט געהאט א נאָמען אין דער גאַנצער אומגעגנד, יודל היימאַן.

מיכאל האָט גאָר שטאַרק חשק געהאט צו קענען לשון קודש און אויך אַביסעל דייטש. אין ראַדאָמישלא איז אין יענע צייטען ניט געווען אַזא לערער פאר אַזעלכע זאכען (שפעטער איז אהין געקומען א רעלי־גיאָנס־לערער, בלומענקראַנץ, וועלכער פלעגט אויך געבען פריוואַטע לעקציעס).

איך האָב מיכאל׳ן צוביסלאַך אָנגעהויבען צו לערנען. ער האָט אפילו ניט געהאט קיין גוטען קאָפּ. ער האָט אבער נעבאַך געוואָלט און זיך געמוטשעט איבער שילער׳ס „קאַבאַלע און ליבע” און איך האָב איהם געמוזט געבען צו פאַרשטעהן יעדען באַזונדערען זאַץ.

אַלזאָ איך בין געוואָרען מיכאל׳ס שפּראַכען־לערער און ער מיינער — אין רייטען אויף פערד . . .

כאָטש אין זגורסקער הויף זיינען געווען א סך פערד, עטליכע פערציג ביז פופציג, זיינען אָבער ניט געווען אַזעלכע וואָס האָבען זיך אויסגעטויגט צום רייטען.

רייטען קען מען אפילו אויף יעדען פערד. אבער פון רייטען צו רייטען איז גאָר א גרויסער חילוק.

דער אומגאַנג מיט די פערד איז געווען אַזא: פאַר יעדע פיר פערד (א פאָרנאַלקע) איז געווען א באַזונדער פאַראָבעק, וועלכער האָט מיט זיי געאַקערט, אָדער געפאָרען. און ער איז געווען זייער בעל הבית, זיי געגעבען צו עסען און אויף זיי אַכטונג געגעבען, אַז זיי זאָלען זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. אַזא פאַראָבעק פלעגט זיך פשוט שפּיגלען אין זיינע פערד און זיך מיט זיי באַרימט, אויב זיי האָבען שעהן אויסגעזעהען.

נעמען ביי אַזא פאַראָבעק זיינס א פערד צום רייטען איז געווען אַן אונמעגלאַכע זאַך. די פערד האָבען געאַרבייט טאָג־איין און טאָג־אויס און זונטאג האָבען זיי גערוט. האָט ער זיי, בשום אופן ניט געוואָלט געבען צום רייטען.

זיינען בלויז פאַרבליבען צום רייטען די צוויי „צוגאָווע” פערד, די בעסטע און שעהנסטע אינ׳ם הויף.

זיי האָבען קיינמאָל ניט געאַרבייט אין געשפאַן, נאָר מען איז מיט זיי אַרומגעפאָרען, בלויז מיין שווער פלעגט ווען־עס־איז רייטען אויף איינעם פון זיי אין א ווייטערען פעלד אריין.

אָט אויף דידאָזיגע צוויי טייערע פערד האָב איך, צוזאַמען מיט מיכאל׳ן, געוואָרפען אַן אויג.

דער פֿאַראַבעק זייערער איז געווען אַ יונגער און שעהנער שייגעץ, מיט'ן נאָמען יענדרעק. ער איז געפֿאָרען מיט די „צוגאָווע" פערד און ער איז געווען דער קוטשער פֿון זיי.

יענדרעק איז שטענדיג געווען „אַ פּאַן פּאָטשעבאָווסקי", ער האָט זיך שטענדיג געגויטינגט אין געלד. כאָטש ער האָט כסדר, ווען נאָר ער איז מיט אימיצען ערגעץ געפֿאָרען, באקומען זיין „טרינק-געלד", איז ער אָבער אלעמאָל געווען „צו-קורץ". ער האָט געהאַט עטליכע שיקסעס, פֿאַר וועלכע ער האָט יעדעס מאָל, ווען ער איז נאָר געווען אין טאָרנע, איינגעהאַנדעלט מתנות.

צו אָט דעמדאָזיגען יענדרעק האָבען מיר זיך גענומען. דאָס הייסט, ניט איך — איך האָב זיך מיט איהם געקענט וויי‌ניג-וואָס אויס'טענה'ן — נאָר מיכאל. ער פֿלעגט איהם אָפֿט געבען צעהן, צוואַנציג, אדער מעהר גראַצער, אַבי ער זאָל אונז געבען זיינע פערד צום רייטען.

עס איז גאָר ניט געווען אַ גרויסע תורה זיך דאָס אויסצולערנען.

מיין לאַנגע בעקעשע, האָב איך שוין לאַנג געהאַט פֿארביטען אויף אַ רעקעל. באלד צום ווינטער, האָט מיר מיין שווער געלאָזט מאַכען אַ זעהר פיין פוטעריל, איגעווייניג מיט שווארצע באראנקעס און אַ טייער שמוישען היטעל דערצו, און די בעקעשע איז געהאנגען אין שאַפֿע. איך האָב זי נאָר באנוצט, ווען איך בין געפֿאָרען אין שטאָדט אריין, אָדער ווען עס איז אין הויף אריינגעקומען עפּעס אַן איש מכובד, אדער אַ „שעהנער איד", פֿאַר וועמען מיין שווער האָט פֿאַרגעשטעלט זיין נייעם און „גוטען" איידים...

די צוויי פערד, דער געשניטענער, אזוי גוט ווי דער אָגער, זיינען געווען גרויסע און ברייטע, אָבער זעהר געמיטליכע און צוגעלאָזענע, פערד. זיי האָבען זיך כמעט קיינמאָל ניט געוועהרט, ווען מען איז אויף זיי געריטען. זיי האָבען פּשוט ניט געפֿיהלט די לייכטע משא פֿון אַזעלכע פֿאַרשוינען, ווי איך און מיכאל זיינען דעמאָלט געווען.

אלזאָ, קיין פערד צום רייטען האָט אונז שוין ניט געפֿעלט. אָבער מיר האָבען ניט שטענדיג געהאַט די געלעגענהייט דערצו. מיין שווער האָט שטארק ניט געוואָלט ליידען, אז עס זאָל זיך אימיצער צורירען צו „זיינע" פערד. און אויב ער איז דערפֿון געוואויר געוואָרען, פֿלעגט ער יענדרעק'ן שלאָגען מכות רצח. מיר זיינען אבער מיט'ן כח פֿון אונזער געלד געווען אַ סך שטארקער פֿון איהם. יענדרעק האָט באהבה מקבל געווען די קלעפּ, און אָפֿט זיך ניט געמאַכט זעהענדיג, ווען מיר זיינען געווען ביי די פערד.

אין אָנפאנג, ווען איך בין נאָך ניט געווען קיין גוטער רייטער, האָב איך זיך געלערענט רייטען, בשעת מען האָט די פערד געפירט צום וואסער־טרינקען, צום „פּאָיען".

דאָס זגורסקער הויף איז געשטאַנען אויף א בערגעל און אונטען איז געפלאָסען א קליין, אָבער רי׳ן, וואסערל. אהינצו פלעגען די פאַראָבקעס פירען זייערע פערד צום אָנטרינקען, אָדער ארומוואשען. און דאָרטען פלעג איך, אמאָל אליין און אָפטמאָל מיט מיכאל׳ן, רייטען מיט די „צוגאָווע" פערד. דאָס איז שוין ניט געווען אזא גרויסע עבירה אינ׳ם שווער׳ס אויגען, אויב ער האָט אמאָל געהאט א געלעגענהייט דאָס צו דערזעהען.

באלד האָב איך זיך אויסגעלערענט די גאַנצע תורה פון רייטען און בין שוין געזעסען אויפ׳ן פערד ווי עס געהערט צו זיין. איך האָב שוין דערנאָך געקענט אזוי גוט רייטען, אז מיר האָבען, ביינאַכט, ווען דער שווער, און אויך יענדרעק, זיינען שוין געשלאָפען, אָפט א פיר ארויס געטאָן די פערד, און געריטען גאָר אָהן זאָטלען, און אפילו אויך אָהן לייצעס, — בלויז די לאַנגע קייט, אויף וועלכען אזא פערד איז אָנגעבונדען צום זלויב, אריבערגעוואָרפען אריבער׳ן פּיסק. די פערד האָבען אונז געפאָלגט, אויפ׳ן מינדעסטען ריהר מיט דער קייט.

אז מיר זיינען, איבערהויפט ביינאַכט, ווען דער פראָסט האָט געקנאַקט, געזעסען אויף די פערד, פלעגען מיר זיך געבען „א לאָז" א האַלבע, אָדער גאָר א גאַנצע מייל, ביז הינטער מעליץ, אָדער מיר האָבען זיך גענעבען א כאַפּ אריבער צום שוואָגער בעריל, קיין יאָזעפּאָוו.

אָבער ניט שטענדיג איז מיר דאָס רייטען אזוי גלאַטיג אָפּגעגאַנגען.

איינמאָל, ווען איך בין געריטען פונ׳ם וואסער, האָט זיך, אויפ׳ן בריקעל, וואָס האָט געפירט אין שטאל אריין, דאָס פערד פּלוצים אויסגעגליטשט און איך בין געבליבען מיט איין פוס ליגען אונטער׳ן שווערען און גרויסען פערד. איך האָב מיך ניט געקענט אויפהויבען. מען האָט מיך געמוזט אריינטראָגען אין הויף אריין און אוועקלייגען אויפ׳ן בעט. דער פוס איז באלד אזוי שטארק געשוואָלען געוואָרען, אז דער שטיוועל האָט שוין מעהר ניט געקענט אראָב פונ׳ם פוס און מען האָט איהם געמוזט, מיט א מעסער, אראָפּשניידען. איך האָב געמוזט פארברענגען עטליכע טעג אין בעט, ביז דאָס געשווילעכץ איז ארונטער.

דער שווער האָט זיך דעמאָלט אויף מיר ניט געבייזערט. נאָר מיט א שמייכעל געזאָגט:

— אַ מצוה אויף דיר! איך האָב אַ נקמה! רייט ניט אויף קיין פערד!

אָבער ניט אייביג איז ער וועגען דעם געווען אין גוטען מוט.

איין מאָל בין איך מיט מיכאל׳ן געווען הינטער מעליץ, און ווייל מיר האָבען זיך געאיילט אהיים, האָבען מיר די פערד ניט געשוינט און געטריבען אין „העכסטען גאַלאָפּ״. די פערד, שווערע און דיק־בייכיגע, זיינען באַלד געוואָרען באַגאָסען מיט שוויים. יענדרעק האָט זיך דער־מאָלט געהאט פארשלאָפען און אין צייט די פערד ניט ארומגעפּוצט, אז מען זאָל אויף זיי ניט דערקענען דעם נעכטיגען שוויים.

מיין שווער איז פּונקט דעמאָלט פריה אויפגעשטאַנען און איז באַלד אריין אינ׳ם פערד־שטאַל. אז ער האָט דערזעהען די פערד, איז וואָס פאַר אַ טרויעריגען צושטאַנד זיי געפינען זיך און ווי דער גאַנצער „שערטש״ (האָר) איז ביי זיי צוגעקלעפּט צו די לייבער, איז ער אריין אין אַ שרעקליכען כעס, און נאָכדעם וואָס ער האָט דעם שייגעץ גוט אָנגעשלאָגען, איז ער אריין צו מיר אין מיין שלאָפצימער און מיט גרויס כעס אויסגערופען:

— יאָשע, אז דו האָסט חתונה געהאט מיט מיין טאָכטער, מעגסט דו דיר איינרעדען, אז דו ביזט מיינער אַ שותף. אָבער אַ שותף צו די „צוגאָווע״ פערד, ביזט דו ניט! ! . . .

אויך אַ צווייטען מאָל האָט ער אונז אויך געכאַפּט ביי אזא שווערע עבירה. מיך האָט ער ניט געזעהען און דערפאַר גאָר ניט געזאָגט. אָבער מיכאל׳ן האָט ער פּונקט געטראָפען אויפ׳ן הויף און איהם געוואָלט כאַפּען שלאָגען.

מיכאל האָט זיך געגעבען אַ דרעה־אויס און איז עטליכע מאָל געלאָפען ארום דעם ברונעם און צום סוף ארויס אויפ׳ן קייזער־שטראָז. מיין שווער איז איהם נאָכגעלאָפען, און אז ער האָט געזעהען, אז ער וועט איהם ניט קענען דעריאָגען, האָט ער געכאַפּט אַ פולע האנד מיט קליינע שטיינדלאך (שאָטער), וואָס זיינען געלעגען אויף דער „פריזמע״, אויפ׳ן וועג און האָט איהם נאָכגעוואָרפען. דערנאָך האָבען מיר אַלע, און אויך דער שווער, דערפון גאָר שטאַרק געלאַכט.

ביי דער שוויגער פלעגט מען שוין גיכער קענען פּועל׳ן אז זי זאָל אונז לאָזען רייטען אויף די טייערע פערד.

די זגורסקער פעלדער האָבען זיך געגרעניצט מיט די פּויערישע פעלדער פון דאָרף וואַדאָוויץ. צווישען די פעלדער איז געווען אַ ברייטער פאַס ערד פון עטליכע איילען, וואָס האָט ניט געהערט צו קיינעמען און איז נאָר באַנוצט געוואָרען אַלס אַ פאָהר־וועג צווישען די פעלדער.

אויף איהם האָט קיינער ניט געטאָרט פּאַשען בהמות, ווייל אויף דעמ־דאָזיגען וועג — „די גרעניץ", האָט מען עס גערופען — איז אָנגע־וואַקסען אַ סך גראָז, האָבען די פּויערים ניט מהדר געווען און דוקא יאָ געפּאַשעט זייערע בהמות. מיין שוויגער האָט דאָס אָבער ניט גע־וואָלט ליידען, ווייל דאָס האָט געבראַכט צו גרויסע שאָדענס, וואָס די פּויערישע פּאַסטוכער האָבען אָנגעטאָן אין אונזערע פעלדער, פלעגט זי, די שוויגער, דערפאַר שיקען איהרע אויפזעהער, איהרע „קאַרבאָווניקעס", אַז זיי זאָלען די בהמות ארונטערטרייבען, אָדער גאָר פאַר־נעמען, אַז דער אייגענטימער זאָל דערנאָך מוזען קומען אין הויף אריין און זיך בעטען, מען זאָל איהם זיינע בהמות ארויסגעבען.

אז דער שווער איז ניט געווען אין דער היים און איך און מיכאל האָבען געוואָלט זיך אביסעל אדורכרייטען אויף די פערד, האָבען מיר דאָס ביי דער שוויגער גאָר לייכט געקענט פועל'ן. מיר האָבען איהר איינגערעדט, אז מיר ווילען רייטען צו דער גרעניץ אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך דאָרט... אויף דעם איז זי שטענדיג געווען מרוצה און אונז נאָך געבעטען, אז מיר זאָלען איינגעמען („ארעסטירען") וועלכע עס איז בהמה.

איין מאָל האָט מיט מיר פּאַסירט אַזאַ מעשה:

מיכאל איז ניט געווען אין דער היים און איך בין אליין געריטען צו דער גרעניץ.

איך האָב אויף דער גרעניץ טאַקע אָנגעטראָפען עטליכע בהמות און אזוי ווי דער פּאַסטוך איז געווען אַ קליין שייגעצעל פון אַ יאָהר זעקס־זיבען — פאַר אַ גרעסערען וואָלט איך זיכער געווען מורא געהאַט — האָט מיך אָנגענומען אַ חשק „איינצונעמען" כאָטש איין בהמה און זי אָפּפירען אין הויף אריין, אַן ערך פון אַ האַלבע מייל, און דערמיט באַווייזען מיין „העלדישקייט"...

איך בין אראָפּ פון פערד, עס געלאָזט שטעהן אין מיטען פעלד און מיך גענומען לויפען כאַפּען אַ בהמה. דערפון איז אָבער גאָר ניט געוואָרען. דאָס שייגעצעל האָט געגעבען בלויז איין פייף, און אזוי ווי די בהמות זיינען שוין געווען „אויסמושטירטע", זיי זיינען זיך צו־לאָפען אין אלע זייטען.

באַין ברירה, בין איך צוריקגעגאַנגען צום פערד, כדי צוריק אהיימ־צורייטען און פאַר דער שוויגער צו דערצעהלען די גרויסע זאַכען, וואָס איך האָב, שיער־שיער, ניט אויפגעטאָן.

אָבער קוים בין איך צוגעגאַנגען צום פערד און עס געוואָלט אָנכאַפּען ביי דער צוים, האָט זיך דאָס פערד דערשראָקען און אָנהויי־

בענדיג צו לויפען „בעטש פאל", איז עס אנטלאָפען, צוזאמען מיט'ן זאָטעל און דעם צוים, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט צו דער ערד, ביז צוריק אין הויף אריין.

איך בין געבליבען שטעהן אין מיטען פעלד, א גוטע האלבע מייל פונ'ם הויף. און ניט האָבענדיג קיין אנדער ברירה, האָב איך געמוזט שפּאַצירען צו־פוס צוריק אהיים.

אָבער אַז דאָס פערד איז געקומען צולויפען גלייך אין שטאַל אריין און די גוים האָבען דערזעהען אַז איך בין ניטאָ, האָט מען דאָס גלייך דערצעהלט דער שוויגער. אַלע זיינען געוועזן זיכער, אַז דאָס פערד האָט מיך פון זיך ארונטערגעוואָרפען און ווער ווייסט וואָס מיט מיר איז געשעהען.

מען האָט תיכף ארויפגעזעצט צוויי שקצים אויף פערד און זיי זיינען געריטען מיך זוכען. זיי האָבען מיך אָבער שוין אָנגעטראָפען ניט ווייט פונ'ם הויף און צוריק געלאָפען אָנזאָגען די גוטע בשורה, אַז עס איז מיר גאָר קיין שלעכטעס ניט געשעהען.

איך האָב געהאַט א שוועגערין, א מיידעלע פון א יאָהר אכט, וואָס האָט מאַנכע ווערטער ניט געקענט אזוי שארף אויסרעדען, האָט זי זיך אָנגערופען:

— נאָך גוט וואָס דאָס זאָדיקעל (זאָטעל) איז ניט פארלוירען געווארען ! . . .

אַזוי האָב איך זיך כסדר געלערענט רייטען און האָב די גאַנצע תורה שוין אַזוי גוט געקענט ווי א געבוירענער דאָרפס־מאַן. שפּעטער, ווען איך בין געוועזן אַן אייגענער בעל הבית, מיט אַן אייגענער פּאָסעסיע, איבערהויפּט אויף די שצוצינער לאַנקעס, פלעג איך גאַנצע טעג פאַר־ברענגען אויפ'ן פערד, ווי אַן אמת'ער אָפיציר.

## 32 — אײַן װער א סוחר

אז איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך פאַרמאָגט איבער פיר און און א האַלב טױזענד גולדען נדן. איך האָב געהאַט מײַן אײגענע טױזענד גולדען, מײַן ירושה פון מײַן פאָטער, זכרונו לברכה, און דאָס רעשט איז געװען מײַן װײַב׳ס נדן.

דער פריץ בראַניאָװסקי, בײַ װעמען מײַן שװער און זײַנע שװאָ־גערס האָבן געהאַלטען זײַערע גיטער, האָט געװאױנט אין נאָהענטען שכנות פון מײַן שװער און ער פלעגט איהם קומען אָפט באַזוכען.

באַלד נאָך מײַן חתונה איז ער אױך געקומען, און זיצענדיג אין דרױסען אױף זײַן קאַרעטע, האָט ער געזאָגט צום שװער, אז ער װיל קענען זײַן „נאָװי זשענץ״ (נײַעם אײדים). אז מען האָט מיך ארױס־גערופען און פאַר איהם פאָרגעשטעלט, האָט ער מיך באַגריסט און גראַטולירט, אין דײַטש. ער האָט צו־גוט פאַרשטאַנען, אז אַזאַ פאַרשױן װי איך קען קנאַפּ־װאָס פױליש רעדען. ער האָט אױך שפּעטער געשיקט צו מײַן װײַב פינף און צװאַנציג גולדען — א מתנה צו איהר חתונה.

אָט דער פריץ האָט געװאוסט, אז איך האָב עטליכע טױזענד גולדען נדן און ער האָט דערצו זעהר שטאַרק חשק געהאַט...

ער האָט אָבער, לײדער, גאָר ניט געהאַט צו געבען פאַר׳ן געלד. אַלע זײַנע גיטער זײַנען שױן געװען פאַרדונגען צו אנדערע אידען אױף לאַנגע יאָהרען; אױך די בעסערע און דיקערע װעלדער, האָבען שױן מעליצער אידען געהאַט אױסגעהאַקט, און ער האָט שױן ניט געהאַט װאָס צו פאַרקױפען.

אָבער אײנמאָל, עס איז געװען אין װינטער, עטליכע חדשים נאָך מײַן חתונה, בעת איך האָב נאָך געגעסען קעסט אין זגורסק, האָט עס דעם פריץ „אָנגעכאַפּט״ און ער האָט זעהר נױטיג געדאַרפט האָבען כאָטש עטליכע הונדערט גולדען.

ער האָט געשיקט נאָך מײַן שװער—װעמען ער פלעגט רופען, פון שפּאַס־װעגען, „פּאַניע באַראָן״ — און זיך אױף מיר נאָכגעפרעגט, אויב איך האָב שױן עפּעס א באַשעפטיגונג.

מיין שווער האָט איהם געענטפערט, אז איך בין נאָך צו־יונג צו געשעפטען און האָב נאָך צייט כאָטש א צוויי־דריי יאָהר, ביז איך וועל אָנהויבען זיך צו עפּעס נעמען.

האָט דער פּריץ איצט פאַר'ן שווער פאָרגעלייגט אזא פּלאַן: ער וויל מיר פאַרקויפען עטליכע הונדערט קלאָפטער האָלץ, אין דעם נאָ־הענטען וואַלד פּיאַנטקאָוויטץ, א האַלבע מייל פון מעליץ און אַנדערט־האַלבען מייל פון ראַדאָמישלאַ. קיין קלאָפטערס האָט ער אפילו נאָך ניט געהאַט און די מעליצער באַצירקס־הויפּטמאַנשאַפט האָט איהם אויך שטרענג פאַרבאָטען דאָרטען צו האַקען האָלץ, ווייל דער וואַלד איז נאָך געוועזן א גאַר יונגער און די אַלטע בוימער זיינען געוועזן אויס־געהאַקט.

אָבער א פּוילישער פּריץ קוקט ניט אויף אזעלכע פאַרבאָטען, ובפרט ווען ער דאַרף נויטיג האָבען געלד. האָט ער פאַר'ן שווער פאָרגעלייגט דעם פּלאַן, אז ער זאָל אריין מיט גוים אין וואַלד אריין און דאָרטען האַקען בוימער, אזוי לאַנג ווי מען וועט איהם לאָזען, און די סטאַ־ראָסטווע וועט זיך ניט דערוויסען און דאָס ניט שטערען. שפּעטער, וועט מען פון די געהאַקטע בוימער אויפשטעלען קלאָפטערס, וועלכע איך וועל מיר נעמען פאַר מיין געלד. אָבער דערווייל מוז ער נויטיג האָבען, כאָטש א ערך פון א פינף הונדערט גולדען.

מיט'ן פּרייז איז מען מיט איהם באַלד מושווה געוואָרען. דריי גולדען פאַר'ן קלאָפטער און אז איך אליין מוז באַצאָלען פאַר די הוצאות פון האַקען די בוימער און אויפשטעלען די קלאָפטערס...

איך בין באַלד געפאָרען קיין טאַרנע און ארויסגענומען פון'ם שליש, ר' משה'ל וועקסלער, פינף הונדערט גולדען און זיי אוועקגע־געבען צום פּריץ בראַניאָווסקי און איך בין צו מזל געוואָרען א וואַלד־סוחר. די מאַמע און מיין ברודער זיינען דערפון געוועזן זעהר צופרידען, ובפרט האָט עס זיי געפרייט וואָס איך האָב ארויסגעוויזען אזא ליבשאַפט צום מסחר.

א וואָך שפּעטער האָט מען פון'ם הויף ארויסגעשיקט די קאַרבאָוור־ניקעס אין די ארומיגע דערפער, אז גוים זאָלען קומען מאָרגען אינ'ם פּיאַנטקאָוויצער וואַלד האַקען בוימער. מען וועט זיי צאָלען אכציג גראַצער א טאָג פאַר דער ארבייט.

אויף צומאָרגענס, מאָנטאג, זיינען שוין אין וואַלד געוועזן א צוויי הונדערט גוים מיט זייערע העק און געהאַלטען אין איין האַקען בוימער, אָבער בלויז, אזעלכע וואָס האָבען געהאַט, לכל הפחות, צעהן־צוועלף צאָל אין דורכמעסער.

איך, צוזאַמען מיט'ן שווער, זיינען אויך צוגעפאָרען אינ'ם וואַלד אריין. מיר האָבען אָבער דאָרטען ניט געהאט וואָס צו טאָן. מען האָט די גוים געגעבען צו עטליכע גלעזלאַך בראַנפען איבער'ן טאָג און זיי האָבען געהאַלטען אין איין האַקען בוימער. עס איז פשוט געווען א סכנה צו זיין אין וואַלד, אַזוי פיל בוימער זיינען דעמאָלט ארונטער־געהאַקט געוואָרען.

צוויי און א האַלב טאָג האָט געדויערט דאָס האַקעניש. אויפ'ן דריטען טאָג איז מען געקומען פון דער מעליצער סטאראָסטע און עטליכע זשאַנדאַרען דערצו און מען האָט אַלע גוים פונ'ם וואַלד ארויס־געטריבען. עס זיינען אָבער שוין געווען אָנגעהאַקט אַזוי פיל בוימער, גענוג דערפון צו מאַכען עטליכע הונדערט קלאַפטערס. איצט האָט מען זיך גענומען צום אויפשטעלען די קלאַפטערס. געוועהנליך האַלט אַזאַ קלאַפטער האָלץ צוויי מעטער אין דער הויך און צוויי מעטער אין דער ברייט. צו דער הויך גיט מען נאָך צו א צוואַנציג סענטימעטער, ווייל די קלאַפטערס זינקען דורך דער צייט אין דער ערד און פארלירען פון זייער ריכטיגער מאָס.

אָבער, ווייל מיר זיינען דאָך געווען די גאַנצע בעלי בתים אינ'ם וואַלד און די קלאַפטערס אַליין געלאָזט אויפשטעלען, האָבען מיר זיך אַן עצה געגעבען: די „יאַזמעס" (יאָכען, די מאָסען אין וועלכע מען שטעלט אריין דאָס האָלץ) האָבען מיר געמאַכט מיט עטליכע סענטי־מעטער גרעסער און ברייטער. אויף אַזאַ אופן זיינען די קלאַפטערס ארויסגעקומען א סך גרעסער און ווערט געווען, לכל הפחות, מיט א גאַנצען גולדען מעהר.

מיר האָבען צוגענומען א אידען, טאַקע ניט ווייט פונ'ם וואַלד, אַז ער זאָל מיר ארויסהעלפען אין אַכטונג געבען אויף די וואַלד־ארבייטער, און איך בין יעדען טאָג פונ'ם הויף צוגעפאָרען זעהען וואָס דאָרטען קומט פאָר.

מיר האָבען דאָרטען אין וואַלד אויך געהאַט עטליכע הונדערט „קופעס" גאַלענדזשעס (צווייגען, דער אָפפאַל פון די בוימער) און דאָס האָבען מיר אָנגעהויבען צו פארקויפען צו א גולדען א „קופע". דער וואַלד איז יעדען טאָג געווען פול מיט פויערים, וואָס זיינען געקו־מען מיט זייערע וועגען נאָך דידאָזיגע „קופעס".

אָבער לאַנג בין איך קיין וואַלד־סוחר ניט געווען. עס איז מיר נמאס געוואָרען דער גאַנצער מסחר. איבערהויפט איז עס דער שוויגער און מיין ווייב ניט ניחא געווען. זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס איז פחיתת הכבוד פאר מיר זיך דערמיט אָבצוגעבען.

עס האָט זיך באַלד געמאַכט אַן אַפּנעמער. אַן אַנדערער יונגער־מאַן פון ראַדאָמישלא, אויך אַ קעסט־קינד, און ער האָט אַלעס אָפּגע־קויפט און געגעבן עטליכע הונדערט גולדען ריוח, און איך בין געוואָ־רען אויס וואַלד־סוחר...

אָבער פונדעסטוועגען זיינען די צוויי־דריי חדשים וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין וואַלד, פאַר מיר גאָר א סך ווערט געווען. איך האָב אָנגעהויבן צו קומען צווישען מענשען און איבערהויפּט האָב איך שוין, צוביסלאַך, געכאַפּט דעם פּוילישען לשון, און זיך שוין געקענט אביסעל אויפרעדען מיט וועמען עס איז.

דאָס איז געווען אַ זעהר נויטיגער אריינפיהר צו ווערען אַ דאָרפס־מאַן און צוקינפטיגער פּאָסעסאָר.

## 33 — יאָזעפאָוו

אינ׳ם דאָרף יאָזעפאָוו האָב איך פאַרבראַכט גאַנצע צעהן יאָהר פון מיין לעבען וואָס זיינען אויך געווען די בעסטע. דערפאר וויל איך דאָ וועגען דעם אביסעל מעהר מאריך זיין.

אן ערך פון א מייל פון זגורסק, (אויך א פינף פערטעל מייל פונ׳ם שטעדטעל שצוצין), האָט זיך געפונען דאָס דאָרף און גוט יאָזעפאָוו. עס האָט פארמאָגט אן ערך פון פיר הונדערט און פופציג אקער לאנד, צום אקערען און פארזעען תבואה, דאַרונטער אן ערך פון א הונדערט און פופציג אַקער לאָנקעס, וואו עס וואקסען הייען און גראָזען, אָהן וועלכער עס איז ארבייט. דאָס גאַנצע גוט האָט זיך געפונען אין א נידעריגער געגענד, צווישען וואסערען און איז געווען שווער צום באַ־ארבייטען, אָבער דערפאר שטארק מסוגל פאר ווייץ.

דער איינגענטהימער דערפון איז געווען א אידישער דייטש, מיט׳ן נאָמען ווילהעלם דאמאסק, וואָס האָט געוואוינט אין קראָקע און פלעגט דאָס גוט פאַרוואלטען אויף זיין אייגענעם חשבון.

(וואָס פאר א פארשוין דערדאָזיגער הערר דאמאסק איז געווען, וועלען מיר שפעטער זעהען. ער איז געווען גאָר א טשיקאווער טיפ פון אן אלטען משכיל און א „פארשלעפטע קרענק” דערצו).

יאָזעפאָוו האָט געהאַט א נאָמען פאר א גוטן גוט, עס האָט זיך געפונען ניט־ווייט פון בודזין, וואו דער פעטער שמעון סאנדהויז, מיין שווער׳ס א שוואָגער, האָט געהאַט זיין פאָסעסיע, אזוי אז ער, דער פעטער, איז דערמיט גוט באקאנט געווען.

אַז מיין שווער האָט געדאַרפט האָבען א פאָסעסיע פאר זיין טאָכטער איידעל און איהר מאַן בערל לעוו, האָט דער פעטער שמעון זיך גענומען צו דער ארבייט און דעם שווער געמעקעלט דאָסדאָזיגע גוט.

דאָס געשעפט איז געשלאָסען געוואָרען. דער פרייז פאר א יאָהר איז געווען פיר טויזענד גולדען. אָבער כאָטש דאָס איז ניט געווען קיין צו־הויכער פרייז, זיינען אָבער די באַדינגונגען — איבערהויפט ווי עס האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזען — געווען זעהר ניט־גינסטיגע און דאָס האָט געהאַט א גאָר גרויסע ווירקונג אויפ׳ן גאַנצען געשעפט.

עס איז דער מנהג העולם, אז ווען א פּאָסעסאָר נעמט א גוט, איז דאָס געוועהנליך זומער־צייט, ווען די פעלדער זיינען שוין באַארבייט און פאַרזייט מיט אַלערליי תבואות, סאַי ווינטערדיגע און אויך זומערדיגע. דאָס הייסט, אז באַלד באקומט ער דערפון שוין א גרייטע הכנסה.

ווען די פּאַכט ענדיגט זיך, דאַרף ער דאָס גוט אויך צוריק איבערגעבען אין א פאַראַקערטען און פאַרזייטען צושטאַנד, אז עס זאָל זיין גרייט פאַר'ן נאָכפאָלגער.

אויף אַזאַ אופן דאַרף מען ניט צו־פיל געלד אריינלייגען אין א פּאָסעסיע, העכסטענס עטליכע טויזענד גולדען און מען איז שוין א פאַרטיגער בעל־הבית.

גאַנץ אנדערש האָט מיין שווער געהאַנדעלט אין יאָזעפּאָוו. דער אייגענטהימער הערר דאמאַסק איז געווען איינער פון די ביטערע פאַרשוינען און ער האָט איהם „אריינגענאַרט אין זאַק אריין.”

מיין שווער האָט דאָס גוט טאַקע איבערגענומען אין דער פריהלינג צייט, ווען די ווינטער־תבואות זיינען שוין געווען לאַנג פאַרזייט, אָבער די פריהלינגס־ארבייט איז נאָך אפילו ניט געווען אָנגעהויבען.

ער האָט דאמאַסק'ן באַצאָלט „טבין ותקילין” פאַר דער גאַנצער ווינטערדיגער ארבייט און זיך אונטערגענומען דאָס גוט אַליין צו באַארבייטען פאַר'ן זומער. דערפאַר, אַז גאָט וועט העלפען, און אין צוועלף יאָהר ארום, ווען דער קאָנטראַקט וועט זיך ענדיגען, דאַרף ער דאָס גאַנצע גוט איבערגעבען ניט־באַארבעט און דער נייער איבערנעמער מוז אַלעס אָנהויבען פון דאָס ניי, אויף זיין אייגענעם חשבון.

דאָס איז געווען דאָס איינציגע גוט אין דער גאַנצער אומגעגענד, וואָס איז גענומען געוואָרען אונטער אַזעלכע באַדינגונגען.

מיין שווער'ס אויסרעכענונג איז געווען, דאָס אין צוועלף יאָהר אַרום, ווען דאמאַסק וועט שוין זיכער זיין אויפ'ן עולם האמת,—ער איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַלטער מאַן,—און דאָס גוט וועט זיין אַ ניט־באַארבייטע, וועט זיך זיכער ניט טרעפען אַזאַ גינסטיגער אָפּנעמער, און ער וועט דאַן דאָס גאַנצע גוט קענען אָבקויפען פאַר א שיבוש...

אָבער דערווייל האָט ער געמוזט גוט און עהרליך פאַר אַלעס באַצאָלען און דאָס האָט בעטראָפען א הון רב. דאמאַסק האָט איהם אויך פאַרקויפט זיין לעבעדיגען און טויטען אינווענטאַר און אויף אַזאַ אופן האָט מיין שווער אריינגעלייגט אין דעם, בערך ניט גרויסען, גוט א סומע פון איבער צוואַנציג טויזענד גולדען.

דערצו איז דער קאָנטראַקט אױך געװען א שלעכטער און האָט אנטהאַלטען מעהרערע זעהר ניט־גינסטיגע פּונקטען. בשעת מען האָט געשריבען דעם קאָנטראַקט, האָט מײן שװער דאַרױף ניט אכטונג געטאָן. אָבער שפּעטער האָט זיך אַלעס אַרױסגעװיזען צום שלעכטען.

הערר דאַמאַסק, א „גמרא־קעפּל” און א היבשער שװינדלער, האָט שױן פאַרשטאַנען װי אזױ אזא קאָנטראַקט צו שרײבען. אונטער פאַר־שטעלטע װערטער און גאַרנישט זאָגענדע פראַזען זײנען געװען באַ־האַלטען אזעלכע באַדינגונגען, װאָס פון אױבען־אױף זײנען זײ געװען גאַנץ לײכטע, אָבער אז עס איז געקומען צו דער פּראַקטיק, זײנען זײ געװען זעהר שװערע פאַר׳ן פּאָסעסאָר.

אױפ׳ן גוט זײנען געװען מעהרערע געבײדעס, סטאָדאָלעס, שטאַלען און שפּײכלערס און אנדערע בנינים, אָבער אַלע אין א זעהר שלעכטען און פאַרנאַכלעסיגטען צושטאַנד. אָנשטאָט צו זעהען אז אַלעס זאָל געטאָן װערען אױפ׳ן אײגענטהימער׳ס רעכענונג, האָט מײן שװער געלאָזט אײנשרײבען א פּונקט אינ׳ם קאָנטראַקט, אז דאַמאַסק דאַרף נאָר צוריקשטעלען די געבײדעס, װען זײ װערען א י נ ג א נ צ ע ן רואינירט. מײן שװער האָט זיך אין אָנפאַנג ניט געכאַפּט װאָס דאָס מײנט, אבער אז עס איז געקומען צו עפּעס, האָט זיך דאַמאַסק דעמאָלט געהאַלטען בײם װאָרט ג ע נ צ ל א כ ע ר ר ו א י נ י ר ו נ ג, און דאָס האָט בײ איהם געהײסען, אז א בנין פאַלט אײן אין גאַנצען אױף אײן מאָל, אָדער עס װערט פאַרניכטעט דורך פײער, אָדער װינט...

דורך די אַלע צװעלף יאָהר, װאָס מיר האָבען געהאַלטען יאַזעפּאָװ, האָבען מיר שטענדיג געהאַט צו טאָן מיט די געבײדעס. מען האָט געמוזט שטענדיג מאַכען רעפּאַראַציעס, אנדערש װאָלט מען זײ גאָר ניט געקענט באַנוצען, און דאָס האָט אָפּגעקאָסט שװערע הונדערטער יעדעס יאָהר.

דער באָדען איז געװען א נידריגער און די אָפּצוגס־קאַנאַלען („פּשיקאָפּעס”) זײנען געװען אין דעם ערגסטען צושטאַנד און מיר האָבען גאָר אָפּט געמוזט אױסגעבען הונדערטער גולדען יעדעס יאָהר, כדי די פעלדער זאָלען ניט פאַרגאָסען װערען מיט װאַסער און מען זאָל זײ קענען פאַראַקערען און פאַרזײען.

מײן שװער איז נאָר געװען א גרױסער בריה מיט׳ן פּריץ בראָ־ניאָװסקי, אָבער דער הערר דאַמאַסק איז געװען א סך קלוגער און כיטרער פון איהם און האָט איהם גאַנץ נישקשה׳דיג באַשװינדעלט. עס האָט געמעגט זײן װי גוט א יאָהר, האָבען מיר אין יאַזעפּאָװ געהאַט

אַזעלכע אויסגאַבען, וואָס אַנאַנדער פּאָסעסאָר האָט זיי קיינמאָל ניט געהאַט און זיי האָבען אויפגעגעסען דעם גאַנצען ריוח.

אַנאַנדערער וואָלט אין יאַזעפּאָוו ניט געווען געקענט אויסהאַלטען קיין דריי־פיר יאָהר. מיין שווער האָט אָבער אין זגורסק געהאַט א זעהר גוט געשעפט און ער האָט געהאַט פון וואַנען געלד צו דערלייגען.

דאָס גוט איז איבערגענומען געוואָרען אין מערץ און מיין שוואָגער בערל לעוו האָט זיך דאָרטען אריינגעצויגען. עס איז אָבער ניט געווען, ווי די שוויגער פלעגט צו זאָגען, אין א מזל'דיגער שעה.

דאָס יונגע ווייבעל איידעל, וואָס איז געווען א גאָר גרויסע בריה און די גאַנצע געשעפטס־פיהרערין, איז באַלד קראַנק געוואָרען און האָט שוין ניט געקענט קומען צו זיך.

זי האָט אָבער אויף דעם אַלעמען ניט געקוקט און שטענדיג געאַרבייט איבער איהרע כוחות און דערצו איז זי שוין דעמאָלט געווען א מאַמע פון צוויי קליינע קינדער.

זי איז געווען א זעהר קלוגע און זי האָט שוין באַלד אין אָנפאַנג פאַרשטאַנען אז דער פאָטער איז מיט'ן דינגען יאַזעפּאָוו גאָר שטאַרק אריינגעפאַלען. אָבער אַזוי ווי דער פאָטער איז געווען א שטרענגער פאַרשוין און מען האָט איהם גאָר ניט געטאָרט זאָגען וואָס זאָל ניט זיין „פונקטאָנער", האָט זי ליבערשט געשוויגען און טאַקע געאַרבייט איבער איהרע כחות.

דער סוף איז געווען, אז זי האָט זיך געמוזט דאָקטאָרען און א אַנדערהאַלבען יאָהר נאָך מיין חתונה, איז זי שוין אַזוי קראַנק געווען — זי האָט שוין דעמאָלט געהאַט א האַרץ־פעהלער, — אז זי האָט געמוזט פאַרלאָזען דאָס דאָרף און פאָרען אין שטאָדט אריין, זיך היילען.

זי איז אוועק, אין מיטען ווינטער, קיין שענדישאָוו, צו איהר שווער און שוויגער, און פון דאָרטען איז זי שוין טאַקע מעהר ניט צוריקגעקומען. זי איז נאָך א קראַנקהייט פון עטליכע חדשים דאָרטען געשטאָרבען און איבערגעלאָזט דעם מאַן מיט דריי פּיצעלאַך קינדער.

ווען איידעל איז אוועק פון יאַזעפּאָוו, האָט עס געהייסען, אז דאָס וועט אין גאַנצען דויערען עטליכע וואָכען און מיין ווייב איז דאָרטען אהין געפאָרען, צוזאַמען מיט מיר, כדי זי זאָל אָנפירען די ווירטשאַפט. און אז איידעל איז געשטאָרבען, זיינען מיר שוין אין יאַזעפּאָוו געבליבען אויף שטענדיג און איבערגענומען די פּאָסעסיע.

מיין שווער האָט זיך קיינמאָל ניט אריינגעלאָזט מיט זיינעם א קינד אין געלד־חשבונות. מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס, דאָס

איז שטענדיג געווען זיין אויפפירונג. אין קיינע דריבנע רעכענונגען האָט ער זיך קיינמאָל ניט אריינגעלאָזט.

אַז בערל לעוו האָט איבערגענומען יאָזעפאָוו, איז ער ניט געווען אויפ׳ן קאָנטראַקט, נאָר בלויז מיין שווער. ער האָט זיך מיט איהם ניט גע׳חשבונ׳ט וויפיל געלד מען האָט אריינגעלעגט אין דער פּאָסעסיע, נאָר איהם געגעבען די עטליכע טויזענדער פון דעם נדן און גע׳פטר׳ט אן עסק.

ווען בערל איז פון דאָרטען ארויס, האָט מען זיך מיט איהם אויך ניט גערעכענט. ער איז פארבליבען אין דער משפחה. ער האָט גענומען איידעל׳ס א איינגערע שוועסטער. און ווען ער האָט זיך באזעצט אין שטאָדט, אין ראַדאָמישלא, האָט איהם דער שווער אָפּגעגעבען דעם גאַנצען פריהערען נדן, ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס אין יאָזעפּאָוו זיינען שוין דערוויל געווען עטליכע היבשע טויזענדער היזק...

עטליכע חדשים נאָך איידעל׳ס טויט, איז דער שווער איינמאָל געקומען צו אונז אין יאָזעפּאָוו און צו מיר און מיין ווייב א זאָג געטאָן, אזוי כלאחר יד:

— יאָשע! פאַהר היינטיגע וואָך קיין טאָרנע און ברענג דעם גאַנצען נדן, דו וועסט בלייבען אין יאָזעפּאָוו...

דאָס איז געווען אונזער גאַנצע שותפות. מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט גערעכענט וויפיל דאָס געשעפט באַטרעפט היינט־צו טאָג און וויפיל מיין חלק וועט זיין, און בכלל, אויב מיר זיינען גאָר מרוצה אויפ׳ן גאַנצען עסק. דאָס אַלעס האָט ער אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו פרעגען. ער האָט אזוי באַשלאָסען און אַלע האָבען זיך געמוזט אונטערוואַרפען אונטער זיין ווילען.

קנאַפּע צעהן יאָהר האָב איך אָפּגעוואוינט אין יאָזעפּאָוו. דורך דער גאַנצער לאַנגער צייט האָב איך געפירט „ביכער“, אין וועלכע איך האָב פאַרשריבען די הוצאות און הכנסות. אויב עס איז געווען געלד, האָט עס דער שווער צוגענומען און אויב איך האָב געדאַרפט האָבען געלד אויף הוצאות, האָט ער מיר שטענדיג געגעבען. אָבער קיינע חשבונות צווישען אונז, וואָס איז מיינס און דיינס און אפילו גענוי וואָס עס איז דאָ היזק אדער ריוח, דאָס האָט איהם גאַנץ ווייניג אינטערעסירט צו וויסען.

אַז דער קאָנטראַקט האָט זיך געהאַט געענדיגט, און מיר האָבען ניט געדאַרפט אָפּצואַקערען אָדער פאַרזייען די פעלדער—האָבען טויזענדער גולדען זיך פשוט געוואַלגערט. מיין שווער האָט זיך מיט מיר אויך דעמאָלט גאָר ניט גערעכענט. ער האָט מיר צוריק אָפּגעגעבען מיין

גאַנצען נדן און איך האָב גענומען, שוין אויף מיין אייגענעם רעכע־נונג און מיין נאָמען, אַן אייגען געשעפט. דערצו האָב איך פון יאָזעפאָוו ארויסגענומען אזויפיל לעבעדיגען און טויטען אינווענטאר, וויפיל איך האָב נאָר גערדאַרפט האָבען צו מיין נייער פּאָסעסיע. מיין שווער אָדער שוויגער, האָט דאָס גאָר ניט געקימערט און ניט געשטערט, נאָר זיי האָבען נאָך צוגעהאָלפען פון זגורסק מיט אַלעם מעגליכען.

דער שווער האָט זיך ליב געהאט צו פירען שטרענג, אָבער ברייט, ווי אַן אמת'ער שליאַכציץ, וואָס זיין וואָרט מוז זיין דאָס הייליגסטע געזעץ, אָבער פון וועמען מען קען לעבען בהרחבה . . .

* * *

דאָ, אין יאָזעפאָוו, בין איך געוואָרען מיין אייגענער בעל־הבית, א פּאָסעסאָר פון א גרויסען גוט, מיט א סך בהמות און פעלדער.

איך האָב אפילו געוואָלט איינפירען אביסעל נייע רעפאָרמען אינ'ם גוט, ווייל איך האָב שוין אבאַנירט צוויי דייטשע אגריקולטוריסטישע ציי־טונגען, און האָב זיך געריסען איינצופירען נייע זאכען. אָבער דער שווער האָט דערפון ניט געוואָלט הערען און עס איז געבליבען ווי ער האָט געוואָלט.

פונדעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף די אַלע שטערונגען, איז עס מיר דאָך אָפט געלונגען אויפצוטאָן עפּעס נייעס אין דער ווירט־שאַפט, און ווען עס איז אָפּגעגאַנגען גלאַטיג און עס איז געלונגען, האָט אפילו דער שווער דערצו אויך געשמייכעלט און געמוזט צוגעבען אז איך האָב רעכט...

איינמאָל האָב איך אָפּגעטאָן אַן ארבייט, וואָס האָט פאַר'ן גוט, אינ'ם לויף פון דער צייט, איינגעבראכט היבשע עטליכע טויזענד גולדען און דערצו האָט עס געהאָלפען נאָך עטליכע אַנדערע פּאָסעסאָרס פון אונזער געגענט צו שטעלען אויף די פיס.

אין יענער געגענד פלעגט מען די פעלדער פאַרזייען מיט קלעע. דאָס איז א מין זאָמען, וואָס גיט ארוים א סך און זעהר גוט גראָז פאַר די בהמות.

דער קלעע, ווערט ניט פאַרזייט אויף א באַזונדערען פעלד און מען דאַרף צו איהם גאָר קיינע הכנות ניט האָבען. נאָר מען נעמט, אין פרילינג, ווען דאָס פעלד איז שוין פאַרזייט מיט אַן אַנדערער תבואה און מען זייט עס נאָך אמאָל איבער מיט די קליינע קלעע־זאָמען.

אז מען שניידט ארונטער די תבואה פון די פעלדער, הויבט זיך אָן דער גאָר יונגענקער קלעע זעהר שעהן צוּוואַקסען און מען האָט א זעהר גוטע פּאַשע פאַר די פערד.

(פאר אָקסען און קיה איז ער דעמאָלט, אין זיין יונגען צושטאַנד, זעהר שעדליך, זיי ווערען פון איהם, תיכף ומיד, אזוי שטארק אָנגעבלאָזען מיט גאַז, אַז זיי פאַלען באַלד אַוועק טויטע אויפ'ן אָרט).

דאָס צווייטע יאָהר, איז שוין אויפ'ן פעלד מעהר גאָר ניטאָ, נאָר בלויזער קלעע. ער וואַקסט אָבער אַן אזוי געדיכט און שטארק, אז מען קען ארונטערנעמען דריי־און פיר גרויסע וואָגענס פון אַן אקער. מען האקט איהם גאָר אָפט צוויי מאָל דורכ'ן זומער. דאָס איז דער בעסטער מאכל פאר אַלע בהמות (אין געטריקענטען צושטאַנד אויך פאר אָקסען און קיה). פויערים רייסען זיך דאָס גאָר שטארק צו קויפען און מען פלעגט לייזען איבער פופציג און זעכציג גולדען פער אקער.

עס זיינען אין אונזער געגענד געווען אַזעלכע פּאָסעסאָרס, וואָס דער קלעע האָט זיי געשטעלט אויף די פיס. אויב זיי האָבען געהאט צו פארקויפען עטליכע צעהנדליג אקער קלעע, האָבען זיי שוין געהאט אַ גרויסען טייל פון זייערע הוצאות.

אָבער דער קלעע — אזוי אז עס זאָל זיך לוינען איהם צו האַלטען צום פארקויפען — האַלט נאָר אַן בלויז איין יאָהר. דאָס צווייטע יאָהר איז ער שוין דאר און עס לוינט זיך שוין ניט מעהר מיט איהם צו פארנעמען. די פעלדער מוזען אויפ'סניי אויפגעאַקערט און פארזייט ווערען מיט אַנדערע תבואות.

ווען איך האָב, אין יאַזעפאָוו, אָנגעהויבען צו שטודירען די דייטשע זשורנאַלען וועגען פעלד־ווירטשאַפט, האָב איך דאָרטען געלעזען וועגען אַ נייעם מין גראָז, וואָס מען האָט אין יענע צייטען אָנגעהויבען צו באַציען פון אמעריקע. דאָסדאָזיגע גראָז הייסט „טימאָטהעע".

די מעלה פון דעם גראָז איז, וואָס אַז מען זייט עס צוזאַמען מיט'ן קלעע, הויבט עס ערשט אָן ריכטיג זיך צואוואַקסען אַ יאָהר שפּעטער נאָכ'ן קלעע. אין אַנדערע ווערטער: ווען דער קלעע הויבט שוין אָן צו פארלירען זיין וואוקס און קראַפט, דעמאָלט צואוואַקסט און צובליט זיך דער „טימאָטהעע".

אויף אַזאַ אופן דארף מען דאָס קלעע־פעלד נאָך ניט צואַקערען אויפ'ן צווייטען יאָהר, נאָר נאָך אויפהאַלטען אַ יאָהר, אָדער גאָר צוויי, פאר'ן „טימאָטהעע". דאָס גראָז פונ'ם טימאָטהעע איז אויך אזוי גוט, און אפשר נאָך בעסער ווי קלעע.

אַז איך האָב דאָס געלעזען אין מיינע זשורנאַלען, איז מיר די זאַך זעהר געפעלען געוואָרען און איך האָב ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און פון ווין באַצויגען פינף קילאָ טימאָטהעע־זאָמען. איך האָב עס פאַרזייט אין קלעע, אָבער קיינעם וועגען דעם ניט געזאָגט. איך האָב פשוט

מורא געהאט, אז ווען דאָס וועט ניט געלונגען, וועלען די אנדערע פּאָסעסאָרס, און איבערהויפּט דער שווער, פון מיר לאַכען . . .

איך האָב שוין קוים דערלעבט אז די צוויי יאָהר זאָלען זיין פאַר־איבער. און דער „טימאָטהעע" האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען אין זיין פולסטער געדיכטקייט. ער האָט פאַרדעקט אלע בייטען פונ'ם אַקער, נאָך א סך בעסער ווי דער קלעע, וועלכער האָט גאָר אָפט געהאט א שרעקליכען שונא, אזא גראָז מיט'ן נאָמען „ווילאָב", וואָס האָט זיך ארום איהם ארומגעוויקעלט און ניט געלאָזט ריכטיג וואַקסען.

אז דער „טימאָטהעע" איז אויפגעגאַנגען, האָב איך דעם שווער, און דערנאָך אַנדערע שכנים, ארויסגעפירט אויפ'ן שטיקעל ערד, וואו דאָס נייע געוויקס האָט זיך געפונען, און זיי האָבען אויפגעמאכט מויל און אויערען. זיי האָבען דאָס נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

דער זאָמען פון „טימאָטהעע" איז געווען זעהר טייער — באַלד אזוי ווי פון קלעע, וועלכער האָט דערגרייכט אָפט דעם פּרייז פון פופציג־זעכציג און מעהר גולדען פער זאַק. דערפאַר האָב איך, איין יאָהר, באַ־שלאָסען דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס איך האָב געהאט מיט „טימאָ־טהעע", צו לאָזען רייף ווערען פאַר זאָמען.

עס האָט מיר דעמאָלט אויך אָפּגעגליקט. דער „טימאָטהעע" איז געווען זעהר גוט געראָטען און הויך געוואַקסען, באַלד אזוי הויך ווי קאָרן. מיר האָבען איהם געשניטען גאָר הויך און אויף אזא אופן איז די „שטשירנע", דאָס איבערבלייבעכץ פון די זאַנגען, צוזאַמען מיט'ן אונטערוואוקס, וועלכער איז באַשטאַנען פון א סך קלעע און אנדערע גראָזען, אויך פאַרקויפט געוואָרען פאַר היי צום האַקען.

איך האָב די גאַנצע פערציג אַקער „שטשירנע" פאַרקויפט פאַר דעם הויכען פּרייז פון פערצעהן גולדען פער יאָך און דער קונה, וועלכער האָט עס אויספאַרקויפט, לאחדים, צו די פויערים, האָט אויך פאַרדינט עטליכע הונדערט גולדען.

דער זאָמען איז אויך דעמאָלט געווען גאָר א סך, איבער הונדערט זאַק און דער פּרייז איז געווען איבער דרייסיג גולדען פאַר הונדערט קילאָ. אויף דעם אופן האָבען מיר דעמאָלט אין יאַזעפאָוו געהאט א זעהר גוט יאָהר און פאַרדינט שעהנע עטליכע טויזענד גולדען.

זייט דעמאָלט איז אין דער גאַנצער אומגעגענד געוואָרען א האַנ־דעל מיט „טימאָטהעע". מיין שווער אליין האָט שוין פאַרזייט איבער הונדערט אַקער מיט דעם דאָזיגען ווערטפולען גראָז־זאָמען און אויך אַנדערע פּאָסעסאָרס האָבען דאָס זעלבע געטאָן און דאָס האָט פילע פון זיי געשטעלט אויף די פיס.

## 34 — וועלוועלע דאמאסק

וועלוועלע, אדער הערר ווילהעלם דאמאסק, איז געווען א זעהר טשיקאווער טיפ פון א איד, אהן א גלייכען צו זיך אין דער גאנצער געגענד, דערפאר דענק איך, אז ׳עס לוינט זיך אזא פארשוין צו פאר־אייביגען. . . .

ער איז געבארען געווארען אין דער שטאדט דאמבראווע, אן ערך פון א צוויי מייל פון טארנע. ער האט געשטאמט פון א רייכער און מיוחס׳דיגער משפחה. אין זיינע יונגע יאהרען האט ער געהאט א נאמען פאר א גרויסען תלמיד חכם און א גאר פרומען דערצו.

ער איז אבער דערנאך „קאליע” געווארען און האט אנגעהויבען צו שפילען די ראלע פון א משכיל און נאך זיין פרומען זיידענס אפשטארבען, האט ער זיך אנגעטאן „דייטש”. ער איז דערנאך אין גאנצען אוועק פונ׳ם שטעדטעל און זיך באזעצט אין קראקע.

אן עושר איז ער געווען — ער האט געהאט א סך ירושות פון זיין אייגענער און פון זיין וויב׳ס משפחה — האט ער אין קראקע געעפענט א באנק־הויז און דערצו אויך געשפילט אויף דער בערזע און איז נתעשר געווארען. ער האט דעמאלט געהאט דריי גיטער און עטליכע גרויסע הייזער אין קראקע.

אבער אז עס איז, אינ׳ם יאהר 1873, געקומען דער גרויסער ווינער בערזען־קראך, איז דאמאסק גאר שטארק פאראריכט געווארען. ער איז געווארען אוים באנקיר און ער האט אויך פארלארען די הייזער. עס זיינען איהם געבליבען בלויז צוויי גיטער: יאזעפאוו, און א קליין גיטעל ביי נאווי־טארג (ניימארק), ביי ניי־סאנדעץ.

אז ער האט פארדונגען יאזעפאוו צו מיין שווער, האט ער געוואוינט אין קראקע, און דאס קליינע גיטעל אליין פארוואלטעט.

ווען איך האב זיך מיט איהם באקענט, איז ער שוין געווען א מאן פון א יאהר זעכציג, אבער נאך פול מיט לעבען און אונטערנעהמונגס־גייסט.

ער איז געווען א זעהר פרייער מענש און פון אידישקייט גאר און גאר ניט געהאלטען; ער פלעגט נאך א סך זאכען טאן „להכעיס דעם רבונו של עולם”...

אידיש רעדען האָט ער, זעלבסטפארשטענדלאך, ניט געוואָלט, און אויף פויליש איז ער געווען א גאָר קנאַפּער קענער; דעריבער האָט ער גערעדט בלויז דייטש און געלעזען דייטשע ביכער און צייטונגען.

אז ער האָט זיך מיט מיר באקענט, האָט ער גאר אויפגעלעבט. ער האָט מיר געזאָגט, אז אין דער גאַנצער אומגעגענד האָט ער ניט מיט וועמען א וואָרט ארויסצורעדען:

— אַלע זינד דאָך דומקעפּפּע און פארשטעהען גאָר ניכטס!

ער האָט שטענדיג ליב געהאט צו רעדען וועגען די פריערדיגע משכילים און מחברים, פון וועלכע ער האָט מעהרערע געקענט פערזענליך און זיך געהאַלטען פאר זייערען א תלמיד.

ער האָט נאָך געדענקט א סך גמרא אויף אויסענווייניג און ליב געהאט זיך דערמיט צו בארימען.

איינמאָל, אין א שבת, איז ער מיט מיר געגאנגען אין פעלד. דאָס איז געווען שניט־צייט. ער האָט אויסגעריסען עטליכע זאנגען. מיט דער האנט ארויסגעריסען די קערנער און זיי צוריק אריינגעוואָרפען אויפ'ן פעלד, גלייך ווי ער וואָלט זיי פארזייט.

איצט האָט ער מיט מיר אָנגעהויבען צו רעדען, וויפיל פון די ל"ט מלאכות ער האָט איצט עובר געווען. איך האָב איהם געזאָגט מיין מיינונג. ער האָט דערביי ארויסגעוויזען גאָר א סך בקיאות און גע־דענקט אַלע ל"ט מלאכות אויף אויסענווייניג.

פון דער אזוי־גערופענער „מאָראל" האָט ער ווינציג־וואָס געהאַל־טען. אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געווען א גרויסער פרויען־יעגער.

ער האָט אין יאָזעפאָוו געווירטשאפט א צייט פון היבשע עטליכע יאָהרען. זיין פרוי איז דאָרטען קיינמאָל ניט געווען. האָט ער געהאט צוויי פויערטעס, צוויי שוועסטער, מיט וועלכע ער האָט עפענטליך געלעבט ווי מאַן און פרוי. זיי האָבען פון איהם אויך געהאט עטליכע קינדער. ער האָט אָבער דידאָזיגע קינדער קיינמאָל ניט אָנערקענט, כאָטש זיי זיינען געווען זעהר עהנליך צו איהם, און אפילו געהאַלטען דעם קאָפּ איינגעבויגען, פונקט ווי ער. ער האָט פאר זיי קיינמאָל ניט געזאָרגט. זיי זיינען אויסגעוואקסען פויערים און שיקסעס, פונקט ווי די אנדערע פון דאָרף; זיי פלעגען דערנאָך געהן אויף דער ארבייט, פונקט ווי די אנדערע גוים...

א צייט נאָך דאמאסק'ס אָפּשטארבען, איז איין מאָל זיינער א געזעצליכער זוהן, א בוכהאַלטער אין א קראָקעווער באנק, געקומען אונז באזוכען און א קוק געבען וואָס עס הערט זיך אין גוט.

איך בין מיט איהם געפאָרען איבער די פעלדער און איהם אלעם געוויזען. מיר זיינען געקומען צו א שטיקעל פעלד, וואו דער וועג איז געווען פאַרמאַכט דורך האָליז־דרענגער, אז די בהמות אויף דער פּאַשע זאָלען ניט אָנמאַכען קיין שאָדענס.

אז איינער פון די פאַסטוכער האָט אונז דערזעהען פאָרען, איז ער צוגעלאָפען צום טויער און האָט איהם פאר אונז אויפגעמאַכט.

דער יונגער דאמאסק האָט ארויסגענומען פון קעשענע א גאנצען האַלבען זילבערנעם גולדען און איהם דערלאנגט. אז ער האָט דערזעהען ווי איך האָב אויף איהם א קוק געטאָן, ווי איינער רעדט, אז דאָס איז צו־פיל, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט א שמייכעל:

— יאָ, מען קאָן ניכט וויסען, פיליכט איזט ער מיין ברודער!

דער אלטער דאמאסק פלעגט זיך פאר מיר ליב האָבען צו בארימען, אז ווען ער איז נאָך געווען אין דאָמבראָווע, איז ער שוין דעמאָלט געווען א גרויסער אפיקורס.

— איך האָב איין מאָל — האָט ער מיר דערצעהלט — צו כל נדרי, געזאָגט „שיר היחוד" אין שוהל. אָבער אז איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך מיר באלד דערנאָך פאַררויכערט א גוטען ציגאַר.

ער האָט אייביג געהאַט וואָס אויסצוזעצען געגען אידען. קיין שום אידישע זאַך איז איהם ניט געפעלען געוואָרען. אָבער ער אַליין איז גאָר ניט געווען פריי פון אַזעלכע זאַכען . . .

א שווינדלער און א כיטראַק איז ער געווען גאָר א גרויסער!

ווי אזוי ער האָט מיין שווער באַשווינדעלט מיט'ן קאָנטראַקט, האָבען מיר שוין פריהער געזען. אָבער אפילו אז אימיצער האָט ביי איהם עפּעס געהאנדעלט, האָט ער שטענדיג געזוכט איהם אָפּצו־נאַרען און באַשווינדלען. מען פלעגט זיך אין דער אומגעגענד אָנדער־צעהלען פון איהם גאנצע מעשיות, און אָנשטענדיגע סוחרים האָבען מיט איהם ניט געוואָלט האַנדלען.

מיר האָט א ראַדאָמישלער תבואה־הענדלער דערצעהלט וועגען א מסחר, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעמדאָזיגען הערר דאמאסק. ער האָט ביי איהם געקויפט צוויי הונדערט זאַק ווייץ, צו א באַשטימטען פּרייז און פון איהם גענומען א צעטעל וועגען דער קניה, אז דער ווייץ מוז זיין פאַרטיג אויף א באַשטימטען טאָג. דערווייל האָט זיך תבואה גאָר שטאַרק געהויבען און דער סוחר האָט שוין ארויסגעקוקט אויפ'ן באַ־שטימטען טאָג, אז ער זאָל קענען קומען נעמען זיין ווייץ.

א טאָג פריער איז ער אריבערגעפאָרען קיין יאָזעפאָוו און געפרעגט

דעם הערר דאמאסק, אויב דער ווייץ איז שוין גרייט און ווען ער קען קומען מיט וואָגענס איהם אָפּנעמען.

— איהר געטריידע איזט שאָן לאנגע פערטיג און זי קענען עס נאָך הויטע מיט זיך מיטנעמען אויף איהר אייגענעם וואגען!

דער סוחר האָט איהם אַנגעקוקט פארוואונדערט, ווי איינער רעדט: ווי איז דאָס מעגליך, אז מען זאָל קענען נעמען צוויי הונדערט זעק מיט ווייץ אויף איין איינציגען וואָגען? און ער האָט איהם אויך וועגען דעם געפרעגט.

— ווער האָט דען איהנען געזאגט, דאס זי ווערדען בעקאָמען צוויי הונדערט זאק ווייטצען? האָט זיך דאמאסק געמאכט ווי תמ'עוואטע— איך ווערדע איהנען געבען דריי זאק ווייצען און דען קענען זי יא גאנץ גוט מיט זיך מיטנעמען!

די זאך צו מאכען קורץ: דער סוחר האָט זיך אַרומגעזעהן, אז ער איז אריינגעפאלען און איז אריבערגעפאָרען קיין טאַרנע צו אן אדוואָקאט. דאָרטען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז מען קען דעם מוכר ניט קלאָגען, ווייל אין צעטעל איז געשטאנען, אז ער פארקויפט איהם ב י ז צ ו ו י י ה ו נ ד ע ר ט ז א ק ו ו י י ץ. דאָס הייסט אין אנדערע ווערטער, אז דאמאסק האָט די ברירה איהם צו געבען ב י ז צוויי הונדערט זאק ווייץ און דער סוחר מוז דאָס צונעמען. אָבער וויפיל ער מוז איהם געבען, דאָס איז ניט געווען דערמאָנט אינ'ם צעטעל...

אז ער, דאמאסק, האָט דאָס גוט יאָזעפּאָוו פארדונגען צו מיין שווער, איז שמעון סאנדהויז, מיין שווער'ס שוואָגער, געווען דער גאנצער מעקלער און פארמיטלער צווישען זיי. דאמאסק איז ארויס פון יאָזעפּאָוו מיט א סך מעהר געלד ווי ער האָט זיך אליין געריכט, מיט איבער צוואנציג טויזענד גולדען, וועלכע מיין שווער האָט איהם אויפגעצעהלט אויף איין מאָל אין מזומנים.

שמעון סאנדהויז, דער מעקלער, האָט זיך געריכט צו באקומען א מנה יפה, א גאנצען טויזענדער, אָדער, לכל הפחות, פינף הונדערט גולדען, און ער האָט דאָס געלד טאקע דעמאָלט זעהר נויטיג געדארפט האָבען—ער איז שטענדיג געווען א נצרך. ווען ער האָט מיט'ן הערר דאמאסק גערעדט, וויפיל ער וועט באַקומען פאר זיין גרויסער און ווערטפולער ארבייט, האָט איהם דאמאסק שטענדיג בארוהיגט און געקלאַפּט אין פּלייצע:

— לאסען זי דאס צו מיר, הערר סאנדהויז! זי ווערדען פאָן מיר באקומען איין זעהר שעהנעם און ווערטפאָלען פּרעזענט!

אז דאָס געשעפט איז שוין געווען אין גאַנצען אָפּגעוויקעלט—האָט שמעון סאנדהויז באקומען פאר זיין מיה און ארבייט... א פּאָר זיל־בערנע לייכטער, אין ווערט פון א דרייסיג גולדען.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז סאנדהויז האָט די לייכטער ניט געוואָלט צונעמען און געגען דאמאסק'ן אָנגעגעבען אין געריכט. און דער סוף איז געווען, אז ער האָט נאָך געמוזט צוצאָלען א קנאפּע הונ־דערט גולדען געריכטס־קאָסטען. דאמאסק האָט געשוואָרען, אז וועגען געלד איז צווישען זיי גאָר קיין רעדע ניט געווען. זיי זיינען יאָהרען־לאַנגע שכנים און סאנדהויז האָט נאָר געמיינט זיין אייגענעם שוואָגער צו פארשאַפען אַזא גרויס גליק מיט'ן איבערנעמען דאָס גוט. ער האלט, אז א פּאָר לייכטער, זיינען גענוג און איבערגענוג אלס א פּרעזענט...

אזוי ווי שמעון סאנדהויז איז דעמאָלט געווען גוט ארונטער, און טאַקע ניט געהאט צו באַצאָלען די געריכטס־קאָסטען, האָט מיין שווער דאָס פאר איהם געמוזט טאָן. דער פיינער הערר דאמאסק האָט קיין איינציגען גראָשען ניט געוואָלט ארונטערלאָזען...

אויפ'ן יאָזעפאָווער הויף האָט זיך געפונען א קליין הייזעל פון דריי צימערלאך. דאָרטען פלעגט דאמאסק וואוינען, ווען ער איז געקו־מען אויפ'ן גוט. ווען ער האָט עס פארדונגען צו מיין שווער, האָט ער זיך אינ'ם קאָנטראקט באוואָרענט מיט א פּונקט, אז דאָס דאָזיגע קליינע הייזעל טאָר פון קיינעם ניט באנוצט ווערען, נאָר עס מוז זיין פאר זיין אייגענעם געברויך, ווען ער וועט אמאָל אהער קומען.

אָבער דערווייל האָט ער דאָרטען באזעצט זיינע א געליבטע, א גויה מיט'ן נאָמען די איגנאַצאָווא. ער האָט זיך אויך אויסגערעדט, אז זי זאָל דאָרטען וואוינען און אויך מעגען האלטען דריי קיה אין אונזער שטאָל און זיי פּאַשען אויף אונזערע פעלדער און אז מען דארף איהר אויך געבען שטרוי און היי פאר די קיה.

מיין שווער איז געווען אזוי פארבלענדעט פון דעם גרויסען גליק, וואָס שטעהט איהם פאָר אין יאָזעפאָוו, אז ער האָט אויך דעמדאָזיגען פּונקט נאָכגעגעבען. וואָס מאכט עס דען אויס, אז עס וועלען זיך גע־פינען נאָך דריי קיה אינ'ם הויף?

אָבער באַלד האָט זיך דאָס ארויסגעוויזען פאר א גאָר גרויסען אומגליק. די איגנאַצאָווא איז געווען זעהר א שלעכטע און שטאָלצע גויה. איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אז זי איז נאָך דאָ די גאַנצע בעל־הבית'טע, ווי פאר דאמאסק'ס צייטען, און זי האָט אָנגעהויבען, שוין באַלד אין אָנפאנג, ארויסצואווייזען גרויס רשעות מכח איהרע בהמות. וואו מען האָט זיי געשטעלט און וואָס מען האָט זיי געגעבען צו עסען,

איז איהר אַלץ ניט ניחא געווען און זי האָט זיך געהאַלטען אין איין אַרומקריגען.

אָבער מיין שווער איז ניט געווען אַזא מענש, וואָס זאָל זיך לאָזען אַרומפירען ביי דער נאָז פון אַזא גויה. ווען זיין טאָכטער איידעל האָט איהם דערצעהלט, וואָס פאר צרות זי האָט זיך פון דער איגנאַצאָווא אויסצושטעהן, האָט ער ניט לאַנג געטראַכט. ער איז באַלד געקומען קיין יאָזעפאָוו און מיט'ן שארפען וואָרט געהייסען דער גויה, זיך פארנעמען פון דער „דאמאַכאָווקא", צוזאמען מיט די דריי קיה און אַז די גויה האָט איהם אַזוי גיך ניט געפאָלגט, האָט ער זי גאַנץ גוט אָנגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבען, צוזאַמען מיט איהרע דריי קיה, פונ'ם הויף.

צו דאמאסק'ען האָט ער געשריבען א שטרענגען בריף, אַז ער וויל די גויה ניט האָבען אַלס א בעל בית'טע אינ'ם הויף, און אויב דאמאסק וויל, קען ער איהם וועגען דעם אָנקלאָגען אין געריכט...

דער דייטש האָט פארשטאַנען, אַז עס לוינט זיך ניט וועגען דער־דאָזיגער גויה צו פירען משפטים, און ער האָט ליבערשט שטילגעשוויגען. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען קיין יאָזעפאָוו, איז שוין די איגנאַצאָווא געווען ביי איהם און ער האָט איהר שוין פארגיטיגט דעם שאָדען וואָס זי האָט געהאַט מיט דעם, וואָס זי האָט געמוזט פארלאָזען דעם הויף און מעהר דאָרטען ניט זיין קיין בעל הבית'טע...

די גויה האָט איינגעזעהען, אַז זי האָט פארלאָרען און זי איז דערנאָך געווען א זעהר אונטערטעניגע. זי פלעגט קומען צו איידל'ען און דערנאָך צו מיין ווייב, ביי זיי טאָן שניידערשע ארבייט.

ווילהעלם דאמאסק איז געווען דער איינציגער „דייטש" און אפיקורס אין אונזער געגענד. קיין אנדערער א חוץ איהם איז דאָרטען קיינמאָל ניט געווען און עס איז אויך ניט געווען קיינער א חוץ מיר, וואָס זאָל קענען און חשק האָבען אריינצוקוקען אין א לשון קודש ספר'ל, אָדער גאָר אין א דייטש און א פויליש ביכעל...

און אפילו די פרויען און מיידלאך האָבען, מיט זעהר ווייניג אויס־נאַמען, פון אַזעלכע זאַכען ניט געהאַלטען.

## 35 — ראדאָמישלאַ

ראַדאָמישלאַ, וואָס געפינט זיך אַן ערך פון דריי און אַ האַלב מייל פון טאַרנע און צוויי מייל פון באַהן־סטאַנציע טשארנא, איז געווען אַ זעהר וואויל שטעדטעל און אין אַ סך פּרטים גאָר אַנדערש פון די אַנדערע שטעדט פון דער אומגעגענד.

אין די ניט־ווייטע שטעדטלאַך, שצוצין, פּשעצלאַוו און רזאָכאָוו און עטליכע אַנדערע, האָבען די דאָרטיגע אידען געפירט אַ לעבען, ניט פיל אַנדערש ווי די שטאָדטישע גוים.

יעדער איד, וואָס איז נאָר געווען עפּעס פאַרמעגליך, האָט געהאַט זיין אייגענע קוה, אָדער גאָר עטליכע בהמות און אויך אַן אייגען, אָדער געדונגען, שטיקעל פעלד, פון וועלכען ער האָט געצויגען דעם גרעסטען טייל פון זיין פּרנסה.

אידישע בעל הבית׳טעם אין דידאָזיגע שטעדטלאַך, פּלעגען, יעדען פריהמאָרגען, אַרויסטרייבען זייערע בהמות צום אַלגעמיינעם פּאַסטוך און זיך ניט שעהמען, צוויי אָדער דריי מאָל אַ טאָג, די קיה צו געבען עסען און טרינקען און אפילו אליין אויסמעלקען.

הינטערן הייזעל האָט כמעט יעדער איד געהאַט אַן אייגענעם גאָר־טען, אין וועלכען עס זיינען געוואַקסען בולבעס און שאר ירקות, און יעדער בעל־הבית פלעגט אַליין, מיט׳ן ווייב און קינדער, באַארבייטען דאָס גערטעל און דערפון אַרויסשלעפּען וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט האָבען צום לעבען.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס אָבער געווען אין ראַדאָמישלאַ. אין דעם ענין האָבען זיך די דאָרטינע אידען, ובפרט שוין אין מיין צייט, געפירט ווי די גרויס־שטעדטישע.

כמעט קיין איין איד אין ראַדאָמישלאַ האָט ניט געהאַט קיין בהמה, אָדער עפּעס אַ גערטעל. מען איז שטענדיג געווען פאַרנומען מיט מסחר און זיי האָבען דערפון אַ סך בעסער געלעבט, ווי די אידען אין די אַרומיגע שטעדטלאַך.

ראַדאָמישלאַ איז אויך געווען די איינציגע שטאָדט, אויף אַ סך מייל׳ען אַרום, וואָס האָט פאַרמאָגט פיל רייכע אידען, גבירים אדירים.

דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַ זאין ראַדאָמישלאַ זיינען גאָר קיין אָרימע־לייט ניט געווען. עס זיינען פון דעמדאָזיגען מין געווען איבער־גענוג. עס איז דאָך אַ בפירושער פסוק אין דער תורה „כי לא יחדל אביון”. אָבער אזעלכע קבצנים אין זיבען פאַלעס ווי ערגעץ אנדערש, זיינען די ראַדאָמילאַר אָרימע אידען אויך ניט געווען . . .

דערפאַר האָט אָבער ראַדאָמישלאַ ביי זיך געהאַט עטליכע פאַמי־ליעס, וואָס זיינען געווען שטיין־רייך און געפירט גאָר גרויסע מסחרים. זיי פלעגען האַנדלען מיט וועלדער איבער גאַנץ גאַליציע, און עס זיינען אויך געווען עטליכע בהמות־סוחרים, וואָס האָבען יעדע וואָך אויס־געגעבען טויזענדער גולדען פאַר בהמות און זיי געפירט קיין קראָקע, אָדער ווין, צום פאַרקויפען.

אידען אין ראַדאָמישלאַ האָבען זיך אויך זעהר פיל אָפּגעגעבען מיט'ן געלד־האַנדעל, דאָס הייסט, לייהען געלד אויף פּראָצענט.

די אבערדאַמ'ס און די ראַפּאַפּאָרט'ס און שלאָסער'ס און די אנ־דערע, זיינען געווען גאַנץ נישקשהדיגע וואָכערניקעס און האָבען געריי־סען הויכע פּראָצענטען און זייערע פאַרמעגענס זיינען צוליב דעם גע־וואַקסען פון יאָהר צו יאָהר.

אין ראַדאָמישלאַ זיינען געווען אַ היבש ביסעל שטאָדטישע גוים (מיעסטשאַנעס), וואָס האָבען זיך שטענדיג געפונען אויף דער רייזע איבער גאַנץ גאַליציע, אויף די ירידים, אויפקויפענדיג חזירים אויף אוועקצושיקען קיין אויסלאַנד. די אַלע גוים האָבען געהאַנדעלט מיט אידיש געלד און דערפאַר געצאָלט גוטע פּראָצענטען. עס זיינען צווישען דידאָזיגע מיעסטשאַנעס געווען אזעלכע, די יאַראַסעס און קאָסטאָקאָ־וויטשעס, וואָס האָבען פאַרמאָגט אייגענע גרויסע גיטער און דאָך זיינען זיי שטענדיג ארומגעפאָרען אויפקויפען חזירים און די אידען געצאָלט גוטע פּראָצענטען.

עטליכע ראַדאָמישלאַר אידען האָבען אויך פאַרמאָגט זייערע אייגענע גרויסע גיטער און וועלדער.

מרדכי'לע גאָרליצער (ביי וועמען איך האָב שפּעטער געהאַלטען דעם פולוואַרק אָשיצע) איז געווען איינער פון די גרעסטע גבירים פון דער אומגעגענד. ער האָט, צוזאַמען מיט זיינעם אַ שוואָגער, גע'ירש'ענט פון זיין פאָטער (אַ זעהר קארגער איד) דאָס גרויסע גוט יאשצאָמבקע, פון זעקס הונדערט אַקער, און דערצו פופצעהן הונדערט אַקער גוטען און שווערען וואַלד. ער האָט זיך שפּעטער צוטיילט מיט'ן שוואָגער און פאַר זיך גענומען דעם וואַלד, וועמעס ווערט עס איז געשטיגען פון יאָהר צו יאָהר און איז ווערט געווען איבער אַ פערטעל מיליאָן גולדען.

די פאַמיליע גוטווירטה האָט געהאַט גאָר נאָהענט פון שטאָדט צוויי גיטער: גרויס דילטשע און קליין דילטשע,ביידע האָבען געהאַט עטליכע הונדערט יאָך גאַנץ גוט פעלד און דערצו האָבען זיי אויך געהאַט שעהנע עטליכע הונדערט אַקער וואַלד. כאָטש ער איז ניט געווען אַזוי פיל ווערט ווי דער יאַטשאַמבקער וואַלד, האָט ער אָבער אויך באַטראָפען א הונדערט טויזענד גולדען.

דערצו האָבען די גוטווירט'ס געהאַט די שטאָדטישע פּראָפּינאַציע (דאָס אויסשליסליכע רעכט צו פאַרקויפען אַלקאָהאָלישע געטראַנקען). זיי האָבען דאָס פאַרדונגען פאַר אַכט, ביז צעהן טויזענד גולדען א יאָהר, און שפּעטער, ווען די רעגירונג האָט איבערגענומען אַלע פּראָפּינאַציעס און דערפאַר צו די אייגענטימער באַצאָלט גרויסע סומען געלד, זיינען דידאָזיגע אידען גאָר נתעשר געוואָרען.

א חוץ דעם זיינען אין ראַדאָמישלאַ געווען איינוואוינער עטליכע דאָרפס־אידען פון דער אומגעגענד, און אַלע זיינען זיי פּשוט געווען אָנגעשטאָפּט מיט געלד, אַז מען האָט אַפילו ניט געקענט וויסען — זיי אַליין האָבען אויך ניט געוואוסט — וויפיל זיי פאַרמאָגען.

איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען אַלע רייכע לייט פון ראַדאָמישלאַ. אָבער איך דענק, אַז עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען איך וועל באַהויפּטען, אַז אַלע צוזאַמען האָבען זיי פאַרמאָגט אין ערך פון א צוויי מיליאָן גולדען און דאָס איז געווען א גאָר גרויסע סומע געלד, מיט איבער פופציג יאָהר צוריק.

ווי געוועהנליך זיינען צווישען דידאָזיגע גבירים געווען פאַרשידענע מענשען: פיינע לייט און אויך גרויסע פּאַרכעס. גוטהאַרציגע מענשען און האַרט־לייביגע, וואָס האָבען זיך אויף גאָר ניט געוואָלט לאָזען קאָסטען.

געווען אין ראַדאָמישלאַ א אידענע, וואָס איז, יאָהרען־לאַנג, געווען אַן אַלטע מויד און דערנאָך חתונה געהאַט מיט א מאַן, וועמען זי האָט קוים אָפּגע'גנט. דידאָזיגע „אַלטישע", איז פּשוט געווען אָנגעשטאָפּט מיט מזומן געלד, זיכער איבער א האַלבען מיליאָן גולדען. זי האָט קיינעם ניט געוואָלט קיין טובה טאָן און קוים א גרויסען נגיד גע־באָרגט עטליכע טויזענד גולדען. דער סוף איהרער איז געווען, אַז ווען זי איז קראַנק געוואָרען, האָבען זיך עטליכע גבירים אויף איהר דער־באַרימט, זי אַריינגענומען צו זיך אין הויז אַריין און דערנאָך געמאַכט א פאַלשע צוואה און דאָס גאַנצע גרויסע פאַרמעגען צוגענומען פאַר זיך.

כאָטש זי האָט געהאַט עטליכע אָרימע קרובים, האָט זי זיי קיינמאָל ניט געוואָלט שטיצען און די גבירים וואָס האָבען צוגענומען איהר פאַרמעגען, האָבען דערנאָך, פאַר מורא, דידאָזיגע קרובים צוגעוואָרפען עפּעס אַ ביינדעל.

ארום די נגידים האָבען אויך געלעבט אַ היבש ביסעל אַנדערע פאַמיליעס. זיי זיינען ביי זיי געווען אָנגעשטעלט אלס שרייבער, וואַלד־געהערס און נאמנים אין זייערע פּילע געשעפטען.

בכלל איז ראדאָמישלא געווען אַ גאַנץ לייטישע האַנדעלס־שטאָדט. יעדער האָט געהאַט עפּעס אַ באַשעפטיגונג און דערפון געצויגען גאָר קיין־מעשה־ניט פּרנסה.

און אפילו די דריי דיינים פון שטאָדט, זיינען אויך ניט געווען קיין בטלנים, ווי דאָס טרעפט גאָר אָפט ערגיץ אנדערש; זיי האָבען ניט געקענט איינזיצען בלויז על התורה ועל העבודה...

דער עלטסטער דיין, ר' רפאל הערש, איז געווען אַ וועלטס־שדכן און אָפט ארומגעפאָרען צוליב זיינע שידוכים. יאַנטשע דיין האָט „אונטערגעקרעמעלט". זיין ווייב האָט געהאַט אַ „שראַגען" (אַ טישעל) אין מארק מיט פאַרשידענע פּויערישע סחורות. ווען זי איז געווען שטאַרק טרוד, איבערהויפּט דאָנערשטאָג אויפ'ן וועכענטליכען יריד, האָט ער איהר מיטגעהאָלפען האנדלען מיט די פּויערים און פּויערטעס.

דער אינגסטער דיין איז געווען ברוך פוקס („פּוקסעל" האָט מען איהם גערופען). ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אויך אַ שטאַרקער פּקח במילי דעלמא. ער איז געווען אַ שטיקעל עושר און אַ גרויסער אייער־סוחר.

דאָנערשטאָג, אויפ'ן יריד, האָט ער אליין און מיט זיינע ארויס־געלפערס איינגעהאנדעלט אַ סך הונדערטער שאָק (אַ שאָק איז זעכציג) אייער, זיי סאָרטירט און געפּאַקט אין קאַסטענס און אַוועקגעשיקט למרחקים.

יעדעס דינסט־מיידעל, אָדער בעל־הבית'טע, ווען זי האָט נאָר גע־האַט עפּעס אַ שאלה, וועגען אַן עוף, אָדער וועגען טעפּעל־לעפעל, איז זי קיינמאָל ניט געגאַנגען צום רב פרעגען, נאָר זי פלעגט ארויסלויפען אין מארק אריין צו פוקס'לען, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטען מארק צווישען זיינע קעסטלאַך אייער און ער האָט נאָר בלויז אַן אויג געוואָר־פען אויף דער הון, אָדער מיט איין אויער אויסגעהערט די שאלה און באַלד ארויסגעזאָגט זיין „אורטייל": כשר אָדער טרפה.

ראדאָמישלא איז געווען אַ שטאָדט פון לויטער חסידים (אָבער ניט קיין פאַרשלומפּערטע, אָדער קאַטשעלאַבעס, ווי מען פלעגט דאָס זעהען

אין דער בעלזער געגענד). ווער עס איז נאָר געווען א שטיקעל בעל־הבית, האָט געמוזט פאָרען צו'ן א רבי'ן. אנדערש איז מען גאָר קיין מענש ניט געווען . . .

מען פלעגט זיך האלטען אָן דער ראָפּשיצער גזע. א סך זיינען גע־פאָרען צו די רביים אין די ארומיגע שטעדטלאך, זשאבנע, דעמביץ, מעליץ, עטליכע קיין דזשיקוב.

עס זיינען אויך געווען עטליכע נגידים — צווישען זיי מיין שוואָגער בערל לעוו — וואָס זיינען געפאָרען אזש קיין טשאָרטקאָוו, אָדער הוסיא־טין, וואָס איז געווען א גאָר וויטע נסיעה פון ראדאָמישלע. מען האָט אָבער אויף דידאָזיגע חסידים גערעדט, אז זיי מיינען ניט אזוי פיל זייערע רביים, נאָר אבי דורכצופאָרען זיך קיין לעמבערג און דאָרטען, בשעת מעשה, לעבען א גוטען טאָג . . .

מאנכע רביים זיינען אויך ניט געווען קיין פוילע און זיך אליין מטריח געווען קיין ראדאָמישלא. קיינער פון זיי האָט צום שטעדטעל ניט צוגעליינט. יעדער רבי האָט ארויסגעפירט שעהנע עטליכע הונדערט גולדען. ראדאָמישלאר אידען זיינען געווען ברייטהארציגע און זיך געלאָזט קאָסטען געלד . . .

און עס איז אויך איינמאָל געווען א צייט, וואָס דער פּלאָנטשער רב, דער זון פונ'ם ראָזוואדאָווער רבי'ן און אן אור־איניקעל פונ'ם גרויסען ראָפּשיצער, האָט געוואוינט מיט זיין גאנצען בני־בית אין ראדאָמישלא, און דאָרטען געפירט א גאנצען „הויף" (עס רעדט זיך נאָר אזוי...) און די שטאָדט און די ארומיגע דאָרפס־אידען האָבען איהם אויפגעהאל־טען בכבוד גדול.

א וואוילע שטאָדט געווען די דאמאָלסדיגע ראדאָמישלא!

## 36 — א געפאַלענער „תקיף"

אויב איהר האָט אמאָל אויף אייער לעבען געזעהען א איד, א יורד, האָט איהר אָבער נאָך קיינמאָל ניט געזעהען אזא שרעקליכע ירידה, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט'ן „תקיף" פון ראדאָמישלא ר' אברהם משה קליינמאַן.

איך בין שוין עטליכע דרייסיג יאָהר אוועק פון גאַליציע און איך בין דערפאר ניט אזוי גרינטליך אינפאָרמירט וועגען די אינערליכע צושטאַנדען אין די דאָרטיגע אידישע קהלות. אָבער לויט ווי איך ווייס פון די דאָרטיגע אידישע צייטונגען, פון וועלכע איך בין א „קורא ותיק", זיינען דאָרטען שוין מעהר קיינע „תקיפים" ניט פאראַנען.

די אומשטענדען אין די שטעדטלאך האָבען זיך, זייט דער מלחמה, זעהר פיל געענדערט און אפילו מיט יאָהרען פריהער, האָט שוין די אינ־סטיטוציע פון די „תקיפים" געהאלטען ביים אונטערגעהן.

אָבער, מיט א פופציג און מעהר יאָהרען צוריק, איז אין גאַנץ גאַליציע כמעט ניט געווען קיין איינציג שטעדטעל, וואָס האָט ניט געהאט איהר אייגענעם „תקיף", וועלכער איז געווען דער פיהרער, און זיין וואָרט איז געווען א געזעץ, וואָס יעדער האָט געמוזט פאָלגען, און אויב ניט —

אין די שטעדטלאך אַרום ראדאָמישלא, האָב איך געקענט עטליכע אזעלכע „תקיפים": אין דאָמבראָווא, ר' ליפּאַ סאניטאָריע, אין שצוצין, אַלטער קאמפּף, אין פּשעצלאוו, ישראל בינשטאָק, אין מעליץ, חיים קליין, אין זאבנאָ, דוד בינשטאק, און דעם וויכטיגסטען פון זיי אַלע: ר' אברהם משה קליינמאַן, אין ראדאָמישלא.

ווייל איך האָב איהם, אברהם משה קליינמאנען, א סך בעסער געקענט ווי די אנדערע „תקיפים" און ווייל זיין ירידה איז אויך געווען א פיל טיפערע, וועל איך זיך דאָ בלויז מיט איהם אליין פארנעמען.

ווען איך האָב חתונה געהאט, האָב איך באלד געהאט די געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט'ן „תקיף", ר' אברהם משה קליינמאַן. ער איז געווען א מאַן פון א יאָהר זעכציג, הויך, פעסט־געבויט, מיט א זעהר שעהנער ווייסער באָרד און זעהר נעט און ריין געקליידט, אז עס

איז פשוט געווען א פארגעניגען אויף איהם א קוק צו טאָן. זיין גאנץ אויסזעהען האָט ביי איטליכען ארויסגערופען רעספּעקט און אָפּשיי.

ער איז געווען אונזערער א מחותן. זיין זון מענדעל איז געווען אן איידים פון מיין עלטער־שוועסטער, ר׳ יודעל שטיגליץ, דאָס הייסט, אז מענדעל איז געווען מיין שוועסטער'ס שוואָגער און א פעטער פון מיין ווייב.

ווען איך האָב איהם דערקענט, איז ער שוין געווען א היבש ביסעל ארונטער פון זיין גדולה. אָבער נאָך געווג „תקיף״ און מיט זיינעם א וואָרט, האָט מען זיך נאָך געמוזט רעכענען...

פריהער איז ער געווען דער איינציגער ראש הקהל אין שטאָדט (באשטימט פונ'ם מעליצער באצירקס־הויפּטמאן); און איינער פון די זיבען שטאָדטישע „ראַדניקעס״ (ראָטסהארען). ער איז געווען דער פירער פון דער מעטריקע. דאָס הייסט, אז ביי יעדען פאַל, ביים געבוי־רען ווערען און ביים אָפּשטאַרבען, האָט מען געמוזט צו איהם אָנקומען.

ער האָט אויך געהאַלטען פון דער רעגירונג די „הויפּט־טראַפיק״, דעם מאָנאָפּאָל פון טאַבאַק, טיטון און די אנדערע שמעק־ און רויכער־זאַכען און אַלע אָרענדאַרעס פון דער גאַנצער אומגעגענד האָבען געמוזט צו איהם קומען „פאַסען״, דאָס הייסט, קויפען דידאָזיגע אַלע ארטיקלען.

א חוץ דעם האָט ער פון דער רעגירונג געהאַלטען די לאָטעריע, וואו יעדער האָט געשפּילט אויף די גליקס־נומערען.

דאָס אַלעס איז נאָך געווען ווייניג. דער „תקיף״ איז געווען א גרויסער חשוב, סאַי ביים געריכט אין זאַסאָוו (ראַדאָמישלא האָט דע־מאָלט נאָך ניט געהאַט אן אייגען געריכט און שטייער־אַמט. זיי האָבען זיך געפונען אין דעם דאָרף זאַסאָוו, א קנאַפּע מייל פון שטאָדט), אויך ביים שטייער־אַמט, ועל כולם ביים סטאַראָסטאַ אין מעליץ, אומעטום האָט ער געקענט אַ גרויסע טובה טאָן און אויב ער האָט געוואָלט... אויך פארקערט...

אויב אימיצער — דאָס הייסט א איד פון שטאָדט אָדער פון די אַרומיגע דערפער — האָט געדאַרפט שטעהן צו דער מיליטערישער „אסענטירונג״, צום פּריזיוו, האָט מען זיך אָהן איהם ניט געקענט באַ־געהן. ער איז געווען דער איינציגער מעקלער און דעה־זאָגער ביי דער קאָמיסיע און ווען ער האָט געוואָלט, האָט ער באפרייט פונ'ם מיליטער־דינסט.

ווי מען קען זעהען פון אַלע זיינע פארשידענע און פילע באשעפ־טיגונגען, איז ער טאַקע געווען דער אמת'ער פירער פון שטאָדט און געהאַט צו שאַפען איבער איטליכענס האָב און גוטס און אפילו איבער מענשליכער פרייהייט.

אָבער טראָצדעם אַלעמען איז ער קיין גרויסער „באַרייסער", ווי די אַנדערע „תקיפים", ניט געווען. ער האָט ניט געהאַלטען אין אַרויס־רייסען דעם לעצטען ביסען פון זיינע „אונטערטאַנען". איבערהויפּט האָט ער געהאַט פּרנסה בריוח פון די אַלע אַנדערע זיינע געשעפטען. איהם איז עס נאָר געגאַנגען אין כבוד און ער האָט דוקא געוואָלט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט נאָר אַרויס, זאָל אויך אויסגעפירט ווערען . . .

ווען זיין ירידה האָט זיך אָנגעהויבען, ווייס איך ניט גענוי אָנצוגע־בען. דאָס איז פאַרגעקומען עטליכע יאָהר פאַר מיין חתונה. אָבער די אורזאַך דערפון איז געווען א שטאַרקע שטאָדטישע מחלוקה איבער'ן רב.

ער, דער „תקיף" האָט דעם רב שטענדיג גע'רודפ'ט. אָבער די נגידים האָבען געהאַלטען מיט'ן צווייטען צד און מיט עטליכע פון זיי איז ער אויך געווען אין קורבת משפחה.

דער תקיפ'ס מפּלה איז, דער עיקר, געקומען דורך דער גוטווירטה פאַמיליע.

דער אַלטער אברהם מרדכי גוטווירטה איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען א מלמד פון גמרא קינדער. ער האָט זיך אָבער — איך ווייס ניט ווי אַזוי — דערוואָרבען א זעהר גרויס פאַרמעגען. ער האָט געהאַט האַרט ביי דער שטאָדט צוויי גיטער מיט א גרויסען וואַלד און דערצו אויך די שטאָדטישע פּראָפּינאַציע, וועלכע איז געווען א גאָלד־גראָבען.

דער אַלטער אברהם מרדכי איז געווען א זעהר מערקווירדיגער מענש, מיט א גאָר שטאַרקען גייסט. מען זעהט היינט צו טאָג גאָר ניט אַזעלכע אידען.

ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, אָבער אויך א דורכגע־טריבענער סוחר. אַן איידעלער איד, אָבער א גאָר קנאַפּער בעל רחמנות. אויך ער האָט שטאַרק ליב געהאַט כבוד, אָבער דער אַלטער „תקיף", ר' אברהם משה קליינמאַן, האָט איהם ניט געלאָזט דעם קאָפּ אויפ־הויבען. ער האָט אויך גאָר שטאַרק חשק געהאַט — געלד האָט ער דאָך שוין געהאַט גענוג — צו פאַרנעמען עפּעס א שטאָדטישען אמט, אָבער אברהם משה איז געשטאַנען אויף דער וואַך און קיינמאָל ניט געלאָזט דערצו קומען.

איך געדענק איהם ר' אברהם מרדכי'ן, דעם „גביר־מלמד", ווען ער איז שוין געווען אויף דער עלטער און האַלב פּאַראַליזירט. אָבער טראָץ דעם האָט ער, בשום אופן, ניט געוואָלט אָפּלאָזען פון זיין אַלטער חזקה, צו דאַווענען אינ'ם שטאָדטישען בית המדרש די ימים נוראים'דיגע מוספים.

מען פלעגט איהם ברענגען צופירען אויף א שטופּ־וועגעלע און אזוי זיצענדיגערהייט האָט ער גדאווענט פאר'ן עמוד. ער האָט אבער — טראָץ זיין פּאראליז — פארמאָגט א זעהר שטארקע, ריזיגע, שטימע, אַן אמת'ן „שאגת ארי", און אז ער האָט אַ געשריי געטאָן ביי דער קדושה, אָדער דער עבודה, האָבען פּשוט די ווענט געציטערט . . .

ער האָט געהאט עטליכע זין (איינער פון זיי, נאָכטשע, איז געווען א תם און שפּעטער אַ גאַנצער אידיאָט). דריי פון זיינע זין זיינען געווען זעהר פעהיגע און איינרייסערישע פארשוינען.

קיינע תלמידי חכמים, ווי דער פאָטער, איז קיין איינציגער פון זיי ניט געווען. אָבער גאָר טיכטיגע געשעפטס־לייט און זיי האָבען ארום זיך און זייער פּראָפינאַציע געבילדעט א גאנצע קליקע, מיט דעם איינציגען צוועק, שטענדיג צו קעמפען געגען דעם „תקיף" און איהם, צוביסלאַך, ארונטערצוזעצען פון זיין גדולה.

דער קאמף האָט געדויערט יאָהרען און האָט, פון ביידע צדדים, אָפּגעקאָסט שווערע טויזענדער גולדען.

אָבער דער טרויעריגער סוף איז געווען, אז די גוטווירט'עם זיינען ארוים די זיגער און ר' אברהם משה קליינמאַן, דער „תקיף", האָט אַנגעהויבען צו פארלירען איין פּאָזיציע נאָך דער אנדערער.

מען האָט פון ביידע זייטען זיך באַנוצט מיט מסירות און געשאָטען געלד פאר די בעאמטע און זיי האָבען אָנגעהויבען קליינמאַנ'ען צו פאר־פאָלגען, וואו זיי האָבען נאָר געקענט...

און אז מען זוכט — געפינט מען. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז ער איז באגאנגען פאַלשקייטען געגען דער רעגירונג און מען האָט, קודם כל, פון זיינע הענד ארויסגעריסען זיינע צוויי גרעסטע און וויכ־טיגסטע געשעפטען: די טראפיק און די לאָטעריע, וועלכע האָבען איהם געגעבען פּרנסה מיט'ן פולען מויל. זיי ביידע האָט איבערגע־נומען א רייכער יונגערמאן, וואָס איז שוין, ממילא, צוליב דעם געוואָ־רען זיינער א געגנער...

אז עס פלעגט קומען פריהלינג, אין דער צייט, ווען די „אסענטי־רונג" הויבט זיך אָן, פלעגען די געגנער זיינע דינגען מענשען — דורכ־געטריבענע אידלאך — וואָס האָבען כסדר געהאלטען איהם אין איין נאָכפאָרען און נאָכגעהן און ניט געלאָזט זיך זעהען מיט זיינע „אדונים" און ניט איין איד איז צוליב אזעלכע דרכים און מסירות געוואָרען א זעלנער און געמוזט דינען ביים מיליטער, בשעת אברהם משה קליינ־מאַן וואָלט איהם געווען גאָר לייכט באפרייט...

פאַרשטעהט זיך, אז דער „תקיף" האָט זיך געהאַלטען אין איין וועהרען און אויך געהאַט זיין צד, וואָס האָט געהאַלטען מיט איהם און די מחלוקה אין שטאָדט האָט געהאַלטען אין איין גרעסער ווערען.

אין יענער צייט האָט זיך די עסטרייכישע רעגירונג מיישב געווען, אַז זי וועט אליין איבערנעמען אלע „פּראָפּינאַציעס", איבער'ן גאַנצען לאַנד. אָבער זי האָט דאָס אַלטע רעכט געמוזט פריהער אָפּקויפען ביי די אייגענטהימער.

דער באַזיס, אויף וועלכען דאָס דאָזיגע אָפּקויפען איז פאָרגעקומען, איז געווען „פּערצעהן פּראָצענט". דאָס הייסט, אז די רעגירונג האָט געצאָהלט פערצעהן מאָל אזוי פיל ווי די פריהערע אייגענטהימער האָבען אָנגעגעבען זייערע איינקונפטען אין די לעצטע עטליכע יאָהר, ביי זייער אָפּצאָהלען די שטייערען.

איז געווען אזוי: דידאָזיגע אייגענטהימער וואָס זיינען געווען עהר־ליכע מענשען און די רעגירונג ניט געזוכט צו באַשווינדלען אין די לעצטע יאָהרען און אָנגעבען ריכטיג זייערע איינקונפטען, זיינען פּשוט נתעשר געוואָרען. זיי האָבען אויף איינמאָל באַקומען אזוי פיל געלד, אויף וועלכען זיי האָבען זיך ניט געריכט.

עס זיינען אויך געווען אזעלכע — איבערהויפּט פּוילישע פּריצים, וואָס האָבען געוואוסט מאחורי הפרגוד, וואָס די רעגירונג האָט אין זינען צו טאָן — און זיי האָבען אין די לעצטע עטליכע יאָהר אָנגעגעבען זייערע איינקונפטען פון די „פּראָפּינאַציעס", נאָך פיל העכער ווי זיי זיינען געווען אויפ'ן אמת. זיי האָבען גאָר אָבגעלעקט א פעטעןביינדעל און געוואָרען גבירים אדירים פון זייערע „פּראָפּינאַציעס".

די יעניגע אָבער, וואָס האָבען דורך די לעצטע יאָהרען אָנגעגעבען זייערע איינקונפטען נאָר קליינע — האָבען איצט באַקומען א גאָר קנאַפּען פּרייז און דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש, אבער זיך גאָר ניט געקענט העלפען...

צווישען דידאָזיגע פאַרשוינען פונ'ם לעצטען קלאַס, זיינען אויך געווען די גוטווירט'ס. דער פאָטער האָט שוין דעמאָלט ניט גע־לעבט און די דריי ברידער, רפאל, לעזער און זלמן, האָבען געפירט אלע געשעפטען.

אזוי ווי דורכגעטריבענע מענשען זיינען זיי געווען, האָבען זיי זיך אַן עצה געגעבען און פּשוט נאָכגעמאַכט פאַלשע דאָקומענטען און קאָנט־ראַקטען, וואָס האָבען זיי געגעבען א באַרעכטיגונג צו באַקומען א סך מעהר געלד, ווי עס איז זיי געקומען אין אמת'ן.

זייער אלטער שונא, אברהם משה קליינמאן, איז אָבער אויך ניט געשלאָפען. ער האָט זיך דערפון דערוואוסט און וועגען דעם אָנגעגעבען דאָרטען וואו מען דאַרף...

עס האָבען זיך אָנגעהויבען נייע דינים און משפטים און עס האָט שוין געהאלטען דערביי, אז אלע דריי גוטווירט'ס זאָלען מוזען געהן אויף עטליכע יאָהר אין געפענגניש. זיי האָבען אבער געשאָטען מיט געלד און זיי זיינען ארויס די זיגער און דערצו האָבען זיי, פאר זייער „פראָפינאציע", באקומען וויפיל זיי האָבען נאָר אליין געוואָלט און דאָס האָט זיי געמאכט פאר נאָך גרעסערע עשירים, ווי זיי זיינען שוין געוועזען פון פריער.

איצט האָבען זיי זיך גענומען, מיט נאָך מעהר פארביטערונג, צום „תקיף" און דורך מסירות און זעהר מאוס'ע מעשים, האָבען זיי ביי איהם אוועקגענומען דאָס לעצטע שטיקעל ברויט זיינס, די מעטריקע. און דערצו האָט ער נאָך געמוזט געהן זיצען אין קרימינאל, פאר עטליכע פעלשונגען, וואָס האָבען זיך ארויסגעוויזען אין די מעטריקע־ביכער.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז ער האָט שוין מעהר קיין ראש הקהל ניט געקענט זיין (ער איז דאָך שוין געוועזען א באַשטראָפטער) און ער האָט אָנגעווארען זיין גאנצען איינפלוס און איז געקומען עד ככר לחם...

זיין גאנצען פארמעגען האָט ער שוין געהאט גע'פטר'ט אויף די משפטים געגען די שונאים און אויף זיך אליין צו פארטיידיגען—איז ער שוין געוועזען א גאנצער אָרימאן און עס האָט שוין אָנגעהויבען אויסצופעלען ברויט אין הויז.

און דערצו האָט איהם געטראָפען נאָך אנאנדער, שרעקליך, אומגליק.

ער האָט געהאט א טאָכטער, רייזעל האָט זי געהייסען. זי איז געוועזען זעהר א שעהן, קלוג און אינטעליגענט, מיידעל. עס זיינען אין ראדאָמישלא ביי די גרעסטע גבירים ניט געוועזען איהר'ס גלייכען און ער האָט זיך גערעכט מיט איהר אויסצובאפען דעם גרעסטען שידוך.

ווען ער איז געזעסען אין קרימינאל, אויף דער אונטערזוכונג, האָט דאָס מיידעל געארבייט מעשים. זי איז שטענדיג געווען פול ביי אלע באאמטע און געבעטען רחמים פאר איהר פאָטער, וואָס ווערט אומזיסט פארפאָלגט פון זיינע פילע שונאים און יעדער האָט געוואוסט, אז דאָס וואָס ער האָט באקומען אזא קליינע שטראף, פון בלויז עטליכע חדשים (מען האָט זיך גערעכט, אז ער וועט באקומען, לכל הפחות, גאנצע דריי יאָהר), איז נאָר געוועזען בלויז איהר צו פארדאנקען. אויך בשעת ער איז

געווען אין טאָרנע, אין תפיסה, האָט זי פאַר איהם געטאָן אַלעס מעג־ליכע.

אז גאָט האָט ענדליך געהאָלפען און ער איז אויסגעזעסען זיין צייט און איז צוריק אהיימגעקומען, איז צו דער פרייד פון רייזל'ען גאָר קיין שיער ניט געווען.

זי האָט זיך מיט'ן פאָטער, וועמען זי האָט פשוט פאַרגעטערט, אזוי געפרעהט — אז זי איז, פון גרויס שמחה, ארונטער פון זינען און שוין אזוי פאַרבליבען אזוי לאַנג ווי זי האָט געלעבט.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען מעשות מיט דאָקטוירים און שפּיטאַלען. אָבער קיינער האָט איהר גאָר ניט געקענט העלפען.

זי איז געווען א רוהיגע משוגע'נע. זי האָט קיינעם ניט געטשעפעט, סיידען, ווען עס פלעגט איהר אָנקומען איהר ווילדער כעס און דעמאָלט פלעגט זי לויפען צו די גוטווירט'ס און אויסהאקען די שויבען און שעלטען מיט שרעקליכע קללות.

דער פאָטער האָט זיך מיט איהר ארומגעפירט — די מוטער האָט שוין ניט געלעבט — ווי מיט א קליין קינד און ווען דער כעס איז איהר אָנגעקומען, האָט זי דעם אלטען מאן געשלאָגען מכות רצח, אז עס איז געווען א צער צוצוקוקען, ווי ער איז ארומגעגאנגען צוקיילט און צו־ביילט.

דערוויל איז ער שוין געוואָרען אזא אָרימאַן, אז ער האָט געמוזט אָנקומען צו פרעמדער הילף. אין אָנפאַנג איז עס נאָך צוגעגאנגען בדרך כבוד, און ווען ער פלעגט צו מיר, אָדער אימיצען אנדערש, קומען, האָט ער נאָך גערעדט מיט'ן אלטען שטאָלץ: לייה מיר א צעהנערעל, אָדער א פינפעריל. אָבער צוביסלאַך, איז ער געוואָרען א פשוט'ער מקבל און געמוזט נעמען וואָס מען האָט איהם געגעבען, א גולדען, אדער צוויי.

אין זיינע גוטע יאָהרען איז ער געווען א דזיקאָווער חסיד. און דאָרטען האָט ער זיך אויך געהאַלטען אין די טעג פון זיין שרעקליכער ירידה. דער דזיקאָווער רב, ר' יהושע'לע האָראָוויץ, פלעגט איהם אָפט געבען אויף פרנסה.

ער איז געשטאָרבען, עטליכע יאָהר נאָך זיין ירידה אין דזיקאָוו, ווען ער איז דאָרטען געווען אויף ראש השנה.

דאָס איז געווען דער טרויעריגער סוף פון איינעם פון די לעצטע „תקיפים", וועמען דאָס שטעדטלישע מחלוקה האָט אין גאַנצען רואינירט.

דאָס איז געווען דער שוואַרצער כח פון אידישען ברודער־קריג!...

## 37 — אין דעמביץ, ביים רבין

אין א פריערען קאפיטעל האָב איך געשריבען, אז ווער ס'האָט געוואָלט האָבען א שטיקעל נאָמען פאר א ליטישען מענש, דער האָט געמוזט פאָרען צו א רבי'ן.

קיין פארברענטע חסידים, אָדער „געהויבענע" אידען, זיינען די ראדאָמישלער בעלי־בתים ניט געווען. מען איז געפאָרען צום רבי'ן, כדי מעהר יוצא צו זיין פאר דער וועלט, איידער פון אינערליכען דראנג, אז מען מוז עס נויטיג האָבען צום שלימות הנפש...

דער „רויטער זעליג" (מיין „פארהערער"), איז געווען א שעהנער תלמיד חכם, א גאָר קלוגער, אָבער א גאַנץ קנאַפּער חסיד.

ער האָט צו מיר איינמאָל געזאָגט בזה הלשון:

— האָסטו אמאָל געזעהען, ווי פריצים פאָרען אויף „פּאָלאָוואניע" (יאגד)? מען נעמט זיך צענויף א פופצעהן־צוואנציג פארשוין און מען פאָרט שיסען חיות.

אזא „פּאָלאָוואניע" קאָסט אָפּ שווערע הונדערטער און דערצו ווע־רען אויך אָלע אָנטיילנעמער אָפּט אזוי מיד פונ'ם פילען ארומלויפען און עס טרעפט אויך אָפט דערצו, אז מען שיסט זעהר ווייניג, אָדער גאָר קיין חיות ניט. איז דאָך די קשיא: וואָס טויג זיי דער גאנצער עסק אז פאר א פערטעל פון געלד, וואָס אזא „פּאָלאָוואניע" קאָסט אָפּ, וואָלט מען געקענט קויפען א סך האָזען, הירשען און אַנדערע חיות, גאָר אָהן מיה און מאטערניש? דער תירוץ איז אבער: אז ניט די חיות זיינען דאָ דער עיקר. די הויפּט זאַך איז דאָס ארומלויפען אינ'ם וואלד, דאָס נאָכיאָגען און דאָס היצען זיך און, בשעת מעשה, עסט מען זיך טאקע גוט אָן און מען ווארפט אריין היבש עטליכע כוסות משקה...

— אָט אזא מין אידישע „פּאָלאָוואניע", האָט ר' זעליג ווייטער גערעדט, מיט א שמייכעל, איז דער גאַנצער עסק פון פאָרען צו א רבי'ן! מען פאָרט, מען האוועט און מען לויפט. מען שטופּט זיך און מען כאַפּט שיריים. אָבער אין איין וועגס, האָט מען הנאה פון דער אויפרע־גונג און מען כאפּט טאקע אריין דערוויל א געשמאַקען ביסען און א גוט גלעזעל ביער, אדער וויין. ועל כולם, פארגעסט מען, פאר עטליכע

טעג, דאָס ווייב און קינדער און די אַלע אַנדערע היימישע דאגות און צרות. אָט דאָס איז דער אמת׳ער ענין פון היינטיגען חסידות!...

ווער עס האָט געהאט א געלעגנהייט, זיך צוצוקוקען צום היי־מישען לעבען אין די גאַליצישע שטעדטלאך, דער וועט צוגעבען: אז ר׳ זעליג האָט גאָר ניט גערעדט פון וועג...

* * *

א צוויי חדשים נאָך מיין חתונה, איז געקומען ראש השנה, און איך האָב חשק באקומען צו ווערען א חסיד און צו פאָרען — כאָטש קיין בעלז.

דערפון איז אָבער גאָר ניט געוואָרען. מען האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אז „שנה ראשונה״, דאָס הייסט, דאָס ערשטע יאָהר נאָך דער חתונה, פאָרט מען אין ערגיץ ניט, נאָר מען זיצט אין דער היים און מען איז מקיים דעם פסוק: „נקי יהיה לביתו שנה אחת ושמח את אשתו אשר לקח״...

באין ברירה, בין איך מיט׳ן שווער און בני בית געפאָרען קיין ראַדאָמישלא און דאָרטען פאַרבראַכט ראש השנה און יום כפור, אויף א גאַנץ פיינעם אופן.

אין מיטען ווינטער איז דער דעמביצער רב, ר׳ אלטער האָראָוויץ, געקומען קיין ראַדאָמישלא, און ער איז א גאַנצע וואָך געווען דער גאַסט פון מיין עלטער־שווער, ר׳ יודעל שטיגליץ, וואָס איז געווען איינער פון זיינע וויכטיגסטע אָנהייננגער (ער פלעגט נאָך פאָרען צו זיין פאָטער, ר׳ ראובן האָראָוויץ, אן אייניקעל פונ׳ם אלטען ראָפּשיצער).

פאַרשטעהט זיך, אז אין זעלבען טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען, בין איך שוין ביי איהם געווען „מקבל פנים״ זיין און איך בין אויך געווען איבער שבת אין ראַדאָמישלא און געזעסען ביי זיין טיש־פירען. איידער ער איז אהיימגעפאָרען, בין איך ביי איהם ווידער געווען און געגעבען א „קוויטעל״ און א „פדיון״, גאַנצע פינף גולדען.

אינ׳ם „קוויטעל״ האָב איך ניט געהאט וואָס אריינצושרייבען. קיין סוחר און קיין מוכר בין איך דעמאָלט נאָך ניט געווען. קינדער האָב איך אויך ניט געהאט. האָב איך דערפאר אינ׳ם „קוויטעל״ בלויז אריינ־געשריבען מיין נאָמען און דעם נאָמען פון זוגתי און דערצו די דריי ווערטער: „להצלחה ולבריאות הגוף״.

דעם „פדיון״ האָט ער באלד צוגענומען און אריינגעלייגט אין קעשענע. אָבער דאָס „קוויטעל״ האָט ער, טראָץ זיין קורצקייט, צוויי־דריי מאָל איבערגעלייענט, און דערנאָך צו מיר געזאָגט:

— דו דארפסט אויך א קוויטעל?!

איך האָב באַלד אין אָנפאַנג ניט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון זיינע ווערטער. אָבער אז איך האָב דאָס, שפּעטער, דערצעהלט פאַר מיין עלטער־שוועסטער, האָט ער געשמייכעלט, הנאה געהאַט און אויסגע־טייטשט אויף פאָלגענדען אופן:

אזוי ווי איך בין א יונגערמאַן, וואָס עסט קעסט און האַנדעלט נאָך גאָר ניט און קינדער האָב איך דערווייל אויך נאָך ניט, האָט ער מיר דערפאַר גאָר ניט וואָס אָנצוזאָגען...

איך האָב אָבער אין זיינע ווערטער אריינגעלייגט א גאַנץ אַנדערען פשט. ביי מיר איז עס אויסגעקומען, אז ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז איך בין אַ משכיל, פון די „קטני אמונה", וואָס־זשע מאַך איך זיך נאָך נאַריש מיט א „קוויטעל"?

זייט דעמאָלט בין איך ביי איהם געווען מעהרערע מאָל. איך האָב איהם געהאַלטען פאַר אַ זעהר קלוגען איד און איך פלעג זיך מיט איהם אָפּט באַראַטען וועגען מיינע געשעפטען און איהם אויך שטענדיג מהנה געווען מיט היבש געלד, אָבער... א „קוויטעל" האָב איך איהם שוין מעהר קיינמאָל ניט געגעבען און ער איז געווען קלוג גענוג פון מיר דאָס ניט צו פאַרלאַנגען. פון אַן אַנדערען, וואָלט ער דאָס זיכער געווען געפאָדערט...

* * *

אז עס איז געקומען דער צווייטער ראש השנה — ס'איז דאָך שוין געווען נאָכ'ן „שנה ראשונה" — האָב איך ווידער חשק געהאַט צו פאָרען צו'ן א רבי'ן. מיך האָט עס שטאַרק געצויגען קיין בעלז, כדי זיך דאָרטען — וואו מען האָט מיך גוט געקענט — צו באַווייזען מיט מיין טייערען שטריימעל און שעהנעם טלית און דער ברייטער זילבערנער עטרה...

אָבער אויך דאָס מאָל איז עס מיר ניט געלונגען מיין פּלאַן אויס־צופירען. איך בין נאָך אַלץ געווען א „תלוי בדעת אחרים". מיין ווייב האָט מיך ניט געלאָזט מאַכען אזא ווייטע רייזע, עטליכע דרייסיג מייל מיט'ן באַהן, און דערצו האָט עס מיך געדאַרפט קאָסטען — אז מען וויל זיך שטעלען לייטיש — א ערך פון א הונדערט גולדען. ועל כולם האָט מיין עלטער־שוועסטער דוקא געוואָלט, אז איך זאָל זיך צוגעוועהנען צום דעמביצער רב און שוין פאַרבלייבען זיינער אַן אָנהענגער...

איך האָב זיך אפילו אַביסעל גע'ברוגז'ט. עס האָט אָבער מיר גאָרניט געהאָלפען און איך בין געפאָרען קיין דעמביץ.

ערב ראש השנה, האָט מיר מיין שוועסטער דערלאַנגט פינף און צוואַנ־ציג גולדען, אַז איך זאָל האָבען אויף הוצאות און זיך קענען שעהן

שטעלען. ער האָט מיך אפילו געוואָלט אָבשיקען קיין דעמביץ מיט זיינע טייערע צוגאָווע פערד. איך האָב אָבער דאָס ניט געוואָלט. איך האָב מעהר חשק געהאַט צו פאָרען אויף א פּראָסטע וועגעלע, צוזאַמען מיט נאָך חסידים. עס איז אַזוי לעבעדיגער און פרעהליכער...

פון ראַדאָמישלא קיין דעמביץ איז אין גאַנצען עפּעס מעהר ווי צוויי און א האַלב מייל און די גאַנצע נסיעה געדויערט א דריי שטונדען און דערצו דאַרף מען זיך אויך אריבערשיפען איבער דער ווייסלאָק, וואָס לויפט הינטער דעמביץ.

מיין עלטער שווערס אײדים, ר׳ מענדעל קליינמאַן (דער זון פון׳ם „תקיף" ר׳ אברהם משה קליינמאן) איז געווען א גאָר גרויסער מקורב ביים דעמביצער רב, און ער האָט מיך גענומען אונטער זיינע פליגעל און דעם עלטער־שווער צוגעזאָגט, אַז ער וועט אויף מיר אכטונג געבען, אַז איך זאָל זיך פירען, ווי עס פּאַסט פאַר א נגידישען יונגען־מאַן.

די השגחה זיינע אויף מיר, איז אָבער געווען א גאַנץ קליינע. איך האָב שוין נאָך פון בעלז געוואוסט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך שטעלען: קויפען א שעהנע עליה, שטעלען וויין ביי יעדען „טיש", געבען א ריכ־טיגען פּדיון און אויך איבערלאָזען לעצט־געלד פאַר די גבאים, דער אלטער רביצין און אויך פאַר׳ן רב׳ס שוואָגער, ר׳ צלאל׳ן, אַזוי אַז פון די פינף און צוואַנציג גולדען איז מיר באַלד גאָר נישט געבליבען און איך האָב, טאַקע ביי מענדעל קליינמאַן, געמוזט, מוצאי יום טוב, צו־באָרגען נאָך גאַנצע צעהן גולדען...

אָבער א גרויסען תענוג־רוחני האָב איך גאַנץ ראש השנה געהאַט. איבערהויפּט האָב איך גאָר שטאַרק הנאה געהאַט פון די ראָפּשיצער נגונים, וועלכע איך האָב דאָ געהערט צום ערשטען מאָל.

אויך דער בעל מוסף איז געווען א זעהר וואונדערליכער איד, א זקן פון א יאָהר אכציג, ר׳ לייבוש זינגער, האָט ער געהייסען. ער איז געווען א טאָרנער פּערעל־סוחר. אָבער א שטימע האָט ער געהאַט, אַזאַ דינע, פּונקט ווי א קאַנאַריקעל, און אַז ער האָט געזאָגט מלכות, זכרונות, און שופרות, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען הערט דאָס זינגען פון א פייגעלע.

ער האָט אויך געהאַט עטליכע ארויסהעלפערס און איינער פון זיי איז געווען זיין אײדים, אויך א זעהר גוטער מנגן. ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם. ער האָט געהייסען ר׳ זאַלקי קאַנאַרעק. ער איז שפּעטער געווען דער רעגירונגס־באַשטימטער אָפיציעלער רב אין טאָרנע און דערנאָך געווען א רב אין ניו יאָרק.

אָבער נאָכאַלעמען איז דאָס געווען דאָס איינציגע מאָל, וואָס איך בין אויף ראש השנה געווען אין דעמביץ. שפּעטער, ווען איך בין שוין געוואָרען זעלבסטשטענדיג און קיינער האָט מיר קיין דעה ניט גע־קענט זאָגען, וואוהין איך זאָל פאָרען, פלעג איך זיך אמאָל אריבער־כאַפּען קיין בעלז. איינמאָל בין איך ראש השנה אויך געווען אין שיעניעווא, ביי ר׳ יחזקאל׳ע האלבערשטאַם, דעם זון פון׳ם וועלט־בארימ־טען סאנזער רב. שפּעטער... בין איך שוין אין ערגיץ ניט געפאָרען... איך בין שוין געווען זאַט פון חסידות . . .

* * *

דער דעמביצער רב, ר׳ אלטער האָראָוויץ, זכרונו לברכה, איז באמת געווען א זעהר וואוילער איד און א גאָר גרויסער חכם אין וועלטליכע זאכען. ער איז געווען באַהאַוועגט אין אלערליי געשעפטען, פּונקט ווי דער געניטעסטער סוחר און עס איז ניט געווען איינער פון זיינע אָנהיינ־גער, וואָס האָט איהם ניט, געגוי און גרינטליך, דערצעהלט וועגען זיינע געשעפטען.

מיין אייגענער שווער איז געווען א גאָר קנאַפּער חסיד. ער פלעגט אמאָל פאָרען קיין בעלז, אָדער שיעניווא, כדי זיך צו באווייזען, אז ער איז דאָ . . .

מיט׳ן דעמביצער רב האָט ער זיך געקענט פון זייערע ביידענס קינדער־יאָהרען און ווייל זיי פלעגען זיך שטענדיג ארומשפּילען און ארומשלאָגען, ווי קינדער — האָט איהם דאָס הארץ ניט דערלאָזט, איהם צו רופען מיט׳ן נאָמען רבי, אָדער איהם אָפּצוגעבען א „קוויטעל". אָבער פונדעסטוועגען האָט ער פון׳ם דעמביצער רב גאר שטארק געהאל־טען און איהם מיט גאָר א סך מהנה געווען און ער פלעגט איהם אפילו, פון זגורסק אוים — א מהלך פון איבער דריי מייל קיין דעמביץ — שיקען היי און האָבער פאר די פערד, וועלכע ער האָט שטענדיג געהאל־טען צום ארויספאָרען.

יעדעס מאָל, ווען מיין שווער האָט געהאַט אָפּצואוויקלען עפּעס אַן ענין, האָט ער זיך שטענדיג וועגען דעם געראָטען מיט׳ן דעמביצער רב, וועמען ער האָט געהאלטען פאר א געטרייען יוגענד־פריינד. און אז מיין שווער איז ארוים פון זגורסק און געזוכט אַן אנדערע פּאָסעסיע, האָט זיך דער דעמביצער רב אין דעם שטארק אריינגעלייגט און איהם אָנגעטראָגען עטליכע גיטער צום דינגען.

ר׳ אלטער איז געווען, ווי שוין געזאָגט, א גרויסער ידען אין וועלטליכע זאכען און ער איז אפילו אויך געווען א גאָר גרויסער מבין אויף פערד . . .

צווישען זיינע אָנהייגער איז געווען א ראַדאָמישלער פערד־סוחר, הערשעל. ער האָט געהאנדעלט גרויס, אין גאנצע וואַגאָנען פערד, וועלכע ער פלעגט שיקען קיין פּרייסען. (פּערציגהן פערד ווערען געלאָדען אין איין וואַגאָן), ווייל אין ראַדאָמישלאַ איז דאָך ניטאָ קיין באהן־סטאנציע און דאָס דאָרף טשאַרנע האָט ניט די באקוועמליכקייט דערפאַר, האָט הערשעל געהאט זיין הויפּט־סטאנציע אין דעמביץ.

ער, מיט זיינע ארויסהעלפער, זיינען ארומגעפאָרען איבער א סך שטעדטלאך, אויף די ירידים, און די איינגעהאנדעלטע פערד געפירט קיין דעמביץ און פון דאָרטען קיין פּרייסען מיט דער באהן.

הערשעל׳ס מנהג פלעגט צו זיין, אז יעדעס מאָל, איידער ער האָט אוועקגעשיקט א טראַנספּאָרט מיט פערד קיין פּרייסען, איז ער פריער געווען מיט א קוויטעל ביים דעמביצער רב, אז ער זאָל איהם געבען זיין ברכה צום מסחר. אלס א פדיון, האָט ער איהם שטענדיג געגעבען אזוי פיל גולדען, וויפיל פערד ער האָט דאָס מאָל אוועקגעשיקט קיין פּרייסען, אָפטמאָל פערציג און מעהר א וואָך.

דער דעמביצער רב האָט זיך אבער קיינמאָל ניט באַנוגנט בלויז מיט דער ברכה, וואָס ער האָט געגעבען זיין חסיד, נאָר ער האָט פון איהם פאַרלאַנגט, אז יעדעס מאָל, איידער די פערד ווערען געפירט צו דער באהן, פאַרלאָדענט צו ווערען, זאָל ער זיי פאַרביי־פירען זיין הויז און ער האָט זיי פריער גוט באַטראַכט.

עטליכע מאָל האָב איך געהאט די געלעגענהייט, בייצוואוינען אזא פאָרפירונג פון הערשעל׳ס פערד פאַר׳ן דעמביצער רב.

ר׳ אלטער איז געשטאַנען אין דרויסען אויפ׳ן גאַנעק פון זיין הויז, הארט ביים קייזער־וועג, וואָס פירט צום שטעדטעל פּילזנאָ און אויפ׳ן גרויסען פּלאַץ פאַר׳ן הויז, האָבען זיך געפונען א פערציג פערד מיט זייערע טרייבער־יונגען. מען האָט פאָרגעפירט יעדעס פערד באזונדער און דער רב האָט הערשל׳ען געפרעגט וויפיל ער קאָסט.

דער רב האָט געהאלטען א שטעקעלע אין האנד און מיט זיין שאַרפער ראיה און גרויס מבינות איהם גאָר גוט באַטראַכט...

— הערשעל! האָט ער אָפט פּלוצים א זאָג געטאָן, זעה נאָר וואָס האָט ער דאָרטען אויפ׳ן רעכטען פוס?

הערשעל האָט דאָס פריער אפילו ניט געהאט באמערקט, אָבער ער האָט געמוזט צוגעבען, אז דער רב האָט רעכט און אז דאָס פערד האָט אויפ׳ן פוס א לייכטען געשווילאכץ, וועלכען מען מוז תיכף פאַרבינדען.

מאנכעם מאָל, ווען א פערד איז איהם ניט אזוי שטארק געפעלען געוואָרען, האָט ער געהייסען איינעם פון די יונגען, אז ער זאָל אויף איהם אויפזיצען און עטליכע מאָל פארבייַ רייטען, כדי צו זעהען „ווי ער לויפט".

ער האָט זיך גוט פארשטאַנען אויף די פרייזען פון יעדען פערד און ניט איינמאָל האָט ער א זאָג געטאָן צו הערשלען:

— אי, האָט מען דיך אריינגעלייגט! ביי דעם „גניאַדען", וועסט דו שוין קיין סך געלד ניט פאַרדינען.

אז דער דעמביצער רב איז נפטר געוואָרען — אין זיין פופציגסטען יאָהר, — איז הערשעל, דער פערד־סוחר, געבליבען אָהן א רבי'ן, און ווייל דעמאָלט האָט אין ראַדאָמישלא געוואוינט דער פּלאָנטשער רב, א קרוב פון'ם דעמביצער רב, האָט מען ביי הערשלען גע'פועל'ט, אז ער זאָל ווערען זיינער א חסיד און איהם מהנה זיין מיט די גולדענ'ס, וואָס ער פלעגט געבען פון יעדען פערד. ער האָט זיך געלאָזט צורעדען. וואָרים וואָס איז אייגענטליך די נפקא מינה? א רבי איז א רבי... און ער איז, צום ערשטען מאָל, אריינגעגאַנגען צום פּלאָנטשער רב און אָפּגעגע־בען א „קוויטעל" מיט א פדיון, אז ער פירט קיין פרייסען צוויי און פערציג פערד, על כן, זאָל דער רבי פאר איהם מתפלל זיין, אז ער זאָל מצליח זיין.

דער פּלאָנטשער רבי האָט זיך פאר זיין נייעם חסיד געוואָלט אויס־פיינען און איהם באווייזען, אז ער פארשטעהט וועלטליכע זאכען, פונקט ווי דער פארשטאָרבענער דעמביצער רב, האָט ער דערפאר הערשלען א פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וויפיל קאָסט א שאָק פערד?

דאָס איז געווען דאָס איינציגע, אָבער אויך לעצטע, מאָל, וואָס דער פראָסטער, אָבער עהרליכער, פערד־סוחר איז ביי איהם געווען.

— דאָס איז ניט קיין רבי! האָט ער געזאָגט מיט א שווערען זיפץ, ניטאָ דער דעמביצער רב!...

קיין קינדער האָט דער דעמביצער רב, ר' אַלטער, ניט געהאט און קיין גרויסער פארברויכער איז ער אויך ניט געווען. דאָס דעמביצער רבנות און דאָס רבי'סטווא האָט איהם איינגעטראָגען היבש געלד א וואָך און ער האָט שטענדיג געהאט מזומן. פלעגט ער עס טאקע אוועק־באָרגען צו מאנכע פון זיינע חסידים, אויף קליינע פּראָצענטען. אדער ער איז גאָר מיט זיי געווען א שטיקעל שותף אין זייערע מסחרים און ער איז געווען דער געלד־געבער...

זיין מקורב מענדעל קליינמאַן, א גרויסער וואַלד־סוחר, איז איהם שטענדיג שולדיג געווען עטליכע טויזענד גולדען, און ווען — בשעת'ן מחלוקת מיט די גוטווירט'ס — האָט מען איהם פאַרפירט צו באַנקראָט, איז דעם דעמביצער רב ביי איהם פאַרפאַלען געוואָרען שעהנע עטליכע טויזענד גולדען, וועלכע ער האָט שוין קיינמאָל ניט צוריק געזעהן. אָבער פונדעסטוועגען, איז מענדעל אויך אויף ווייטער פאַרבליבען זיינער א חסיד און דער רבי פלעגט איהם נאָך ארויסהעלפען מיט מזומן געלד...

א קלוגער, פיינער און איידעלער איד, איז געווען דערדאָזיגער דעמביצער רבי. ניטאָ קיין סך אזעלכע אידען ווי ער איז געווען. תהי נפשו צרורה בצרור החיים!

## 38 — אַ „סטרייק" אין זגורסקער הויף

די גרויסע פּאָסעסיע זגורסק, אין וועלכער מיין שוועער האָט גע־וואוינט, איז געווען אַ קליינע מלוכה פאַר זיך. אויסער דער גרויסער צאָל ארבייטער, וואָס פלעגן יעדען פריהמאָרגען, טאָג־איין־טאָג־אויס, קומען אין הויף טאָן פאַרשידענע פעלד־ און הויפּס־ארבייט, זיינען דאָר־טען שטענדיג אויך געווען דינסטען, אָנגעשטעלט אויפ׳ן יאָהר, אַן ערך פון אַ פערציג פּאַראָבקעס, שיקסעס, גרעסערע און קלענערע פּאַסטוכער און אויך אַ קאָוואַל־סטעלמאַך.

דידאָזיגע אַלע פּאַרשוינען זיינען געווען ניט־פאַרהייראַטע און זיי האָבען באַקומען זייערע שפּייז און וואוינונגען אינ׳ם הויף.

וועגען די „וואוינונגען" זייערע, איז ניט געווען וואָס צו „זאָר־גען". יעדער האָט זיך געפונען אַ געלעגער אין אַ שטאַל — געווען דריי גרויסע שטאַלען — אויפ׳ן שטרוי און היי און גע׳פּטר׳ט אַן עסק.

קיין קישענס און בעטגעוואַנטען האָבען זיי ניט פאַרלאַנגט און אַלס אַ צודעק,—אין די שטאַלען איז ווינטער אויך געווען וואַרים—איז פאַר יעדען געווען גענוג אַ „דערע", מיט וועלכער מען דעקט צו די פערד . . .

אָבער מיט׳ן עסען, טאָג־איין, טאָג־אויס, דריי מאָל אַ טאָג, צו שפּייזען אַזאַ מחנה יונגע, און מיט אַפּעטיט־געבענשטע מענשען, איז שוין ניט געווען אַזוי לייכט.

אינ׳ם זגורסקער הויף איז געווען אַ גאָר גרויסע קיך, אין וועלכער עס זיינען געשטאַנען לאַנגע טישען און בענק און דאָרטען האָבען די פּאַראָבקעס און שיקסעס גענעסען.

יעדער פּאַראָבעק האָט אין זיין שטאַל געהאַט זיינס אַ קעסטעל, אין וועלכען ער האָט געהאַלטען זיינע פּערזענליכע זאַכען און אויך די צוויי גרויסע שוואַרץ־קאָרענע ברויט, וועלכע ער האָט יעדען זונטאָג באַקומען, אַז ער זאָל האָבען צו עסען אַ חוץ די דריי מאָלצייטען.

אין דער גוי׳אישער קיך איז געווען אַ באַזונדערע קעכין מיט אַן ארויסהעלפּערין און מיין ווייב, אָדער אַנאַנדערע פון מיין שוועער׳ס טעכטער, האָבען אכטונג געגעבען, אַז אַלעס זאָל צוגעהן אין דער בעס־

טער אָרדנונג. איבערהויפּט האָט מען אין׳ם זגורסקער הויף קיינמאָל ניט געשפּאָרט קיין חזיר־פעטס (מען פלעגט דאָרטען קויפען גאַנצע צענ־טערס חזיר־פעטס) צום שמעלצען די מאכלים, אבי די דינסטען זאָלען זיין צופרידען. מיין שווער האָט געהאַלטען, אז נגע מענשען מוזען עסען א סך, כדי... זיי זאָלען כוח האָבען צו אַרבייטען.

די הויפּט־קאָמאַנדע אין׳ם הויף האָבען געפירט די צוויי גענע־ראַלען: מיין שוועד און די שוויגער.

אָבער זיי ביידע זיינען געווען צוויי, גאַנץ פאַרשידענע, כאַראַק־טערען. זי, א זעהר גוטע, א צוגעלאָזענע און נאָכגיביגע. ער, א שטרענגער, א שטאָלצער און הארטער פּריץ.

בעצם, איז ער אויך געווען א גאַנץ גוטער מענש און אויב מען האָט איהם אָנגעטראָפען אין א „גוטער שעה" האָט מען ביי איהם געקענט פּועל׳ן, וואָס מען האָט נאָר געוואָלט. אָבער אין אַלגעמיין, האָט ער אויף זיך געטראָגען א קאַלטען און שטרענגען פּנים און יעדער אין הויף, אויב ער האָט ניט געדאַרפט האָבען צו איהם אַליין, האָט געזוכט איהם אויסצומיידען און זיך ליבערשט צו ווענדען צו אימיצען אַנדערש ובפרט צו דער שוויגער.

דאָס זעלבע איז אויך געווען ביידענס פירונג בנוגע די דינסטען און אַרבייטער. זי האָט שטענדיג אַלעם גע׳פּועל׳ט מיט גוטען, מיט אונטערשטופּען עפּעס א מאכל, אָדער גאָר א טרונק בראַנפען, און ער, מיט זיין שטאָלץ און פעסטען כאַראַקטער.

עס איז געווען אין שניט־צייט, א יאָהר נאָך מיין חתונה. גאָר א סך תבואות זיינען שוין געווען אָפּגעשניטען, געשטאַנען אין „קאָפּעס" אויף די פעלדער און מען האָט זיי געדאַרפט, וואָס גיכער, אַריינפירען אין די סטאָדאָלעס, אָדער דערפון מאכען גרויסע „סטויגען".

וואו עס איז אין׳ם הויף נאָר געווען א פערד, אָדער אן אָקס און א וואָגען, איז אַלעס געווען באַשעפטיגט מיט׳ן אַריינפירען די בינטלאַך תבואה.

עס פלעגט צו זיין דער מנהג, דאָס באַלד נאָך זונען־אויפגאַנג, איז מען געפאָרען אין די פעלדער. ערשט אין א צוויי־דריי שטונדען שפּעטער, אַרום אכט א זייגער, איז געווען „שניאַדאַניע" (אָנבייסען־צייט).

אין געוועהנליכע צייטען, אז די אַרבייט האָט ניט אַזוי שטאַרק געברענט, האָט מען אין׳ם זגורסקער הויף די פּאַראָבקעס ניט אַזוי שטאַרק געיאָגט און אויב זיי האָבען דעם אָנבייסען, אָדער פאַרנאַכט, ובפרט אין דער מיטאָגס־צייט, פאַרבראַכט אביסעל לענגער, איז דאָס אויך ניט געווען קיין סכנה...

גאַנץ אַנדערש איז עס דעמאָלט געווען אינ׳ם רעכטען ברעג פון שניט־צייט. יעדע מינוט איז געווען טייער, ובפרט אז עס האָט גאָר אמאָל חשק געהאַט צו רעגענען און צו פארנעצען די תבואות. דעמאָלט האָט מען די שקצים ניט געלאָזט רעכט אָפּעסען, נאָר באַלד צוריקגעיאָגט צו דער ארבייט.

די שוויגער איז געווען פארנומען אין פעלד מיט די שניטערס און דער שווער איז געווען אין דער היים, אכטונג צו געבען, אז די גוים זאָלען ניט צו־לאַנג פארוויילען ביים אָנבייסען.

איז ער אריין אין דער גוי׳אישער קיך און דאָרטען אָנגעטראָפען א פופצעהן פּאַראָבקעס און עטליכע שיקסעס. זיי זיינען שוין געווען פארטיג מיט׳ן עסען, נאָר פשוט צווישען זיך געשמועסט און עטליכע פון זיי האָבען זיך געקריגט מיט דער קעכין, ווייל דאָס עסען איז היינט ניט געווען גענוג געשמאַלצען מיט חזיר־פעטס...

— דאָ וואַזאָוו! דאָ ראָבאָטי! (צו די ווענגער! צו דער אר־בעט!) האָט מיין שווער א הויכען געשריי געגעבען און אז די יונגע שקצים האָבען זיך ניט אזוי גיך אויפגעכאפּט ארויסצולויפען פון קיך, נאָר ווייטער געזעסען און מיט די האָלצערנע לעפעל געקראַצט אין די ליידיגע, ערדערנע, שיסלען, איז מיין, שטענדיג אזוי אויפגערעגטער און היציגער שווער, נאָך מעהר בייז געוואָרען, און מיט׳ן „ים־שטאָק" אָנגעהויבען צו שלאָגען עטליכע שקצים.

ער האָט גאָר ניט געקוקט און געשלאָגען, איבער די קעפּ, פּלייצעס, רעכטס און לינקס, וואו ער האָט נאָר געטראָפען.

פון די געשרייען און געוואַלדעס, זיינען מיר אלע, מיין ווייב און איך און נאָך עטליכע מענשען, אידען און קריסטען, אריין אין קיך און צוגעזעהען די שרעקליכע הריגה, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אויף די עטליכע פּאַראָבקעס.

דערווייל האָט איינער פון זיי א הויכען געשריי געטאָן:

— כלאָפּצי! ניעמא וואס? (בחורים! וואו זייט איהר?)

דאָס איז געווען אן אויפאָדערונג, זיך ניט צו לאָזען שלאָגען און דעם שלעגער צוריקצוגעבען...

אָבער דערצו איז עס ניט געקומען.

די קעכין, אַ גרויסע און ריזיגע שיקסע, און די אַלע אַנדערע וואָס זיינען געווען דערביי, האָבען ניט געלאָזט דערצו קומען. מיר האָ־בען די עטליכע שקצים ארויסגעטריבען פון קיך און דעם שווער אביסעל באַרוהיגט און אַריינגעפירט אין די „פּאָקאָיעס" (צימערען).

אָבער די שקצים זיינען געבליבען אויפ'ן הויף. עס זיינען באלד אָנגעקומען נאָך עטליכע פּאַראָבקעס צום „שניאַדאניע". זיי האָבען זיך דורכגערעדט און באַשלאָסען, אז זיי וועלען שוין היינט מעהר ניט צו־ריקפאָרען אין פעלד נאָך בינטלאך תבואה.

מיין ווייב און די אנדערע קינדער האָבען זיי אפילו געבעטען דאס ניט צו טאָן. די פּאַראָבקעס זיינען אבער געווען צו־שטארק אויפגערעגט און פארביסען און ניט געוואָלט פאָלגען.

קוים מיט צרות — מיין שווער האָט זיך שוין ניט געוויזען אויפ'ן הויף — האָט מען באקומען עטליכע פרעמדע שקצים, וואָס קענען ריכטיג פאָרען מיט פיר פערד, אָדער אָקסען, אויף א אויפגעהויפטען וואָגען מיט בינטלאך תבואה און די ארבייט איז, ווי ס'איז, ווייטער אָנגע־גאַנגען.

דערווייל איז געקומען מיטאָגס־צייט און די שקצים זיינען שוין אויפס־ניי הונגעריג געוואָרען. (זיי זיינען שטענדיג געווען געוואוינט צו עסען פינקטליך צו דער צייט) און זיי האָבען זיך צוליב דעם געפונען אין א פארלעגענהייט...

געהן אין קיך אריין עסען — האָבען זיי ניט געוואָלט. זיי האָבען דאָך אליין געוואָרפען די ארבייט. קויפען עסען איז ניט געווען וואו און אויך ניט פאַרוואָס.

האָבען זיך אלע פּאַראָבקעס, איבער צוואנציג אין צאָל, (די שיקסעס האָבען ניט אויפגעהערט צו ארבייטען), מיישב געווען און געגאַנגען קיין ראַדאָמישלא, צו דער „סטארא פאני" (צו דער אַלטער פאַניע, מיין שווער'ס מוטער) און איהר דערצעהלען די עוולות, וואָס זיי האָבען אינ'ם זגורסקער הויף.

די עלטער־שווינגער רחמה איז געווען א זעהר קלוגע אידענע און א גרויסע געשעפטס־פרוי.

אז די מחנה פּאַראָבקעס האָבען פאר איהר געוואָלט פאָרלייגען זייערע טענות, האָט זי זיי, קודם כל, א פרעג געטאָן, אויב זיי האָבען עפּעס געגעסען מיטאָג? (עס איז שוין געווען ארום דריי א זייגער) און אז די שקצים האָבען געענטפערט, אז ניין, האָט זי תיכף געשיקט קויפען מעהרערע ברויט, פּוטער און הערינג און די פּאַראָבקעס געהייסען זיך אוועקזעצען צו די טישען (עס איז דאָרטען געווען א וויין־שענק) און אָפּעסען צו דער זאַט. זי האָט פאַר זיי אויך אוועקגעשטעלט עטליכע פלעשער לייכטען וויין, אז זיי זאָלען טרינקען וויפיל זיי ווילען נאָר אליין.

— איצט, קינדערלאַך, האָט זי צו זיי געזאָגט, — אַז זיי זיינען שוין פאַרטיג געוואָרען מיט'ן עסען און טרינקען, געהט אייך געזונ־טערהייט אהיים. איהר קענט דאָך מיין זון, אַז קיין שלעכטער פּריץ איז ער ניט, נאָר אביסעל אַן אויפגערעגטער.

איילט אייך צו — האָט זי ווייטער געזאָגט מיט איהר פיינעם און אנגענעמען שמייכעל — וואָרים איהר האָט דאָך איבערגעלאָזט אייערע „כאַדאָבעס" (בהמות) אויף פּרעמדע הענד און זיי וועלען ניט וויסען, ווי אזוי מיט זיי אומצוגעהן... געהט אהיים, און איך וועל דאָרטען באַלד נאָכקומען און שוין רעדען מיט מיין זון.

און נאָכדעם וואָס זי האָט יעדען שיינעץ נאָך געגעבען צו צעהן גראַצער, אויף טיטון, אָדער ציגאַרעטען, האָט זי זיי משלח געווען צוריק אין הויף אריין.

די שקצים, בסך הכל, יונגע און זאָרגלאָזע מענשען, האָבען שוין באַלד געהאַט פאַרגעסען אָן דער עוולה, וואָס איז צו זיי געטאָן געוואָרען, און עס האָט זיך זיי שוין אויך געהאַט פאַרבענקט אָן די „כאַדאָבעס", וועמען זיי האָבען ניט געהאַט געזעהען אַ גאַנצען טאָג.

פאַרנאַכט איז די „באָבע רחמה" געקומען צופאָרען אין הויף אריין. זי האָט שוין געזעהן, אַז אַלע „סטרייקערס" זאָלען באַקומען אַ גוטען „פאָד־וויעטשאָרעק" (נאַכטמאָל) און אַ גלעזעל בראַנפען דערצו.

דערדאָזיגער אינצידענט איז באַלד פון אַלעמען פאַרגעסען געוואָ־רען. איבערהויפּט האָבען די פּאַראָבקעס וועגען דעם ניט געוואָלט רעדען.

צי די עלטער־שוויגער האָט מיט איהר זון וועגען דעם גערעדט און איהם אויסגע'מוסר'ט, ווייס איך ניט. אָבער גיכער אַז יאָ. ווייל עטליכע חדשים שפּעטער, האָט מען צורעכט געמאַכט אַן אַלטע געביידע, וועלכע מען האָט גערופען מיט'ן נאָמען „פּיעקלאָ" (גיהנם). צו ניי־יאָהר האָט מען ענטזאָגט אַלע אומפאַרהייראטע פּאַראָבקעס און אָנשטאָט זיי, דאָרטען אין דער „פּיעקלאָ", באַזעצט בלויז פאַרהייראטע דינערשאַפט.

מען פלעגט זיי געבען יעהרליך ניין זעק מיט פאַרשידענע תבואות, מעהרערע בייטען פאַר ערד־עפּעל און שאר ירקות און יעדער האָט אויך געמעגט האַלטען זיין אייגענע קוה און דערצו האָט ער אויך באַקומען פינף און צוואַנציג גולדען שכירות במזומנים. — דאָס איז געווען דער יעהרליכער געהאַלט, וואָס מען פלעגט דעמאָלט צאָלען.

א פאַרהייראַטער פאַראַבעק, מיט א ווייב און אָפּט עטליכע קינדער, איז בכלל, געווען מעהר ווילינ צו דער ארבייט און א נכנע, ווי די אומ־פאַרהייראַטע פארשוינען, וואָס מאנכע פון זיי האָבען אין זיך פארמאָגט א היבש ביסעל „וואנדער־לוסט" און זיך ניט לאנג געקענט איינהאַלטען אויף איין אָרט...

## 39 — אידען און פויערים

וועגען אנדערע געגענדען אין גאַליציע, קען איך ניט רעדען מיט באַשטימטקייט, איך בין מיט זיי ניט געווען גענוג באַקאַנט. אָבער וועגען דער שטרעקע פון ר י י ש ע (רזעשאָוו), טאַרנע, ביז קיין קראָקע — אַן ערך פון אַ פינף און צוואַנציג מייל—קען איך מיט זיכערקייט זאָגען, אַז דער פויער האָט דאָרטען שוין לאַנג געהאַט אָנערקענט די „אויבערהערשאַפט" פון׳ם איד.

דער פויער האָט געוואוסט און עס עפענטליך צוגעגעבען.

אין די עטליכע צעהנדליגער יאָהרען, זייט אַרום 1860, ביז פאַר דער מלחמה,איז דאָס לאַנד גאַליציע פאַר די אידען, אין געוויסע הינזיכ־טען, געווען אַן אמת׳ער גן עדן. עס איז זיי דאָרטען אַזוי גוט געווען, ווי קיינמאָל ניט פריער; און שפּעטער — אַוודאי ניט.

עס איז אַ גאָר־גאָר גרויסער ספק, אויב אַזעלכע גוטע צייטען וועלען זיך נאָך אַמאָל צוריקקערען.

פון רדיפות אויף אידען האָט מען אין יענער פעריאָדע ניט גע־וואוסט.

אַז עס פּלעגען זיך, אויף די וועכענטליכע ירידים, צוזאַמענקומען עטליכע טויזענד פויערים, האָבען די אידען זיך קיינמאָל ניט געשראָקען פאַר עפּעס אַן איבערפאַל, אָדער אפילו אַ בלויזען געשלעג.

און אויב עס האָט שוין יאָ אַמאָל געטראָפען — און דאָס אויך זעהר זעלטען — אַז עטליכע גוים האָבען זיך אָנגע׳שיכור׳ט און זיך געכאַפּט שלאָגען, אָדער ברעכען כלים אין אַ שענק, האָבען זיי געכאַפּט אַ גאָר מיאוס׳ען אָפּשניט.

אָנשטאָט אימיצען צו שלאָגען, האָבען זיי פון די אידען באַקומען אַזוי פיל טרוקענע קלעפּ, ווי זיי האָבען נאָר געקענט אויסהאַלטען. מען האָט זיי דערצו נאָך אַרעסטירט און פאַראורטיילט אויף עטליכע טעג געפענגניש און זיי האָבען אויך געמוזט באַצאָלען פאַר די שאָדענס, וואָס זיי האָבען געמאַכט.

און ניט בלויז אין די שטעדט און שטעדטלאַך זיינען די אידען געווען זיכער אַנטקעגען די פויערים, נאָר אפילו אין די דערפער, וואו

עס האָבען געוואוינט גאָר ווייניג, אדער איינצעלנע, אידען, איז קיינעם קיינמאָל ניט איינגעפאלען מורא צו האָבען, אז א פויער האָט אין זינען איהם שלעכטס צו טאָן, אָדער לויערט גאָר זיין לעבען צו נעמען.

אידען און פויערים האָבען שטענדיג געלעבט אין פריינדשאפט און איינער דעם צווייטען האָט ארויסגעהאָלפען, פונקט ווי איין קריסטליכער שכן דעם צווייטען.

אז דער גוי האָט געדארפט לייען אביסעל געלד, אָדער איז, פאר'ן „פשעדנאָוועק" (פאר'ן שניט פון דער נייער תבואה) געווען קורץ אין שפייז, האָט ער עס שטענדיג באקומען ביים איד, אין שטאָדט, אדער דאָרף, און איבערהויפט ביי די אידישע פאָסעסאָרס.

די אידישע פאָסעסאָרס זיינען אַלעמאָל געווען צופרידען צו געבען דעם פויער תבואה, אין דער צייט פונ'ם „פשעדנאָוועק", די הויפען האָבען זיך שטענדיג גענויטיגט אין א סך ארבייטער און די גוים האָבען די גענומענע תבואה ניט צוריקגעצאָלט אין געלד, נאָר דאָס אָפּגעארבייט און דאָס איז פאר'ן פאָסעסאָר געווען א סך חשוב'ער ווי מזומן געלד.

אויב א איד האָט זיך אמאָל צוקריגט, אָדער גאָר צושלאָגען, מיט'ן פויער, ווי עס טרעפט צווישען היימישע מענשען, איז דער איד כמעט שטענדיג געווען דער תקיף און דער גוי דער פארלירער...

אז א פויער האָט א אידען באליידיגט, איז דער איד באלד געווען גרייט פאר א „סקארגא דלאַ אָבראזאַ האָנאָראַ" (א קלאגע פאר עהרענ־באליידיגונג) און פאר בלויז „זשיד פּאָרכאַטי", פלעגט אזא גוי מוזען אָפּזיצען אינ'ם געפענגניש דריי טעג, אָדער לכל הפחות, אכט און פערציג שטונדען און דערצו נאָך באצאָלען געריכטס־קאָסטען.

כאָטש געוויסע פוילישע פויערים זיינען ניט זייער מקפיד אויף „מיין און דיין" בפרט אין באצוג צו א איד, פונדעסטוועגען, פלעגען גרויסע גנבות און איינברוכען גאָר זעלטען פאָרקומען. די זשאַנדארען און די געריכטען זיינען געווען זעהר שטרענג וועגען דעם. ווער שמועסט רויבערייען און איבערפאלען, אזעלכע זיינען כמעט קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. די גאנצע אומגעגענד איז געווען א זיכערע און עס איז בשום אופן, ניט געווען פאר וועמען מורא צו האָבען.

איך אליין האָב אָפט ביי מיר, אין בוזים־קעשענע, ארומגעטראָגען עטליכע טויזענד גולדען אין מזומנים. איך פלעג אויך ליב האָבען, איינער אליין, אָהן א פורמאן, צו פאָרען מיט מיין פערד און וועגעלע, בייטאָג און אויך שפעט ביינאכט, דורך פעלדער און וועלדער. פונ־דעסטוועגען, איז מיר קיינמאָל ניט געקומען אויפ'ן געדאנק פאר אי־

מיצען מורא צו האָבען. און עס האָט מיט מיר, דורך די פילע יאָהרען — כאָטש די פויערים פון אַלע דערפער האָבען מיך געקענט און גע־וואוסט, אַז איך האָב מיט מיר אַ סך געלד—קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געשעהן.

אויב אַ פויער האָט נאָר דערזעהען אַז אַ אידישער פּאָסעסאָר פאָהרט אויפ׳ן וועג, האָט ער באַלד אַראָפּגענומען דאָס היטעל, כדי איהם צו באַגריסען.

עס זיינען אָבער צווישען די דאָרפס־גוים אויך געווען אזעלכע, וואָס האָבען אַ אידען ניט שטאַרק ליב געהאַט און ניט קיין חשק געהאַט פאַר איהם דאָס היטעל אַרונטערצונעמען. זיי האָבען דאָך אָבער מורא געהאַט, טאָמער פאַרט אַ פּוילישער פּריץ, אָדער גאָר אַ בעאַמטער, אָדער אפשר אַ באַקאַנטער פּאָסעסאָר, פאַר וועמען מען מוז שוין יאָ דאָס היטעל אַראָפּנעמען, האָבען זיי זיך אַן עצה געגעבען: אַזאַ קלוגע, וואָס נאָר אַ פּויער קען אויף איהר פאַלען:

ווען זיי האָבען פון דער וויטענס דערזעהן דעם וואָגען אָנקומען, האָבען זיי, שוין באַצייטענס, די האַנד צוגעלייגט צום היטעל: איז עס געווען אַזאַ פּאַרשוין, וועמען מען מוז יאָ באַגריסען, איז די האַנד שוין געווען גרייט און מען האָט, אויף גיך, דאָס היטעל אַרונטערגעכאַפּט פונ׳ם קאָפּ. טאָמער איז דאָס אָבער געווען אַ פּראָסטער אידעל, האָט מען זיך מיט דער האַנד אָנגעהויבען צו קראַצען אין קאָפּ און דאָס היטעל טאַקע ניט אַרונטערגענומען...

חכמת יון.

קיין איין פויער — אַ פּאַראָבעק אודאי ניט — וואָלט ניט געוואַגט אַריינצוקומען צו אַ אידישען פּאָסעסאָר, אפילו אין קיך, אַז ער זאָל ניט אַרונטערנעמען דאָס היטעל און בלייבען שטעהן אין בלויזען קאָפּ.

אויב ער וואָלט אמאָל דאָס געווען פאַרגעסען צו טאָן, וואָלט אַזאַ שטרענגער פּריץ ווי מיין שווער, איהם געווען באַלד גוט אָנגעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפען. אַ וויכערער פּאָסעסאָר, וואָלט אויף איהם גע־געבען אַ הויכען געשריי:

— זדים טשאַפּקע! ניע יעסטעש וו׳קאַרטשמיע! (נעם אַראָפּ דאָס היטעל! ביזט דאָך ניט אין אַ קרעטשמע!)

גאָר אָפט, ביי געוויסע געלעגענהייטען, ובפרט ווען מען האָט זיי מיט עפּעס מהנה געווען — אָפט מיט אַ בלויזען טרונק בראַנפען — פלעגען מאַנכע פויערים, ובפרט די פּאַראָבקעס און שיקסעס, קושען די הענד פונ׳ם פּאָסעסאָר, אָדער די פּאָסעסאָרקע און זיך פאַר זיי גאָר טיף פאַרנויגען.

אויך דאָס יונגוואַרג האָט שוין געוואוסט, אז מען מוז זיין העפליך צו א איד און פאַר איהם דרך ארץ האָבען; איהם מיט עפּעס באַלייר־דיגען — דאָס אודאי ניט.

איך בין איינמאָל, אויף מיין וועג צום יריד אינ'ם שטעדטעל שצוצין, פאַרבייגעפאָרען דאָס גרויסע און רייכע דאָרף סלופּצע.

דאָס איז געווען אין דער פרי און עטליכע, צעהן־צוועלף יעהריגע, שקאָצימלאַך, זיינען געגאַנגען אין שקאָלע אריין. אז איך בין זיי פאַרביי געפאָרען, האָבען זיי מיר, ווי קינדער, נאָכגעוואָרפען עטליכע קליינע שטיינדלאַך, פון וועלכע קיין איינס האָט מיך ניט געטראָפען. מיך האָט דאָס אָבער שטאַרק פאַרדראָסען און איך האָב געהייסען מיין פורמאַן, אז ער זאָל מיט מיר זאָפאָרט צופאָרען צו דער שקאָלע.

דאָרטען האָב איך, מיט שאַרפע דבורים, געפרעגט ביים לערער — א יונגער פּוילישער בחור — אויב ער לערנט דאָס אזוי מיט זיינע תלמידים מאָראל און פיינע זיטען, זיי זאָלען ניט לאָזען פאַרביי פאָרן רוהיגע מענשען?! און איך האָב איהם נאָך געסטראַשעט, אז איך וועל זיך וועגען דעם באַקלאָגען ביי זיין פאָרגעזעצטען, אין דאָמבראָוואַ.

דער אָרימער לערער האָט זיך, נעבאַך, דערשראָקען. ער האָט מיך שטאַרק איבערגעבעטען און צוגעזאָגט, אז ווען די שקאָצימלאַך וועלען נאָר קומען, וועט ער זיי שוין ד'ערפאַר באַשטראָפען. אויב איך וויל, קען איך דאָ צוואַרטען און זעהן די שטראָף, וואָס ער וועט זיי געבען. אָבער אזעלכעס וועט שוין מעהר ניט פּאַסירען אין דער צוקונפט.

איך האָב אָבער ניט געוואָלט וואַרטען. איך האָב זיך מיט איהם געזעגענט און געפאָרען מיין וועג.

אויפ'ן צווייטען טאָג, האָב איך פון איהם באַקומען א בריוועל דורך א שליח מיוחד, און ער האָט מיר געלאָזט וויסען, אז ער האָט צוויי פון די שולדיגע שקאָצימלאַך באַשטראָפט און זיי האָבען איהם געמוזט צוזאָגען, אז מעהר וועלען זיי אזעלכע שלעכטע מעשים ניט טאָן.

איך האָב זיך אין יענע צייטען—און אפילו אויך איצט—ניט פאַרנומען מיט קיין פּאָליטיק. אָבער יעדער, ווער עס האָט נאָר געהאַט אביסעל אָפענע אויגען, דער האָט געקענט זעהען בחוש די ליבעראַלע ווינטען, וואָס האָבען דעמאָלט געבלאָזען איבער גאַנץ גאַליציע, און אז די רעגירונג האָט זיך פאַראייניגט מיט די פּוילישע פּריצים, וועלכע האָבען געהאַט א גרויסע דעה אינ'ם לאַנד, דעם איד מטיב צו זיין... אויפ'ן חשבון פונ'ם פּויער, וועמען מען האָט געזוכט צו אונטערדריקען.

און נאָך א זאַך, וואָס איז פאַר קיינעם דעמאָלט גאָר קיין סוד ניט געווען, כאָטש מען האָט ניט ליב געהאַט וועגען דעם צו רעדען אין דער עפענטליכקייט.

עס זיינען, אין יענער צייט, קוים געהאַט אוועק קנאַפּע פערציג יאָהר, זייט עס איז, אין דעם טייל גאַליציע, פון רזשעאָוו ביז קראָקע, פאָרגעקומען דער גרויסער פויערים־אויפשטאַנד, „פּאָווסטאַניע" (אין יאָהר 1846), ביי וועלכען א היבש ביסעל פוילישע פּריצים און זייערע פאַמיליעס האָבען פאַרלאָרען זייערע לעבענס, און זיינען פון די צואווילדעוועטע פויערים געה׳רג׳עט געוואָרען מיט שרעקליכע מיתות משונות.

עס האָבען דעמאָלט נאָך געלעבט א סך פּריצים, און אויך פויערים, וואָס האָבען אנטייל גענומען אין דערדאָזיגער „פּאָווסטאַניע". די רעגירונג, איבערהויפּט די פּריצים, האָבען זייער כעס אויפ׳ן פויער נאָך ניט געהאַט אָפּגעקילט און איהם ניט געלאָזט דעם קאָפּ אויפהויבען און דער געווינער דערפון איז געווען דער איד, ובפרט דער דאָרפס־איד, וואָס איז געקומען אין שטענדיגער באַריהרונג מיט׳ן פויער.

אויב א איד מיט א פויער האָבען געהאַט עפּעס א משפּט, — וועגען גרויסע געשעפטען האָט עס זיך ניט געהאַנדעלט, נאָר וועגען געבאָרגט געלד, אָדער תבואה — האָט דער איד — כמעט שטענדיג — זוכה בדין געווען און דער פויער האָט דערצו אויך נאָך געמוזט באַצאָלען א היבש ביסעל געריכטס־קאָסטען, וואָס האָבען אָפטמאָל אָנגעטראָפען מעהר ווי דער קרן.

קיין ראַדאָמישלאַ איז, דעמאָלט אין מיינע צייטען, געקומען א נייער באַצירקס־ריכטער, מיט׳ן נאָמען האָוזער (ניט קיין איד, נאָר אן עכטער פּאָלאַק).

ער איז געווען א הויכער און א ברייטער פאַרשוין, מיט א לאַנגער, גראָהליכער באָרד. ער איז געווען א זעהר שטרענגער און יעדער האָט פאַר איהם געציטערט.

אין אָנפאַנג האָט ער געהאַט א נאָמען פון א שונא ישראל. און די פויערים האָבען שוין אויף איהם געלייגט גרויסע האָפנונגען. אָבער אינ׳ם לויף פון דער צייט, איז ער גאָר איבערגעאַנדערשט געוואָרען. אָבער צו די פויערים איז ער שטענדיג געבליבען שטרענג.

צו א פויער האָט מען דעמאָלט גערעדט בלשון דו, אדער איהר (טי, ווי), אָבער א איד, יונג אָדער אַלט, איז, אפילו פון דעמדאָזיגען שטרענגען ריכטער, שטענדיג טיטולירט געוואָרען אַלס הער (פּאַן).

קיין סך משפטים פלעג איך מיט די פויערים ניט פירען. מיר האָבען געלעבט בשלום און זיינען צווישען זיך, ווי ס׳איז אויסגעקומען.

אָבער איינמאָל האָב איך פאַרקלאָגט צוויי פויערים. דער משפּט איז פאָרגעקומען פאַר׳ן באַצירקס־ריכטער האָוזער, וועלכער האָט מיך גאָר ניט געקענט און איך האָב זוכה בדין געווען.

דאָס גוט יאָזעפּאָוו, וואו איך האָב געוואוינט, האָט שטענדיג געליטען פון מאַנגל אין אַרבייטער־הענט. עס איז אינ׳ם הויף תמיד געווען מעהר אַרבייט, ווי עס זיינען דערפאַר געווען אַרבייטער.

איינמאָל איז געווען אַ טרוקען יאָהר. די פויערים האָבען וועניג תבואה און אַז עס איז געקומען דער „פּשערנאָוועק", האָט שוין ביי אַ סך פון זיי געהערשט אַ מאַנגעל אין שפּייז.

זיינען צו מיר געקומען עטליכע גוים און געבעטען, אַז איך זאָל זיי געבען ווייץ אָדער קאָרן, און זיי וועלען דעם בעטראַג פון דער תבואה אָפּגעבען מיט אַרבייט. איך בין דאַרויף איינגעגאַנגען און אויף אַזאַ אופן צוטיילט אַ פינף און צוואַנציג זאַק תבואה. זיי האָבען גענומען — לויט זייערע פאַמיליעס — צו איין, צוויי, און דריי זאַק תבואה.

איך האָב זיי ניט איבערגעריסען דעם פּרייז, נאָר זיי גערעכענט דעמזעלבען פּרייז, וואָס מען האָט דעמאָלט געצאָלט אין שטאָדט.

אָבער קוים האָבען זיי נאָר באַקומען דאָס זייעריגע, האָבען זיי זיך שוין מעהר ניט געוויזען, און כאָטש איך האָב זיי געשיקט זאָגען, אַז דער חוב קען נאָך דערווייל וואַרטען און איך וועל זיי פאַר דער אַרבייט באַצאָלען מיט מזומנים, זיינען זיי ליבערשט געגאַנגען צו אימיצען אַנ־דערש, אָבער ניט צו מיר.

אַזוי איז אַוועק דער גאַנצער זומער און זעהר וועניג גוים האָבען אָפּגעאַרבייט זייער חוב. אויך ווינטער ווען זיי האָבען געהאַט גאָר קנאַפּ באַשעפטיגונג, האָבען זיי זיך ניט געוויזען.

דאָס האָט מיך, און איבערהויפּט מיין ווייב, די אשת חיל, גאָר שטאַרק פאַרדראָסען און מיר האָבען באַשלאָסען, די פויערים צו פאַר־קלאָגען אין געריכט.

אָבער ווייל איך האָב זיך ניט געוואָלט שטעלען צום געריכט מיט אַ צעהן־צוועלף פויערים, האָב איך נאָר אָנגעקלאָגט בלויז צוויי פון זיי. איך האָב אויסגעקליבען די ערגסטע פאַרשוינען, אַזעלכע וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאַר „מאָנדרי" (קלוגע). איך האָב געוואָלט זעהן וואָס דער ריכטער האוזער וועט וועגען דעם פּסק׳ענען.

אַז דער משפּט איז פאָרגעקומען און דער ריכטער האָט איין פויער געפרעגט, וואָס ער האָט צו ענטפערען אויף מיין קלאַגע, האָט דער פויער געענטפערט מיט אַ תמימות׳ער מינע, אַז דאָס וואָס ער האָט

ביי מיר גענומען, איז גאָר קיין תבואה ניט געווען, נאָר בלויז „סטאָקלעס" (אָבפאַל, פסולת, פון תבואה).

קוים האָט דער פויער נאָר געהאט ארויסגעזאָגט דידאָזיגע עטליכע ווערטער, האָט דער ריכטער זיך געגעבען א הויב אויף פון זיין שטול און מיט כעס אויסגערופען:

— אז דו ביזט געווען הונגעריג און האָסט גענומען די תבואה, איז דאָס געווען רייז (א חשוב'ער מאכל), אָבער אז ס'קומט צו באַצאָלען, איז דערפון געוואָרען „סטאָקלעס"!!!

ער האָט אויפ'ן דערשראָקענעם פויער שוין מעהר אפילו קיין קוק ניט געטאָן, נאָר מיך געפרעגט, וויפיל איך פאַרלאַנג פאר מיינע קאָסטען.

איך האָבביים ריכטער געבעטען דערלויבעניש און פאר איהם דערצעהלט, אז איך בין ניט קיין סוחר און אז איך האָב צו עטליכע פויערים געגעבען צו עטליכע זעק תבואה, אז זיי זאָלען דאָס אָפּצאָלען מיט ארבייט. זיי לאַכען זיך אָבער איצט פון מיר אויס און אפילו פאר געלד ווילען זיי זיך ניט ווייזען.

— ברענג זיי אלע צו מיר, האָט ער געזאָגט, און איך וועל זיי שוין לערנען דרך ארץ!

וועגען קאָסטען האָב איך געזאָגט — פאַרלאָז איך זיך אויף איהם.

ער האָט באַלד צוגע'פסק'ענט די גאנצע סומע געלד, וואָס איך האָב געמאָנט און א קנאַפּע פינף גולדען קאָסטען.

מיט'ן צווייטען פויער האָט זיך דער ריכטער שוין ניט געוואָלט לאַנג פאַרנעמען. דער פויער איז געשטאַנען אין איין שרעק און שוין מורא געהאט דאָס מויל צו עפענען. ער האָט זיך תיכף ערקלערט שול־דיג און אויך איהם האָט דער ריכטער דאָסזעלבע צוגע'פס'קענט.

אינ'ם לויף פון דער וואָך, זיינען אלע שולדיגע פויערים געקומען אין הויף און געבעטען, איך זאָל זיי ניט פאַרקלאָגען אין געריכט. פון איצט אָן, וועלען זיי שוין זיין „גוט און פרום" און מיט ארבייט אָפּצאָ־לען זייערע חובות, וואָס זיי האָבען טאקע געטאָן.

די אומבאַשרענקטע ממשלה, וואָס דער דאָרפס־איד, דאָס הייסט, דער פּאָסעסאָר, האָט געהאט איבער'ן פויער, האָט זיך, אין א גרויסער מאָס, אויך ארויסגעוויזען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם ווייבליכען מין, סאַי פאַרהייראַטע און אויך אומפאַרהייראַטע...

עס זיינען געווען פאַרשידענע אורזאַכען דערפאַר.

די פּאָסעסאָרס, איבערהויפּט די אינגערע, זיינען שטענדיג געגאַנ־גען שעהנער און ריינער געקליידעט, ווי דער, על פי רוב, אָרימער פויער. זיי האָבען אויך געהאט אין זיך בעסערע און איידעלערע זיטען און

דאָס אלעס האָט אין די אויגען פון דער יונגער פויערטע, אָדער שיקסע, זעהר פיל אויסגענומען צום אידענס גונסטען.

עס זיינען אין א הויפישער ווירטשאפט שטענדיג פאראנען ארביי־טען, צו וועלכע מען דארף בלויז איין איינציגע ארבייטאָרין, אין א שפייכלער אָדער ערגעץ אנדערש. און דאָס זיין אליין פון צוויי יונגען מענשען, האָט דער וועלט קיינמאָל קיין „גוטעס" ניט געטאָן...

זיי, די יונגע אידען, האָבען אבער גענוג „שכל" געהאט, זיך ניט צולאנג אריינצולאָזען מיט איין איינציגער נקבה — ווי דאמאסק האָט עס געטאָן — און ווערען מיט איהר א גאנצער „שמעלקע". זיי האָבען געהאט גענוג פון דעם מין.

כמעט יעדער אין דער אומגעגענד האָט דערפון געוואוסט. מען האָט אָבער דערפון ניט גערעדט און ניט געמאכט קיין וועזען דערפון...

און אפילו די קאטוילישע גלחים, די מאָראל־היטער, פאר וועמען יעדער פון זייער אמונה מוז זיך „ספאָוויאדען", (מתודה זיין) עטליכע מאָל אדער כאָטש איין מאָל אין יאָהר און די גויעס און שיקסעס האָבען פאר זיי מסתמא דערצעהלט וועגען זייערע פארהעלטעניסען מיט אידען — אויך זיי האָבען וועגען דעם קיינמאָל ניט גערעדט און זייערע צוהערער ניט גע'מוסר'ט אין די קירכען, ווי זייער שטייגער פלעגט צו זיין

דאָס איז אבער אלעס נאָר געווען גערעדט, וועגען די אידישע מאנס־בילען אין די דערפער. די שטאָדטישע האָבען צו אזעלכע זאכען קיינ־מאָל קיין געלעגענהייט ניט געהאט. אָבער וואָס איז נוגע אידישע טעכטער, ווייבלאך און מיידלאך, אין די דערפער, זיינען זיי געווען אמת'ע צנועות און מען האָט קיינמאָל וועגען זיי קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט. זיי זיינען, מאָראליש און גייסטיג, געשטאנען א סך העכער פון די פויערים, אז זיי זאָלען זיך צו זיי ארונטערלאָזען.

דורך די גאנצע יאָהרען, אן ערך פון א זיבעצעהן־אכצעהן, וואָס איך האָב געוואוינט אין די דערפער, האָט מען בלויז צוויי מאָל געהערט, אז אידישע מיידלאך זאָלען זיך שמד'ען און חתונה האָבען מיט שקצים. איינע אזא משומדת איז געבאָרען געוואָרען פון א זעקס און אכציג יאָהריגען אָרענדאַר און אַ גאָר יונגער מוטער.

וועגען אנדערע קריסטען: פריצים, זשאנדארען און גלחים, און זייער פאָרהאַלטען זיך צו אידען, וועל איך שרייבען אינ'ם קומענדען קאַ־פיטעל.

## 40 — פריצים, זשאַנדאַרען און גלחים

קיין זעהר רייכע פריצים, ווי א שטייגער די פּאָטאָצקי׳ס, די גאָלאָכאָווסקי׳ס און ווי די אנדערע פּוילישע מאגנאטען האָבען געהייסען, זיינען אין אונזער אומגעגענד ניט געווען.

די אנדערע פּריצים זיינען ניט געווען זעהר רייך און האָבען דער־פאר אויף איין, אָדער אנדערען אופן, געמוזט אָנקומען צום איד.

זיי זיינען כמעט אַלע געווען זעהר ליבעראַלע מענשען און זיי האָ־בען — אין הארץ האָט זיי קיינער ניט געקענט ארייננקוקען — ניט אַרויסגעוויזען וועלכע ס׳איז פאראַכטונג צום אידען.

אין מיין שכנות האָט געוואוינט א פּריץ, קישיליעווסקי, אינ׳ם דאָרף סלופּצע. אונזערע פעלדער האָבען זיך געגרעניצט. א חוץ דעם וואָס יעדער פון אונז האָט שטארק אַכטונג געטאָן, אז די בהמות זאָלען ניט פארקריכען אין אנדערענס פעלדער און שאָדענס אָנטאָן, האָט מען זיך געהאַלטען, כאָטש פון וייטען, דאָך גאַנץ פריינדליך.

מיר האָבען זיך קיינמאָל ניט גע׳חבר׳ט און איינער האָט צום צווייטען גאָר קיין שום שייכות ניט געהאַט. אָבער פונדעסטוועגען, האָבען מיר זיך גוט פאַרהאַלטען, ווי שכנים, און אויב איינער האָט זיך געפונען אין א נויט, איז דער צווייטער שטענדיג געווען גרייט איהם ארויסצוהעלפען.

איך בין איינמאָל זעהר קראַנק געווען און מען האָט שוין פון מיר ווענינ־וואָס געהאַלטען.

אז קישיליעווסקי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער צוויי מאָל געשיקט זיין לאַקיי, זיך וועגען מיר דערקונדיגען, געוואָהר ווערען וואָס איך טו. און ווען איך האָב אָנגעהויבען צוריק געזונט ווערען, האָט די פּריצה געשיקט צו מיין ווייב אַ גרויס שטיק בוליאָן, אייגען־געמאַכטע, מען זאָל מיר דאָס געבען מיט זופּ, אז איך זאָל קענען וואָס גיכער קומען צו מיינע קרעפטען.

איינמאָל אין הערבסט, ווען אַלע תבואות זיינען שוין געווען ארונטערגענומען פון די פעלדער, האָט אין סלופּצע, אין מיטען העלען טאָג, אויסגעבראָכען א גאָר גרויס פייער, און האָט פאַרניכטעט אַלע תבואות און געביידעס.

דער פּריץ איז געווען גוט אסעקורירט און ער האָט ניט געליטען קיין גרויסען געלד שאָדען. ער איז אָבער געווען קורץ אין שטרוי און היי פאר די בהמות.

באַלד אויפ'ן צווייטען טאָג האָב איך צו איהם אריבערגעשיקט מיין עקאָנאָם, און איהם אָנגעבאָטען צו נעמען מעהרערע פון זיינע בהמות צו מיר איבער'ן ווינטער, אָדער איהם באָרגען מעהרערע וואָגענס שטרוי און היי.

דעם ערשטען אָנבאָט האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען. ער האָט ניט געוואָלט, אזוי האָט ער געזאָגט, מיך צופיל באַלעסטיגען. אבער ער האָט ביי מיר אויסגעליען צעהן וואָגענס היי און שטרוי, וועלכע ער האָט, אויפ'ן צווייטען יאָהר, מיט גרויס דאַנק, צוריק אָפּגעגעבען.

מען האָט קיינמאָל ניט געהערט אין דער גאַנצער אומגעגענד, אז וועלכער ס'איז פּריץ זאָל עפּעס האָבען צו טאָן מיט א אידען, איהם באַליידיגען, אָדער גאָר שלעכטס טאָן.

אינ'ם זעלבען דאָרף סלופּצע האָט אויך געהאַט זיינם א גרויס גוט אנאַנדערער פּריץ מיט'ן נאָמען גאַוורענסקי. ער איז געווען פון די אמת'ע פּוילישע שלאַכציעם און א שטיק משוגענער דערצו. ער איז געווען א גאָר קנאַפּער אידען־פריינד און האָט קיינמאָל מיט א אידי־שען סוחר ניט געוואָלט האַנדלען.

זיינע תבואות, מילך־פּראָדוקטען און אנדערע פעלד־זאַכען האָט ער שטענדיג אוועקגעשיקט צו א לעמבערגער פּוילישער באַנק, וועלכע איז געווען פארבונדען מיט עפּעס א „ספּולקא ראָלניטשא" (ווירטשאַפט־ליכע פאראייניגונג).

ער איז געווען א בייזער און שטרענגער פּריץ. און א חוץ דעם וואָס ער פלעגט זיינע דינסטען שלאָגען מכות־רצח, האָט מען וועגען איהם אויך גערעדט, אז זיין אייגען ווייב — א געבאָרענע גרעפין, א שטילע און רוהיגע פרוי — איז ער אויך מכבד מיט קלעפּ...

האָט זיך איינמאָל געמאכט אז די פּוילישע באַנק, צוזאַמען מיט דער „ספּולקא", האָבען פּלוצים באַנקראָטירט און זיינען גאַרנאָווסקי'ן געבליבען שולדיג א הון רב. דער פּריץ איז פונ'ם אומגליק אזוי דער־שלאָגען געוואָרען, אז ער האָט זיך אריינגעשאָסען א קויל אין קאָפּ אריין.

דורך א צייט האָט די אלמנה, מיט דער הילף פון איהרע קרובים, געפירט די גרויסע ווירטשאַפט. זי האָט זיך אָבער ניט געקענט לאַנג האַלטען, און ווען איך בין שוין געווען אין אמעריקע, האָב איך געהערט, אז צוויי אידען האָבען ביי איהר גענומען די פּאַסעסיע, אונטער זעהר גוטע באַדינגונגען.

אין דער צייט ווען גאווראָנסקי האָט געהאַט באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, האָט מען אפילו אויך צווישען פּאָליאַקען געשמועסט, אז אויב ער וואָלט געווען געהאנדעלט מיט אידען, וואָלט ער צו אזא טראַגישען סוף ניט געווען געקומען...

* * *

צווישען אלע „אָרדנונגס־היטער", וואָס געפינען זיך אין פאַר־שידענע אייראָפּעאישע לענדער, האָבען די זשאַנדאַרען אין די עסטריי־כיש־אונגארישער מאָנאַרכיע, פּאַרנומען א חשוב'ען אָרט. מען האָט זיי געהאַלטען פאַר זעהר פעהיגע און זיי איז עס אין א גאָר גרויסער מאָס געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס עס האָט אומעטום, אין אלע פּראָווינצען, שטענדיג געהערשט רוהע און אָרדנונג און די זיכערקייט פון לעבענס און פארמעגענס איז קיינמאָל ניט געשטערט געוואָרען.

די קייזער־קעניגליכע זשאַנדאַרמעריע האָט געהערט צום אלגעמיי־נעם מיליטער. זי איז אָבער שטענדיג געווען אונטער א באַזונדערער און פיל שטרענגערער קאָמאַנדע און א פעסטער דיסציפּלין — פיל מעהר ווי די אנדערע סאָלדאַטען. די זשאַנדאַרמען זיינען דערפאַר געווען מעהר אימשטאַנד אָפּצוהיטען די זיכערקייט און אָרדנונג, ווי די אנדערע זעלנער.

מען האָט כמעט קיינמאָל ניט געהערט, אז עס איז אימיצען געלונ־גען אונטערצוקויפען א זשאַנדאַר, ער זאָל פאַרנאַכלעסיגען זיין דינסט, אָדער אימיצען ניט ארעסטירען, אָדער אפילו ניט אָנקלאָגען אין פאַר־ברעכען געגען א געזעץ פונ'ם לאַנד.

אָט איז, למשל, געווען א געזעץ, וואָס האָט יעדען פּאָסעסאָר פאַרשאַפט א היבש ביסעל פאַרדרוס און אונאנגענעמליכקייט און די זשאַנדאַרען האָבען דארויף געמוזט אכטונג געבען.

אין יעדען דאָרף איז געווען אן „אָגלאַנדאַטש", א פויער, א שטי־קעל אונטער־בעאַמטער, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו פירען א „קאַטאַסטער", אין וועלכען עס זיינען געווען פאַרשריבען אלע קעלבער, קיה און אָקסען (אויף פערד איז דאָס געזעץ ניט חל געווען), וויפיל יעדער פאַרמאָגט.

אז א קעלבעל איז נאָר אלט געווען דריי חדשים, האָט מען עס שוין געמוזט פאַרשרייבען אינ'ם „קאַטאַסטער" און יעדע בהמה פון א יאָהר און עלטער, האָט אויף זיך געמוזט האָבען אן איינגעברענטען צייכען, צו וועלכען דאָרף זי געהערט. ווייל דער צייכען איז אָבער באַלד פאַרוואַקסען געוואָרען, איז דער „אָגלאָנדאַטש" געקומען יעדע עטליכע חדשים מיט זיין ברען־אייזען און אויפסניי געמאַכט דעם צייכען.

אויב מען האָט געוואָלט א בהמה פארקויפען, אָדער אפילו איבער־פירען פון איין דאָרף אינ'ם צווייטען, האָט מען דערצו געמוזט האָבען א „פּאס". פאר יעדער זאַך האָט דער גוי באַקומען עטליכע גראַצער, א פעסט־געזעצטע טאַקסע.

די זשאַנדאַרען האָבען געהאַט די אויפזיכט, אז די בהמות זאָלען, יעדע באַזונדער, פארשריבען ווערען מיט אַלע איהרע סימנים, קאָליר און עהנליכע זאַכען.

דאָס האָט דעם פּאָסעסאָר פארשאַפט קאָפּדרייעניש אָהן א שיעור ובפרט אז מען איז שטענדיג געווען אונטערוואָרפען די זשאַנדאַרען און זייער שטרענגער אויפזיכט. אויב עס האָט זיך זיי נאָר פארגלוסט, האָבען זיי דערמיט געקענט אָנטאָן גאָר א סך עגמת נפש און פארשאַפען געלד־קאָסטען דערצו.

איך האָב איינמאָל, א צוויי חדשים נאָך מיין באַזעצען זיך אין יאָזעפּאָוו, פּלוצים באַקומען א פאָרלאַדונג פון דער טאַרנער שטאַטס־אַנוואַלטשאַפט, אז איך זאָל זיך שטעלען צום שטראַף־געריכט אויף א באַשטימטען טאָג.

איך און מיין ווייב האָבען גאָר ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערען. איך האָב זיך ניט געפילט אין קיין שום זינד און בשום אופן ניט געקאָנט טרעפען וואָס דער שטאַאַטס־אַנוואַלט דאַרף מיך האָבען. ווער ווייסט וואָס פאר א שטראָף עס וואַרט דאָרטען אויף מיר.

אָבער קיין אַנדערע ברירה האָב איך ניט געהאַט ווי זיך צושטעלען צום באַשטימטען טערמין.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אז א זשאַנדאַר האָט מיך פארקלאָגט, באשר בכן, איך האָב עובר געווען אויף א געוויסען פאַראַגראַף פונ'ם שטראָף־געזעץ־בוך, ווייל מיינס א קעלבעל איז ניט געווען פארזעהן מיט'ן ריכטיגען צייכען.

מען האָט מיך אפילו אין שטראָף־געריכט ניט געפרעגט, וואָס איך האָב צו זאָגען פאר מיין פארטיידיגונג. א בעאַמטער האָט עפּעס געזאָגט עטליכע ווערטער, וועלכע איך האָב אפילו ניט פארשטאַנען און אן אנדערער בעאַמטער האָט מיך באַשטראָפט מיט דער גרויסער סומע פון... איין איינציגען גולדען! . . .

ווען עס וואָלט אָבער אינ'ם „פּאַזעוו" (פאָרלאַדונג) געווען אַרויס־געשריבען, אין וואָס א „פארברעכען" איך ווער באַשולדיגט, וואָלט איך זיך ניט געוועזן געשלעפּט אַזוי פיל מיילען און דערצו געהאַט אויך עטליכע גולדען אומזיסטע הוצאות.

אָבער דאָס איז שוין אזוי געווען די פירונג פון די גאַליצישע געריכטען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט גענומען אין אָנבאטראכט די אינטערעסען פון די איינוואוינער און זיך געפירט אויף זייער אלטען, „איינגעפירטען" שטייגער.

זייט דעמאָלט, אויב איך האָב אמאָל באקומען אזא „פּאַזעוו", האָב איך מיך ניט וויסען געמאכט און צוליב דעם ניט געפאָרען קיין טאַרנע (קנאַפּע זעקס מייל). מען האָט מיך „קאָנטאָמאצירט", דאָס הייסט, פאראורטיילט שלא בפני, מיט א גאנצען גולדען, און אויב איך האָב זיך אזוי גיך ניט געאיילט די שטראָף צו באצאָלען, האָט דאָס טאָרנער שטראָף־געריכט דעם „וויראָק", (אורטייל), איבערגעשיקט צום באצירקס־געריכט אין ראַדאָמישלאָ און זיי האָבען צו מיר — צוויי מייל וועגס — געשיקט א „וואָזשני" (געריכטס־דינער), כדי די שטראָף פון איין גולדען איינצוקאַסירען. איך האָב איהם דאַן אויך געמוזט באצאָלען די פאָר־געשריבענע טאקסע פון זיבעצעהן גראַצער און האָב איהם — א רעגי־רונגס־באאמטער איז ער דאָך געווען — אויך מכבד געווען מיט א טרונק בראַנפּען. אמאָל האָט מיין ווייב פאר איהם אויך אוועקגעלייגט ברויט, פּוטער און און א גלאָז מילך, וואָס אזא „בעאמטער" האָט פארצעהרט מיט גרויס אפּעטיט, און גאָר ניט געוואוסט מיט וואָס דער־פאַר אָפּצודאַנקען . . .

* * *

אָבער א זשאַנדאַר איז דאָך סוף כל סוף, מעהר ניט ווי א בשר ודם, מיט באַדערפעַנישען, און אויב זיי האָבען עפּעס געדאַרפט, האָבען זיי קיין אנדערע ברירה ניט געהאַט ווי נאָר אָנצוקומען צום דאָרפס־איד, איבערהויפּט צום פּאָסעסאָר.

דער דינסט פון א זשאַנדאַר איז זעהר א שווערער. ער מוז כמעט שטענדיג זיין אונטערוועגס, ניט קוקענדיג, וואָס פאר א וועטער עס איז. דעמאָלט ווען יעדער שלאָפט און געפינט זיך אונטער א דאַך, מוז דער זשאַנדאַר וואַנדערען פון דאָרף צו דאָרף און זיין אויסגעזעצט צו רעגען, שניי און פינסטערניש, היץ אָדער קעלט.

די זשאַנדאַרמעריע־סטאַנציע פון אונזער געגענד איז געווען אין ראַדאָמישלאָ און זי פלעגט קאָנטראָלירען די גאנצע צוויי מייל ארום דער שטאָדט. דער וואַכטמייסטער איז געווען א איד, מיט'ן נאָמען העשעל (אָדער העסעל).

אין דער זשאַנדאַרמעריע איז, בכלל, זעהר ווייניג אידען געווען. אידען האָבען זיך קיינמאָל ניט געיאָגט צו דעמדאָזיגען זעהר־שווערען דינסט — מען מוז דערצו צושטעהן פרייוויליג — און די העכערע

אָפּיצירען האָבען זיך אויך ניט צו־שטאַרק געיאָגט צו האָבען אידישע זשאַנדאַרען.

אַלע זשאַנדאַרען זיינען געווען אויסגעדינטע סאָלדאַטען, צוגס־פירערס, אָדער פעלדוועבעלס. און מוזען שוין פאַרמאָגען עפּעס א שטיקעל בילדונג. שרייבען און לעזען, דאָס אודאי. אָהן דעם קען מען דאָך ניט זיין קיין זשאַנדאַר.

צי דערדאָזיגער וואַכטמייסטער העשעל איז געווען א משומד, אדער ניט, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. ער פלעגט מיט מיר גאָר א סך רעדען. אָבער קיינמאָל ניט וועגען זיך.

אַלע זשאַנדאַרען וואוינען און עסען צוזאַמען אין איין קאַזאַרמע אחוץ דעם וואַכטמייסטער, וועלכער וואוינט באַזונדער. און אז איינער געהט אוועק אויף „סלוזשבע" (דינסט), איז עס געוועהנליך, אויף פיר און צוואַנציג, אָדער גאָר דרייסיג שטונדען.

דורך דער גאַנצער צייט מוז ער כסדר זיין אויף די פיס און כאָטש ער מוז אָפּטרעטען אין אַלע הויפען, קרעטשמעס און ביי די פויערים און ביי די „שופטים" געוואָהר צו ווערען, וואָס עס הערט זיך עפּעס נייעס, טאָר ער אָבער אין ערגעץ ניט עסען, אָדער טרינקען און אויך ניט שלאָפען. אין זיין „טאָרניסטער" (טאַש) האָט ער מיט זיך א שטיקעל ברויט און וואורשט, צו שטילען זיין הונגער.

זיינען אָבער דידאָזיגע זשאַנדאַרען לויטער יונגע, געזונטע, און געבענשטע מיט א גרויסען אַפּעטיט, קאָנען זיי דערפאַר, בשום אופן, זיך ניט פירען ווי די שטרענגע פאָרשריפטען פאַרלאַנגען פון זיי.

אויף צו שטילען דעם הונגער, דורשט און אויך צו געניסען אביסעל שלאָף, איז פאַר'ן זשאַנדאַר ניט געווען קיין בעסערער אָרט, ווי ביים אידישען פּאָסעסאָר.

אריינצולאָזען זיך וועגען אזעלכע זאכען מיט די פויערים, איז דעם זשאַנדאַר ניט אָנגעשטאַנען. ערשטענס איז אין די פויערישע „כאַטעס" (הייזלאך) קיינמאָל ניט געווען אזוי ריין, ווי דער זשאַנדאַר —כאָטש ער אַליין א פויערישער שייגעץ, אָדער אַ זון פון אַ שטאָדטישען גוי, א „מיעסטשאַן", — איז געוואוינט געווען זייט מעהרערע יאָהרען, אינ'ם מיליטערישען און זשאַנדאַרישען לעבען. והשנית, וואָלט פאַר'ן זשאַנדאַר געווען א פחיתת הכבוד, אז ער זאָל ווערען באַפריינדעט מיט'ן פויער, מיט וועמען עס קען איהם מאָרגען אויסקומען זיך גאָר שטרענג צו באַגעהן.

דאָסזעלבע איז אויך — כּמעט אין א פיל קלענערער מאָס — געווען דער פאַל מיט די אידישע דאָרפסלייט און די אָרענדאַרעס.

אין דער קרעטשמע איז פאַר'ן זשאַנדאַר געווען „צופיל אויגען" און אָפטמאָל האָט ער דאָרטען אָנגעטראָפען שיכּור'ע גוים און אנדערע פאַרדעכטיגע פאַרשוינען, פאַר וועמען ער האָט זיך געדאַרפט היטען און שוינען זיין כּבוד און פאַר זיי אַרויסווייזען א היבש ביסעל שטרענג־קייט.

איז פאַר איהם, אויף זיינע טעגליכע און נאַכטליכע וואַנדערונגען, ניט פאַרבליבען נאָר טאַקע צו ווערען א שטיקעל בן־בית ביים אידישען פּאָסעסאָר, וואו ער האָט שטענדיג געפונען א גרייטען טיש און אויך א פּלאַץ וואו אַמאָל דעם קאָפּ אוועקצולייגען, אויף עטליכע שעה.

דער פּאָסעסאָר ווידער, פון זיין זייט, איז אויך געווען צופרידען פון אַזעלכע באַזוכען. וואָרים, מיט קיין געלד האָט מען דאָך קיין זשאַנדאַר ניט געקענט — און אפילו קיינמאָל ניט געוואַגט — אונטער־צוקויפען. אָבער אַז ער האָט דאָ געהאַט צו עסען און טרינקען, האָט ער שוין ניט געקענט אַזוי גראָב זיין — כּמעט עס זיינען געווען אַזעלכע פאַרשוינען אויך — און דעם פּאָסעסאָר פאַרשאַפען אַזויפיל אונאַנגענעהמליכקייטען . . .

ניט איין מאָל, אין מיטען דער נאַכט, ווען אין דרויסען איז געווען א שניי, אָדער א שטורם און א פראָסט, פלעגט אַזא זשאַנדאַר אָנקלאַפּען ביי מיר אין פענסטער. איך אָדער אויך אָפט מיין ווייב, האָבען געמוזט אויפשטעהן פון בעט, איהם אַריינלאָזען, געבען עסען און טרינקען, מאַכען הייסע טיי און דערצו מיט איהם שמועסען און פאַרברענגען א צוויי־דריי שטונדען, ביז ער איז צוריק אוועק, אָדער ער האָט זיך צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, אַביסעל רוהען, איבערשלאָפען.

דער וואַכטמייסטער האָט שטענדיג זיינע זשאַנדאַרען געהאַלטען אונטער א זעהר שטרענגער דיסציפּלין, כּדי זיך צו איבערצייגען, צי זיי דערפילען טאַקע ריכטיג דעם דינסט, לויט אַלע פאָרשריפטען, האָט ער נאָכגעשיקט א קאָנטראָלע, אדער פלעגט אליין — כּמעט ער איז געווען אביסעל א לאָמער אויף איין פוס — זיי נאָכגעהן. אויך אינ'ם ערגסטען וועטער, פלעגט ער אַמאָל נאָכזוכען און זיך נאָכפרעגען וואו אַזא זשאַנדאַר געפינט זיך.

איינמאָל האָט פּאַסירט א זעהר קאָמישע געשיכטע, וואָס האָט זיך אָבער פאַר א זשאַנדאַר געקענט ענדיגען מיט זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען. עס איז געווען אין א ווינטער־נאַכט. דאָס וועטער אין דרויסען איז געווען זעהר רוי און שטורמיש. עס איז נאָך געווען אַזוי

תחילת הלילה, ארום אַכט א זייגער. ביי אונז איז פּונקט דעמאָלט געזעסען א זשאַנדאַר, געגעסען און געטרונקען. זיין „זשאַנאַ״ (זשאַנ־דארען רופען זייער געלאָדענע ביקס שטענדיג מיט׳ן נאָמען „זשאַנאַ״, דאָס ווייב), איז געשטאַנען אין א ווינקעל פון׳ם צימער.

אזא זאַך איז געווען זעהר שטרענג פאַרבאָטען. א זשאַנדאַר, טאָר, דורך דער גאַנצער צייט פון׳ם דינסט, עס מעג זיין שטונדען־לאַנג, זיין ביקס ניט ארונטערנעמען פון׳ם אַקסעל, אָדער ארויסלאָזען פון האַנד; א זשאַנדאַר, אָהן א ביקס, איז גאָר קיין זשאַנדאַר ניט...

בשעת דער זשאַנדאַר, איך און מיין ווייב, זיינען געזעסען און צווישען זיך געשמועסט, האָט זיך, פּלוצים, דערהערט א קלאַפּען אין די לאָדענס פון׳ם פענסטער.

— וואַכטמישטש! — האָט דער זשאַנדאַר שטילערהייט אויסגערוד־פען און איז געוואָרען ווייס, ווי די וואַנט.

מיר האָבען שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָס בעטייט און אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען דער גאַנצער עקזיסטענץ פון׳ם אָרימען יונגענמאַן.

אָבער מיין ווייב האָט זיך ניט פאַרלאָרען. זי האָט דעם זשאַנדאַר, אויף גיך, געגעבען א שטופּ אריין אין אונזער דערבייאיגען שלאָף־צימער און איהם געגעבען א וואונק, אז ער זאָל זיך, ווי ער שטעהט און געהט, ארייגלייגען אין מיין בעט. די „זשאַנאַ״, די ביקס, וואָס ער האָט שוין ניט געקענט מיט זיך מיטנעמען, האָב זי איהם דערלאַנגט אינ׳ם שלאָף־צימער. ער האָט זי באהאַלטען אונטער׳ן בעט...

דערווייל בין איך געגאַנגען עפענען די טיר. ריכטיג. עס איז טאַקע געווען דער וואַכטמייסטער העשעל.

די ערשטע ווערטער זיינע, נאָכ׳ן אריינקומען, זיינען געווען, אויב דער זשאַנדאַר איז דאָ היינט פאַרנאַכט געווען?

מיר האָבען איהם געענטפערט, אז יאָ. ער איז געווען, ערשט מיט א שטונדע צוריק, אונז אויסגעפרעגט, אויב עס איז עפּעס פאַראַ־נען נייעס און זיך באַלד געלאָזט געהן קיין בודזין, א ניט־ווייטען דאָרף.

בשעת איך האָב מיט איהם, נאָך אין קיך, גערעדט, האָט מיין ווייב דערווייל געמאַכט אביסעל אָרדנונג אויפ׳ן עס־טיש, ארונטערגענומען די כלים און פאַר׳ן „פּאַן וואַכטמייסטער״ אריינגעבראַכט פריש ברויט, פּוטער און קעז און אויך אוועקגעשטעלט א פלעשעל בראָנפען.

כאָטש העשעל האָט אזוי שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער דיס־ציפּלין ביי די אַנדערע זשאַנדאַרען, איז ער אָבער דאָך נאָר געווען ניט מעהר ווי א מענש און דערצו גוט דורכגעפרוירען און שטאַרק הונגעריג.

ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, קודם כל, אריינגעוואָרפען א גוטען טרונק בראַנפען און זיך גענומען צו דער אכילה, צום ברויט און פוטער און פאַרטרונקען מיט הייסער טיי.

דאָס שעהנסטע איז געווען, וואָס דער „פאַן וואכטמייסטער" האָט אוועקגעשטעלט זיין אייגענע „זשאַנא", די ביקס, אינ'ם זעלבען ווינקעל, אין וועלכען עס איז, ערשט מיט עטליכע מינוטען פריהער געשטאַנען אנאנדערע געלאָדענע ביקס פונ'ם זשאַנדאר, ווען ער זוכט שוין ארום, און וועלכער געפינט זיך אין מיין בעט, אינ'ם דערבייאיגען שלאָף־צימער, און הערט אלעס וואָס מיר רעדען מיט'ן וואכטמייסטער . . .

איך און מיין ווייב, ווען מיר האָבען דאָס דערזעהען, האָבען מיר זיך איבערגעוואונקען און קוים געקענט איינהאַלטען פון לאַכען.

איך האָב דערזעהען, אז דאָס וועט זיין א מעשה אָהן אן עק. איך האָב באַמערקט, אז דער וואכטמייסטער האָט גאָר קיין חשק ניט אזוי גיך אוועקצוגעהן און וועט אפשר גאָר וועלען זיך אביסעל, אויף א צוויי־דריי שטונדען, צולעגען אויף דער קאנאַפע, טאקע אינ'ם זעלבען צימער.

וואָס־זשע טוט מען אָבער מיט'ן זשאנדאר, אז דאָס שלאָף־צימער האָט ניט קיין אנדערען ארויסגאַנג, נאָר דורך דער עס־שטוב, וואו מיר דריי זיצען? איז טאקע זעהר שלעכט געווען.

איז מיר אָבער איינגעפאַלען א גליקליכער געדאַנק, און מיין ווייב האָט איהם קונציג אויפגעכאַפּט. זי האָט תיכף פארשטאַנען מיין כונה, אז איך וויל דעם וואכטמייסטער פון דאַנען פטור ווערען...

איך האָב אָנגעהויבען צו רעדען פון דעם שלעכטען וועטער. און מיך אליין באַדויערט, אז נאָך איצט, טאקע באַלד, מוז איך ארי־בערפאָרען צום פעטער שמעון, קיין בודזין, מיט איהם זיך דורכרעדען וועגען א וויכטיגען ענין. זאָל איך יאָ, אָדער ניט פאָרען? אפשר אָפּלייגען אויף מאָרגען?

— זיי ניט פויל! אז מען דאַרף פאָרען, פאָרט מען! — האָט מיין ווייב מיך גע'מוסר'ט און דערצעהלט פאר'ן פריץ, אז איך בין א שטיקעל פוילער — מאָרגען, ביז דו וועסט דיך אויסקלייבען, וועט דער פעטער דערוויילע אוועקפאָרען אין שטאָדט אריין און דאָרטען זוימען ביז שפּעט אין אָוונד! . . .

איז געבליבען, אז איך זאָל יאָ פאָרען. און ווייל איך האָב ניט געוואָלט אויפוועקען איינעם פון די פּאַראָבקעס, וועלכע זיינען שוין געשלאָפען, האָב איך תיכף גענומען איינשפּאַנען א פּאָר פערד צום וועגעלע און באַלד שוין געווען צוריק אין שטוב.

— אויב דער „פּאַן וואכטמישטש” וויל, קען ער מיט מיר מיט־פאָרען קיין בודזין!

ער האָט באַלד איינגעוויליגט און נאָכדעם וואָס מיר ביידע האָבען נאָך אריינגעוואָרפען צו גלעזלאך בראָנפען, זיינען מיר באַלד געזעסען אויפ׳ן וועגעלע, און געפאָרען קיין בודזין.

א פּאָר מינוטען האָט ער געשוויגען און גאָר ניט גערעדט. דאן האָט ער מיר געגעבען א לייכטען קלאַפּ איבער׳ן פּלייצע און צו מיר געזאָגט — טאַקע צום ערשטען און צום לעצטען מאָל אויף אידיש:

— איהר זייט א קלוגער יונגערמאַן, טאַקע גאָר א גמרא קעפּעל! איהר מיינט, אז איך ווייס ניט, אז דער ערל געפינט זיך ביי אייך אינ׳ם שלאָף־צימער? אייער איצטיגעם פאָרען איז דאָך נאָר צוליב דעם, כדי מיך ארויסצונאַרען, ארויסצו׳פּטר׳ן פונ׳ם הויז, כדי ער זאָל האָבען א געלעגענהייט פון דאָרטען צו אנטלויפען... איך האָב, דורך די פענסטער־לאָדען, איהם געזעהען זיצען ביים טיש און די ביקס געזעהען שטעהן אין ווינקעל. איהר האָט אָבער זעהר קלוג געהאַנדעלט און עס וואָלט זיכער געווען געקומען צו א גרויסען סקאַנדאַל. איך וואָלט איהם געווען געמוזט שטעלען אונטער ארעסט. איך מוז, ובפרט וויל איך בין א איד, מיט די ערלים זעהר שטרענג אומגעהן. דער דינסט פאָדערט דאָס פון מיר! —

דערווייל זיינען מיר שוין אָנגעקומען הינטער בודזין. דער וואכט־מייסטער האָט מיר געדריקט די האַנד און זיך הארציג געזעגענט.

איך האָב שוין ביים פעטער שמעון איצט ניט אָפּגעטרעטען, נאָר בין גלייך צוריק אהיים געפאָרען.

דער זשאנדאַר מיט זיין „זשאָנאַ”, זיינען שוין ניט געווען און איך און מיין ווייב האָבען גרוים הנאה געהאַט, וואָס אלעם האָט זיך געענדיגט אויף אַזאַ גוטען שטייגער.

א וואָך שפּעטער, איז דער זשאַנדאַר ווידער ביי אונז געווען. ער האָט גאָר ניט געהאַט אַזוי פיל ווערטער אונז אָפּצודאַנקען (א פראָסטער און עהרליכער שייגעץ איז ער געווען) פאַר דער גרויסער טובה, וואָס מיר האָבען איהם געטאָן: איהם פשוט דאָס לעבען געראַטעוועט.

ער האָט אונז אָבער אויך מודיע געווען, אז לאַנג וועט ער אין אונזער געגענד ניט פארבלייבען. ער האָט שוין איינגעגעבען א ביטע, אז מען זאָל איהם פארזעצען אויף אנאַנדערען „פּאָסטען”, אין אן אנדערען טייל פונ׳ם לאַנד.

— איך פיהל — האָט ער געזאָגט — אז דער וואכטמייסטער ווייסט אז איך בין דעמאָלט דאָ געווען באהאלטען, און כאָטש ער האָט מיר וועגען דעם מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, קען איך איהם ניט קוקען גלייך אין די אויגען אריין...

* * *

בין כך ובין כך, זיינען מיר, דאָס הייסט, איך און מיין ווייב, געוואָרען גאנצע „שמעלקעס" און „כל־ולד'ס" מיט אלע זשאַנדאַרען. מיר האָבען ביי זיי געהאט א גוט־אויג, און זיי האָבען געזוכט אונז וואָס וועניגער שוועריגקייטען צו פאַרשאַפען.

איינמאָל אין אַן אָוועגד, האָט אַ זשאַנדאַר, פּלוצים, באַזוכט איינע פון אונזערע שטאָלען און דאָרטען אָנגעטראָפען דעם בהמות־פּאַסטוך, אַן אַלטען גוי, האַלטענדיג זיין לאַמטערען אין איין האַנד און מיט דער צווייטער האָט ער זיך עפּעס געפּאָרעט ביי די בהמות.

אינ'ם לאַמטערן האָט געברענט אַ ליכט. אָבער אחוץ דעם וואָס דער לאַמטערן איז געוועזן א האָלצענער, האָט אין איהם אויך געפעלט איינס פון די שייבלאַך.

דער זשאַנדאַר האָט דעם צושראָקענעם פּאַסטוך אריינגעבראַכט צו'ן אונז אין שטוב און מיט איהם אויפגענומען א גאנצען פּראָטאָקאָל. ער האָט פונ'ם פּאַסטוך דוקא געוואָלט וויסען, ווי לאַנג דאָס שייבעל פעהלט שוין פונ'ם לאַמטערן: אַ טאָג, צוויי, אָדער גאַר שוין אַ גאַנצע וואָך?

ווי עס האָט מיר אויסגעזעהען, האָט דער פיינער זשאַנדאַר, אחוץ דעם פּאַסטוך, אויך מיך געוואָלט אריינשלעפּען אין דעם עסק. און דאָס איז אַ זאַך, פאַר וועלכער מען קען אין טאָרנע, ביים שטראָף־געריכט, שוין ניט אָפּקומען מיט קיין איין גולדען שטראָף, (ווי ביי אַ קעלבעל), נאָר טאַקע מיט אַ גאַנצען פינף־און־צוואַנציגער און אויב עס פאַרגלוסט זיך אַמאָל אַ ריכטער, קען ער דערפאַר אויך מכבד זיין מיט עטליכע טעג געפענגניש.

אַז דער זשאַנדאַר איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן פּאַסטוכ'ס פּראָ־טאָקאָל, האָט ער איהם געהייסען געהן זיין וועג און ער האָט נאָך ווייטער געשריבען.

אַז ער איז, שוין אביסעל שפּעטער, אין גאַנצען פאַרטיג געוואָרען און געוואָלט דעם פּאַפּיר אריינלייגען אין זיין „טאָרניסטער", האָב איך איהם געבעטען, אַז ער זאָל מיר ווייזען וואָס ער האָט אָנגעשריבען. און אַז ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר, האָב איך איהם אפילו ניט רעכט אָנגעקוקט, נאָר תיכף איהם צוריסען אין שטיק־שטיקלאַך.

— צאָ פאַן זראָביל ?! (וואָס האָסטו, פריץ, געטאָן ?) האָט זיך דער זשאַנדאַר געגעבען א שטעל־אויף און זיין גאַנצער פארשוין איז געווען פול מיט אויפרעגונג.

מיין ווייב האָט זיך אויך דערשראָקען. מיט א גוי און בפרט מיט א זשאַנדאַר, טאָר מען ניט אָנהויבען. דאָס איז א „בייזער וואָרים !”...

אָבער איך בין געשטאַנען און האָב געלאַכט.

— דו ביזט דאָך מיין פריינד, האָב איך צו איהם געזאָגט, און צום סוף, ווילסט דו מיר, פאר אַזאַ קליינינקייט, פאר א שטיקעל שייבעל, וואָס איז ערשט היינט פארנאכט פארלאָרען געוואָרען, אָנטאָן אזוי פיל קרענקונג ? איך האָב זיך דאָס אויף דיר קיינמאָל ניט געריכט ! . . .

דער זשאַנדאַר איז ווייכער געוואָרען. ער האָט געשמייכעלט און צוזאמענגעמענדיג די אלע שטיקלאך פאפיר, וועלכע זיינען נאָך געלע־גען אויפ׳ן טיש, האָט ער זיי פארברענט אויפ׳ן פייער.

— איך בעט דיך, אז דו זאָלסט, טאקע מאָרגען, קויפען א נייעם לאַמטערן און אויך אַ בלעכענעם דערצו. וואָרים, אז אַן אַנדערער פון אונזערע מענשען, און איבערהויפט דער וואכמישטש, וועלען דאָס דערזעהן, וועט עס דיר שוין ניט אַזוי גלאַטיג אָפגעהן . . .

און ניט נאָר בלויז פאר זיך אליין האָבען מיר, איך און מיין ווייב, געקענט א סך פועל׳ן ביי די זשאַנדאַרען, און אויך ביים וואכטמייסטער, נאָר אַלע דאָרפס־אידען און מאַנכע פּאָסעסאָרס פון דער אומגעגענד. האָבען שוין געוואוסט, אז אויב זיי האָבען עפּעס אויף זיך א פעקעל ביי די זשאַנדאַרען, דארפען זיי זיך ווענדען צו׳ן אונז און מיר קאָנען דאָס שוין צורעכט מאַכען.

די גרעסטע טובה וועגען אַזאַ עסק האָבען מיר טאקע געטאָן פאר מיין אייגענעם שווער.

די זשאַנדאַרען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געוואָלט האָבען קיין צו־פריינדליכע באציהונגען מיט די יעטליכע פוילישע פריצים פון אונזער געגענד, פלעגען אויך אויסמיידען דעם זגורסקער הויף און האָבען דאָרטען קיינמאָל ניט געוואָלט נישט עפּעס עסען און נישט טרינקען.

מיט די פוילישע פריצים האָבען זיי געמאכט וואָס־ווייניגער מחזקות, ווייל זיי האָבען פאר זיי מורא געהאט...

די פריצים האָבען אומעטום געהאט א היבשע דעה און אויב א זשאנדאר האָט זיי אָנגעטאָן צופיל נגישות, האָבען זיי שוין געוואוסט וואו זיך צו ווענדען און צו באקלאָגען, און דער סוף פלעגט זיין, דאָס אַזאַ צו־שטרענגער זשאַנדאַר איז פלוצים פאַרשוואונדען געווארען פון דער גאַנצער געגענד. מען האָט איהם פארזעצט ערגעץ, אונטער די

הרי חושך, אין דער געבערגס־געגענד, אָדער אין א ווייטען טייל פונ׳ם לאַנד.

אָבער פאר מיין שווער האָבען זיך די זשאַנדאַרען וועניג־וואָס געשראָקען. זיי האָבען גוט געוואוסט, אז ער קען זיי גאר ניט טאָן און ניט דערגרייכען די הויכע פענסטער פון זייערע פאָרגעזעצטע אָפיצירען.

און ווייל ער איז זיך מיט זיי ניט באַגאַנגען ווי די מייסטע אידישע פּאָסעסאָרם און זיי „געלאָזט לויפען", האָבען זיי איהם אָפט אָפּגעטאָן גרעסערע און קלענערע שפּיצלאַך און כסדר געגען איהם געמאכט אָנ־צייגעס, פאר הויפישע „פאַרברעכענס", צו וועלכע מען קען ניט נעמען קיין אַדוואָקאַטען אַלס פּאַרטיידיגער און וויפיל אַזאַ טאָרנע׳ר שטראָף־ריכטער קלעפּט אָן, מוז מען טאַקע „הייליג" באַצאָלען.

אז דער שווער, און איבערהויפּט די שוויגער, האָבען זיך דער־וואוסט, אז איך און מיין ווייב לעבען אזוי פריינדליך מיט די זשאַנ־דאַרען, האָבען זיי אונז געבעטען, אַז מיר זאָלען אָנווענדען אונזער איינפלוס, אז די רדיפות געגען דעם זגורסקער הויף זאָלען אויפהערען.

גאָר לייכט איז אונז דאָס אפילו ניט אָנגעקומען. עטליכע פון זיי זיינען געווען שארפע און ביטערע יונגען און זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אז זיי האָבען ניט ליב שטאָלצע און אומפריינדליכע מענשען. מיר האָבען אָבער ניט אויפגעהערט צו ארבייטען און זיך אויך גענומען צו הילף די באָבע רחמה, די „סטאַרי פּאני שטיגליצאָווא", וועלכע האָט אין ראדאָמישלא געהאט א וויין־שענק און אלע זשאַנדאַרען און אויך דער וואכמישטש זיינען געווען איהרע קונדען און זי גאָר גוט געקענט. זי האָט געהאט א גרויסען „מענה לשון" און איז געווען א זעהר באַ׳חנ׳טע און גאָר קלוגע אידענע און מיט איהר הילף האָבען מיר גע׳פּועל׳ט ביי די זשאַנדאַרען, אז אחוץ׳ן דינסט, זאָלען זיי קומען אינ׳ם זגורסקער הויף, וואו זיי וועלען אויפגענומען ווערען אלס ווייל־קאָמענע געסט...

מיין שווער האָט פארבויגען זיין כבוד און מיט די זשאַנדאַרען פאַרבראַכט און זיי האָבען עס זיך געהאלטען פאר א גרויסער עהרע, וואָס דער פּאָסעסאָר פון זגורסק נעמט זיי אזוי פריינדליך אויף.

זייט דעמאָלט האָבען די אָנקלאגעס אינגאנצען אויפגעהערט און אויב די זשאנדארען האָבען אמאָל געזעהען עפּעס א „פּאַרברעכען", האָבען זיי זיך ניט געמאַכט זעהענדיג.

איך האָב אָפּט, ווען עס האָט זיך נאָר דערצו געמאכט די גינסטיגע געלעגענהייט, געהאלטען אין איין איינ׳טענה׳ען מיט׳ן שווער, אז מיט

פריינדליכקייט און נאָכגיביקייט קען מען תמיד אַ סך מעהר אויס־פירען ווי מיט שטאָלץ און האַרטקייט . . .

ער האָט, כמעט, קיינמאָל ניט געענטפערט אויף מיינע דבורים — ער איז בכלל געווען אַ וועניג־רעדער — אַ שטילשווייגער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב רעכט, אבער... איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין דרך, פון וועלכען עס איז איהם שוין שווער געווען זיך אָפּצו־געוואוינען.

# 41 — פריצים, זשאַנדאַרען און גלחים

(פאָרטזעצונג)

לאָמיר זיך ניט נאַרען. גלחים, ובפרט קאַטוילישע, קענען ניט, בשום אופן, זיין קיין אמת'ע אידען־פריינד.

אויב א גלח איז טאקע ריכטיג באהאוועגט אין די יסודות פון זיין אמונה — פאַראַנען צווישען זיי אויך גרויסע עמי הארצים—ווייסט ער צו־גוט, אז עס איז, כמעט נעגען זיין גלויבען, ליב צו האָבען א מענשען, וואָס איז פון אנאַנדערער אמונה.

עס זיינען פון די פריערע, פינסטערע, צייטען פונ'ם מיטלאַלטער, נאָך פארבליבען א היבש ביסעל קירכען־געזעצען, און פאפסטליכע „בולען", וואָס האָבען, ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג, נאָך ניט פארלאָרען זייער קראַפט און ווירקזאמקייט.

און כאָטש אזעלכע געזעצען קענען היינט ניט אזוי ברייט אויס־געפירט ווערען אין דער פראַקטיק — די רעגירונגען און אויך די עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען דאגעגען — קען אָבער א גלח, אויב ער האָט נאָר חשק דערצו, צוליב דעם, פארשאַפען די אידען גאָר א סך פארדרוס און אונאַנגענעמליכקייטען.

אזוי איז, למשל, פאַראַנען א קירכען־געזעץ, וואָס איז שוין אלט א סך הונדערטער יאָרען, וואָס פארבאָט, אז קריסטען זאָלען פארנעמען שטעלעס ביי אידען אלס הויז־דינסטען (אלס אמען, צום זויגען קינדער — דאָס אודאי ניט).

ווען אידען האָבען אָנגעהויבען זיך צו באשעפטיגען מיט לאַנד־ווירטשאַפט און געוואָרען גרויסע פּאָסעסאָרס און געדאַרפט האָבען גאָר א סך פּאַראָבקעס און הויפס־שיקסעס, האָט אזא פארשימעלט קירכען־געזעץ, אין גאנצען פארלאָרען זיין וויכטיגקייט.

און אפילו ווען די פּויערים און שיקסעס וואָלטען שוין יאָ געוואָלט נאָכגעהן דעמדאָזיגען געזעץ — וואו וואָלטען זיי געפונען ארבייט און פרנסה, אויב ניט ביים אידישען פּאָסעסאָר?

פונדעסטוועגען, אויב עס האָט זיך אַמאָל א גלח פארגלוסט, האָט ער דאָס דאָזיגע געזעץ ארויסגענומען פון זיין אלטען און פארזשאַווערטען פוטער־פאַס און וועגען דעם געהאַלטען דרשות אין זיין קירך, און אפילו געסטראשעט, אויב מען וועט איהם ניט פאָלגען, וועט ער די זינדיגע ניט צולאָזען צום „ספּאָוויאַדען" (מתודה־זיין).

* * *

אין אונזער געגענד זיינען, צום גליק פון די אידישע פּאָסע־סאָרס, אַזעלכע גלחים ניט געווען. קיין גרויסע אידען־פריינדשאַפט האָט מען פון די גלחים טאַקע ניט געזעהן. אָבער קיין אויסגעשפּראָכענע שונאי־ישראל זיינען זיי אויך ניט געווען. זיי האָבען זיך פארהאַלטען פּאַסיוו, ניט צום גוטען און ניט צום שלעכטען...

איך בין אָבער איינמאָל באַקאַנט געוואָרען מיט א יונגען גלח און אונזער „פריינדשאַפט" האָט אָנגעהאַלטען א לענגערע צייט.

יעדעס גרויסע דאָרף, האָט זיין אייגענע קירך, א „פּאַראַפיאַ", צו וועלכער עס זיינען אָנגעשלאָסען עטליכע ארומיגע דערפער. געוועהנליך זיינען דאָרטען פאַראַנען צוויי גלחים: אן עלטערער, דער „פּראָבאָשטש", וועלכער וואוינט אויף דער „פּלעבאַניע" און האָט פאַר זיין געברויך א סך פעלדער און אויך א גרויסע ווירטשאַפט פון אייגענע בהמות. דער אינגערער גלח, זיינער אן ארויסהעלפער, איז דער „וויקאַרי". אַזאַ פאַרשוין איז, געוועהנלאך, ערשט ניט לאַנג ארוים פון דער גלחים־שולע און ער איז ביים „פּראָבאָשטש" אויף פּראַקטיק.

דער געהאַלט זיינער איז גאָר א קליינער. קאָסט און קוואַרטיר באַקומט ער ביי זיין שעף. ער האָט אָבער אויך עטליכע זייטיגע הכנסות, וואָס ברענגען איהם אַריין היבש געלד דורכ'ן יאָהר.

איינע פון דידאָזיגע הכנסות, איז דער „דזשיעשיאָנטיק". „מעשר". אז די תבואות זיינען שוין ארונטערגענומען פון די פעלדער, פאָרט דער „וויקאַרי" ארום אין אַלע דערפער פון זיין „פּאַראַפיאַ", ער באַזוכט אַלע פאַרמעגלאַכע פויערים און זיי דאַרפען געבען דעם גלח א צענטעל פון זייער תבואה.

דאָס איז אַמאָל געווען אן אלט קירכען־געזעץ, וואָס איז שוין לאַנג בטל געוואָרען. (די גלחים האָבען דערפאַר באַקומען פון די פוילישע פריצים זייערע „פּלעבאַניעס") אָבער דער מנהג איז נאָך אַלץ פאַר־בליבען. יעדער פויער איז דעם גלח מהנה פון זיין תבואה, מעהרערע בינטלאַך, לויט זיין פאַרמעגען און לויט ווי זיין פרומקייט טראָגט אויס...

דאָס גוט יאָזעפאָוו האָט געהערט צו דער וואָדאָוויצער פּאראפיא. דאָרטען איז פּונקט אָנגעקומען א נייער „וויקארי“ און באלד נאָך שניט־צייט, האָט ער אָנגעהויבען ארומצופאָרען איבער „זיינע“ דערפער.

איך בין איינמאָל געשטאַנען אויפ'ן הויף פון מיין גוט און האָב דערזעהן ווי עס פאָרט אריין א גרויסער לייטער־וואָגען און ביים בעל עגלה זיצט א יונגער גלח, אין א שווארצען, ברייטען קאפעליוש. איך בין צוגעגאנגען נאָהענט צום וואָגען. קוים האָט דער יונגער גלח מיך נאָר דערזעהן, האָט ער זיך אביסעל ווי פארשעהמט, און תיכף געהייסען דעם פויער אויסדרעהען די פערד און ארויספאָרען פונ'ם הויף. וואָרים, וואָס האָט ער דאָ צו טאָן ביי א איד?

אָבער איך בין באלד צו איהם צוגעגאנגען און איהם באגריסט:

— אויב דער „פּאַן וויקארי“ — האָב איך צו איהם געזאָגט — איז, אפילו דורך א צופאַל, געקומען אויף מיין הויף, דארף ער מיר דעם כבוד באווייזען און אריינגעהן אינעוויייניג.

ער האָט זיך ניט געלאָזט לאנג בעטען. ער איז אפשר נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבען ניט געוועזען ביי א איד אין הויז און מסתמא געוואָלט זעהען ווי דאָרטען זעהט אויס. ער איז ארונטער פונ'ם וואָגען און אריינגעגאנגען אין הויז.

מיר האָבען ווי דער מנהג איז, קודם כל, גענומען צוביסלאך בראָנפען מיט עפּעס איבערבייסען און גאנץ געמיטליך פארבראכט.

דערוויייל האָט מיין וויב געהייסען דעם פויער, אז ער זאָל צו־פאָרען צו איינער פון אונזערע סטאַדאָלעס און איהם געהייסען ארויס־געבען צעהן גרויסע בינטלאך ווייץ.

אז דער גוי איז צוריק פארפאָרען פאר די „פּאָקאָיעס“, און דער גלח האָט דערזעהען די בינטלאך תבואה, האָט ער אין אָנפאנג, ניט שטארק חשק געהאט זיי אָנצונעמען. ער ווייסט ניט — האָט ער זיך גע'ישוב'ט—אויב עס איז לויט'ן „קאָסטשעלני זאקאָן“ (קירכען־געזעץ) אָנצונעמען דעם „דזשעשאָנטיק“ פון א „ניעוויערני“ (פון א ניט־גלויביגען, דאָס הייסט, אַ איד).

איך האָב אָבער מיט איהם נאָך אביסעל איינגע'טענה'ט און ער האָט זיך געלאָזט צורעדען און די בינטלאך תבואה אָנגענומען.

זייט דעמאָלט זיינען מיר געוואָרען באקאנט. ער האָט מיך איינ־געלאדען איהם צו באזוכען ביי איהם אין הויז, אויף א גלעזעל טהעע און א פּארטי שאך.

איך בין ביי איהם געוועזען עטליכע מאָל און גאנץ גוט פארבראכט.

עטליכע חדשים שפּעטער, אז עס איז, אינ'ם מיטען ווינטער, גע־קומען די צייט פון די גרויסע קריסטליכע חגאות, ווען אלע קאַטאָליקען, גרוים און קליין, מוזען זיך „ספּאָוויאַדען" פאַר'ן גלח, איז דער יונגער וויקארי ארומגעפאָרען איבער די דערפער, כדי ביי די פּויערים צו באַקומען אייער, פּוטער, האָניג און שאר ירקות. אויך ביי מיר איז ער דעמאָלט געווען, ער האָט אבער געבעטען מיין ווייב, איהם גאר ניט צו געבען, ווייל ער איז דאָ ניט אהערגעקומען אלס גלח, נאָר אלס פריינד.

וועגען אמונה־זאכען, האָבען מיר קיינמאָל ניט גערעדט. ער האָט אָפט ליב געהאט צו רעדען וועגען די דייטשע קלאסיקער: שילער, געטהע, לעסינג און היינע און די אנדערע, וועמעס נעמען ער האָט געוואוסט, אָבער וועמענס ווערק ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. ווייל אין דער גלחים־שולע ווערען אזעלכע זאכען באַטראַכט פאַר אפּיקורסות. אָבער טאַקע דערפאַר, וואָלט ער זיי געוואָלט איצט לייענען.

איך האָב געהאט מעהרערע פון דידאָזיגע קלאסישע אויסגאבען (פון דער רעקלאם „אוניווערזאל ביבליאָטעק", צו צוועלף גראַצער א שטיק און שוין דורכגעלעזענע צו פינף־זעקס גראַצער). איך האָב איהם געגעבען, בתורת מתנה, עטליכע פון זיי און דערצו אויך געליען א פּויליש־דייטש ווערטערבוך און ער האָט זיך איבער דידאָזיגע קלאסי־קער, נעבאך, גאָר שטאַרק געמוטשעט. וואָרים קיין גרויסער קענער אין דייטש איז ער אויך ניט געווען.

אונזער „פריינדשאַפט" איז איבערגעריסען געוואָרען דורך א טאַקטלאָזיגקייט פון זיין זייט.

איינמאָל, ווען איך בין מיט איהם געזעסען אין זיין הויז און געשפּילט א פּארטי שאַך, און געטרונקען טהעע, האָט ער מיך פּלוצים א פרעג געטאָן, אויב איך בין שוין אמאָל געווען אינעווייניג אין א קאַטוילישען „קאָסטשיאָל"? און אז איך האָב איהם געענטפערט אז ניין, איז ער געוואָרען שטאַרק באַגייסטערט און אָנגעהויבען פאַר מיר צו שילדערען די שעהנקייט פון דער קאַטוילישער קירך און די פּראַכט וואָס געפינט זיך דאָרטען. זיי זיינען ניט אזוי טרוקען און איינפאַך ווי די אידישע שוהלען.

ער האָט מיר פאָרגעשלאָגען, שוין טאַקע איצט, מיט איהם צו געהן אין דער נאָהענטער קירך. ער וועט מיר ווייזען און דער־קלערען וואָס דאָרטען געפינט זיך.

און אז איך האָב איהם מרחה געווען און געזאָגט, אז היינט האָב איך דערצו גאָר קיין צייט, האָט ער פאַר מיר באַלד א נאָך פיל בעסערען פּלאַן:

יעדען זונטאג פארנאכט האלט ער זיין „קאזאניע" (דרשה), זאָל איך דעמאָלט קומען איהם הערען רעדען און אין איין וועגס וועט ער מיר שוין ווייזען די גאנצע קירך.

איך האָב זיך מיט איהם, שוין מיט האלבע ווערטער, געזעגענט. אָבער מעהר האָבען מיר זיך שוין ניט געזעהען. איך בין צו איהם מעהר ניט געפאָרען און ער צו מיר אויך ניט.

איך האָב פארשטאנען, אז עס איז שוין געקומען די העכסטע צייט, אז אונזער „פריינדשאפט" זאָל איבערגעריסען ווערען. מעהר האָט מיר ניט געפעלט, אז עס זאָל באוואוסט ווערען, אז איך חבר זיך מיט א גלח און אז איך קום צו איהם אין „קאָסטשיאָל"!...

* * *

דעם פּראָבאָשטש פון דער וואָראָוויצער פאראפיא, דעם פאָרגעזעצ־טען פון „מיין" וויקארי, האָב איך קיינמאָל ניט געקענט און מיט איהם קיינמאָל קיין שום מגע ומשא ניט געהאט, ביז איך האָב איהם איינמאָל געבראכט א מתנה — זעקס גרויסע, לעבעדיגע, קארפּען.

און די געלעגענהייט דערצו איז געווען אזא:

די פיר מיליאָן גאליצישע פּאָליאקען, וואָס זיינען אָנהייגער פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע, האָבען איבער זיך א צעהן בישאָפען. דאָס הייסט, אז יעדער בישאָף איז דער שאלטער און וואלטער איבער אן ערך פון א האלבען מיליאָן נפשות און דארונטער אויך א גאָר גרויסער צאָל גלחים און קירכען.

אין יענער צייט איז קיין טאָרנע (די בישאָפס־זיץ) אָנגעקומען א נייער בישאָף, לאָבוס האָט ער געהייסען. ער איז, דוכט זיך, פריער געווען בישאָף אין פּרעמיסלאָ). ער האָט געהאט א נאָמען פאר א ליבעראלען מענש און א שטיקעל אוהב ישראל, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט דערלויבען צו זיינע גלחים אָפּ'שמד'ן אידישע מינדער־יעהריגע מיידלאך, אָהן דער דערלויבעניש פון זייערע עלטערען — ווי דאָס פּלעגט פּאָרקומען אין אנדערע טיילען פון גאליציע.

עס איז אן אלטער מנהג, אז ווען א בישאָף נעמט איבער א נייעם אַמט, פּאָרט ער, פאר א היבשער צייט, ארום איבער אלע שטעדט, שטעדטלאך, און וויכטיגע דערפער, פון זיין בישאָפטום, כדי זיך צו באַקענען „מיט לאנד און לייט".

אז דער בישאָף לאָבוס איז אָנגעקומען קיין טאָרנע, האָט ער אויך דאָסזעלבע געטאָן: געמאכט א רייזע איבער דער גאנצער געגענד.

קיין ראדאָמישלא איז ער אָנגעקומען פונקט ערב ראש השנה (אָדער אפשר איז עס גאָר געווען אום ערב יום כפור).

די שטאָדט איז געווען פול מיט טויזענדער מענשען, וואָס זיינען, לכבוד איהם געקומען מיט זייערע צלמים און בילדער פון אלע ארומיגע דערפער.

ביים אריינפאָר צום שטאַטישען מארק איז געווען געמאכט א „בראמא”, אן עהרען־טויער, נעבען וועלכען ס'זיינען געשטאנען אלע בעאמטע און אנשים חשובים פון שטאָדט. צווישען זיי אויך די אידישע ראשי הקהל און געהויבענע בעלי בתים.

די באגריסונג צו אלעמען איז געווען א פריינדליכע, אבער א זעהר קורצע. דער בישאָף איז באלד פארפאָרען צום שטאָדטישען גלח, וועמעס גאסט ער איז געווען דורך דער גאנצער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער געגענד.

עטליכע טעג שפּעטער, זיינען די אידישע ראשי הקהל איהם גע־גאנגען מקבל פּנים זיין. זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אינ'ם הויז פון מיין עלטער־שוועהר ר' יודעל שטיגליץ, און ווייל איך בין פונקט דעמאָלט געווען ביי איהם אין הויז, בין איך אויך מיטגעגאנגען.

די אויפנאַמע איז געווען א זעהר פריינדליכע. מען האָט אונז אלעמען געהייסען זעצען און דער בישאָף האָט זיך אוועקגעזעצט צווי־שען אונז און פארפירט א שמועס.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, וויפיל אידען עס געפינען זיך אין שטאָדט, וואָס עס זיינען זייערע באַשעפטיגונגען, און וועגען זייער אל־געמיינעם מצב פרנסה.

ער האָט אויך געפרעגט צי מיר האָבען א „דוכאָווני” ? (א גייסט־ליכען, א רב), און אז מען האָט איהם געזאָגט אז יאָ, נאָר אז דער רב איז איצט קראנק און ליגט צו בעט, האָט ער איהם באדויערט און געוואונשען א רפואה שלימה.

איך האָב דעמאָלט געהאט די בעסטע געלעגענהייט צו באמערקען, ווי די הויכע גלחים זיינען, אין מאנכע פּרטים, עהנליך צו אונזערע רבנים, און חסידישע רביים.

דער בישאָף איז געווען א הויכער און פעסט געבויטער מאן, פון א יאָהר עטליכע פופציג, מיט א גלאַט־ראַזירטען פּנים. אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען א זיידענע יארמולקע און זיין ברייטער גוף איז געווען איינגעהילט אין א שווארץ־זיידענער לאנגער בעקעשע. ער האָט געדרייכערט א לאנגע־לולקע־ציבוך, מיט א גרויסען מונד־שטיק, וואָס ער האָט כסדר געהאַלטען אין מויל. פון א קעשענע פון זיין זיידענער בע־קעשע, האָט ארויסגעשטעקט א רויטע פאטשיילע און אויפ'ן טיש איז געלעגען א גרויסער און דיקער זילבערנער זייגער (וועלכען מען פלעגט

רופען „ציבעלע זייגער"), פונקט אזעלכע האָב איך געזעהען ביי מאנכע חסידישע רביים...

אין האַנד האָט ער געהאַלטען א היבש גרויסע זילבערנע טאבאַק־פּושקע, פון וועלכער ער האָט אָפט גענומען אביסעל צווישען די פינגער און צוגעפירט צום נאָז.

ער האָט גאָר אָפט געגעבען א הויב־אויף די אויגען צום הימעל, אָדער געגעבען א לייכטען זיפץ — „על גלות השכינה"...

ווען מען וואָלט איהם ניט געווען געהערט רעדען פּויליש, און ניט געזעהען זיין גלאַט־ראזירט פּנים — וואָלט מען, זיכער געווען געמיינט, אז מען האָט דאָ פאר זיך א רב, אָדער גאָר א חסידישען רבי'ן...

* * *

מיט אן אכט טעג שפּעטער, האָב איך באַקומען א בריוועל, דורך א שליח מיוחד, פון מיין „פריינד" — אונזער „פריינדשאפט" איז נאָך דעמאָלט ניט געווען איבערגעריסען — דעם וואָדאָוויצער וויקארי, אין וועלכען ער פאַרלאַנגט פאָלגענדע קליינע בקשה:

זיין „פּראָבאָשטש" האָט איצט די עהרע צו האָבען ביי זיך אלס גאַסט דעם בישאָף פון טאַרנע און ער מאַכט פאר איהם מאָרגען א גרויסע סעודה פאר געלאַדענע געסט, איז אפשר וואָלט איך געוואָלט אזוי גוט זיין און דידאָזיגע סעודה באַשיינען מיט אביסעל פיש?...

ביי אונז אין יאָזעפאָוו איז שטענדיג געווען די „סטאָליצע" פון פיש. אחוץ די צוויי פליסענדע וואסערען, דער גרעסערער „ברען" און די פיל קלענערע „ריבניצע", וועלכע האָבען דורכגעשניטען אלע פעלדער און וואו מיר פלעגען כאַפּען זעהר פיל פיש, האָב איך אויך גהאַט אן אייגענעם טייך, אין וועלכען איך האָב שטענדיג געהאַט א סך גרויסע קאַרפּען.

איך בין געווען דער איינציגער פּאָסעסאָר אין דער געגענד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ טייך מיט פיש. איך האָב באַלד געהייסען צוויי פון מיינע פאַראָבקעס, אז זיי זאָלען אריין אין טייך און ארויסנעמען זעקס פון די גרעסטע קאַרפּען.

איך האָב זיך שוין געהאַט אויסגעלערענט פון מיין שווער—און אויך פון מיין ווייב — אז אויב מען טוט עפּעס, זאָל מען זיך שטעלען ברייט...

די זעקס לעבעדיגע קאַרפּען האָבען זיכער געוואויגען צו אכט פונט א שטיק, דאָס הייסט, אלע צוזאמען, א קנאַפּע פופציג פונט. מען האָט אויף א וואָגען ארויפגעשטעלט א פעסעל וואסער און מען האָט דאָרט אריינגעוואָרפען די לעבעדיגע פיש.

דער וועג פון יאָזעפאָוו ביז צו דער וואָדאָוויצער פּאַראַפיע, איז ניט קיין ווייטער, אינגאַנצען א דריי פערטעל מייל און איך מיט'ן פאַראָבאָק און דעם שליח מיוחד פון בריוועל, זיינען אהין באַלד אָנגעקומען.

די פרייד פון דעם יונגען וויקאָרי, ווען ער האָט מיך דערזעהען מיט'ן פעסעל פיש, איז גאָר ניט צום באַשרייבען. ער איז גלייך אַריינגעלאָפען און דעם פּראָבאָשטש דערצעהלט די בשורה טובה.

דערווייל האָבען עטליכע גוים אַרונטערגענומען דאָס פעסעל פונ'ם וואָגען און עס אַריינגעטראָגען אין קיך. דער פּראָבאָשטש — ווען ער האָט נאָר דערזעהען די גרויסע פיש, וואָס האָבען זיך געוואָרפען ווי די קעלבער, איז ער תיכף צוריק אַריין אין די צימערען און איז צוריקגעקומען מיט'ן בישאָף.

ער האָט איהם, מיט גרוים נחת, געוויזען די לעבעדיגע פיש, וואָס דער פּאַן דזשערדזאָווצא (הערר פּאַכטער, פּאַסעסאָר) האָט געבראַכט.

אין א קליינער סעקונדע, איז מיר קלאָר געוואָרען, אז ניט בלויז אידישע תלמידי חכמים פאַרמאָגען א טביעת עין, נאָר אז עס האָבען דאָס אויך מאַנכע פון די חכמי אומות העולם...

קוים האָט דער בישאָף אויף מיר נאָר א קוק געטאָן, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— אויב איך האָב ניט א טעות, האָב איך אייך (ער האָט צו מיר גערעדט בלשון פּאַן) שוין לעצטע וואָך געזעהען אין דער ראַדאָמישלאָ'ר פּלעבאַניע?

(אין ראַדאָמישלאָ האָט ער מיך געזעהען אין א לאַנגער בעקעשע און דאָ אין א קורצען רעקעל...)

— יאָ, האָב איך צוריק געענטפערט מיט א טיפער פאַרנויגונג, איך האָב שוין געהאַט די גרויסע עהרע „אייער עמינענץ" צו באַגריסען. איך בין דאָרטען געוועזען מיט מיין „טעשטש" (שוויגער פאָטער).

ער האָט איצט געגעבען א לייכטען נויג מיט'ן קאָפּ און איז צוריק אַריין אין די צימערן.

זייט דעמאָלט זיינען שוין אוועק עטליכע פערציג יאָהר. אבער יעדעס מאָל, ווען דידאָזיגע פּאַסירונגען קומען מיר אויפ'ן זכרון, מוז איך זיך אָבער אויך דערמאָנען וועגען דער פראַגע פונ'ם וויקאָרי, וואָס ער האָט מיך געפרעגט עטליכע וואָכען שפּעטער, אויב איך בין שוין אַמאָל געוועזען אין אַ קירך און צי איך וואָלט געקומען הערען זיין דרשה...

ווער ווייסט, אויב עס איז ניט געווען עפּעס א „סמיכת הפּרשיות" צווישען דעם יונגען וויקארי'ס פראגע און דעם אלטען בישאָף?

אפשר האָט מען וועגען מיר עפּעס דאָרטען געשמועסט, אז עס וואָלט געווען א יושר גדול, אזא שעהנע נשמה ווי מיינע מכנים צו זיין „תחת כנפי השכינה"?

* * *

דעם ראַדאָמישלאַ'ר גלח האָב איך אפילו רעכט ניט געקענט און — פּונקט ווי די אַנדערע אידען פון שטאָדט — האָב איך מיט איהם גאָר קיין מגע ומשא ניט געהאט, ניט צום גוטען און ניט צום שלעכ־טען.

אָבער איינמאָל בין איך געווען דערביי, ווי דער דאָזיגער גלח — א קליין, דאַר, אָבער לעבעדיג־זשוואווע מענשעל — איז באַגאַנגען א נאַרישקייט און דערפאר געכאפּט א מאָראלישע מפּלה און טאקע פון מיין שווער, און איך און די אַנדערע אידען האָבען דערפון גרויס הנאה געהאט...

דער ראַדאָמישלער שטאָדט־מארק איז פון דריי זייטען פארבויט מיט אידישע הייזער. די פערטע, פיל קירצערע, זייט, פארנעמט דעם גלח'ס פּלעבאַניע, וואָס איז פארשטעלט מיט קשאקעס און בוימער.

דאָרט, נעבען דער פּלעבאַניע, זיינען אויך געווען עטליכע הייזער און צווישען זיי אויך א קליין הויז פון מיין שווער. ער האָט דאָרטען, ארום'ן הויז געהאט נאָך עטליכע געביידעס: א שטאַל, א סטאָדאָלע און נאָך עפּעס א קליינעם בנין און דערצו אויך עטליכע אַקער פעלד — א גאַנצע ווירטשאפט, אינ'ם קליינעם פאָרמאט.

איין מאָל, אין א זומער־נאָכמיטאג, אין א זונטאג, איז געקומען דער „יונג" פון זגורסק (מען האָט דאָרטען שטענדיג געהאט אויסער א ווירטשאפטער אויך א אידישען ארויסהעלפער, א יונג) מיט א וואָגען, כדי פונ'ם שווער'ס שטאָדטישען הויז אריבערצופירען א צעהן־צוועלף ברעטער קיין זגורסק.

אין שטאָדט איז פּונקט דעמאָלט געווען מיין שווער'ס קאָוואַל, א יונגער שייגעץ. און ווען ער האָט דערזעהען דעם יונג מיט'ן וואָגען, איז ער צו איהם צוגעגאַנגען, כדי מיט איהם צוזאמען אהיימצופאָרען און אין איין וועגס האָט ער איהם אויך געהאָלפען ארויפלייגען די עטליכע ברעטער.

דאָס אלעס האָט דער „יעגאָמאָשטש", דער פּאַן פּראָבאָשטש, גע־זעהען דורך זיין פענסטער. אין איהם האָט זיך שטארק אָנגעצונדען זיין פרומקייט: סטייטש, אזא חילול זונטאג! איז נאָך ווייניג, וואָס

די אידען ארבייטען אזוי שווער מיט די גוים א גאנצע וואָך, מוזען זיי אויך, נעבאך, טאָן אזעלכע עבודת הפרך, אינ׳ם הייליגען זונטאג? ניין! ער טאָר דאָס, בשום אופן, ניט פארשווייגען!

ער האָט אויף גיך, שטילערהייט, אימעצען געשיקט אין דער גמינע, נאָך א פּאָליציאנט. (סך הכל זיינען געווען צוויי פּאָליציי אין שטאָדט. איינער פון זיי א לאָמער) ער האָט דעם פּאָליציאנט געהייסען אז ער זאָל אלעמען: דעם יונג, דעם קאָוואל און אפילו אויך די פערד מיט׳ן וואָגען, ארעסטירען און אָפּפירען אין גמינע.

א שעהנער, ווארימער, נאָכמיטאג איז דעמאָלט געווען. האלב שטעדטעל איז געווען אין מארק. אז מען האָט דערזעהען ווי דער פּאָליציי פירט דעם קאָוואל און דער יונג פאָרט נאָך מיט א וואָגען ברעטער און דער גלח, אין זיינע זונטאגדיגע מלבושים, געהט זיי נאָך, א בייזער און אן אויפגערעגטער — איז דער מארק באלד געוואָרען שווארץ פון מענשען, אידען אזוי גוט ווי פּויערים, וואָס זיינען נאָך דעם קירכען־באזוך געבליבען אין שטאָדט.

מיין שווער, איך און נאָך עטליכע מענשען זיינען געזעסען ביים עלטער־שווער אין הויז, אין א שטוב, וואו די פענסטער זיינען געווען אין הויף ארויס און מיר האָבען דערפאר ניט געקענט וויסען וואָס אין מארק טוט זיך.

אָבער א איינגעל איז אריינגעלאָפען און א הויכען געשריי געטאָן:

— מ׳האָט מרדכי דוד׳ס קאָוואל און דעם יונג ארעסטירט!

מיר זיינען אלע תיכף ארויסגעלאָפען פון הויז און זיך געלאָזט אין דער ניט־ווייטער גמינע.

מיר האָבען זיך קוים דורכגעשטופּט דורך דער גרויסער מאסע מענשען. אָבער מיר זיינען פּונקט אָנגעקומען, ווען דער גלח האָט פאָר־געלייגט זיינע טענות פאר׳ן געמיינדע סעקרעטער. אין בייזע און היציגע ווערטער האָט דער גלח פארלאנגט, אז דער סעקרעטער זאָל פארהאלטען דעם קאָוואל, דעם יונג אויך די פערד־און־וואָגען, ביז מאָרגען, ווען ער וועט פאר׳ן געריכט פארלעגען זיין קלאגע וועגען דעם גרויסען פארברעכען פון חילול־זונטאג...

קוים איז דער גלח פארטיג געוואָרען מיט זיין פאָדערונג, האָט שוין מיין שווער — אויך אויפגערעגט און ווייס ווי די וואנט — אָנגעהויבען צו רעדען.

די פערד און וואָגען — האָט ער געזאָגט — זיינען זיינע; די מענשען, וועמען דער פאַן פּראָבאָשטש וויל דוקא איינזעצען, זיינען זיינע אָנגעשטעלטע. ער איז דאָ ניט קיין פרעמדער, נאָר א הויז־

באַזיצער אין שטאָדט און א גוטס־פּעכטער אין דער געגענד. אויב דער פאַן פּראָבאָשטש וויל זיי דוקא פארקלאָגען, קען ער דאָס טאָן מאָרגען און ער גאַראַנטירט, אז ביידע באשולדיגטע וועלען זיך זיכער שטעלען צום טערמין, ווען מען וועט זיי נאָר רופען.

דער גלח האָט ווידער גערעדט און באַשטאַנען אויף זיינע פאָדערונ־גען. דער שווער האָט נאָך אמאָל געענטפערט, ביז דער סעקרעטער האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג:

— אז ער האָט ניט קיין רעכט די צוויי אָנגעקלאָגטע צו פארהאַלטען, ווייל אזא „האָנאָראָווי אָביעוואַטעל" (ערענהאַפטער בירגער), ווי פאַן שטיגליץ, גאַראַנטירט פאר זיי.

דער גלח איז אהיים געגאַנגען אַ ברוגז'ער. אָבער מעהר האָט מען פון איהם וועגען דעם ניט געהערט. ער האָט, מסתמא, אליין איינ־געזעהען די נאַרישקייט און אויסזיכטלאָזיגקייט פון זיין איבעראייל־טען שריט.

* * *

און נאָך א שטיקעל באַקאַנטשאַפט האָב איך געהאַט מיט א גלח. אָבער דער איז אייגענטליך נאָך ניט געווען א גאַנצער גלח, נאָר אין לעצטען קלאַס פון דער גלחים־שולע.

דער „אָגלאַנדראַטש בידלאַ" (בהמות־אָנקוקער) און פירער פונ'ם „קאַטאַסטאַר", אינ'ם דאָרף יאָזעפּאָוו, איז געווען אַ פויער, מיט'ן נאָמען יאַן קאָרזשען. ער האָט זיך שוין געהאַלטען פאר א שטיקעל בעאַמטען — ער האָט אויך געקענט שרייבען און לעזען — און אָפט געהאַט צו טאָן מיט די זשאַנדאַרען און אפילו אויך אין דער מעליצער סטאַראָסטווע.

מאַנכע האָבען איהם שוין דערפאַר גערופען מיט'ן נאָמען „פּאַניע יאַניע"; פאַן קאָרזשען, האָט איהם נאָך קיינער ניט גערופען. אַזוי ווייט האָט עס מיט איהם נאָך ניט געהאַלטען. (דער פאַן, אַזוי איז געווען דער מנהג, האָט געגאָלטען איהם פּערזענליך, אָבער ניט צו זיין פאַמיליע).

ער איז געווען א פאַרמעגליכער פויער און געהאַט בלויז איין איינ־ציגען זון, וועמען ער האָט דוקא געוואָלט מאַכען פאר א גלח. ווען איך בין געווען אין יאָזעפּאָוו, האָט דער שייגעץ געלערנט אין א גלחים־שולע, ערגעץ הינטער לעמבערג.

זומער ווען ער פלעגט אהיים קומען אויף וואַקאַציע, פלעגט דער פאָטער זיך מיט איהם ארומפירען און איהם ווייזען פאר לייט. און ווייל איך מיט'ן פאָטער זיינען געווען גוטע פריינד און ער האָט מיך

געהאַלטען פאר אן „אוטשאָני” (א געלערנטען), האָט ער מיר געבראכט זיין זון און איהם פאר מיר פאָרגעשטעלט.

דערדאָזיגער חצי־גלח, איז געווען א דאַרער, הויך־געוואקסענער שייגעץ מיט׳ן נאָמען סטעפאַן — איהם האָט מען שוין גערופען פאַן קאָרזשען — ער האָט נאָך געהאט בלויז איין יאָהר צו לערנען אין דער שולע און דאן האָט ער געזאָלט ווערען א וויקארי.

אָבער א שוטה איז דערדאָזיגער שייגעץ געווען א גאָר גרויסער!

קוים האָט זיין פאָטער איהם פאר מיר פאָרגעשטעלט, האָט ער מיר שוין אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אז ער האָט ליב אַלע מענשען פונ׳ם „סטארי זאקאָן” (אַלטען געזעץ), דאָס הייסט, אידען.

זיין ליבשאפט צו זיי איז אזוי גרויס, אז ער וואָלט שטארק גע־וואָלט, אז זיי זאָלען ווערען „וויערני” (גלויביגע, קריסטען).

ער האָפט צו גאָט — ער האָט שוין אויך נאָר גערעדט מיט גאָט — אז ער וועט נאָך אמאָל ווערען א גרויסער גלח, און דעמאָלט וועט ער אוועקגעבען זיין גאנצע צייט און ארבייט, צום הייליגען צוועק, אז די אידען זאָלען דערזעהען דעם אמת און זיך פאראייניגען מיט די „וויערני” (גלויביגע).

ער האָפט, אז די רעגירונג און אויך דער „סוויענטי איצעץ” (דער הייליגער פאָטער, דער פאפסט) וועלען איהם אין דעם זיכער העלפען...

נאָך א צוויי־דריי מאָל, אינ׳ם זעלבען זומער, האָט מיך דערדאָזיגער האַלב־געבאַקענער גלח באזוכט. וועגען עפּעס אנדערש האָט ער ניט געהאט וואָס צו רעדען און האָט כסדר געהאַלטען אין איין איבער־חזר׳ן וועגען זיין ליבשאפט צו די אידען...

אין די שפּעטערע יאָהרען האָב איך איהם שוין מעהר ניט גע־זעהן. ער האָט מסתמא באקומען עפּעס א שטעלע אַלס א וויקאַרי. אָדער אפשר איז ער אינגאנצען קליגער געוואָרען און געוואָרפען דאָס גלחות. סאי ווי האָב איך פון איהם שוין ניט געהערט און נאָך איהם אויך ניט אזוי שטארק געבענקט...

## 42 — די „חתונה"

יונג זיינען מיר געווען און געלעבט אין „וואווילטאָג" און גאָר קיין שום דאגות ניט געהאַט, האָבען מיר דערפאַר איינמאָל אָפּגעטאָן אַזאַ מיאוס שטיקעל ארבייט, אז נאָך היינט, נאָך אזוי פיל צעהנדליגער יאָהרען, פלאַמט מיר נאָך איצט דאָס פּנים פאַר בושה.

עס איז אפילו אביסעל א צו־לאַנגע מעשה, אבער דערפאר א זעהר אינטערעסאַנטע.

ניט ווייט פון מיין פּאָסעסיע יאָזעפאָוו, וואו איך האָב שוין גע־וואוינט א צוויי יאָהר, האָט זיך געפונען א פּאָסעסיע בודזין, פון מיין ווייב'ס א פעטער, שמעון סאנדהויז.

ער איז געווען דער איידעלסטער און דער מעהר־געלערנסטער פון דער גאַנצער משפּחה. ער איז געווען א געבאָרענער פון ראָפּשיץ. א שטיקעל יודע ספר, געקענט גאַנץ שעהן דאַוונען פאַר'ן עמוד, און אויך אָנשרייבען א גאַנץ נישקשה'דיג לשון־קודש בריוועל. אמאָל פלעגט ער אויך אדיינקוקען אין א לייכטען ספר'ל.

ער איז, כל ימיו, געווען דער גרעסטער אָרימאַן אין דער גאַנצער משפּחה. אלע האָבען איהם שטענדיג געהאַלטען אין איין שטיצען און ארויסהעלפען, מיט מזומן געלד און א סך שוה־כסף. דאָס האָט אָבער ניט פיל געהאָלפען. ערשטענס, האָט ער געהאַט א ניט־גרויסע פּאָסעסיע, וואָס האָט איהם געגעבען קנאַפּ פּרנסה, ועל כולם, איז ער געווען א מטופל מיט צעהן קינדער (אלע פון דער קיעלקאווער משפּחה האָבען געהאַט א סך קינדער) און דערפאַר איז ער שטענדיג געווען א גרויסער באַדאַרפער און כמעט תמיד זיך געפונען אין געלד־פאַרלעגענהייט, פון וועלכער דער אָדער יענער שוואָגער האָט איהם געמוזט ארויסראַטעווען.

אָבער ניט־קוקענדיג אויף דעם אלעם, איז דער דאָזיגער פעטער שמעון, שטענדיג געווען אַ פרעהליכער און לוסטיגער איד — ביז גאָר. איך האָב איהם כמעט קיינמאָל ניט געזעהן פאַרטרויערט אָדער פאַר־זאָרגט. ער האָט געמעגט האָבען די גרעסטע דאגות, האָט מען דאָס אויף איהם ניט אָנגעזעהען. ער האָט שטענדיג געהאַט א פריינדליכען שמייכעל אויף זיין פּנים און געהאַלטען אין איין זאָגען וויצען.

— שמעון איז א פּרעהליכער לונג־און־לעבער, און ער לאָזט זיך קיינמאָל ניט צו קיינע דאגות! אזוי פלעגט שטענדיג וועגען איהם רעדען די משפּחה, און טאַקע ניט געקענט פארשטעהן, ווי אזוי אזא מענש ווי ער, לאָזט זיך גאָר קיין שום זאָרג ניט צו און איז שטענדיג לעבעדיג און לוסטיג...

אזוי ווי ער איז געווען א מטופל מיט א צעהן קינדער, איינס קלענער פון'ם אנדערען, האָט ער צו זיי געהאַלטען א מלמד (איינמאָל אויך א באזונדערען בעלפער צו די גאָר קליינע און, אזא בעלפער פלעגט אויך ארויסהעלפען אין דער ווירטשאַפט).

אזעלכע דאָרפס־מלמדים זיינען געוועהנליך קיינע גרויסע תלמידי חכמים און האָבען אויך ניט ליב זיך לאַנג צו האַלטען אויף איין אָרט: אָפּגעלערענט א זמן, אָדער העכסטענס צוויי, און דערנאָך זיך ווייטער געזוכט אַן אנדערען בעל הבית.

* * *

איינמאָל, פאַר'ן ווינטער־זמן, האָט שמעון סאנדהויז געהאַט א מלמד, א אידען מיט'ן נאָמען ר' סיני. דאָס איז געווען א פעסט־געבויטער און שטאַרק־באוואַקסענער איד, פון א קנאַפּע זעכציג יאָהר.

ער האָט אפילו אויסגעזעהן צו זיין א גאַנץ איידעלער איד און ער פלעגט אויך דאוונען פאַר'ן עמוד. אָבער קיינע גרויסע מחזקות האָב איך מיט איהם קיינמאָל ניט געמאַכט. ווען איך פלעג יעדען שבת אין דער פריה קומען צום מנין, און גערעדט מיט'ן פעטער שמעון און מיט דער מומע חיה און די אנדערע אידען, האָב איך אויך מיט'ן מלמד, ר' סיני גערעדט.

איינמאָל, ביים דאַוונען — עס איז געווען א וואָך נאָך פּורים — האָט מיר דער מלמד געזאָגט, אז ער האָט בדעה, היינט פארנאַכט צו מיר צו קומען קיין יאַזעפאָוו, מיט דריי פון זיינע עלטערע תלמידים, כדי איך זאָל זיי פאַרהערען א שטיקעל גמרא און חומש מיט רש"י.

איך האָב דערצו צוגעשטימט. און דער מלמד מיט די תלמידים זיינען טאַקע געקומען. איך האָב זיי פאַרהערט און מיין ווייב האָב אלעמען מכבד געווען מיט שבת־אויבס.

אין יענער צייט איז ביי מיר אין הויף געווען אלס א קעכין א זעהר פיין און אינטעליגענט אידיש מיידעל, מיט'ן נאָמען מרעסע, פון דעם ניט־ווייטען שטעדטעל שצוצין.

זי איז געווען א יתומה, אָהן א פאָטער. איהר מוטער, אַן אָרימע, אָבער ליטישע, אידענע, האָט זי ניט געוואָלט לאָזען געהן דינען אין

ערגעץ, אחוץ צו מיין ווייב, וועמעס משפחה האָט געהאט א זעהר גוטען נאָמען אין דער גאַנצער געגענד.

דאָס מיידעל איז געווען אַ זעהר שעהנס, אַ הויך־געוואַקסענס און א גרויסע בריה דערצו. מיין ווייב האָט פון איהר שטארק געהאַלטען.

אז דער מלמד מיט זיינע תלמידים זיינען ביי מיר געווען, איז דאָס מיידעל, מרעסע, עטליכע מאָל אריינגעקומען אין שטוב, עפּעס ארויפ־געשטעלט, אָדער ארונטערגענומען, פון טיש.

ווען דער אַלטער ר' סיני האָט זי נאָר דערזעהן, איז ער צו איהר פשוט צוגעצויגען געוואָרען. ער האָט שוין ניט געוואַרט, אז זי זאָל צו'ן אונז אריינקומען, נאָר ער איז עטליכע מאָל אפיר פונ'ם טיש און זיך געדרעהט אין קיך, כדי זי צו קענען מעהר זעהן.

ביי מיר האָט דעמאָלט געוואוינט, צוזאַמען מיט זיין ווייב, א יונגערמאַן, א „מילכיקער". ער פלעגט נעמען די גאַנצע מילך פון די פופציג־זעכציג קיה. פון דער מילך געמאַכט פּוטער און קעז און גע־פירט קיין ראַדאָמישלא, אָדער טאָרנע, שצוצין, צום פאַרקויפען.

דער מילכיגער האָט געוואוינט אין א באַזונדערען הייזעל, טאַקע אויפ'ן הויף, און ער איז געווען א גאַנצער יוצא ונכנס ביי אונז אין שטוב.

אז חיים־לייזער (חארמוזין, פלעגען איהם די גוים רופען) האָט געזעהן דעם מלמד מיט די קינדער, איז ער באַלד אריינגעקומען און אויך אָנטייל גענומען אין אונזערע שמועסען.

דערדאָזיגער חיים־לייזער איז געווען א דורכגעטריבענער יונג און אַ שטיקעל לץ דערצו. אז ער האָט דערזעהן ווי דער אַלטער האַלט זיך אין איין דרעהען אין קיך, און ער עסט די מויד פשוט אויף מיט די אויגען, איז איהם באַלד איינגעפאַלען א געדאַנק — זיי ביידען צו פאַר'קנס'ן און אָפּצושפּילען אַ חתונה...

ער האָט מיך און מיין ווייב אוועקגערופען אָן א זייט און דער־צעהלט, ווי שטאַרק דער מלמד ברענט נאָך דער מויד, און אז ער וועט איהם דאָ אָפּשפּילען אַזאַ חתונה, אז מען וועט זיך האַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער . . .

ווען מיר האָבען דערצו מסכים געווען, האָט זיך חיים־לייזער תיכף גענומען צו דער ארבייט. ער האָט באַלד איבערגערעדט מיט'ן מיידעל, אז זי זאָל שפּילען די ראָלע פון א כלה און איינוויליגען צו טאָן אלץ, וואָס ער וועט איהר הייסען.

זי האָט צוגעשטימט און צוגעזאָגט צו שפּילען עהרליך און געטריי די ראָלע פון ר' סיני'ס כלה.

איצט האָט ער אָנגעהויבען איינצו'טענה'ען מיט'ן אַלטען מלמד — היתכן, ווי קומט עס, אַזאַ איד ווי ער, אַ תּלמיד חכם און איש מכובד, זאָל זיצען אָהן אַ ווייב? (ר' סיני האָט זיך אויסגעגעבען אַלס אַלמן), דאָס איז דאָך אַ זאַך, וואָס איז געגען דעם דין פון דער תורה הקדושה...

אַז ר' סיני האָט איהם געענטפערט, אַז מצדו וואָלט ניט געווען קיין מניעה חתונה צו האָבען און אַז ער פאַרמאָגט, ברוך השם, עטליכע הונדערט גולדען אויך, נאָר עס טרעפט זיך איהם ניט קיין שידוך, לפי כבודו, האָט איהם חיים־לייזער אַוועקגענומען אָן אַ זייט — אַז די תלמידים, שוין פופצעהן־יעהריגע אינגלאַך, זאָלען ניט הערען — און איהם דערצעהלט, אַז ער האָט פאַר איהם אַ שידוך, אַזוינס און אַזאַ'ס; און עס איז זיכער נאָר מן השמים, וואָס ער, ר' סיני, איז פונקט דאָ היינט אהערגעקומען אין דעם הויז, וואו די כלה געפינט זיך...

חיים־לייזער האָט איהנ געזאָגט, אַז ער האָט שוין מיט מרעסע'ן וועגען דעם גערעדט, און זי איז מרוצה צום שידוך, ווייל זי שטאַמט פון אַן איידעלער משפחה, וויל זי דוקא חתונה האָבען מיט אַ אידען, אַ תּלמיד חכם, מעג ער זיין אַביסעל עלטער פון איהר.

אַז איך האָב געזעהן ווי ביידע שטעהען און שמועסען צווישען זיך, בין איך אויך צוגעגאַנגען. חיים־לייזער האָט מיר געזאָגט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און מיר איז דער שידוך אויך איינגעגאַנגען... איך האָב דעם חתן מבטיח געווען, אַז דאָס מיידעל האָט ביי מיר ק"ן (הונדערט און פופציג) גולדען, וואָס זי האָט שוין אָנגעזאַמעלט אויף נדן.

מיט ר' סיני'ן האָבען מיר איצט שוין גאָר קיין אַרבייט ניט געהאַט. ער האָט באַלד מסכים געווען אויפ'ן שידוך. חיים־לייזער האָט איצט אַריינגערופען דאָס מיידעל און זי געפרעגט, אויב זי איז מרוצה. זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. דאָס זעלבע האָט זי געטאָן, ווען ער, ר' סיני, האָט זי אויך דאָס אייגענע געפרעגט.

ווי עס פּאַסט פאַר אַ שטילער, אידישער טאָכטער, האָט זי גאָר־ניט געזאָגט, נאָר מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט אויף יאָ און איז באַלד צוריק אַריין אין קיך.

קוים איז נאָר נאַכט געוואָרען, האָב איך תיכף געשיקט אַ שייגעץ אויף אַ פערד, צום פעטער שמעון. איך האָב איהם, אין קורצע ווערטער, מודיע געווען וועגען דעם גליקליכען שידוך, וואָס איז דאָ איצט געשלאָסען געוואָרען און אַז ער זאָל, תיכף ומיד, צו אונז אַריבערקומען, צוזאַמען מיט דער מוהמען.

דער פעטער שמעון איז געווען, ווי שוין פריהער געזאָגט, א קלוגער און דורכגעטריבענער איד און האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון א שנאַפּס. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, און א שטונדע שפּעטער איז ער שוין, צוזאַמען מיט דער מוהמען, ביי אונז געווען אין יאַזעפּאָוו.

נאָכדעם וואָס מען האָט אָפּגעגעבען חתן וכלה מזל טוב, האָט מען שוין אָנגעהויבען צו רעדען וועגען באַשטימען דעם זמן החתונה.

דער פעטער שמעון, און איך מיט איהם, דאָס הייסט, העומדים מצד הכלה, האָבען דוקא געוואָלט אָפּלייגען די חתונה אויף שבת נאָך שבועות. אָבער דערפון האָט דער חתן, ר׳ סיני, אפילו ניט געוואָלט הערען.

עס פּיהרט זיך ניט — האָט ער גע׳טענה׳ט — אַז ביי א זיווג שני זאָל מען אויף אַזוי לאַנג אָפּלייגען די חתונה. אויב השם יתברך האָט איהם יאָ געהאָלפען און איהם צוגעשיקט א שידוך, לויט זיין הארצ׳ען, זעהט ער ניט איין, פאַרוואָס ער זאָל דאַרפען אַזוי לאַנג וואַרטען... ער וויל — האָט ער צוגעגעבען מיט א פאַרשעהמטער מינע — נאָך זיין א מלך אויף פּסח און אָפּריכטען זיין אייגענעם סדר . . .

מיר, פון כלה׳סצד, האָבען איינגעזעהען די ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער, און געמוזט נאָכגעבען זיין גערעכטען פאַרלאַנג. חיים־לייזער, דער שדכן, האָט אונז אויסגעגלייכט און מיר זיינען איינגעגאַנגען, אַז דער יום החתונה זאָל באַשטימט ווערען אויף איבער־צוויי־וואָכען זונטאַג.

דער חתן האָט זיך אפילו נאָך אביסעל ג׳עקווינקעלט. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען וואָס פריהער... כאָטש איבער אַכט טאָג זונטאַג.

אָבער אַז די מומע חיה האָט איהם אוועקגערופען אָן א זייט און איהם עפּעס געזאָגט בסוד אויפ׳ן אויער, וועגען דער כלה און הלכות נשים, האָט ער, נעבאך, שוין קיין אנדער׳ע ברירה ניט געהאַט און גע־מוזט מסכים זיין אויף איבער צוויי וואָכען זונטאַג.

מיר האָבען נאָך אַזוי פאַרבראַכט עטליכע שעה, געגעסען און גע־טרונקען און דער חתן האָט געהאַלטען אין איין לויפען אין קיך און זיך דרעהען אַרום דער כלה . . .

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז געווען זונטאַג, א טאָג, ווען איך פלעג שטענדיג פאָרען קיין זגורסק צום שווער און טיילמאָל אויך קיין ראדאָ־מישלאָ.

אַז איך האָב אין זגורסק און שפּעטער אויך אין שטאָדט, דער־צעהלט וועגען די „תנאים", וואָס זיינען נעכטען געשלאָסען געוואָרען

צווישען דעם אַלטען מלמד און דעם יונגען מיידעל, האָבען זיך אַלע גע־האַלטען ביי די זייטען פאַר לאַכען און הנאה געהאַט פון דעמדאָזיגען שפּאַס. אָבער קיינעם פון אונז איז ניט געקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז אימיצער וועט אין זינען האָבען דעם שפּאַס צו טרייבען ווייטער, כדי איהם צו מאַכען פאַר א שטיקעל „ווירקליכקייט”. מיר האָבען אָבער גע־מאַכט דעם חשבון אָהן דעם חתן, אָהן דעם אַלטען און אַזוי שטאַרק־פאַרליבטען מלמד, ר׳ סיני.

אז איך בין אין אָווענד אהיימגעקומען, האָט מיר מיין ווייב דער־צעהלט, אַז דער חתן איז דאָ היינט נאָכמיטאַג געווען און געוואָלט אביסעל פאַרברענגען מיט זיין כלה. ביידע, מיין ווייב און דאָס מיידעל, האָבען געמוזט אָנווענדען אַ היבש ביסעל מיה, ביז זיי האָבען דעם אַזוי שטאַרק־פאַרברענטען חתן געקענט פונ׳ם הויז ארויס׳פטר׳ן און צוריק משלח זיין קיין בודזין...

צוויי־דריי טעג האָט מען פון איהם גאָר ניט געהערט. אָבער מיט־וואָך פאַרנאַכט — ער איז ווידער דאָ!

יעדען מיטוואָך איז אינ׳ם שטעדטעל שצוצין (אָנדערהאַלבען מייל פון יאָזעפאָוו) יריד. איז ר׳ סיני אהינגעגאַנגען און איינגעהאַנדעלט א פיינע מתנה פאַר זיין כלה.

ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פונ׳ם יריד, האָט ער אָפּגעטראָטען ביי אונז אין יאָזעפאָוו. ער האָט דער כלה געוויזען די מתנה זיינע; א שעהן, זיידען טיכעל, וואָס האָט איהם אָפּגעקאָסט גאַנצע פינף גולדען.

— נאַ, טראָג עס געזונטערהייט — האָט ער צו איהר געזאָגט מיט א פאַרליבטען, נאַרישען, שמייכעל — ווען זעסט האָבען אין וואָס ליכט צו בענשען נאָך דער חתונה.

דאָס מיידעל האָט זיך שטאַרק פאַרשעהמט, און, בשום אופן, דאָס זיידענע טיכעל ניט געוואָלט אָננעמען.

אָבער דער שרכן, דער „מילכיגער” אונזערער, חיים־לייזער, האָט מיט איהר אַזוי לאַנג איינגע׳טענה׳ט, ביז דאָס מיידעל האָט פּאַרט צוגע־נומען דאָס טיכעל, ובפרט, אַז מיין ווייב האָט געהייסען נעמען און צו־געזאָגט, אַז ווען דער שפּאַס וועט זיך ענדיגען, וועט זי דעם מלמד אומ־קערען דאָס געלד, וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר דער מתנה.

— אויב ער איז טאַקע אַזאַ שוטה און מיינט אַלץ אויף אן אמת׳ן — האָט חיים־לייזער געהאַלטען אין איין איבער׳חזר׳ן — וועל איך איהם אַזוי חתונה מאַכען, אַז ער זאָל דאָס האָבען צו געדענקען!...

מיין ווייב און איך, און בפרט דאָס מיידעל, האָבען אבער ניט געוואָלט ליידען, אַז דערדאָזיגער חתן זאָל ביי אונז ווערען צופיל בן־בית.

איך האָב אפילו שוין געוואָלט איהם אויסזאָגען דעם סוד, אז אלץ איז געווען אַ שפּאַס, און אַז ער זאָל זיך די נאַרישקייט ארויסשלאָגען פונ׳ם קאָפּ. אָבער חיים־לייזער האָט שוין דעם עסק מעהר ניט געוואָלט אָפּלאָזען און ער האָט מיט מיר און, נאָך מעהר מיט מיין ווייב, אַזוי לאַנג איינגע׳טענה׳ט, ביז מיר האָבען צוגעשטימט, אַז דער שפּאַס זאָל ווייטער אָנגעהן, און אַז מען זאָל ר׳ סיני׳ן אויפשפּילען אַ ריכטיגע חתונה, מיט מוזיק און מיט אַלע קליפּערלאַך...

ר׳ סיני׳ן האָט ער אבער אוועקגערופען אָן אַ זייט און איהם איינגערוימט אַ סוד, אַז עס איז ניט אידישלאַך און עס פּאַסט פּשוט ניט פאַר אַזאַ תלמיד חכם ווי ער, דאָס מיידעל צו באַזוכען און מיט איהר אַזוי פיל צו שמועסען, נאָך פאַר זייער חתונה...

דער חתן האָט נעבאַך געמוזט איינזעהן די ריכטיגקייט פון חיים־לייזער׳ס ווערטער און, געגען זיין ווילען, געמוזט צוזאָגען, מעהר ניט אַהער צוקומען ביז צום טאָג פון דער חתונה.

ער האָט זיין וואָרט געהאַלטען און טאַקע מעהר ניט געקומען. אָבער בריוועלאַך האָט ער צו דער כלה געשיקט עטליכע דורך דער צייט, ביז צו דער חתונה. ער האָט געדונגען אַ שייגעצל פאַר גאַנצע דריי גראַצער, אַז ער זאָל אָפּטראָגען די „פּאָסט”, און ער האָט איהם צו־געזאָגט צו געבען נאָך צוויי — אויב ער וועט איהם ברענגען אַן ענט־פער פון דער כלה.

דאָס שייגעצל האָט געוואַרט און געוואַרט און געבעטען די „פּאַ־ניע”, אַז זי זאָל איהם געבען עפּעס אַן ענטפער. אָבער דאָס מיידעל איז געווען אַזאַ „שלעכטע און האַרטהערציגע” און האָט דעם אָרימען שייגעצל ניט געוואָלט געבען צו פאַרדינען דעם גרויסען לוין פון נאָך צוויי גראַצער... און דער חתן האָט טאַקע קיין ענטפער פון איהר ניט באַקומען.

מיר האָבען געלייענט דעם אַלטען, זעכציג־יעהריגען ר׳ סיני׳ס ליבעס־בריוועלאַך און זיך געהאַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער, ווי אַזאַ באַיאָהרענטער איד קען זיך אַזוי נאַריש מאַכען, פּונקט ווי אַ יונג בחור׳ל...

* * *

שבת, פאַר׳ן זונטאָג, ווען די „חתונה” האָט געזאָלט פאָרקומען, בין איך געווען ביים פעטער שמעון צום דאַווענען.

עס זיינען דאָרטען, פון די ארומיגע דערפער, געווען אַ דריי מנינים אידען ביים דאַווענען. דער חתן, ר׳ סיני, איז גאָר געווען אין אַ געהויבענער מדרגה. ער אַליין האָט געדאַוונט פאַר׳ן עמוד און אַז מען האָט

איהם — ווי עס קומט א חתן געגעבען אן עליה, האָט ער אונז אלעמען געמאכט א „מי שברך".

פריער פאר דער כלה, הבתולה מרת מרעסע, דערנאָך זיין בעל הבית און מיר, אלס די מחותנים העומדים מצד הכלה, און צולעצט פאר האברך ר' חיים אליעזר, דעם שדכן.

נאָכ'ן דאוונען האָט דער „חתן" ר' סיני, דעם גאַנצען עולם מכבד געווען מיט בראָנפען פאר קידוש און האָניג־לעקאך צום פארבייסען און, אין־איין־ווענס שוין אלעמען געלאַדען מאָרגען, זונטאג פארנאכט, צו קומען קיין יאָזעפאָוו, צו זיין חתונה.

די חוכא וטלולא, די שפּאסען און געלעכטערס, וואָס האָבען זיך דאָרטען ביים מנין אָפּגעטאָן, זיינען אין לשער.

מען האָט פון איהם פשוט געשפּאַסט און חוזק געמאַכט. ער איז אָבער געווען אזוי שטארק פארבלענדט און איינגעליבט אין דער שעהנער מויד, אז איהם האָט דאָס גאָר ניט געאַרט און אלץ אָנגענומען פאר ליב. זאָלען זיי לאַכען — אבי ער וועט באַקומען די מויד...

צו־מאָרגענס, זונטאג, בין איך געפאָרען קיין ראַדאָמישלא און האָב איינגעהאנדעלט א פופציג הערינג, מיט עטליכע גרויסע ברויט, און אַנדערע זאַכען און האָב זיך געאיילט אהיים, כדי איך זאָל באַצייטענס זיין צו דער „חתונה".

אז איך בין גאָר שפּעט פארנאכט אהיימגעקומען, האָב איך שוין אויפ'ן הויף אָנגעטראָפען עטליכע וועגלאך מיט אידען, מענער, פרויען און קינדער, דאָרפסלייט פון דער געגענד, וואָס זיינען געקומען זיך משמח זיין אויף דער דאָזיגער, אזוי־זעלטענער חתונה. עס זיינען געווען א פופציג־זעכציג פארשוין, און נאָך מעהר האָבען געהאלטען אין נאָכ־קומען.

עטליכע פון זיי, קרעטשמערס, האָבען מיטגעבראַכט א סך בראָנפען, עטליכע פעסלאך ביער און דער עולם האָט גאָר ניט געוואַרט אויף דער חתונה, נאָר באַצייטענס זיך גענומען משמח זיין...

די דאָרפסלייט האָבען צווישען זיך געהאט עטליכע פארשוינען, וואָס האָבען געקענט רימפּלען אויף פידעלאך און עפּעס א שייגעץ מיט א גרויסער הארמאָניקע. זיי האָבען אפילו ניט געוואַרט אויפ'ן חתן נאָר זיך באלד גענומען צום טרינקען. די מענער, יונגע און אלטע, ווייבער און מיידלאך, האָבען זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאלטען און זיך אוועקגעלאָזט אין א טאַנץ.

פלוצים האָט זיך דערהערט א שטארק געקנאַקעריי פון א „טשוואַר־ניע" (לאַנגע, אין פירען־געפלאָכטענע בייטשען) און עס האָט זיך באלד

אויפ׳ן הויף באַוויזען אַ גרויסער וואָגען, געשפּאַנט מיט פיר פערד, „נאַ שפּיץ.״

דאָ איז געקומען דער פעטער שמעון מיט דער מוהמע חיה (זי איז געווען אויסגעפּוצט אין זיידענע קליידער, באַהאַנגען מיט איהר גאַנ־צער צירונג, ווי צו אַ ריכטיגער חתונה) מיט אַלע זייערע צעהן קינדער און דער חתן ר׳ סיני צווישען זיי אויבען אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ חתן הדומה למלך...

אָבער באַלד האָבען זיך אָנגעהויבען אַ היבש ביסעל שוועריגקיי־טען.

אלס „כלה״ האָט מען שוין פריער געהאַט אויסגעסטראָיעט — טאַקע אין מרעסע׳ס מלבושים — עפּעס אַ דאָרפס־בחור, אַ שעהנעם יונג, פון דעמזעלבען וואוקס ווי דאָס מיידעל. דער פאַרשטעלטער בחור איז די גאַנצע צייט געזעסען צווישען עטליכע ווייבער, דאָס פּנים „באַדעקט״ — טאַקע מיט ר׳ סיני׳ס זיידענעם טיכעל — ווי אַ ריכטיגע כלה.

דער פעטער שמעון און איבערהויפּט חיים־לייזער האָבען געוואָלט, אַז אַלץ זאָל צוגעהן ווי ביי אַ ריכטיג׳ער חתונה. ר׳ סיני זאָל דעם בחור מקדש זיין (ער האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ גאָלדען קידושין־רינגעל) און דערנאָך זאָל מען זיי, נאָך דער סעודה, אויך „לעגען פּירען״, כדת משה וישראל...

ר׳ סיני האָט אַ גאַנצען טאָג געפּאַסט און מען האָט איהם געזאָגט, אַז די כלה פּאַסט אויך. ער האָט דערפאַר געבעטען, אַז מען זאָל ניט מאַכען קיינע לאַנגע שהיות און טאַקע באַלד שטעלען די חופּה.

אָבער די דאָרפסלייט, וועלכע האָבען שוין געהאַט אַ היבש ביסעל געטרונקען, האָבען פון גאָר ניט געוואָלט וויסען. זיי האָט שוין ניט פיל אינטערעסירט די גאַנצע „חתונה״, און זיי האָבען גע־האַלטען אין איין טאַנצען און האָפּקען מיט זייערע פרויען.

דער גאַנצער יאַזעפּאָוו׳ער הויף איז געווען פול מיט מענשען. ניט בלויז אידען, נאָר עס זיינען זיך אויך אָנגעלאָפען אַ סך פּויערים מיט זייערע ווייבער און שיקסעס, כדי צו זעהען די „זשידאָווסקע וועסעליע״. זיי האָבען מיט זיך מיטגעהאַט אַ שייגעץ מיט אַ פידעלע. מען האָט זיי מכבד געווען מיט עטליכע פלעשלאַך בראַנפען און, בשעת די אידען האָבען געטאַנצט אינעווייניג ביי מיר אין די „פּאָקאָיעס״, האָבען זיי געהוליעט און זיך משמח געווען אין דרויסען אויפ׳ן הויף.

דערווייל איז שוין געוואָרען אַרום ניין אַ זייגער און דער חתן האָט אונז געהאַלטען אין איין רייסען ביי די פּאָלעס, אַז מען זאָל שוין שרייבען אַ כתובה און ווער עס זאָל זיין דער מסדר קידושין.

מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז כאָטש דער „חתן" איז געווען אַזאַ שוטה און זיך געלאָזט אַזוי לאַנג פיהרען אין באָד אריין, איז ער, אבער, קיין עם הארץ, ווי די אַנוועזענדיגע דאָרפס־ליט, ניט געווען, און ער האָט צו־גוט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט א כתובה און א מסדר קידושין . . .

אָבער חיים־לייזער, וועלכער איז אומעטום געווען פול, האָט אויך צו דערצו געפונען אַן עצה.

ער האָט דעם חתן אוועקגערופען אָן א זייט און איהם דערקלערט, אַז אַזוי ווי עס איז ניט קיין „גערופענע" (רעגירונגס־געזעצליכע) חתונה, טאָר מען ניט שרייבען קיין כתובה, און אַז דער מסדר קידושין וועט די ברכה דאַרפען זאָגען שטילערהייט . . .

דער פאַרליבטער חתן איז אויך אויף דעם איינגעגאַנגען — אַבי מען זאָל שוין אַמאָל שטעלען די חופּה.

צווישען די אידען פון א ווייטען דאָרף, וואָס ר' סיני האָט ניט געקענט, זיינען געווען צוויי אידען, ר' מענדעל וואָליער און ר' שמואל וואָליער, און ביידע האָבען פאַרמאָגט שעהנע, לאַנגע בערד.

ר' שמואל, וואָס איז בסך הכל געווען א דאָרפישער קצב, איז געווען א גאָר גרויסער עם הארץ. (מען האָט איהם עטליכע יאָהר שפּע־טער געכאַפּט פאַרקויפען טרפה פלייש און דער ראַדאָמישלאָר רב האָט איהם גע'אסר'ט), אבער די באָרד זיינע איז געווען א חדוש, א הדרת־דיקע . . .

אָט איהם האָט מען פאַר'ן חתן פאָרגעשטעלט אלס דעם מורה הוראה פון שצוצין. ער האָט דאָס געזאָלט זיין דער מסדר קידושין.

דער קצב האָט זיך אָבער דערפאַר, נעבאַך, זעהר שטאַרק גע־שראָקען און האָט זיך באַקלאָגט פאַר'ן חתן, אַז ער האָט א שרעקליכען קאָפּ־וועהטאָג און וועט ניט קאָנען זיין דער מסדר קידושין.

מיר האָבען דערפאַר מכבד געווען ר' מענדעל וואָליער, וואָס האָט פון זיך גאָר שטאַרק געהאַלטען, מחמת ער איז ניט געווען אַזאַ גרוי־סער עם הארץ ווי די אַנדערע אידען, און איז אויך געווען דער בעל קורא ביי זיין מנין. ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירען די גאַנצע צערעמאָניע.

ארום צעהן אַזייגער האָט מען זיך גענומען צו דער „חופּה". מען האָט אויסגעצויגען א גרויס טישטוך און עס צוגעבונדען צו פיער לאַנגע ארבעס־שטאַנגען און — די חופּה איז געווען פאַרטיג.

פאָרגעקומען די חופּה איז אויפ'ן גרויסען הויף. יעדער האָט געהאַלטען א ליכט אין האַנד. אַלע פּויערים און פּויערטעס זיינען אויך

געוועזן אַנוועזענד און זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון לאַכען, וואָס „מענדלאַ" (מענדעל), דער דאָרפס־לויפער, שפּילט די ראָלע פון א „ראַבין", א רב . . .

נאָכדעם ווי די מוזיקאַנטען האָבען אָפּגעשפּילט „א פרעהלאַכס", „לכבוד חתן וכלה", האָט מען דעם יונג — די פארשטעלטע כלה — צוזאַמען מיט ר' סיני'ן ,געפירט צו דער חופה.

דער „מסדר קידושין", ר' מענדעל, איז שוין געשטאַנען גרייט מיט'ן סידור'ל אין האַנד. אָבער אָנשטאָט צו זאָגען די ברכות שטי־לערהייט — ווי מען האָט איהם אָנגעזאָגט — האָט איהם פּלוצים אָנגע־כאַפּט דער חשק צו באַווייזען וואָס ער קען, און ער האָט די ברכות גענומען אויסציקלען אויפ'ן הויכען קול.

אָבער דאָ איז ער געניזוקט געוואָרען. אזוי ווי ער האָט מורא געהאַט ארויסצוזאָגען דעם „שם", האָט ער געזאָגט „אדושם אלוקינו"; דערצו האָט ער, באַלד ביי דער ערשטער ברכה, אוועקגעלייגט עטליכע אזוינע גראָבע גרייזען, וואָס זיינען שוין אפילו פאַר'ן פאַרליבטען ר' ניסי'ן געוועזן צופיל . . . אין „חתנ'ס" קאָפּ האָט אָנגעהויבען צו „טאָ־גען" . . .

ער האָט פּלוצים א ריס געטאָן דאָס זיידענע „דעק־טוך" פון דער כלה'ס פּנים און פאַר זיך דערזעהען דעם בחור שלמה'ן, וועמען ער האָט גאַנץ גוט געקענט פונ'ם בודזינער שבת'דיגען מנין.

איצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די ריכטיגע „חתונה" . . .

איך בין דעמאָלט געווען א יונגערמאַנטשיק פון קנאַפּע צוואַנציג יאָהר און איך האָב אויף מיין לעבען נאָך ניט געזעהען ביי א מענשען אַזאַ ווילדען כעס־אויסברוך, ווי ביי דעם דאָזיגען אָפּגענאַרטען חתן.

אז ער האָט, אזוי פּלוצים, זיך דערכאַפּט וואָס פאַר א „שפּיל" מען האָט מיט איהם געטריבען, און אז ער וועט דאָס שעהנע מיידעל שוין טאַקע ניט באַקומען — איז ער — אַן אויסגעמאַטערטער פונ'ם לאַנגען תענית, פון זינט פאַרטאָג אָן ביז אזוי שפּעט אין אָווענט — פּשוט ווילד געוואָרען און פאַר גרויס אויפרעגונג ניט געוואוסט וואָס מיט איהם טוט זיך.

ער האָט קודם כל אָנגעהויבען צו שרייען און צו ווילדעווען מיט באַנומענע קולות, אז מען האָט געקענט מיינען, אז ער איז משוגע געוואָרען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען מיך און זיין בעל הבית און בעל הבית'טע און איבערהויפּט דעם „שדכן", חיים־לייזער'ן צו שעלטען מיט די ערגסטע און שרעקליכסטע קללות — אזוינע וואָס איך האָב

נאָך קיינמאָל פריער ניט געהערט פון א אידיש מויל; לסוף האָט ער ערשט זיך געפּרואווט כאַפּען שלאָגען.

אָבער דאָ האָט ער שוין געהאַט צו טאָן מיט דער צוהיצטער און צוהוליעטער חברה דאָרפס־אידען. זיי האָבען איהם א נעם געטאָן און נאָר געוואָלט דורס זיין. עס איז קוים עטליכע פון אונז געלונגען איהם ארויסצורייסען פון זייערע הענד און אריינצופירען אינעווענינ אין די צימערען.

מיין ווייב און די מוהמע חיה האָבען זיך צו איהם גענומען און ביי איהם געוואָלט פועל'ן, אז ער זאָל זיך אביסעל בארוהיגען. זיי האָבען זיך ביי איהם פּשוט געבעטען, אז ער זאָל עפּעס נעמען אין מויל אריין, נאָך אזא לאַנגען און אויפרעגענדיגען תענית.

אָבער איצט איז ער געזעסען א שוויינענדיגער און בשום אופן זיך ניט געוואָלט צוהערען צו זייערע רייד. עפּעס איבערבייסען — דאָס אודאי ניט.

פּלוצים האָט ער זיך געגעבען א שטעל־אויף און שנעל ארויס פון הויז. ער איז דורכגעלאָפען דעם גאַנצען הויף, וואָס איז געווען פול מיט אידען, פויערים און פויערטעס, און איז אין, דער טונקעלקייט פון דער נאַכט, פארשוואונדען געוואָרען אויפ'ן וועג וואָס פירט קיין בודזין.

די חברה איז צוריק אריין אין מיינע שטובען און ווייטער אָנגעהויבען צו טרינקען, הוליען און טאַנצען, גלייך ווי קיינמאָל גאָר ניט.

עטליכע פון אונז האָט עס אָבער ניט געלאָזט איינרוען. מיר האָבען געזעהען דעם אידענ'ס ווילדע פארצווייפלונג און מיר האָבען פּשוט מורא באַקומען, צי האָט ער זיך ניט א מעשה אָנגעטאָן.

מיר האָבען געשיקט א שייגעץ, רייטענדיג אויף א פערד, קיין בודזין, געוואויר ווערען וואָס מיט איהם איז געשעהען.

א שעה שפּעטער איז דער שייגעץ צוריקגעקומען און דערצעהלט, אז דער „ראבין" ליגט אויף זיין בעטעל און שנאָרכט און... נעבען איהם שטעהט א פלעשעל בראַנפען...

די „חתונה־געסט", די חברה, ווידער, האָט געהוליעט ביז ארום דריי אזייגער פארטאָג און מיר האָבען זיי קוים געקענט ארויס'פּטר'ן פונ'ם הויף.

אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען איך בין געריטען קיין בודזין, געוואויר ווערען וואָס עס הערט זיך דאָרטען, האָב איך ר' סיני'ן שוין מעהר ניט געטראָפען.

באַלד אין דער פריה האָט ער זיך אָפּגערעכענט מיט זיין בעל הבית, ארויסבאקומען דאָס ביסעל געלד, וואָס איז איהם געקומען צום

זמן און, אָהן א זייגעזונד, אָהן א וואָרט, אוועק פונ׳ם הויף און פאַר־
שוואונדען געוואָרען אויפ׳ן וועג, וואָס גערט קיין ראדאָמישלאָ.

* * *

יאָהרען־לאנג פלעגט מען אין אונזער געגענד רעדען וועגען דער
דאָזיגער „וואונדערליכער און לוסטיגער חתונה".

אָבער נאָך היינט, קנאָפּע פופציג יאָהר שפּעטער, אז איך דערמאָן
זיך, פלאַמט מיר דאָס פּנים פאר בושה, פאר דעם מאוס׳ן שטיקעל
ארבייט, וואָס מיר האָבען דעמאָלט אָפּגעטאָן.

איך האָב בלויז די איינציגע פארטיידיגונג: מיר זיינען דאַן געוועזען
יונג, געלעבט אין „שוואוילטאָג" און ניט געהאט קיין שום דאגות. עס
איז אונז אלעמען גוט געוועזען אויפ׳ן הארצען, האָבען מיר זיך אביסעל
א שפּיל געטאָן און ניט גענומען אין באטראכט יענעמס הארץ און גע־
פיהלען...

## 43 — שמשון אשהיים

איינער פון די אינטערעסאנטעסטע און מאָדנע טיפּען אידען, וואָס האָבען געלעבט אין אונזער געגענד, איז געווען דער זעהר רייכער און נאָך מעהר קארגער, גוטס־באַזיצער, שמשון רזשעמפּניאָווער, אָדער אשהיים. אויף א סך מיילען ארום, אין דער לענג און אין דער ברייט, איז זיין נאָמען געווען באַוואוסט. יעדער האָט איהם געקענט און גע־מוזט צוגעבען, אז אזא איד ווי ער, איז אין ערגעץ ניט בנמצא...

שמשון אשהיים האָט געשטאַמט פון א בעל הבית'ישער, שטאָד־טישער משפחה און זיינער א ברודער איז געווען דער הויפּט־שוחט אינ'ם שטעדטעל שענדישאָוו, ביי ראָפּשיץ. ער אליין, שמשון, איז געווען א איד א יודע ספר, געהאט א זעהר שעהנע האנדשריפט און פלעגט שרייבען העברעאישע בריוולאך, פול מיט מליצות, פסוקים און גמרות, וואָס האָבען זיך שטענדיג זעהר שעהן אריינגעפּאסט צום ענין.

אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געווען אן ארענדאר אינ'ם דאָרף רזשעמפּניאָוו (א קליינע האלבע מייל פונ'ם דאָרף יאָזעפּאָוו, וואו מיר האָבען געוואוינט, און מאנכע פון אונזערע פעלדער האָבען זיך גע־גרעניצט).

ווי אזוי איז ער געקומען אין דעם דאָזיגען דאָרף אריין און ווי אזוי ער האָט חתונה געהאט מיט דער אומוויסענדער און גראָבער מויד קריינדעל, ווייס איך ניט. אָבער לויט ווי איך האָב געהערט, איז ער געווען א בעלפער אין איהר פאָטער'ס קרעטשמע און דערנאָך גענומען זיין טאָכטער פאר א ווייב.

א היבשע פּאָר יאָהר האָט ער געוואוינט אין דערדאָזיגער קרעטשמע, ביז ער האָט אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע גוט פונ'ם פריץ — א האלבער פּאָליאַק און א האלבער דייטש, אָבער א גאַנצער פארשווענדער — און אין עטליכע יאָהר ארום, האָט ער אויך אריינגעקראָגען בחצי חנם, פאר א שיבוש, די צוויי קלענערע גיטער, וואָס דער פּריץ האָט איהם נאָך געהאט פארמאָגט. בסך הכל א זיבען־אכט הונדערט אקער גוטע פעלד, מיט א בראַנפען־ברויז דערצו.

אחוץ דעם האָט זיך שמשון אָפּגעגעבען מיט לייען געלד. ער האָט געגעבען גרעסערע הלוואות צו פּוילישע פּריצים, און קלענערע סכומים צו פאַרמעגליכע אידען, אָדער פּויערים, פאַר גוטע פּראָצענטען.

ווען איך בין מיט איהם באקאנט געוואָרען, אין די נײַנציגער יאָהרען, האָט מען זיין פאַרמעגען געשאַצט אין א פערטעל מיליאָן גולדען און ער האָט עס זיכער פאַרמאָגט — אויב ניט מעהר.

אָבער קאַרג איז דערדאָזיגער אויפגעקומענער גביר געווען — א שרעק. און ניט נאָר בלויז פאַר פרעמדע — נאָר אפילו פאַר זיך אליין און זיין אייגענעם בני בית.

אָנגעטאָן איז ער שטענדיג געווען אין די ערגסטע מלבושים, ווי דער ערגסטער אָרימאַן, אַן ארומשלעפּער. אפילו ווען ער איז געקומען צווישען מענשען, האָט איהם גאַנץ ווייניג געאַרט אין וואָס פאַר א הילוך ער געהט.

פון צדקה געבען, איז שוין געווען אָפּגערעדט. דאָס איז ביי איהם שטענדיג געווען פאַרעכענט פאַר ארויסגעוואָרפען געלד און, אויף ווי וויט עס איז נאָר מעגליך געווען, האָט ער זיך אויסגעהיט צו מאכען אזעלכע אומזיסטיגע הוצאות...

ווען עס פלעגט אויפ'ן הויף קומען אַן אָרימאַן — ובפרט איינער פון די „שעהנע אידען", א רבני'ש אייניקעל—און ווי נאָר מען האָט איהם דערזעהען פון דער ווייטענס, איז דער גביר ר' שמשון ארײַנגע־לאָפען אין א שטאַל, אָדער שפּייכלער, און זיך אזוי לאַנג אויסבאהאַל־טען, ביז דעם „אייניקעל" איז נמאס געוואָרען דאָס וואַרטען און איז אוועקגפאָרען מיט ליידיגען.

עס האָט אָבער אויך געטראָפען, אז אזא „אייניקעל" איז אָנגעקומען אויפ'ן הויף אזוי פּלוצים, אז ר' שמשון האָט שוין קיין צייט ניט געהאַט זיך אויסצובאהאַלטען. דעמאָלט פלעגט ער צוגעהן צום אייניקעל, איהם געבען שלום און זאָגען אז דער בעל הבית איז ערשט מיט א האלבע שעה פריהער, אוועקגעפאָרען אין שטאָדט אריין און וועט צוריקקומען שפּעט אין אווענד...

דער „שעהנער איד", מייסטענס א פרעמדער אין דער געגענד, האָט דעם ר' שמשון'ען ניט געקענט פּערזענליך, האָט ער דעם אידען, מיט דעם אזוי אָרימען הילוך, אָנגענומען עפּעס פאַר א שטיקעל דינער, איהם געגלויבט אז דער בעל הבית איז ניטאָ אין דער היים און ווייטער געפאָרען זיין וועגס.

זומער, אין די גרויסע היצען, האָט דער גביר געהאַט א מנהג,

אויפ׳ן הויף און אפילו אין די פעלדער, ארומצוגעהן אָן א שטיקעל דעקעל און אפילו באָרוועס, אָהן שיך.

און ווי אזוי דאָס פירען זיינס איז געווען ביי זיך אין שטוב, אזוי איז עס געווען אויך אין פעלד און ווירטשאַפט.

די פעלדער אין רזשעמפניאָוו און אין די דריי פאָלווארקעס זיינען געווען גאַנץ גוטע, אָבער שרעקליך פארנאכלעסיגטע.

די געשפּאַנען — די פערד און די אָקסען — זיינען געווען פיל וועניגער אין צאָל, ווי אזא ווירטשאַפט האָט גענויטיגט האָבען און דערצו קליינע, דארע און שוואכע. ער האָט זיי פשוט געזשאַלעוועט דאָס ביסעל היי און האָבער, וואָס זיי האָבען נויטיג געהאט, אז זיי זאָלען כח האָבען צו ארבייטען.

און דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די פאַראָבקעס און די אַנדערע משרתים פון דער ווירטשאַפט.

ער האָט קיינמאָל ניט געהאט קיין ליטישען פאַראָבעק, נאָר בלויז אָפּגעלאָזענע גוים, אָדער האַלב־דערוואקסענע שקצים, אחוץ דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט צאָלען דעם געוועהנליכען פּרייז, וואָס אזעלכע פאַראָבקעס באַקומען — נאָר געזוכט מציאות — האָבען זיי אויך צו איהם ניט געוואָלט געהן אויף „סלוזשבע", ווייל שפּעטער וואָלט זיי זעהר שווער אָנגעקומען צו באקומען אַן אנדערען, בעסערען, פּלאַץ. זיינע פאַראָבקעס און אנדערע משרתים, האָבען געהאט א זעהר שלעכטען נאָמען און קיין ליטישער פּאָסעסאָר האָט זיי ניט געוואָלט צונעמען.

זיין קאַרגשאַפט האָט דערגרייכט אזוי ווייט, דאָס אָפט — ובפרט זומער־צייט, ווען עס איז פאַר די פערד פאראַנען א סך ארבייט אין די פעלדער—פלעגט ער געהן צו פוס קיין ראַדאָמישלא, איבער צוויי מייל וועגס, אָדער שצוצין, אַנדערהאלבען מייל. ער האָט זיך פאַרלאָזט דארויף, וואָס אויפ׳ן וועג וועט ער שוין אָנטרעפען א באַקאַנטען גוי, אָדער א אידישען פּאָסעסאָר, וואָס וועט איהם ארויפנעמען אויפ׳ן וואָגען . . .

די פעלדער זיינע האָבען זיך, ווי שוין געזאָגט, געגרעניצט מיט די אונזעריגע אין יאָזעפאָוו.

און ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געהאט קיין ריכטיגען און פאַר־אַנטוואָרטליכען פּאַסטוך, אָדער פאַראָבעק, נאָר בלויז קליינע, האַלב־דערוואקסענע, שקצימלאַך, פלעגען זיינע בהמות, איבערהויפּט די פערד, אין דער נאכט־צייט, פארקריכען אויף אונזערע פעלדער און דאָרטען

אַנמאַכען גרויסע שאָדענס. מיר האָבען אָפט מיט איהם געמוזט האָבען משפּטים פאַר׳ן דאָרפס־שופט.

ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געוואָלט מקיים פּסק זיין און פאַר־גיטיגען דעם שאָדען. קלאָגען איהם אין געריכט, האָט אונז ניט גע־פּאַסט, און אַזוי האָבען מיר געהאַט כסדר שאָדענס און דערפון גע־ליטען...

די ערשטע געלעגענהייט, וואָס מיין שוואָגער בערל לעוו און זיין ווייב, די אשת חיל איידעל, האָבען געהאַט זיך צו באַקענען מיט שמשון אשהיים, איז געקומען טאַקע צוליב אַזא פעלד־שאָדען. עס איז געווען זומער און די פעלד־אַרבייט האָט פּשוט געברענט. פאַרטאָג האָבען די פאַראָבקעס, וואָס האָבען געפּאַשעט אונזערע פערד אויף א לאָנקע, געבראַכט מיט זיך שימשי׳ס (די גוים פלעגען איהם רופען „שימשי״) זעקס פערד, וואָס האָבען אין דער נאַכט אָנגעמאַכט א גרויסען שאָדען אין א ווייצען־פעלד. איידעל האָט געהייסען די פערד פאַרשליסען אין א שטאַל. אַז מען וועט נאָך זיי קומען, וועט זי זיך הייסען גוט באַ־צאָלען פאַר׳ן שאָדען.

מען איז נאָך די פערד ניט געקומען א גאַנצען טאָג און איידעל האָט שוין אין זינען געהאַט צו שיקען נאָכ׳ן שופט, אַז ער, מיט זיינע געשוואָרענע אָפּשאַצערס, זאָלען אָנקוקען דעם שאָדען און איהם אָפּ־שאַצען.

אָבער פאַרנאַכט האָט זיך באַוויזען א איד, פון א יאָהר פופציג, אינ׳ם בלויזען העמד, אָהן א רעקעל און א באָרוועסער דערצו. די שטיוועל האָבען אַרונטערגעהאַנגען איבער די אַקסלען.

ער איז אַריין אין הויף, שטיל און דרך ארץ׳דיג, און איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר, ווי עס איז דער שטייגער פון די ריכטיגע אָרימע לייט.

איידעל, וועלכע האָט דעם אידען ניט געקענט, האָט באַלד אַרויס־גענומען א „פירער״ (א מטבע פון פיר גראַצער) און איהם דערלאַנגט און ביי איהם אויך געפרעגט, אויב ער וויל עפּעס עסען?

— איך בין ניט אהערגעקומען נאָך געלד — האָט דער איד געענטפערט — איך בין אייער שכן שמשון פון רזשעמפּניאָוו און איך וויל אייך בעטען, מיר אַרויסצוגעבען מיינע פאַרנומענע פערד.

דאָס ווייבעל האָט זיך, נעבאַך, אַזוי פאַרשעהמט, אַז זי איז אַריינ־געלאָפען אין א צווייטען צימער און שוין געלאָזט איהר מאַן פאַר־האַנדלען וועגען דעם שאָדען. דער שכן האָט טאַקע צוגעזאָגט צו באַ־צאָלען, ער האָט דאָס אָבער קיינמאָל ניט געטאָן.

שמשון אשהיים האָט זעהר ניט ליב געהאַט זיך צו לאָדענען אין די געריכטען. א דין תורה אודאי ניט.

אויב אימיצער, — סיי איד, סיי פּויער, סיי פּריץ — איז איהם שולדיג געווען געלד, האָט ער איהם, כמעט קיינמאָל ניט, געקלאָגט אין געריכט. ער האָט געלאָזט דעם חוב אזוי לאַנג שטעהן, ביז יענער האָט זיך מיישב געווען צו באַצאָלען. על פּי רוב, איז דאָס געלד אינגאַנצען פאַרפאַלען געוואָרען.

פונדעסטוועגען האָט מען אין די געריכטס־הייזער גאָר אָפט זיין נאָמען דערמאָנט — אַלס שולדיגער.

אויב ער האָט מיט אימיצען געהאַנדעלט (ער האָט געהאַט א סך געשעפטען און אויך אַ בראַנפען־ברויז) און ער האָט געדאַרפט יענעם ארויסצאָלען געלד, האָט ער דאָס קיינמאָל ניט געטאָן מיט זיין גוטען ווילען. דאָס האַרץ האָט איהם פשוט ניט דערלאָזט טאָן אזא זאַך. מען האָט איהם דערצו געמוזט צווינגען דורכ'ן געריכט.

פאַר איהם איז אָבער נאָך ניט גענוג געווען, וואָס מען האָט איהם געקלאָגט און געגען איהם ארויסבאַקומען א „ווירדאָק" (אורטייל). ער האָט נאָך אַלץ ניט געצאָלט, ביז מען האָט „געפענדעט" זיינע בהמות און זיי שוין געהאַלטען ביים ארויספירען אויפ'ן יריד, אָדער אויף אַן עפענטליכער ליציטאַציע צו פאַרקויפען. ערשט דעמאָלט האָט ער, באין ברירה, באַצאָלט דעם קרן מיט די פילע געריכטס־קאָסטען, וואָס האָ־בען אָפטמאָל אָנגעטראָפען א סך מעהר ווי דער אייגענטליכער קרן. אַנדערש האָט מען פון איהם גאָרניט געקענט ארויסקריגען. ער אַליין האָט צוגעגעבען, אז מען האַנדעלט געגען איהם גאַנץ ריכטיג. אָבער דאָס האַרץ האָט איהם בשום אופן ניט געלאָזט זיך פירען ווי אַנדערע מענשען.

מיינט איהר דאָך, אז צוליב אזא פירען זיך און אזא שלעכטער בעל הבית'ישקייט, איז ער געוואָרען אַן אָרימאַן? ניין, פונקט פאַר־קערט! זיין עשירות איז געוואַקסען און יעדע עטליכע יאָהר האָט מען געהערט, אז שמשון האָט געקויפט א ניי גוט, אָדער געגעבען צו א פּוילישען פּריץ א גרויסע הלוואה, אויף גאָר גוטע פּראָצענטען.

ער האָט געהאַט אַכט, אָדער ניין קינדער, אַלע רייכע און גוט פאַר־זאָרגטע. מען האָט זיי געקענט איינטיילען אין צוויי קלאַסען: די עלטערע פיר קינדער, וואָס זיינען געבאָרען און דערצויגען געוואָרען בשעת ער איז נאָך ניט געווען אזוי רייך, זיינען געווען א היבש ביסעל פאַרגרעבט און ווייניג־וואָס געלערנט. מיט זיי האָט ער געטאָן שידוכים מיט רייכע, אָבער גראָבע דאָרפס־לייט.

די פיר, אָדער פינף, אינגערע קינדער זיינען שוין געווען אביסעל בעסער דערצויגען. ער האָט מיט זיי געטאָן שידוכים פון וויטערע גרעסערע שטעדט, פון קאָלאָמיי און קראָקע. די מחותנים זיינע זיינען געווען אויפגעקומענע און פראָסטע מענשען.

פון יחוס האָט ער גאָר ניט געהאלטען. כאָטש ער איז בטבע געווען אן איידעלער מענש און עס איז געווען מיט וועמען גאנץ פיין צו פאר־ברייינגען, האָט אָבער זיין גרוים ליבשאפט צו געלד איבערגעוואויגען אלע זיינע מעלות און עס איז פון זיי געוואָרען גאָלע חסרונות.

שמשון אשהיים איז געווען א טיפּ איד, וואָס זיינס גלייכען איז זעהר שווער צו געפינען. מען פלעגט זיך וועגען איהם אָנדערצעהלען אזויפיל מעשה'לאך, הלצה'לאך, גלייך־ווערטלאך און לעגענדען, אז מען וואָלט דערפון געקענט מאכען א גאנצען בוך.

אויך איך, וואָס בין געווען זיין שכן במשך היבשע עטליכע יאָהר און, צוזאמען מיט מיין שווער געהאט מיט איהם פארשידענע געשעפטען — וואָלט וועגען איהם נאָך געהאט גאָר א סך צו דערצעהלען. אבער איך גלויב, אז פון דעם ביסעל, וואָס איך האָב וועגען איהם געשריבען, קען מען זיך שוין מאכען א גאנץ גוטען באגריף, וואָס פאר א מין פארשוין דער דאָזיגער ר' שמשון אשהיים איז געווען...

## 44 — גנבות

אין א פריערינגען קאפיטעל האָב איך געזאָגט, אז אונזער געגענד איז געווען א זיכערע און אז מען האָט דאָרטען במעט קיינמאָל ניט געהערט פון וויכטיגע גנבות.

עס איז אמת, אז פון גאָר גרויסע גנבות, אַזעלכע ווי זיי קומען פאָר אין די גרעסערע שטעדט, האָט מען טאַקע ביי אונז ניט גע־געוואוסט. פשוט ס'איז ניט געווען ביי וועמען און וואָס צו גנב'ענען, און עס זיינען אויך ניט געווען די ריכטיגע און געשיקטע גנבים, דער־פאַר אָבער קלענערע גנבות זיינען ביי אונז געווען, ווי מען פלעגט צו־זאָגען, א וואָכעדיגער גאַנג, מעשים בכל יום.

אידען אין אונזער געגענד פלעגען זאָגען:

— יעדער פויער איז בטבע א גנב. דער וואָס גנב'עט ניט, איז אָדער א פוילער, אָדער האָט פשוט מורא פאַר קלעפּ...

אַז אַ פויער איז אריינגעפאַלען צו אַ זשאַנדאַר אין די הענד פאַר עפּעס א גנבה, איז איהם שוין ניט געווען וואָס מקנא צו זיין.

אויב ער האָט זיך ניט אזוי גיך מודה געווען ווי דער זשאַנדאַר האָט געוואָלט, האָבען איהם שוין ניט געפעהלט קיין קלעפּ, פּעטש, בוכצעס אין זייט מיט'ן שטיוועל, אָדער מיט דער „קאָלבע" פונ'ם ביקס, און אנדערע אזעלכע אָנגענעמע קערפּערליכע באהאנדלונגען, כאָטש לויט'ן געזעץ, האָט דער זשאַנדאַר קיינעמען ניט געטאָרט שלאָגען, בלויז ארעס־טירען און ברענגען צום געריכט.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דער „באהאַנדלונג", האָט דער פויער פאָרט ניט געקענט געהן געגען זיין איינגעבאָרענע נאַטור און ניט גנב'ענען, און וואו ס'האָט זיך איהם נאָר געלאָזט — איבערהויפּט ביים אידישען פּאָסעסאָר.

ביי א פויער איז די מינדעסטע זאַך אפילו, געווען א קרן.

א פויער פלעגט זיך „לאַקעמען" אפילו צו גנב'ענען א טשוואָק, אויב ער האָט נאָר געהאַט מיט וואָס און געקענט איהם פון דער וואַנט ארויסרייסען: „פשידא שיע", עס וועט צונוץ קומען...

א אידישער פּאַסעסאַר און זיינע בני בית האָבען געמוזט האָבען הונדערט אויגען אין קאָפּ, כדי אכטונג צו טאָן אויפ'ן ארבייטער אז ער זאָל ניט באַ'גנב'ענען. סיי זומער אין פעלד, סיי ווינטער אין סטאָדאָלע, אין שפּייכלער אדער אין שטאַל.

ווי אזוי איין פּויער, למשל, פלעגט זיך אן „עצה געבען", כדי צו האָבען — אויפ'ן חשבון פונ'ם פּאַסעסאַר און פון אנדערע פּויערים — גאָר א סך היי און אויך תבואה, איז באמת כדאי צו באשרייבען, אלס ביישפּיל פון גויאישער כיטרעקייט.

ניט ווייט פונ'ם יאַזעפּאָווער הויף האָט געוואוינט א גוי, מיט'ן נאָמען שימעק. ער האָט אין גאנצען געהאט א דריי־פיר אקער לאנד און וואָלט נאטירליך געדארפט פארעכענט ווערען צווישען די אָרי־מערע גוים. אָבער צוליב זיינעם א קלוגען איינפאל, איז ער געווען גאַנץ רייך. געהאט א צעהן־צוועלף גוטע בהמות און דערצו אויך א סך היי און שטרוי.

דאָס היי און שטרוי האָט איהם גאָר ניט געקאָסט. ער האָט עס, מיט גאָר קליינער מיה, אראָפּגענומען—ניט ווי יעדער איינער פון די פעלדער — נאָר פון די בוימער, וואָס זיינען געוואקסען ביי זיין פעלד.

די גאנצע געגענד ארום יאַזעפּאָוו איז א נידריגע און עס זיינען דאָרטען פאראנען גאָר א סך לאָנקעס. פּויערים פון א סך ארומיגע דערפער קומען אהין קויפען היי און קלעע פאר זייערע בהמות.

דאָס פעלד, וואָס דער פּויער שימעק האָט פארמאָגט, איז געווען א שמאָלס אָבער א לאנגס און עס האָט זיך געפונען ביי ביידע זייטען פון א פעלד־וועג, אויף וועלכען מען האָט געמוזט פירען היי־קלעע און תבואות. דער פארקער איז דאָרטען געווען אזוי גרויס, אז יעדען זומער זיינען דאָרטען, בלי שום גוזמא, פארביינעפאָרען א טויזענד געלאָדענע וואָגענס.

האָט זיך דערדאָזינגער שימעק אן עצה געגעבען: ער האָט פאר־פלאנצט, אויף ביידע זייטען פון „זיין וועג", א פופציג־זעכציג „ווערזש־באָווע", ווערבע־בוימער, צו א פינף און צוואנציג אויף יעדער זייט. אז א וואָגען איז דורכגעפאָרען דאָס דאָזיגע שטיקעל פעלד, האָבען די צווייגען — ער האָט שוין גוט געוואוסט ווי אזוי זיי צו האלטען אין דער ריכטיגער הויך — געהאלטען אין איין רייסען היי, קלעע, אדער זאנגען ותבואה. שימעק, זיין ווייב און די „ממזרים" זיינע, האָבען מיט לאנגע גראבליעס, דאָס אלץ דערנאָך אראָפּגענומען פון די בוימער, און דאָס וואָס האָט זיך אָנגעקליבען, געטראָגען אין זיין סטאָדאָלע.

אויף אזא אופן האט ער יעדען זומער אָנגעזאמעלט א דרייסיג־פערציג וואָגענס היי און קלעע, אחוץ א היבש ביסעל תבואות. ער איז דערפון געוואָרען פארמעגליך, געהאט א סך בהמות, אָבער קיינער האָט איהם גאר ניט געקענט טאָן. ער איז געווען א רויבער, אויף א געזעצליכען אופן...

* * *

איך בין דאָ ניט אויסען צו שרייבען וועגען די פילע גנבות, אפילו בלויז קליינע, וואָס פויערים זיינען באגאנגען אין יאָזעפאָוו, און וואָס האָבען יעדען יאָהר באטראָפען שעהנע עטליכע הונדערט גולדען. איך וויל דאָ בלויז שרייבען וועגען צוויי, גאר אינטערעסאנטע, גנבות. דער לעזער וועט שוין קענען האָבען א שטיקעל באגריף וועגען די אנדערע.

איך האָב שוין געהאט געשריבען, אז מיר האָבען אין יאָזעפאָוו זיך א סך אָפגעגעבען מיט טימאָטהעע־זאָמען.

דאָס איז אזא מין סחורה, וואָס מען קען דערביי פארדינען א סך געלד. אָבער דערפאר פאָדערט עס ארבייט, און דערצו לאנגזאַמע און פאָרזיכטיגע, עד אין לשער.

איך וויל דאָ ניט רעדען וועגען דער פאָרזיכטיגקייט, וואָס מען מוז אָנווענדען שוין ביים שניידען די זאנגען און ביים אריינפירען די בינטלאך, אז דער אזוי־טייערער זאָמען זאָל ניט פארלאָרען געהן. איך וויל דאָ בלויז זאָגען וואָס מען מוז טאָן ביים דרעשען און רייניגען די סחורה.

דער זאָמען פון טהימאטהעע איז ענליך צו מאָהן. אָבער ער האָט אויף זיך א דין הייטעל פון זילבער־קאָליר, און וואָס מעהר ווייסער און העלער ער איז, אלץ א העכערען פרייז — אָפטמאָל ביז פערציג גולדען פאר הונדערט קילאָ — קען מען פאר איהם באקומען. אויף דער מאשין טאָר מען איהם ניט דרעשען. פון די אייזערנע „צעפעס" וואָלט ער פארלאָרען די דינע זילבערנע הייטלאך און זיין ווערט וואָלט געווען גאָר קליין. מוז ער דערפאר געדראָשען ווערען מיט דער האנד. די שטרוי איז זעהר הארט און מעהר ווי 15־20 בינטלאך קען א פויער, דורך א טאָג ניט אויסדרעשען.

אָבער פליעוועס און שפריי איז פון דעם פאראנען גאר אָהן א שיער, גאנצע בערג. אויב זעקס פויערים דרעשען אויס א הונדערט בינטלאך, האָבען שוין דריי שיקסעס א גאנצען טאָג צו טאָן ביי דער רייניגונגס־מאשין (מלינעק), ביז זיי באקומען ארויס פון דעם גרויסען בארג די קליינע, זילבערנע, קערנדלאך.

עס איז דעמאָלט אין יאַזעפּאָוו געווען א זעהר גוט יאָהר פון א סך טימאָטהעע. מיר האָבען געהאַט צום פארקויפען איבער הונדערט זאַק און דערצו פאר גאָר א הויכען פּרייז. אָבער ארבייט האָבען מיר דערביי געהאַט א גאַנצען ווינטער, אָהן אן אויפהער.

אחוץ צוועלף דרעשער — אין צוויי סטאָדאָלעס — האָבען יעדען טאָג אינ'ם שפּייכלער, געארבייט פינף־זעקס שיקסעס ביים רייניגען און זיפּען די קערנער. איך בין געווען באשעפטיגט א גאַנצען טאָג — באַלד דאָ, באַלד דאָרטען.

געוועהנליך האָבען יעדען טאָג געארבייט דיזעלבע דרעשערס און דיזעלבע שיקסעס און יעדער האָט שוין געהאַט זיין באשטימט טועכץ.

מיר האָבען זיי — איבערהויפּט די שיקסעס — געהאַלטען פאר עהרליכע, און ניט אזוי שטארק געהיט. ובפרט אז מען האָט ניט מעהר ווי בלויז צוויי אויגען און אין דער צייט, ווען מען געפינט זיך אויף איין אָרט, אָדער גאָר פאר א ווייל'ע אין הויז, ביים ווייב און קינדער— קען מען, ביים בעסטען ווילען, ניט אכטונג געבען ערגעץ אנדערש...

* * *

איך קען זיך מעהר ניט געניו דערמאָנען, ווי אזוי דאָס איז ארויסגעקומען: צי מען האָט געקראָגען עפּעס א פאַרדאַכט אויף א געוויסער שיקסע, אָדער אז עס האָט זי איינע פון איהרע מיטארביי־טאָרינס גע'מסר'ט, אז זי האַלט אין איין גנב'ענען טהימאָטעע־זאָמען און שיט דאָס, בשעת דעם רייניגען, אריין אין א זעקעלע, וואָס זי האָט אָנגעבונדען אונטער איהרע קליידער, אויפ'ן בלויזען לייב...

איך געדענק אבער, אז איך, מיין ווייב און אונזער ווירטשאפטער, האָבען באשלאָסען מיט דער שיקסע גאָר קיין שום טענות ומענות ניט צו האָבען, נאָר זי אזוי צו איבערראשען, אז זי זאָל ניט וויסען, פון וואַנען דאָס האָט זיך צו איהר גענומען.

איך, צוזאמען מיט'ן ווירטשאפטער, זיינען אריין אינ'ם שפּייכלער, וואו די שיקסעס האָבען גערייניגט דעם טהימאטהעע. איך בין צוגע־גאַנגען צו איינער פון זיי, טעקלא האָט זי געהייסען, און ניט זאָגענדיג איהר קיין איין וואָרט — האָב איך, מיט ביידע הענט, געגעבען א הויב־אויף דאָס קלייד איבער'ן קאָפּ. די איבערראשטע שיקסע איז געבליבען שטעהן אין א קורץ העמד, מיט'ן בלויזען נאקעטען אונטער־קערפּער... און די גנבה איז ריכטיג געפונען געוואָרען!

ארום איהר בלויזען לייב איז געווען ארומגעבונדען א פּעסטער, לייוועגטענער באַנד און פון איהם האָבען ארונטערגעהאַנגען צוויי זעקעלאך, ביידע שוין האַלב אָנגעפילט מיט טהימאָטהעע־זאָמען!...

עס איז באַלד געוואָרען אַ שרעקליך געשריי און געפּילדער. די שיקסע האָט זיך געוואָרפען און „געריטשעט", ווי אַ געקוילעטע בהמה. די אַנדערע שיקסעס האָבען אויך געשריען און איך — בלייך ווי די וואַנט — האָב אויך ניט געשוויגען...

עס האָט אין גאַנצען גענומען עטליכע מינוטען און אַ סך ארבייטער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען אין׳ם שפּייכלער, צוצוקוקען דאָס בייזע וואונדער.

אָבער מיין ווירטשאַפטער — אַ זעהר קלוגער און דורכגעטריבענער איד, אַ געוועזענער פּאָסעסאָר, מיט׳ן נאָמען ר׳ מרדכי בראַנד — האָט זיך גאַר ניט פארלאָרען.

איידער עס זיינען נאָך אוועק עטליכע מינוטען, זיינען שוין געשטאַנען אַ פּאָר גוטע פערד איינגעשפּאַנט צום וועגעלע. ער צוזאַמען מיט מיר, זיינען אין דער גרעסטער שנעלקייט, געפאָרען אין דאָרף אריין. דאָרט האָבען מיר גענומען דעם דאָרפס־שופט און איינעם פון זיינע „פּשישענזשניקעס" (געשוואָרענע), אוועק צום הויז פון דער שיקסע׳ס עלטערען און דאָרטען אָנגעהויבען מאַכען אַ רעוויזיע.

די גאַנצע טראַנסעקציע איז צוגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז מען האָט אין׳ם דאָרף נאָך גאָר ניט אָנגעהויבען וויסען וועגען דער שיקסע און דער גנבה, וואָס מען האָט געפונען ביי איהר.

דער רעזולטאַט פון דער אַזוי־אומדערוואַרטעטער רעוויזיע, איז געווען אַ זעהר גלענצענדער. עס האָט ניט לאַנג גענומען און מיר האָבען, אויף׳ן בוידעם, פארשטופּט אין אַ ווינקעל, צווישען דעם היי, געפונען צוויי זעק מיט טימאָטהעע, פון אַ ערך פון קנאַפּע הונדערט און פופציג פונט, וואָס האָבען געהאַט אַ ווערט פון עטליכע און פערציג גולדען.

עס וואָלט מיר פאַרנומען צופיל פּלאַץ, ווען איך זאָל וועלען אויספיהרליך שילדערען, ווי אַזוי דידאַזיגע טשיקאַווע הויז־אונטערזוכונג איז צוגעגאַנגען און ווי מיר האָבען ווידער געמוזט אויפהויבען ווייבערישע „ספּאָדניצעס" (קליידלאך) און אויך די „אינטערעסאַנטע" נאַרישע טענות, וואָס דער פויער און זיין „באַבא" (ווייב), האָבען אוועקגעלייגט, ווען מיר האָבען די גנבה אַנטדעקט.

איך וויל אָבער וועגען דעם ניט מאריך זיין און בלויז איבערגעבען, אַז איך האָב געהייסען דעם שופט, צו פארזיגלען די צוויי זעק מיט׳ן טהימאָטהעע מיט זיין חתימה און זיי דערווייל אוועקפירען אין גמינע.

איך האָב דערנאָך געסטראַשעט דעם גוי, אז איך וועל איהם מיט זיין באבא, און איבערהויפּט די שיקסע, פאַרקלאָגען אין געריכט.

דערצו איז עס אָבער ניט געקומען. דער שופט און עטליכע פּויע־רישע בעלי בתים האָבען זיך גענומען צו הילף דעם אידישען ארענדאר אפרים, וואָס האָט ביי מיר געהאַלטען די קרעטשמע, און אלע צו־זאמען האָבען זיי אזוי לאַנג געבעטען און פּשוט פאַראַרבייט מעשים — זיי זיינען אפילו געווען אין ראַדאָמישלאָ, ביי די „סטארי פּאַני", די באָבע רחמה — ביז זיי האָבען ענדליך גע'פּועל'ט און איך האָב ניט אָנגעגעבען אין געריכט. איך האָב זיך ניט געוואָלט צו־פיל איינרייסען מיט דער גאַנצער „גראָמאדא" (געמיינדע) פּויערים. ובפרט, אז דאָס גוט יאָזעפאָוו האָט זיך געפונען אין מיטען פרייען פעלד און פון'ם הויף ביז אינ'ם דאָרף אריין איז געווען פריי פון אלע פיר זייטען, און מען האָט געמוזט געהן אַן ערך פון אַ קילאָמעטער, ביז צו אַ מענשליכער וואוינונג...

— מיט א גוי טאָר מען זיך ניט צופיל איינרייסען — פלעגט מען זאָגען אין אונזער אומגעגענד — ער איז ווי א „בייזער וואָרעם"...

די שיקסע איז אָבער אוועק פון'ם דאָרף, ערגעץ צו קרובים, און מעהר האָט מען זי שוין ניט געזעהן.

* * *

די צווייטע גנבה, וואָס איז פאָרגעקומען מיט עטליכע יאָהרען שפּעטער, איז געווען אַ מעהר אינטערעסאַנטערע און דערצו אַ גאָר אויפ־רעגענדע. עס האָט אונז געקאָסט זעהר פיל מיה, ביז עס איז אונז געלונגען צו כאַפּען דעם גנב.

אחוץ דעם טימאטהעע־זאָמען, וועגען וועלכען איך האָב שוין פריער געשריבען, האָבען די יאָזעפאָווער פעלדער אויך ארויסגעגעבען א סך ווייץ און האָבער (צו אנדערע תבואות איז די ערד ניט געווען מסוגל) און אז עס איז געווען א גוט יאָהר, פלעגען מיר פאַרקויפען צו פינף־זעקס הונדערט קילאָמעטער ווייץ און האָבער, אחוץ דעם וואָס מען האָט געדאַרפט האָבען פאַר'ן אייגענעם, הויפישען, פאַרברויך.

ביידע סאָרטען תבואות פלעגען געדראָשען און גערייניגט ווערען מיט מאַשינען. אויבען, מיט א שטאָק העכער, איז געשטאַנען די גרויסע דרעש־מאַשין. די תבואה איז אריינגעפאַלען אינ'ם „מלינעק" (רייני־גונגס־מאַשין), ביי וועלכער עס איז שטענדיג געשטאַנען א שיקסע, וואָס האָט די שוין ריינע תבואה צוזאַמענגעשאַרט אין א הויפען.

ביידע מאַשינען וועלכע זיינען געווען פאַראייניגט אין איין ווערק, זיינען באַטריבען געוואָרען פון איין „קיראַד", אין וועלכען עס האָבען זיך שטענדיג געדרייט פיר פערד און איהם אַזוי באַוואויגען.

פאַרנאַכט, אַזוי אַ שטונדע איידער מען האָט אויפגעהערט צו אַר־בייטען, אין סטאָדאָלע, האָט מען זיך גענומען צו דער „זביאָרקע". מען האָט די תבואות אריינגעשיט אין זעק, ארויפגעלייגט אויף אַ וואָגען און איבערגעפירט צום שפייכלער, וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן הויף, אַ הונדערט איילען אוועק פון די סטאָדאָלעס.

ניט אַלע טאָג איז די „זביאָרקע" געווען דיזעלבע. אָבער געוועהנליך פלעגט צו זיין אַ צוואַנציג זעק ווייץ, אָדער אַ פערציג־פופציג זעק האָבער, לויט ווי די בינטלאַך האָבען ארויסגעגעבען.

צווישען צוועלף און איינס איז געווען מיטאָגס־שטונדע. די ארביי־טער זיינען ארויס פון די סטאָדאָלעס, געגעסען זייער מיטאָג און די פערד זיינען אריינגעפירט געוואָרען אין דער נאָהענטער שטאַל. דורך דער צייט פון מיטאָג, זיינען די דריי גרויסע סטאָדאָלעס געווען פוסט און פאַרלאָזען און קיין שום בן אדם האָט זיך דאָרטען ניט געפונען.

* * *

מיטאַמאָל האָט מיין ווייב, די אשת חיל, וואָס איז אומעטום געווען פול און אויך אונזער ווירטשאַפטער, ר' מרדכי בראַנד, אָנגעהוי־בען צו באַמערקען, אַז די קופּע תבואה (עס האָט זיך דעמאָלט געהאַנ־דעלט וועגען האָבער) האָט, ווען זיי קומען אריין אין סטאָדאָלע נאָכ־מיטאָג, ניט דעמזעלבען אויסזעהען ווי פאַרמיטאָג.

עס איז ביי זיי אויפגעקומען אַ פאַרדאַכט, דאָס מיטאָג־צייט, ווען די סטאָדאָלע איז פאַרשלאָסען, קומט אימיצער און נעמט תבואה פון דער קופּע.

ווי איך האָב שוין געשריבען (אינ'ם קאַפּיטעל וועגען וועלוועלע דאַמאַסק) זיינען די געביידעס פונ'ם יאָזעפאָווער הויף שטענדיג געווען אין אַ שלעכטען צושטאַנד. דאָסזעלבע איז אויך געווען דער פאַל מיט די רטאָדאָלעס: עס זיינען אפילו געווען דריי גרויסע און באַקוועמע געביידעס, אבער אָנשטאָט, ווי געוועהנלאַך, צו האָבען ווענט פון האָלץ, זיינען זייערע ווענט באַשטאַנען פון געפלאָכטענע ווייערזשבאָווע צווייגען.

דאָס איז געווען אַ שטיקעל מעלה, ווייל די לופט האָט געהאַט אַ לייכטען צוטריט. דער חסרון איז אָבער געווען אַ נאָך פיל גרעסערער, וואָס פאַר גנבים זיינען אַזעלכע ווענט געווען אַ גאָר קנאַפּע באַוואָ־רעניש...

אז מיין ווייב און דער ווירטשאפטער האָבען אָנגעהויבען צו באַ־קומען א פארדאכט, ווענען דער קופּע תבואה אין סטאָדאָלע, האָבען זיי פארדאָפּעלט זייערע אויפמערקזאמקייט: זיך געמאכט געוויסע סימנים, ווען זיי זיינען אוועק צום מיטאָג און נאָכגעזעהען אויב די זעלבע ציי־כענס זיינען נאָך פאראנען ביי זייער צוריקקומען.

עס האָט גענומען בלויז עטליכע טעג, און מיר זיינען שוין געווען איבערצייגט, אז מען גנב'עט יאָ פון דער קופּע, און אז יעדעס מאָל פעהלט אן ערך פון א זאק האָבער. דאָס איז אָבער פאר אונז נאָך געווען וויניג. מיר האָבען באשלאָסען, אז מיר מוזען אלעס אָנווענדען, כדי דעם גנב צו כאפּען.

דער ווירטשאפטער, ר' מרדכי, האָט אויף זיך גענומען דידאָזיגע שווערע, אָבער אינטערעסאנטע ארבייט.

בשעת יעדער איז, אין דער מיטאָג־צייט, ארויס פון די סטאָדאָלעס און זיך געזעצט אין דרויסען, אָדער אויפ'ן נאָהענטען הויף און די שטאלען, עפּעס צו איבערבייסען, איז ער פארבליבען אינעווייניג, באַ־האלטען צווישען די בינטלאך תבואות, ניט ווייט פון דער קאמער, וואו די קופּע שוין־געדראָשענע און גערייניגטע תבואה איז געלעגען.

א צוויי־דריי טעג איז זיין וואכזאמקייט געווען אן אומזיסטע. דער גנב איז ניט געקומען און די קופּע תבואה איז אויך ניט גערירט גע־וואָרען.

מיר האָבען שוין אָנגעהויבען מורא צו באקומען, אז דער גנב האָט זיך דערוואוסט, אז מען היט די תבואה אויך מיטאָג־צייט און דערפאר האָט ער אויפגעהערט זיך צו באווייזען.

אָבער די שפּעטערע פּאסירונגען האָבען באוויזען, אז ניט דאָס איז געווען די אורזאכע פונ'ם גנב'ס ניט־קומען. ער האָט ווענען דעם גאָר קיין פארדאכט ניט געהאט און איז בלויז דערפאר ניט געקומען, ווייל ער איז מיט עפּעס אנדערש געווען באשעפטיגט. פון ווירטשאפטער'ס אָנוועזענהייט, האָט ער גאָר קיין שום אהנונג ניט געהאט.

אויפ'ן פערטען טאָג, ווען ר' מרדכי איז געווען באהאלטען צווי־שען די בינטלאך, האָט ער פּלוצים דערזעהען, ווי א הויכער פּויער, מיט א טיכעל אויפ'ן פּנים, מען זאָל איהם ניט דערקענען, און מיט א זאק אין האנט, דערנעהענטערט זיך צו דער קופּע תבואה.

ווען ר' מרדכי וואָלט ניט געווען געוואָרען אזוי איבערראשט, וואָלט געווען דאָס פּראקטישסטע צו לאָזען דעם גוי אָנשיטען דעם האָבער אין זיין זאק און ארויפלייגען אויף זיינע פּלייצעס, און ערשט דערביי איהם צו איבעראשען און ארונטערצורייסען דאָס טיכעל פונ'ם פּנים.

אָבער ר׳ מרדכי איז שוין באַלד אין אָנפאַנג, אזוי איבערראשט געוואָרען, און תיכף ארויסגעלאָזט א הויכען געשריי, אז דער גנב איז תיכף אויפמערקזאם געוואָרען און איז שוין ניט אריין צו דער קופּע תבואה, נאָר דורך איינע פון די וואַנט-לעכער אנטלאָפען.

די וואנט פון דער סטאַדאָלע האָבען געהאַט גענוג לעכער, אז א געשיקטער גנב זאָל דורך זיי קענען ארויס. ער איז טאקע אנטלאָפען אין ווייטען פעלד אריין, אויף דער זייט וואָס איז געווען אוועק פון׳ם הויף.

ר׳ מרדכי׳ס געשריי איז אָבער ניט געווען קיין אומזיסטער. עס זיינען זיך באַלד צוזאמענגעלאָפען אַלע ארבייטער, וואָס האָבען געאַר־בייט אין די סטאַדאָלעס, פּויערים, שקצים און שיקסעס, אַלע צוזאמען אן ערך פון א דרייסיג מענשען און צוזאמען מיט׳ן ווירטשאַפטער האָבען זיי זיך געלאָזט לויפען נאָכ׳ן גנב.

זייער אַלעמענס לויפען איז אָבער געווען אזא שוואַכער, אז דער גנב האָט באַקומען א צו־גרויסען פאָרשפּרונג און זיי האָבען איהם ניט געקענט — און אפשר אויך ניט געוואָלט — כאַפּען...

אונזערע פעלדער זיינען געגאַנגען ביז צום וואסער „ברען״ און דאָרטען האָבען זיי זיך געענדיגט.

אָבער הארט ביים ברעג, האָט געוואָהנט אן אַלטער און גאָר רייכער פּויער, מיט׳ן נאָמען סאַידאַק. ער האָט פאַרמאָגט ביים וואסער א גאַנצע ווירטשאַפט פון מעהרערע געביידעס, סטאַדאָלעס, שטאַלען, און אנדערע עהנליכע. דאָרט, אין דער ריכטונג פון סאַידאַק׳ס ווירט־שאַפט, איז דער גנב אַנטלאָפען און אַלע נאָכיאָגערס נאָך איהם. ער איז אָבער דאָרטען, פּלוצים, פאַרשוואונדען געוואָרען, און מען האָט ניט געוואוסט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. מען איז אָבער געווען זיכער, אז ער מוז דאָ ערגעץ זיין און אז ער באַהאַלט זיך דאָ אויס...

דער ווירטשאַפטער, ר׳ מרדכי, האָט קודם־כל, געהייסען אַלע ארבייטער — און אויך אונזערע פּאַראָבקעס וואָס זיינען באַלד אהער־געקומען — אז זיי זאָלען זיך ארומשטעלען ארום סאַידאַק׳ס ווירטשאַפט און אַכטונג געבען, אז דער גנב זאָל זיך פון דאָרטען ניט קענען ארויס־דרעהען. דאַן האָט ער געהייסען צוויי פּאַראָבקעס אוועקרייטען צום דאָרפס־שופט און אים ברענגען מיט זיינע געשוואָרענע ארויסהעלפערם (פּשישענזניקעס).

דיזעלבע צוויי פּאַראָבקעס האָט ער אויך געהייסען ארומרייטען אין די נאָהענטע דערפער, אויפצוזוכען וועלכען עס איז זשאַנדאַר און איהם דאָ אהער צושיקען.

ר׳ מרדכי׳ס באפעהלען זיינען זאָפאָרט אויסגעפירט געווארען און, איידער עס איז נאָך אוועק א שטונדע, איז שוין דער שופט מיט זיינע פארשוינען געווען אויף׳ן פּלאַץ און אביסעל שפּעטער איז אויך אָנגעקומען א זשאנדאר, וועמען דער רייטער האָט אָנגעטראָפען אין א נאָהענטען דאָרף. ער האָט תיכף איבערגענומען די גאַנצע ארבייט און די ריכטיגע אונטערזוכונג האָט זיך אָנגעהויבען.

בשעת דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען, בין איך ניט געווען אין דער היים. עס איז דעמאָלט געווען מיטוואָך, ווען עס איז יריד אינ׳ם ניט־ווייטען שטעדטעל שצוצין און איך האָב געהאַט דאָרטען עפּעס צו פארזאָרגען.

אַז איך בין אהיימגעקומען, האָט שוין אָנגעהויבען גוט טונקעל צו ווערען. איך בין אָבער באַלד געלאָפען צו סאַידאָק׳ס ווירטשאפט.

אַלע גוים און שיקסעס זיינען נאָך געווען פארזאַמעלט ארום די געביידעס. מעהרערע פון זיי האָבען געהאַלטען לאַמטערנעס מיט ליכט אין זייערע הענד און אכטונג געטאָן, אַז דער גנב זאָל זיך אין דער שטייגענדער טונקעלקייט ניט קענען ארויסדרעהען.

מיין וויב מיט׳ן ווירטשאפטער האָבען געהאַלטען אין איין געבען צו אַלע גוים גלעזעלאך בראָנפען, שטיקער ברויט, הערינג און קעז און זיי אונטערגעגעבען מוט, פון דאַנען ניט אוועקצוגעהן, ביז דער גנב וועט ענדליך געפונען ווערען.

עס קען אויך זעהר לייכט מעגליך זיין, אַז די גוים וואָלטען זיך געווען צעגאַנגען און אונז איבערגעלאָזט אליין. ווען ניט דער זשאַנדאַר, וועלכער האָט זיי אַלעמען מיט שטרענגע ווערטער אָנגעזאָגט, אַז ווער עס וועט וואַגען פון דאַנען אוועקצוגעהן, דער וועט זיכער, באַלד מאָרגען אין דער פרי, ארעסטירט ווערען, פאר ניט פאָלגען זיין אויסדריקליכען באפעהל.

פאר דעם האָבען די גוים געציטערט. זיי האָבען שוין די זשאַנדארען צו־גוט געקענט, אַז זיי וועלען זיכער זייערע סטראשונקעס באַלד מאָרגען אויספירען און יעדען ניט־פאָלגזאַמען גוי אַרעסטירען.

דאָס ארומזוכעניש אין אַלע געביידען האָט אָנגעהאַלטען היבשע עטליכע שטונדען. מען האָט געזוכט אין אַלע סטאָדאָלעס און צעוואָרפען די תבואות און די הייען, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען. דאָרטען, וואו עס איז שווער געווען צוצוקומען, האָט דער זשאנדאר געפּרואווט מיט זיין שארפען שווערד, וועלכען ער האָט אויפגעשטעלט אויפ׳ן ביקס, און דאָס איז געווען אן ערך פון א קנאַפּע צוויי מעטער לאַנג...

דעם אמת זאָגענדיג איז מיר און מיין ווייב שוין נמאס געוואָרען דער גאַנצער עסק. מיר האָבען פּשוט ניט געקענט צוקוקען דעם גרויסען טאַראַראַם און שרעקליכע אומאָרדנונג, וואָס מען האָט דאָרטען אָנגע־מאַכט אין דער שעהנער ווירטשאַפט פון׳ם אַלטען סאַידאַק, וועלכער איז געשטאַנען צוזאַמען מיט זיין באַבא׳ן הילפלאָז און אַלעס צוגעזעהן מיט טריבע אויגען און זיך גאָר ניט געקענט העלפען.

כאָטש מיר האָבען איהם געהאַלטען אין איין צוזאָגען, אז ער וועט דערפון גאָר קיין שום שאָדען ניט האָבען, און אז איך וועל איהם פאַר אַלעס באַצאָלען, האָט דאָס אַלעס גאָר ניט געהאָלפען און דער רייכער און שטילער גוי, איז געווען שטאַרק טרויעריג און פאַרזאָרגט.

מיר האָבען שוין אָנגעהויבען צו בעטען ביים זשאַנדאַר, אז ער זאָל שוין אָפּשטעלען די אונטערזוכונג. ער איז אָבער געווען פּונקט ווי א הונד, וועמען מען לאָזט ארויס אויף געיעג און ער דערשפירט א פאַרוואונדעטע חיה. ער האָט פון גאָר ניט געוואָלט וויסען און גע־האַלטען אין איין טענה׳נען, אז ער פיהלט אויף זיכער, אז דער גנב איז דאָ יאָ באַהאַלטען און עס איז דערפאַר זיין דינסטליכע פליכט, דאָס זוכעניש ניט אויפצוגעבען, און אויב ער וועט נאָר מיד ווערען, וועט ער שיקען א שליח צום וואַכטמייסטער, אז ער זאָל אהערשיקען אַנדערע זשאַנדאַרען, וואָס זאָלען איהם אַרויסהעלפען.

עס איז שוין געווען ארום ניין אזייגער אין אָוונד און מיר אַלע זיינען שוין געווען מידע און אויסגעמאַטערטע. דער זשאַנדאַר האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין שטעכען מיט זיין לאַנגען באַיאָנעט אין דער קופּע היי אין סאַידאַק׳ס סטאָדאָלע, ווען פּלוצים האָט זיך דערהערט א געשריי ווי פון א פאַרוואונדעטען מענשען: „דלא באָגאַ!" (מיין גאָט !).

דאָס געשריי איז געקומען פון׳ם גנב, וועלכער איז געווען באַהאַל־טען גאַנץ טיף אין דער קופּע היי, אָבער וועמען דער זשאַנדאַר האָט עפּעס דאָך דערגרייכט מיט זיין לאַנגען באַיאָנעט.

מיר זיינען אַלע געוואָרען דערשראָקענע און דערציטערטע. מיר האָבען מורא געהאַט, אפשר האָט שוין דער זשאַנדאַר דעם בחור מיט זיין באַיאָנעט דערשטאָכען אויף טויט...

אַלע גוים זיינען צוגעלאָפען צו דער קופּע היי און מיט אַלע זייערע כחות אָנגעהויבען צו צורייסען און צונעמען.

עס האָט שוין אינגאַנצען גענומען עטליכע מינוטען און דער גנב איז געפונען געוואָרען. ער איז ארויסגעקראָכען א גאַנצער און ניט באַ־

שעדיגטער. דעם זשאַנדאַר'ם באַיאַנעט האָט איהם גאַנץ ווייניג פאַר־וואונדערט.

איך קען גאָר ניט אויסמאָלען, וואָס דאָרטען האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען מיר האָבען דערזעהען און דערקענט ווען דער גנב איז!

דאָס איז געווען מיכאל סאָווא, איינער פון די חשוב'סטע און אָנגעזעהענסטע פויערישע בעלי בתים פונ'ם גאַנצען דאָרף! ער איז געווען איינער פון די געשוואָרענע און מען האָט שוין געהאט געשמועסט, אַז מען וועט איהם מאַכען פאַר'ן דאָרפס־שופט!

ער האָט שוין אויך געקענט אביסעל שרייבען און לעזען און איז בכלל געווען א סך אינטעליגענטער ווי גאָר א סך אנדערע פויערים פונ'ם גאַנצען דאָרף.

דאָס גאַנצע דאָרף פויערים זיינען געווען דערביי ווען מיכאל סאָווא איז ארויסגעקראָכען פון זיין באַהעלטעניש פון דער קופּע היי. אלע גוים האָבען זיך פשוט פארשעהמט און איהם ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען אריין. זיי האָבען די בושה געפיהלט אזוי שטארק, גלייך עס וואָלט געווען זייער'ס אן אייגענע זאך און דער גנב וואָלט געווען זייערס א גאָר־נאָהענטער קרוב.

דער זשאַנדאַר איז גאָר געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל. ער איז געווען רויט אויפ'ן גאַנצען פנים און געהאלטען אין איין זאָגען צו מיר אָדער צום ווירטשאַפטער: פּאָוויעדזשאַלעם פּאַנו! (איך האָב דאָס אייך פריהער געזאָגט!).

איצט האָבען די גוים נאָך אמאָל באַקומען צו גלעזלאך בראַנפען און דער זשאַנדאַר האָט זיי געהייסען אהיים געהן. דעם גנב האָט ער געשלאָסען די הענד אין אייזערנע קייטלאך און איהם מיט זיך מיט־גענומען צו אונז אין הויף אריין, כדי מיט איהם דאָרטען א פּראָטאָקאָל אויפצונעמען.

אַז ער איז אָנגעקומען אין הויף אריין, האָט ער איהם אויך גע־בונדען די פיס מיט אן אייזערנעם קייטעל און געגעבען א וואָרף אין א ווינקעל, ווי א געבונדענע חיה, און זיך אליין געזעצט עסען און מיט אונז רעדען. ער האָט געהאלטען אין איין באַריהמען זיך, וואָס פאַר גרויסע העלדישע טהאטען ער האָט שוין אויפגעטאָן ביים כאַפּען גנבים.

ווען ער איז שוין פארטיג געוואָרען מיט'ן עסען און טרינקען, האָט ער זיך גענומען צו סאָוואַ'ן. קודם כל, האָט ער איהם אריינגע־וואָרפען עטליכע גוטע קלעפּ. ער וואָלט איהם זיכער נאָך געווען געגעבען א סך מעהר, אָבער איך ובפרט מיין ווייב האָבען איהם פשוט געבעטען

און געהאַלזט, אַז ער זאָל איהם ניט אַזוי פיל שלאָגען. מיר האָבען דאָס פּשוט ניט געקענט צוקוקען.

ער האָט מיט איהם אויפגענומען אַ שטרענגען פּראָטאָקאָל. דער גנב האָט זיך געהאַלטען דערביי, אַז היינט איז ביי איהם געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז געקומען אין סטאַדאָלע גנב'ענען.

כאָטש מיר האָבען אַלע גוט געוואוסט, אַז דאָס איז ליגען און דער זשאַנדאַר האָט דורך קלעפּ און שלעק, פון איהם געוואָלט אַרויס־באַקומען אַ ריכטיגען פּראָטאָקאָל, האָבען מיר אָבער ניט געלאָזט איהם מעהר שלאָגען, און דער גוי האָט זיך טאַקע ניט מודה געווען...

נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט איהם דער זשאַנדאַר אָפּגעפירט קיין ראַדאָמישלאָ אין געריכט אַריין. עס האָבען זיך אָנגעהויבען פּראָ־טאָקאָלען און פאַרלאַדונגען. מיר האָבען די זאַך ניט געוואָלט צופיל פּרעסען און זיך ניט געוואָלט איינרייסען מיט דער גאַנצער גראָמאַדאַ פּויערים. אָבער דער שטאַטס־אַנוואַלט, אין דעם טאַרנער שטראַף־געריכט, האָט גאַר שטאַרק פאַרטיידיגט די אָנקלאַגע און דער גוי האָט באַקומען — אַ חוץ דעם וואָס ער איז געזעסען אַ צוויי חדשים אין דער פאַר־אונטערזוכונג — גאַנצע דריי חדשים שווערען קערקער און דערצו האָט ער אויך געמוזט באַצאָלען אַ סך געריכטס־קאָסטען, וועלכע איך האָב אָבער קיינמאָל ניט איינגעמאָנט...

אַז מיכאַל סאָוואַ איז צוריקגעקומען פונ'ם געפענגעניש, האָבען איהם אַלע פּויערים געוויכט און מיט איהם ניט געוואָלט האָבען די מינדעסטע מגע־ומשא. זיי האָבען איהם בשום אופן ניט געקענט פאַר־געבען די גרויסע חרפּה, וואָס ער האָט דורך זיין גנבה געבראַכט אויפ'ן גאַנצען דאָרף, פון וועלכען ער איז פריהער געווען איינער פון די חשוב'סטע בעלי־בתים.

נאָך עטליכע וואָכען האָט ער זיך אַזוי, איינער אַליין און איינזאַם, אומגעדרעהט אינ'ם דאָרף, ביז מען האָט איהם איינמאָל, אין אַ פריי־מאָרגען, געפונען... אַן אויפגעהאַנגענעם אויף דער טיר פון זיין סטאָדאָלע.

נאָך מיט יאָהרען שפּעטער, ווען די גוים האָבען וועגען איהם גע־רעדט, האָבען זיי אַלע, בהסכם כולם, געזאָגט, אַז ניט אַנדערש, נאָר אַ דיאַבעל (אַ טייפעל) האָט געמוזט אין איהם אַריין און איהם געצוואונ־גען צו באַגעהן אַזאַ נאַרישקייט.

איך האָב אָבער אין זינען געהאַט, אַז די פּויערים האָבען צוגע־טראָפען דאָס זעלבע וואָס די גמרא זאָגט וועגען אַזעלכע זאַכען: אין אדם עובר עברה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות...

## 45 — שצוצין

איצט — אזוי האָב איך געהערט מיט א צעהן יאָהר צוריק דער־צעהלען — איז שצוצין א גאַנצער כרך, מיט א באַהן־סטאַנציע און א בריק איבער'ן ווייכסעל. דאָס שטעדטעל האָט אויפגעלעבט און איז געוואָרען א גאַנץ היבשער האנדעלס־צענטער און ס'איז גאָר ניט צו דערקענען.

אָבער, מיט עטליכע און פערציג־יאָהרען צוריק האָט עס דאָרטען גאָר אנדערש אויסגעזעהען.

גאַנץ אנדערש ווי די ארומיגע, נאָהענטע, שטעדטעלאך דאָמבראָווא און ראדאָמישלאָ, איז געווען דאָס פיל קלענערע שצוצין. קיין געריכט, שטייער־אמט, אָדער גאָר א סטאראָסטוואָ, איז דאָרטען ניט געווען און אחוץ דעם פּאָסט־און טעלעגראפען־אַמט, איז ניט געווען קיין שום זאַך, וואָס זאָל דאָס שטעדטעל פארבינדען מיט דער אויסערער וועלט.

שצוצין (צוויי מייל פון דאָמבראָוואָ און א פיר מייל פון טאָרנע), ליגט הארט ביי דער ווייכסעל, וועלכע איז שטענדיג געווען די גרעניץ צווישען גאַליציען און רוסיש־פּוילען.

עס איז אין שצוצין אפילו געווען עפּעס א שטיקעל „קאמער", מיט עטליכע „פינאנצען" (גרעניץ־וועכטער) און מען האָט פון דאָרטען געקענט, מיט'ן פּאַראָם, אריבערפאָרען קיין פּוילען, אָדער פון דאָרטען אריינקומען אין גאַליציע. אָבער דער פארקער פון דידאָזיגע צוויי לענדער, איז אין שצוצין געווען אַזאַ קליינער און נישטיגער, אז מען האָט איהם, כמעט גאר ניט באמערקט. און אויב עס האָט זיך אמאָל אינ'ם שטעדטעל יאָ באַוויזען א איד, מיט א פּויליש היטעל (א קאשקעטל מיט א קליין דאשעקל) האָט איהם יעדער נאָכגעקוקט, ווי אויף א דבר חידוש.

קיין סך אידישע פּאַסעסאָרס, ווי אַרום ראדאָמישלאָ, איז אין שצוצין אויך ניט געווען און אחוץ מיטוואָך, דעם טאָג פונ'ם יריד, האָט מען אינ'ם שטעדטעל, כמעט, קיינעמען ניט געזעהן.

אינ'ם גאַנצען שטעדטעל האָבען געלעבט אַן ערך פון א פופציג אידישע פאמיליעס און צווישען זיי אַלע איז ניט געווען קיין איין איד, וואָס זאָל האָבען אין זיין פארמעג אַן ערך פון א פינף טויזענד גולדען.

פונדעסטוועגען, איז אין׳ם גאנצען שטעדטעל אויך ניט געווען קיין איין אָרימאַן, אַזעלכער וואָס זאָל האָבען געדאַרפט אָנקומען צו פרעמדער הילף.

כמעט יעדער פון זיי האָט פאַרמאָגט זיין אייגען הייזעל (אין גאַנץ שצוצין איז ניט געווען קיין איין געמויערט הויז. היבש עטליכע אידען האָבען געהאַט צו שטיקלאַך פעלד, אָדער, אַמוועניגסטענס, עטליכע בייטען צום באַארבייטען. די מעהר נגידישע האָבען געהאַט איינע, אָדער גאָר צוויי, קיה און פון דעם מילכיגס און דעם שטיקעל פעלד האָבען זיי שוין געהאַט אַ היבש ביסעל פרנסה.

די געגענד ארום שצוצין איז א רייכע און די אידען האָבען צו די דאָרטיגע פויערים גאָר ניט צוגעלייגט. קיין וואָכערניקעס זיינען די אידען פון שצוצין ניט געווען און די פויערים האָבען צו זיי, נאָך געלד, ניט געדארפט אָנקומען. אָבער די אידען האָבען געהאט אין שטאָדט געוועלבלאַך און פלעגען אויך געהן איבער די דערפער און אַלעס וואָס דער פויער האָט געהאט צו פארקויפען, אָדער געדאַרפט קויפען, איז דורכגעגאַנגען דורך אידישע הענד און זיי, די אידען, האָבען דערביי גאַנץ שעהן פאַרדינט.

רוהיג, שטיל, גאָר אָהן דאגות, האָבען געלעבט די אידען פון שצוצין. זיי האָבען ניט געזוכט קיין גרויסע גליקען, די וועלט ניט איינ־געריסען און זיך שטענדיג געלאָזט באַנוגענען מיט דעם וואָס זיי האָבען געהאַט . . .

* * *

דאָס גוט יאָזעפאָוו, וואו איך האָב געוואוינט, איז געווען א סך נעהענטער קיין שצוצין, ווי קיין ראַדאָמישלא. אז מען איז פון יאָזעפאָוו נאָר אָפּגעפאָרען אַ צוויי קילאָמעטער, מיט׳ן פּוילישען וועג, דורכ׳ן דאָרף סלופּצע, איז מען שוין געווען אויפ׳ן קייזער־וועג און עס איז שוין ניט געווען מעהר ווי בלויז איין מייל קיין שצוצין. עס האָט ניט גענומען מעהר ווי איין שטונדע און א פערטעל פון יאָזעפאָוו קיין שצוצין. אָבער קיין ראַדאָמישלא האָט מען זיך געמוזט שלעפּען, דורך בלאָטיגע און זאמדיגע וועגען, גוטע צוויי שעה.

פאר מיר האָט, איבערהויפּט אין די שפּעטערע יאָהרען, דאָס שטעדטעל שצוצין געהאַט א סך מעהר אָנציהונגס־קראַפט ווי ראַדאָ־מישלאָ.

אז איך פלעג, א זונטאג, אדער א דאָנערשטאג, אויפ׳ן יריד, פאָרען

קיין ראַדאָמישלאַ, האָב איך שוין אין איין וועגס, געמוזט אָפּטרעטען אינ'ם זגורסקער הויף, ביי שווער און שוויגער.

עס פלעגט זיך, כמעט יעדעס מאָל, ובפרט פון דער שוויגער'ס זייט, אָנהויבען א גאַנצער פּראָטאָקאָל, נאָך וואָס איך פאָר אזוי אָפּט אין שטאָדט אריין... איך בין דאָך — ווי דוכט זיך איהר — ערשט מיט עטליכע טעג צוריק דאָרטען געווען...

— אז א מענש זאָל ניט קענען איינזיצען אויף איין אָרט — פלעגט די שוויגער זאָגען מיט א שטיקעל ברוגז־טאָן — און נאָר „טליקען” די פערד אומזיסט און אומנישט...

און אין ראַדאָמישלא האָבען אויך ניט געפעלט קיינע קרובים.

קודם־כל האָט דאָס ערשטע געמוזט זיין אריינצוגעהן צום עלטער־שווער ר' יודעל. ער האָט מיט מיר ניט געמאַכט קיין סך מחזקות. גענעבען שלום עליכם, געשמועסט עטליכע ווערטער און — פּטור...

אָבער די עלטער־שוויגער, די באָבע רחמה, פון איהר האָט מען זיך שוין ניט געקענט אזוי לייכט אויסדרעהען. זי איז געווען א קלוגע און פּראַקטישע אידענע, אָבער זי האָט געהאַט א טבע, ווי א סך אַלטע פרויען, צו געבען עצות — כאָטש מען האָט דאָס פון איהר גאָר ניט פאַרלאַנגט...

און אחוץ דעם, די פעטערס, די מומעס און זייערע קינדער. אלע האָבען מיר אָפּגעגעבען שלום עליכם'ס און אָפּט אויפגעפאָדערט זיי צו באַזוכען אין זייערע היימען און דאָס איז מיר געווען לעול ולמשא. איך האָב זיך שטענדיג געפיהלט געפּענטעט פון די פילע אויפזעהערס...

אָבער אז איך בין געוואָרען קיין שצוצין, האָב איך פון די אלע אונאַנגענעמליכקייטען ניט געוואוסט. איך בין געווען א פרייער פויגעל אָהן דין וחשבון'ס און פּראָטאָקאָלען...

אָבער דער אמת מוז דאָ אויך געזאָגט ווערען, אז דאָס שטעדטעל שצוצין האָט אויף מיר — פון דער מאָראַלישער זייט — ניט געהאַט קיין גוטע ווירקונג.

איך האָב מיך דאָרטען אויסגעלערנט אזעלכע זאכען, פון וועלכע איך וואָלט אין ראַדאָמישלא זיכער ניט געווען געוואוסט. קודם־כל האָב איך זיך דאָרטען אויסגעלערנט שפּילען אין קאָרטען.

אין מיינע יונגע יאָהרען, זייענדיג אין לעמבערג, האָב איך קיינמאָל (אחוץ דאָס אומשולדיג־קינדערישע שפּילען מיט די צוויי מיידלאָך פון דער רייכער האָראָוויץ־פאַמיליע) קיינמאָל ניט געשפּילט אין קאָרטען. העכסטענס אמאָל מיט דער מאַמען אין דאָמינאָ, אָדער אין לאָטערי, מיט קליינע שטיקלאָך גלאָז...

אויך ביי מיין שווער אין הויז, האָט מען פון קאָרטען שפּילען קיינמאָל ניט געוואוסט. מען איז דאָרטען שטענדיג, ווינטער און נאָך מעהר זומער־צייט, געווען אזוי פאַרטאָן מיט דער ארבייט, אז מען האָט פּשוט קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבען מיט וועלכע עס איז נארישקייטען.

אויך אין ראַדאָמישלאַ האָב איך קיינמאָל קיין צייט און קיין געלעגענהייט ניט געהאַט זיך אוועקצוזעצען און שפּילען אין קאָרטען. זיינען טאַקע אוועק עטליכע יאָהר נאָך מיין חתונה און איך האָב קיין קאָרט אין האַנט ניט גענומען.

אָבער אַז איך האָב אָפּט אָנגעהויב'ען צו קומען קיין שצוצין און האָב זיך דאָרטען באַקענט מיט עטליכע בעלי הבית'ישע יונגע לייט, האָ־בען זיי מיך שוין אויסגעלערענט די „תורה". מיט דער צייט האָב איך דאָס שוין געקענט אזוי גוט ווי מיינע רביים און אין דעם גאַנץ געשמאַק עוסק געווען...

עבירה גוררת עבירה.

משקאות, וויין, ביר ובפרט בראַנפען, האָב איך ביז צו מיין חתונה קיינמאָל אין מויל ניט גענומען. פרייטאָג צו נאַכטס, פלעגט מען ביי אונז אין הויז, צו די פיש געבען א שטיקעל ברויט, פון וועל־כען מען האָט א פּיצעל איינגעטונקען אין א לעק בראַנפען...

ביי מיין שווער אין הויז איז שטענדיג געווען א סך בראַנפען. ער— און אויך די שוויגער — פלעגען אָפּט טרינקען גאַנצע גלעזלאַך בראָנפען. דאָסזעלבע האָבען אויך געטאָן די האַלב דערוואַקסענע זין. דידאָזיגע משקה איז אָבער געווען אזא פּראָסטע, רויע און אומגעליי־טערטע, אַז איך האָב זיך צו איהר ניט געקענט צוגעוואוינען.

ערשט אַז איך בין געוואָרען מיין אייגענער בעל הבית אין יאָזעפּאָוו און איבערהויפּט אַז איך בין געוואָרען אַן אָפּטער פאָרער קיין שצוצין, און דאָרטען געוואָרען קיין מעשה־ניט פון א קאָרטען שפּילער, האָב איך שוין, אין איין וועגס, מקבל געווען די תורה פון טרינקען משקה און דערנאָך האָב איך דאָס שוין געקענט אַזוי גוט ווי יעדער דאָרפּס־מאָן.

אין אָנפאַנג פלעג איך בלויז טרינקען זיסע בראַנפענס, ראָזאָלים, אָבער מיט דער צייט, איז הרגל נעשה טבע, און איך האָב שוין אויך געטרונקען אַלעס וואָס איז מיר געקומען אונטער'ן האַנד: פּראָסטע בראָנפען און א סך אָקאָצימער ביר.

יונג, אָהן דאגות בין איך דעמאָלט געווען. קיין געלד האָט מיר קיינמאָל ניט געפעלט, פלעג איך זיך דערפאַר, ווען די צייט און די

אומשטענדען האָבען עס גאָר דערלויבט, אונטער פארשיידענע אויס־רײדען, אָפט אריבערכאפּען קיין שצוצין און דאָרטען מיט מיין חברה פארברענגען ביים „גרינעם טישעל״ (אזא טישעל איז דאָרטען אפילו קיינמאָל ניט געווען) און ביי עטליכע גלעזלאך משקה...

עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל מיר אין דעם שטערען, אדער א דעה זאָגען. מיין שווער האָט זיך וועגען דעם קיינמאָל ניט געקימערט און טאַקע ניט געוואוסט דערפון.

אפילו שפּעטער, ווען איך בין ארויס פון דער יאָזעפאָוו׳ער פּאַ־סעסיע און געוואוינט א פיר מיילען ווייטער פון שצוצין, האָב איך מיינע פארבינדונגען מיט׳ן שטעדטעל אלץ ניט איבערגעריסען. פאר־קערט. צוליב מיינע געשעפטען מיט די „שצוצינער לאָנקעס״ (ווי איך וועל שפּעטער דערצעהלען) בין איך נאָך מעהר און אָפטער געווען אין שצוצין. מיינע געשעפטען האָבען דעמאָלט דאָס פון מיר פארלאַנגט.

* * *

עס פארשטעהט זיך, אז איך האָב שוין געקענט יעדען אין שטעד־טעל און יעדער האָט מיך געקענט.

אָבער נאָהענטער באפריינדעט — אלס שפּיל־ און טרינק־גענאָסען — בין איך געווען בלויז מיט עטליכע פון זיי. צוויי זיינען געווען פּאָסע־סאָרס, וואָס האָבען געוואוינט גאָר נאָהענט פון׳ם שטעדטעל און אויך צוויי יונגע לייט פון שטאָדט.

דער עלטסטער צווישען אונז און אויך דער רייכסטער, איז געווען אלטער שנור.

ער איז דעמאָלט, ווען איך האָב זיך מיט איהם באקענט, געווען א מאַן פון א יאָהר עטליכע און פערציג. וואָס ער איז געווען אין זיינע יונגערע יאָהרען, ווייס איך ניט. אָבער אין מיינע צייטען האָט ער שוין פארמאָגט זיינם אן אייגען גוט, ניט זעהר קיין גרויס, א צוויי הונדערט אקער, אָבער זעהר גוטע און פרוכטבארע פעלדער און דארונטער א היבש ביסעל לאָנקעס, וואָס האָבען איהם אריינגעבראַכט א סך געלד, גאָר אָהן ארבייט.

קיין גרויסער מילדער פארשוין איז ער ניט געווען. אָבער א שטי־קעל באריהמער, און ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען כבוד, אָדער עפּעס א נצחון אויסצופירען — איז געלד געווען בלאָטע...

מען האָט איהם געשאַצט אין א סך געלד. אפשר אין דרייסיג טויזענד גולדען. ער האָט תמיד ביי זיך געהאַט מזומן, און אז מען האָט געדארפט האָבען עטליכע הונדערט גולדען, האָט מען דאָס ביי איהם אלעמאָל געקראָגען.

מיט עטליכע יאָהר איגגער פון איהם איז געווען אהרן וועקסלער, דער פּאָסעסאָר פון'ם גוט קעמפּע, אַ תחום שבת פון שצוצין. ער האָט געשטאַמט פון פּוילען פון א רייכער משפחה. אָבער ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין זעלנער ביים רוסישען קייזער, איז ער אנטלאָפען קיין גאַליציע, אין דעם ניט־ווייטען שטעדטעל שצוצין. ער האָט חתונה געהאט מיט א טאָכטער פון דעם רייכען שמשון אשהיים רזשעמפּניאָווער, וועגען וועמען מיר האָבען שוין געשריבען א באַזונדערען קאַפּיטעל. זיין פּאָסעסיע איז געווען א קליינע, אין גאנצען א הונדערט און פופציג אקער. אָבער עס איז געווען גאָר הארט ביי דער ווייכסעל און דערפאר דאָס בעסטע שטיקעל פעלד אין דער גאַנצער געגענד. ער איז דאָרטען וואָס א יאָהר, געוואָרען מעהר עושר.

אז ער איז נאָך געווען שמשון אשהיים'ס איידים און געהאט זיין טאָכטער פאר א ווייב, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען, אז קיין צו־מילדער פארשוין איז ער ניט געווען. אָבער פאָרט ניט אזוי קארג ווי זיין שווער.

ער האָט זעהר ליב געהאט כבוד און דוקא געוואָלט, אז מען זאָל איהם האלטען פאר מעהר מענש און אויך רייכער ווי אלטער שנור. דאָס האָט אָפט געבראכט צו קאָמישע אינצידענטען און איין מאָל — ווי איך וועל ווייטער שרייבען — איז עס צווישען זיי ביידען געקומען אזוי ווייט, אַז אַזאַ מעשה האָט דעם דאָזיגען אהרן וועקסלער אָפּגעקאָסט איבער טויזענד גולדען און דערצו האָט נאָך יעדער פון איהם געלאכט.

דער דריטער אין אונזער שטענדיגער קאָמפּאַניע איז געווען חיים דוד פערציגער, וועמען מען האָט אויך גערופען „דער רבי". ער האָט געשטאַמט פון דעמביץ און האָט דעמאָלט געוואוינט אין שצוצין.

ער איז געווען א שטיקעל יודע־ספר און ליב געהאט אריינצוקוקען אין אַ לייכטען לשון־הקודש'דיגען ספר'ל אָבער... באופן, אַז ער זאָל עס פון אימיצען באקומען געבאָרגט און דארויף ניט דארפען אויס־געבען קיין געלד...

שוין זייענדיג אַן עלטערער בחור, האָט ער חתונה געהאט מיט א טאָכטער פון אַן ארענדאר פון'ם דאָרף וואָליע, גאָר נאָהענט פון שטאָדט. ער האָט, יאָהרען־לאַנג, געוואוינט אין קרעטשמע, צוזאמען מיט'ן שווער. אזוי ווי זיין ווייב איז געווען א שטיקעל קראנקע און קיין קינדער האָבען זיי ניט געהאט; דערצו געלעבט אביסעל קארגלאך און ער האָט אויך אונטערגעהאנדעלט מיט גוים, זיי געבאָרגט געלד און גענומען נוטע פּראָצענטען, האָט זיך ביי איהם, צוביסלאך, אָנגעזאמעלט א קאַפּיטאל פון עטליכע טויזענד גולדען.

ער האָט דערנאָך אַריבערגעצויגען קיין שצוצין. געוואוינט אין אַ הינטער־געסעל, אין אַ קליין הייזעל פון צוויי שטיבלאך און אַ קיך און ביי איהם פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען און אָפט דאָרטען כאַפּען אַ קערטעל.

חיים דוד איז געווען דער איינציגער פּראַצענטניק אינ׳ם גאַנצען שטעדטעל און די אידישע סוחרים, וואָס האָבען געדאַרפט פופציג, אדער גאָר הונדערט, גולדען (אין גרעסערע סומען איז ער געווען צופיל פאַר־זיכטיג זיך ניט אריינצולאָזען), האָבען זיך געמוזט ווענדען צו איהם און ער האָט שוין געוואוסט ווי אַזוי מיט זיי צו האַנדלען . . .

אויך אינ׳ם קאָרטען־שפּיל, איז ער געווען דער איינציגער מוצלח. ער איז, כמעט שטענדיג געווען פון די, וואָס האָבען געוואונען און זעלטען ווען פארלאָרען.

מען דאַרף ניט דענקען, אַז ער איז געווען אַ פאַלש־שפּילער, אָדער אַז ער האָט געוואוסט ווי אַזוי ווי צו מישען די קאָרטען. ניין, דאָס זיכער ניט. זיין גליק איז געלעגען אין זיין שטאַרקען און קאַלטען כאַראַקטער. ער האָט זיך ביים שפּיל קיינמאָל ניט אויפגערעגט. ער האָט געמעגט פארלירען אַ סך געלד (אָפּט ביז פופציג און מעהר גולדען), האָט ער אָבער זיין רוהיגען טעמפּעראַמענט און גלייכגילטיגקייט ניט פאַרלאָרען און דאָס זעלבע איז אויך געווען דער פאַל, ווען עס איז איהם „געגאַנגען אַ קאָרט" און ער האָט אַ סך געלד געוואונען. ער איז שטענדיג געווען קאַלט, איבערלעגט און ניט אויפגערעגט. דאָס זיינען אַלץ גרויסע מעלות ביים קאָרטען־שפּילען און ווער עס פאַרמאָגט דאָס ניט, מוז תמיד זיין דער פאַרלירער . . .

דער פּערטער אין אונזער חברותא איז געווען דער פּיל־אינגערער — אין מיינע יאָהרען — אהרן הויזער.

ער האָט געשטאַמט פון דזשיקאָוו (טאַרנאָברזעג) וואו זיין זיידע, ר׳ משה הויזער, איז געווען אַ גרויסער גביר, אַ מטופל פון אַ דריי הונדערט טויזענד גולדען.

דער אַלטער ר׳ משה האָט געהאַט אַן ערך פון אַ צעהן קינדער. אָבער עטליכע פון זיי זיינען געווען גרויסע לא־יוצלח׳ס און ער האָט געמוזט זיי, מיט זייערע פאַמיליעס, אויסהאַלטען, אַז עס איז אונטער־געוואַקסען אַן אייניקעל, איהם געמוזט חתונה מאַכען און געבען — כאָטש ניט קיין גרויסען — אָבער פּאַרט נדן.

צווישען דעם אַלטען ר׳ משה הויזער׳ס לא־יוצלח׳דיגע זין איז אויך געווען הערשעלע הויזער, וועמען דער פּאָטער האָט געהאַלטען אין איין שטיצען מיט גרעסערע סומען געלד. עס האָט איהם אָבער

גאָר ניט געהאָלפען, און ער איז אַלץ געלעגען אויפ'ן רייכען טאטענ'ס קארק.

דערדאָזיגער הערשעלע האָט געהאט א הויכען און דאַרען זון, מיט'ן נאָמען אהרן. מיט איהם האָט ער א שידוך געטאָן מיט א רייכען אַרענדאר, שאול ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט געהאט א קרעטשמע ביים קייזער־וועג, א האַלבע מייל פון שצוצין.

קיין גרויסער עושר איז דערדאָזיגער שאול ראַפּאָפּאָרט אפילו ניט געוועזן. ער איז אָבער געוועזן א שטיקעל איידעלער איד. ער האָט גע־האט בלויז צוויי טעכטער און א גוט געשעפט דערצו. אויף דעם האָט זיך הערשעלע הויזער אָנגעכאַפּט. דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען און הבחור אהרן איז, באלד נאָך דער חתונה, פארבליבען ביים רייכען שווער אויף אייביגע קעסט. אהרן הויזער האָט אפילו גאַנץ ווייניג געקענט אין די קליינע אותיות'לאָך. ער איז אָבער פאָרט געוועזן אַן איידעלער יונגערמאַן, אויפגעצויגען אין א גרעסערער שטאָדט, אין א רייכער משפחה און ער האָט זיך ניט געקענט אזוי לייכט אריינפּאַסען אין דעם פּשוט'ען דאָרפישען לעבען פון—כאָטש א רייכען—אַרענדאר און א גאָר איינפאַכער טאָכטער...

דערצו איז דער יונגערמאַן אויך געוועזן מעהר געראָטען אין זיין לא־יוצלח'דיגען פאָטער, ווי אין דעם ענערגישען און פעהיגען אַלטען זיידען, און אַלעס צו וואָס ער האָט זיך נאָר גענומען — איז איהם געגאַנגען מיט דער פּוטער אראָפּ.

ווען שאול ראַפּאָפּאָרט וואָלט זיך ניט געוועזן געצאַצקעט מיט'ן רייכען און יחוס'דיגען שידוך און ווען ר' משה הויזער וואָלט ניט געוועזן אַזאַ גביר און אַן אַלטער מאַן דערצו, וואָס וועט ניט „אייביג לעבען" און זיין זון הערשעלע מוזען איבערלאָזען דרייסיג טויזענד גולדען (וואָס האָט טאקע מיט עטליכע יאָהרען שפּעטער פּאסירט), ווען ניט דאָס אַלעס, וואָלט ער, שאול ראַפּאָפּאָרט, דעם איידים זיכער געוועזן צוריקגעשיקט קיין דזשיקאָוו . . .

אָבער דערווייל האָט ער זיך מיט איהם געהאַלטען. אהרן הויזער האָט געגעסען אייביגע קעסט. און ווייל ער האָט אין קרעטשמע גאָר ניט געהאט וואָס צו טאָן, פלעגט ער, כמעט יעדען טאָג, אין דער פריה און אויך פארנאכט, פאָרען אין שטאָדט אריין. עס האָט געהייסען, צום דאַווענען, אָבער אין אמת'ן, צו פאַרברענגען מיט די שטאָדטלייט און אָפּט מיטהאַלטען אין אונזער חברותא.

געוועהנליך פלעג איך זונטאג, אָדער מיטוואָך אויפ'ן יריד, קומען קיין שצוצין אזוי ארום עלף א זייגער פארמיטאָג. איך האָב כמעט



יוסף מאַרגאָשעס אין עלטער פון 30 יאָהר.

אלעמאל געהאט עפּעס אינ'ם שטעדטעל צו פאַרזאָרגען, וואָס האָט פאַרנומען א היבש ביסעל צייט, ארום צוויי־דריי שטונדען.

אָבער ווייל דאָס שטעדטעל איז א קליינס, א פּיצעלס, האָט מען זיך וועהרענד די צוויי־דריי שטונדען אויך געטראָפען און מען איז אריין צו לעווינגער'ן, אין פּראָפּינאציע וואו מען האָט גענומען צוביסלאך זיסען בראָנפען און אָפּגערעדט, אז צווישען איינס און צוויי אזייגער, וועלען מיר זיך טרעפען ביי חיים דוד'ן...

חיים דוד'ס ווייב — א שטילע און א שוואכע פרוי — איז שטענדיג געזעסען אין קיך, מיט אונז קיינמאָל ניט גערעדט, נאָר אלעמאָל געאר־בייט פלייסיג מיט שפּיזלאך איבער עפּעס א זאָק.

א פלעשעל בראָנפען, אָדער גאָר עטליכע פלעשלאך ביר, מיט א צוויי־דריי הערינג צום איבערבייסען, האָט זיך שטענדיג געפונען אויפ'ן טיש. דער בעל הבית, חיים דוד, האָט אלעמאָל ארונטערגענומען פונ'ם שפּיל געלד, אז עס זאָל דעקען די הוצאות — מיט נאָך אן עודף דערצו...

געשפּילט האָבען מיר שטענדיג אין אָקאָ. ניט זעהר הויך. גע־וועהנליך צו צוואנציג גראצער א קאָרט. און איידער מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט, האָבען מיר פריער אָבגעמאכט ווי לאנג דאָס שפּיל זאָל דויערען. מייסטענס א צוויי־דריי שעה צייט.

פונדעסטוועגען, אויב עס איז איינעם ניט געגאנגען א קאָרט, האָט ער ביי אזא זיץ געקענט פארלירען איבער צוואנציג גולדען...

איך, און איבערהויפּט אהרן הויזער, זיינען מיר כמעט שטענדיג געווען צווישען די פארלירער און אז מיר זיינען אָפּגעקומען ביי אזא זיץ מיט א פינף גולדען, האָבען מיר זיך געשאַצט גליקליך.

אהרן וועקסלער, און איבערהויפּט חיים דוד, זיי האָבען כמעט שטענדיג געוואונען און אזוי ווי חיים דוד איז געווען א גאָר קנאפּער פארברויכער, פלעגט מען אויף איהם זאָגען, אז ער האָט פון אונזער קאָרטען־שפּיל דעם גרעסטען טייל פון זיין פרנסה...

## 46 — דאָס פאַרקויפטע פאַרמעגען

איך וויל דאָ באַשרייבען אַ זעהר אינטערעסאַנטע פּאַסירונג, וואָס האָט דעמאָלט אויפגערודערט די גאַנצע געגענד און יעדער האָט דערפון גערעדט גאָר אַ לאַנגע צייט.

די מעשה דערפון איז געווען אַזאַ:

יעדעס מאָל — ווען עס פלעגט נאָר זיין דערצו אפילו די מינדעסטע געלעגענהייט—פלעגט אהרן וועקסלער ליב האָבען זיך צו באַרימען מיט זיין עשירות. ער האָט דאָס אָבער געטאָן אויף אַ מאָדנעם אופן, ניט ווי אַלע מענשען טוען דאָס. אָנשטאָט זיך צו באַרימען, אַז ער פאַר־מאָגט אַן ערך אַזוי פיל טויזענדער גולדען — פלעגט ער זיך גאָר באַקלאָגען, אַז די געשעפטען געהן ביי איהם שלעכט: עס געהט כסדר „אַרונטער פון קויש" . . . אַז ער האַלט, הייסט עס, אין איין צולייגען געלד . . .

געטאָן האָט ער עס מיט אַזאַ כוונה, ווייסענדיג, אַז מען האַלט איהם פאַר אַ שטיקעל ליגנער און פאַר איינעם, וואָס האָט ליב זיך צו באַקלאָ־גען, האָט ער געהאָפט, אַז מען וועט איהם ניט גלויבען און דוקא האַלטען פאַר נאָך אַ גרעסערען עושר ווי ער איז...

אָבער איינמאָל האָט עס זיך אַזוי געמאַכט, אַז ער איז צוליב דער דאָזיגער באַרימעריי זעהר מיאוס אריינגעפאַלען און עס האָט איהם געקאָסט געלד, געזונד און עגמת נפש...

איינמאָל זיינען מיר, עטליכע מענשען, געזעסען אין אַ באַזונ־דערען שטיבעל, ביי לעווינגער'ן אין דער פּראָפּינאַציע, געטרונקען אַבי־סעל משקה און גערעדט וועגען פאַרשידענע זאַכען.

אהרן וועקסלער האָט, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, אַרויסגעבראַכט דעם שמועס, אַז די צייטען זיינען שלעכטע און זיי ווערען וואָס אַמאָל ערגערע און אַז ער האַלט אין איין פאַרלירען געלד.

דאָס האָט דעם ביטרען און דורכגעטריבענעם אַלטער שנור שוין פאַרדראָסען. מען האָט געוואוסט, אַז דער בעל־דבר האָט דוקא היי־יאָהר פאַרדינט שעהנע עטליכע טויזענדער גולדען. ער האָט ביי וועקסלער'ן אַ פרעג געטאָן, וואָס ער באַקלאָגט זיך אַזוי שטאַרק אין דער צייט ווען יעדער ווייסט, אַז ער פאַרמאָגט, לכל הפחות, איבער פינף און צוואַנציג טויזענד גולדען.

וועקסלער האָט איהם געענטפערט מיט א רחמנות'דיגען קול, אז הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען. אָבער ער ווייסט בעסער, אז זיין גאַנצער פארמעגען איז נאָך פיל ווייניגער ווי פופצעהן טויזענד גולדען...

— אויב אזוי — האָט זיך אַטלער שנור אָפּגערופען — גיב איך דיר פאר דיין גאַנצען פארמעגען א סומע פון צוואַנציג טויזענד גולדען!

— דו מיינסט עס ערנסט? האָט וועקסלער געהאַלטען אין איין איבערפרעגען, און אז שנור האָט איהם פארזיכערט אז יאָ, האָט וועקס־לער אויסגערופען:

— אָפּגעמאַכט! ער האָט דאָס געטאָן מיט א מינע פון איינעם, וואָס מאַכט איצט א זעהר גוט געשעפט...

מיר, חברה, האָבען דעם עסק אויפגעכאַפּט און שוין ניט אָפּגע־לאָזט די צוויי פּארשוינען, וואָס זיינען וואָס אמאָל מעהר היציגער געוואָ־רען. יעדען פון זיי האָבען מיר אונטערגעהעצט און צוגעגעבען מוט, ניט חרטה צו האָבען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אז אַלטער שנור האָט פון זיין אַלטען לעדערנעם טייסטער ארויסגענומען גאַנצע פינף הונדערט גולדען און אויפגעפאָדערט אהרן וועקסלער, אז ער זאָל, תיכף ומיד, אויך אוועק־לייגען אַזאַ סומע אויף קיום־העסק...

איצט האָט שוין וועקסלער'ן ניט געפּאַסט זיך צוריקצוציען. ער האָט אויך ארויסגענומען אַזאַ סומע פון קעשענע — ער פלעגט זיין געלד ניט האַלטען אין א טייסטער, נאָר אין א ראָל, צוגעבונדען מיט א דינעם שטריקעל — און עס אויך אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש. חיים דוד איז פוןביידע צדדים אויסגעקליבען געוואָרען פאר'ן שליש, צו האַלטען דאָס געלד, ביז דער גאַנצער עסק וועט דורכגעפירט ווערען.

מען האָט באַלד ארייגערופען דעם קריסטליכען שרייבער פון דער גמינע און ער האָט אויסגעארבייט אן אָפּמאַך, אז אהרן וועקסלער פאר־קויפט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט — א חוץ וועש, קליידער און שטוב־זאַכען — צו אַלטער שנור, סיי מזומן, סיי חובות, און די פּאַסעסיע און הכל־באשר־לכל־כל, פאר דער סומע פון צוואַנציג טויזענד גולדען.

וועקסלער האָט צייט גאַנצע דריי חדשים, אויף איבערצוגעבען צו שנור'ן דאָס פארמעגען און אויף צו באַקומען דעם סכום אין מזומנים בכתוב. אבער דורך דער גאַנצער צייט, טאָר ער — אחוץ מילכיגס און אנדערע קליינינקייטען — קיין שום זאַך ניט פארקויפען.

אויב וועלכער פון די צוויי צדדים וועט זיך וועלען צוריקציען פונ'ם מסחר, מוז ער דעם צווייטען געבען א סומע פון פינף טויזענד גולדען.

דער אָפּמאַך איז צו מזל אונטערגעשריבען געוואָרען, אויך מיט עדות, און חיים דוד האָט צוגענומען און גוט באהאַלטען די איינגע־לעגטע טויזענד גולדען. די חברה — (עס איז זיך דערווייל צוזאמענ־געלאָפען האלב שטעדטעל) — האָט שוין אויף דעמדאָזיגען חשבון זיך גענומען צום טרינקען און איבערבייסען ברויט מיט וואורשט.

אָבער אויפ׳ן צווייטען טאָג, ווען אהרן וועקסלער האָט זיך אויסגע־ניכטערט, האָט ער, וואָס אמאָל מעהר, אָנגעהויבען איינזעהען ווי מיאוס ער איז אַריינגעפאַלען.

דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען אריבערצופאָרען קיין טאַרנע, צו אן אַדוואָקאט און איהם וויזען דעם אומגליקליכען קאָנ־טראקט, וואָס ער האָט אונטערגעשריבען. דער אדוואָקאט האָט איהם אָבער דערקלערט, אז מען קען דעם פאָרטראג ניט אומוואַרפען, סיידען ער וועט באצאָלען צו שנור׳ן די גאנצע פינף טויזענד גולדען.

איצט איז שוין וועקסלער ווייכער געוואָרען. ער האָט זיך כסדר אָנגעהויבען צו סוד׳ן מיט אונזער חברה, ובפרט מיט חיים דוד׳ן און מיט מיר, אז מיר זאָלען פועל׳ן ביי אַלטער שנור׳ן צונישט צומאכען „דאָס נארישע שטיקעל פּאַפּיר״.

ער ווייסט — איז געווען זיין טענה — אז שנור וועט ביים גאנצען עסק דעם קאָפּ צוליינען. אחוץ דעם וועט איהם קיינמאָל ניט מעגליך זיין צו שאַפען 20 טויזענד אין מזומנים. ער אליין, וועקסלער, וואָלט דערביי גאָר געקענט פארדינען א שעהן ביסעל געלד, נאָר ווייל ער איז אן עהרליכער מענש, לאָזט איהם זיין געוויסען ניט טאָן אזא זאַך און עמיצען באשווינדלען . . . ער, וועקסלער, וועט נאָך דערצו מאַכען א סעודה׳לע פאר אונז אַלעמען און דאָס פּאפּירעל וועט מען דעמאָלט, ביי א גלעזעל משקה, פארברענען . . .

דערפון האָט אָבער אַלטער שנור גאר ניט געוואָלט הערען. ער האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע און . . . ביים קאָנטראקט! ער האָט פאר איטליכען דערצעהלט, אז ער פארהאנדעלט שוין מיט א באַנק אין לעמבערג, וועגען באקומען א היפּאָטהעק (מאָרטגיידזש) אויף זיין אייגע־נעם גוט. אויך פארהאַנדעלט ער מיט עטליכע טאַרנער געלד־לייערס, כדי ער זאָל אימשטאַנד זיין נאָכצוקומען זיינע פארפליכטונגען און צו דער באשטימטער צייט אָפּצוציילען דאָס גאנצע געלד, אין מזומנים . . .

ובפרט — אזוי האָט ער פאר אונז געהאַלטען אין איין טענה׳ען — קען ער גאָר ניט פארשטעהן, וואָס פאר א מין מענש דערדאָזיגער אהרן וועקסלער איז . . . אז מען מאַכט א קאָנטראקט און מען שרייבט איהם אונטער — דאַרף מען אויך זיין א מאַן און איהם האַלטען! . . .

קיין צרות האָבען דעמדאָזיגען אהרן וועקסלער, אין די ערשטע עטליכע וואָכען, שוין ניט געפעלט.

וואו מען איז געגאנגען און געשטאַנען, אין דער גאנצער געגענד, האָט מען נאָר גערעדט וועגען דעם אויסטערלישען געשעפט פון די צוויי סוחרים. אזעלכעס האָט מען דאָ נאָך קיינמאָל ניט געהערט. עס איז, נאָך קיינמאָל, ניט פאָרגעקומען, אז א מענש מיט שכל, זאָל, אזוי פּלוצים, מיר־ניט, דיר־ניט, פארקויפען זיין גאנץ פארמעגען...

דערצו האָט מען איצט נאָך אָנגעהויבען שטארק מגזם צו זיין אהרן וועקסלער'ם פארמעגען (פון דעם האָט ער אפילו גרויס הנאה געהאט). מען האָט איהם געשאצט פון פופציג־זעכציג, פינף־און־זיבעציג און אפילו ביז הונדערט טויזענד גולדען.

דאָס ווייב זיינס און איהר משפחה האָבען איהם אויך ניט געשוויגען. עס זיינען פון פּוילען אריבערגעקומען זיינע צוויי ברידער — גאנץ לייטישע מענשען — און אלע צוזאמען האָבען אלץ מעגליכע אָנגעווענדעט, אבי ביי אלטער שנור'ן צו פּועל'ן, אז ער זאָל זיך צוריקציען פון אָט דעם אזוי אויסטערלישען מסחר.

אן ערך פון א פיר וואָכען האָט דאָס אלץ אזוי אָנגעהאלטען. אהרן וועקסלער איז שוין וויליג געווען צו פארלירען זיינע ערשטע פינף הונדערט גולדען, וועלכע זיינען נאָך אלץ געלעגען ביי חיים דוד'ן. אָבער דערפון האָט אלטער שנור נאָך אלץ ניט געוואָלט וויסען.

און דער סוף איז געווען, אז אויסגעפירט האָט דערדאָזיגער כיטרער און דורכגעטריבענער אלטער שנור. נאָך א סך טענות ומענות פון אונזער זייט האָבען מיר ביי איהם קוים געקאָנט פּועל'ן — ער האָט אונז געוואָלט איינרעדען, אז ער האָט שוין וועגען דעם געהאט היבשע עטליכע הונדערטער הוצאות — אז ער זאָל ביי וועקסלער'ן צונעמען, אחוץ די ערשטע פינף הונדערט גולדען, נאָך פרישע פינף הונדערטער. דאָס הייסט, אז דער שפּאָס האָט אהרן וועקסלער'ן געקאָסט א גאנצען טויזענטער...

מיר זיינען זיך אלע, מיט נאָך עטליכע שטאָדטישע בעלי בתים, ווידער צוזאמענגעקומען אין א באזונדערען שטיבעל ביי לעווינגער'ן אין פּראָפּינאציע. מען האָט געגעסען און געטרונקען. משקה האָט זיך געגאָסען ווי וואסער. די צוויי פארשוינען, וועלכע האָבען דורך דער גאנצער צייט צווישען זיך ניט גערעדט, האָבען זיך דערלאנגט די הענט און ווידער געוואָרען „גוטע ברידער", ווי אין די פריערע צייטען.

נאָך א לאַנגע צייט שפּעטער, האָט מען וועגען דעם נאָך גערעדט און דער באַרימטער אהרן וועקסלער האָט גאָר אָנגעקוואָלען, ווייל מען האָט זיין פאַרמעגען געשאַצט זעהר פיל העכער, ווי עס איז געווען אויף אַן אמת'ן.

א גאַנץ שעהנע חברה מה־יעשה'ניקעס זיינען מיר דאָס דעמאָלט געווען . . .

## 47 — נאַסע און טרוקענע יאָהרען

דער באָדען פונ׳ם גוט יאָזעפאָוו איז פאַר זיך אליין געווען א גאַנץ גוטער, נאָר א קאַפּריזנער. דאָס וועטער האָט זיך געמוזט צופּאַסען צו איהם און דאַן ערשט האָט ער ארויסגעגעבען א היבש גערעטעניש.

טאָמער איז אבער איין יאָהר געווען צו־נאַס, אָדער צו־טרוקען, האָט דאָס גוט יאָזעפאָוו דערפון געליטען א סך מעהר ווי די אנדערע גיטער פון דער געגענד.

אמאָל, מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק, איז יאָזעפאָוו — וואָס איז געלעגען אין א טאָל, צווישען צוויי וואַסערען — באַשטאַנען פון לויטער לאָנקעס. עס איז אינגאַנצען געווען באַוואַקסען מיט גראָז, אויף וועלכען בהמות האָבען זיך געפּאַשעט. די העכערע לאָנקעס האָט מען געהאַקט און פון די גראָזען געמאַכט היי און דערנאָך געפיטערט די בהמות ווינטער־צייט. אַז עס איז געווען א יאָהר פון א סך רעגענס, איז מיט דידאָזיגע נידריגע לאָנקעס געווען א סך צרות. זיי זיינען פון די צוויי וואַסערען וואָס זיינען דורכגעלאָפען יאָזעפאָוו, דער גרעסערער „ברען״ און די פיל קלענערע „ריבניצע״, אינגאַנצען פאַרטרונקען געוואָרען.

אָבער אין לויף פון דער צייט האָט מען זיך אָנגעהויבען צו קליגען און געקעמפט געגען דער נאַסקייט און געגען די וואַסערען.

וועלוועלע דאַמאַסק, דער אייגענטימער פון יאָזעפאָוו, האָט דאָס גאַנצע גוט (א פיר הונדערט און פופציג אַקער) אָפּגעקויפט פון אַן אַלטער פּריצה פאַר וועניגער ווי צוואַנציג טויזענד גולדען. ער האָט אָבער דערנאָך דאָרטען — א חוץ פאַר געביידעס — אריינגעלייגט שעהנע עטליכע טויזענד גולדען.

ער האָט געלאָזט גראָבען א סך אָפּצוגס־קאַנאַלען (פּשיקאָפּעס), וואָס האָבען דאָס שטעהענדע וואַסער אָפּגעצויגען פון די לאָנקעס און עס אוועקגעפירט צום „ברען״, אדער „ריבניצע״.

צוליב דעם האָבען זיך די גראָזען פון די לאָנקעס א סך פאַרבעסערט און גאָר פילע לאָנקעס, וואָס זיינען געלעגען אביסעל העכער, זיינען צואַקערט און פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין תבואה־פעלדער.

אויפצואַקערען אזא לאַנקע, וואָס איז פאַר אַזוי פיל הונדערטער יאָהרען באַנוצט געוואָרען אלס גראָזלאַנד און איז צוטראָטען געוואָרען פון די פיס פון טויזענדער בהמות, איז זעהר א שווערע ארבייט. מען מוז דערצו האָבען זעהר שטאַרקע אָקסען און באַזונדערע אַקער־מכשירים.

אָבער די ארבייט לוינט זיך שטענדיג. אין די ערשטע עטליכע יאָהרען ניט אזא אויפגעאַקערטע לאַנקע ארוים א סך ווייץ, אָדער האָבער, און מען דאַרף דאָס פעלד, אין די ערשטע עטליכע יאָהרען, ניט באַמיס־טיגען.

אויף אזא אופן איז אין לויף פון די יאָהרען אנטשטאַנען דאָס גוט יאָזעפאָוו. ווען מיין שווער האָט עס געדונגען, (איך האָב שוין פריהער געשריבען אונטער וואָסערע ניט־גינסטיגע פאַכט־באַדינגונגען), האָט דאָס גוט שוין פאַרמאָגט א דריי הונדערט אַקער לאַנד פאַר תבואות און דאָס רעשט איז באַשטאַנען פון לאַנקעס.

אָבער טראָץ די אַלע אָפצוגס־פשיקאָפעס איז אין דעם באָדען פון יאָזעפאָוו דאָך געבליבען א נידריגער און א נאַסער.

אינ׳ם לויף פון די יאָהרען זיינען דידאָזיגע פשיקאָפעס געוואָר׳ען פאַרנאַכלעסיגט און פאַרוואַקסען. דער אייגענטהימער, דאַמאַסק, האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט און ווען מיר וואָלטען אַלע גראָבענס געוועזן געוואָלט האַלטען אין גוטען צושטאַנד, וואָלט דאָס אונז געווען אריינגעטריבען אין א יעהרליכע הוצאה פון א טויזענד גולדען.

מיר האָבען אפילו יעדעס יאָהר געטאָן דאָס נויטיגסטע, אבער אַלעס צו האַלטען אין אָרדנונג, איז ניט געווען פאַר אונזערע כוחות.

און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען א זעהר ניט־גינסטיגער. די פעלדער האָבען צוליב דעם געליטען טאָפּעלט: אי ווען עס איז געווען א נאַס יאָהר און גאַנצע שטיקער פעלדער און די לאַנקעס זיינען געווען פאַרגאָסען מיט וואַסער, און אויך ווען עס איז געווען א גרויס טרי־קעניש.

אָבער אין די צוועלף יאָהר, וואָס מיר האָבען געהאַלטען די יאָזע־פאָווער פאַכט, האָבען מיר געהאַט צוממייסט צו ליידען פון צוויי יאָה־רען: איינס איז געווען צו נאַס און מיר האָבען דאָרטען געהאַט א פאַרפלייצונג און דאָס שפעטערע יאָהר איז געווען אַן אויסטערליש טרוקענס.

דאָ וועל איך וועגען דידאָזיגע צוויי יאָהרען אביסעל מעהר אויס־פירליכער דערצעהלען.

## 48 — דאָס נאַסע יאָהר

איך געדענק ניט גענוי ווען דאָס איז געווען. אָבער מיר דוכט זיך אז אינ'ם יאָהר 1887.

עס איז געווען אין מאָנאַט יוני, ווען אַלע פרילינגס־ארבייטען זיינען שוין געווען פארענדיגט און די פעלדער האָבען אויסגעזעהען שעהן און געראָטען. מאַנכע תבואות האָבען שוין געהאַט אָפּגעבליט און די אַנדערע האָבען נאָך געהאַלטען אין מיטען רעכטען בליען. מיר האָבען געהאַט גרויסע האָפענונגען, אַז דאָס יאָהר וועט זיין אַ זעהר געראָטענס און אַז מיר וועלען פארדינען שעהנע עטליכע טויזענד גולדען.

פּלוצים, אין אַ זונטאג, האָט אָנגעהויבען צו רעגענען. עס האָט גערעגענט איין טאָג, צוויי טעג און אויך אויפ'ן דריטען טאָג. מיר זיינען שוין צו אזעלכע זאכען — ובפרט אין די חדשים מאַי, יוני און יולי — צוגעוואוינט געווען.

מיר, דאָס הייסט איך און מיין ווירטשאפטער, זיינען צוזאמען מיט עטליכע גוים, אינ'ם סאַמען רעגען ארומגעגאַנגען ארום די נידעריגע פעלדער און לאָנקעס און מיט אונזערע לאָפּעטעס אָפּגעלאָזט די וואַסער־רען און זיי געלאָזט לויפען אין די נאָך נידעריגע פּלעצער, אדער אין די פּשיקאָפּעס, וועלכע זיינען שוין סאַי ווי געווען האלב־פול מיט וואַסער.

אַז מיר וועלען היינטיגעס יאָהר האָבען אַ גרויסע פאַרפּלייצונג איז קיינעם פון אונז ניט איינגעפאַלען. די רעגענס האָבען ניט באַרעכ־טיגט אַזאַ מורא.

אָבער מיטוואָך אינדערפרי, האָבען מיר מיט גרויס שרעק דער־זעהען, אַז דער „ברען" האָט אָנגעהויבען גאָר שטאַרק צו וואַקסען, און אַז די וואַסערען הויבען שוין אָן אין מאַנכע פּלעצער אריבערצוגעהן די וואַלען.

מיר פונ'ם הויף און כמעט אַלע גוים פון די ארומיגע דערפער, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און מען האָט אַ גאַנצען טאָג גאָר שווער געארבייט צו באַשיצען די נידעריגערע וואַלען.

מיר האָבען אָבער געהאַט א טעות אינ'ם גאַנצען חשבון. מיר האָבען גערעכענט, אז עס האָט נאָר אין א ו נ ז ע ר געגענד אזוי שטאַרק גערעגענט. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אז אין די געּ־בערגס־געגענדען, אַרום סאַנז און יאַסלאָ, זיינען געװען עטליכע גרויסע וואָלקען־ברוכען. די דאָרטיגע וואַסערען האָבען ניט געקענט אזוי רוהיג אָפּפליסען און זיי האָבען זיך, מיט א שרעקליכען אימפּעט, געריסען צו דער ווייכסעל, און זי איז באַלד אזוי פול געוואָרען, אז ניט נאָר זי האָט מעהר ניט געקענט אויפנעמען די וואַסערען פון אונזער געגענד, נאָר די וואַסערען האָבען אָנגעהויבען צו פליסען אויף צוריק־וועגס, פון דער ווייכסעל אין די אַרומיגע וואַסערען.

דאָנערשטאַג אין דער פריה האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען אין יאָזעפאָוו די „ספּאַטניצע״: די וואַסערען „ברען״ און „ריבניצע״ זיינען מעהר ניט געפלאָסען אין זייער געוועהנליכען לויף אין דער ווייכסעל אריין, נאָר זיינען — העכער און פיל שטאַרקער — געפלאָסען אויף צוריק־וועגס און האָבען דערביי פאַרגאָסען די גאַנצע געגענד.

דאָס גאַנצע גוט יאָזעפאָוו און עטליכע אַרומיגע דערפער, זיינען איינגאַנצען פאַרפלייצט געוואָרען. עס איז מעהר ניט געווען קיין וועג און קיין שטעג, נאָר בלויז הימעל און וואַסער.

פון דערווייטענס האָט מען ארויסגעזעהען דאָס דאָרף און די פויערישע הייזער. אָבער אהין צוקומען האָט מען ניט געקענט, סיידען מיט שיפלאַך. אין מאַנכע פלעצער איז דאָס וואַסער געווען איבער א מעטער טיף.

מיר, אין יאָזעפאָוו, זיינען דערווייל ניט געווען אין קיין גרויסער סכנה מיט אונזערע לעבענס, ווייל דער גאַנצער הויף מיט אַלע זיינע געביידעס זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט א הויכען וואַל — א באַוואָרעניש פון די פריערע יאָהרען — אז דאָס וואַסער זאָל אונז ניט קענען פאַרגיסען. מיר האָבען אויך שווער געאַרבייט דידאָזיגע שוץ־וואַלען נאָך מעהר צו באַפעסטיגען און שטאַרקער צו מאַכען.

פולע דריי מעת לעת זיינען מיר געווען אזוי אַרומגערינגעלט פונ'ם רוישענדען און ברויזענדען וואַסער, אויף וועלכען עס איז געווען א שרעק א קוק צו טאָן. אונזערע אַלע בהמות, וואָס זיינען דורך דער גאַנצער צייט געווען אָפּגעשלאָסען אין זייערע שטאַלען, האָבען שרעקליך געברומט און געבורטשעט—כאָטש קיין פוטער און קיין וואַסער האָט זיי ניט געפעלט. אינסטינקטיוו האָבען זיי געפיהלט די נאָהענטע און דראָהענדע געפאַהר, און דאָס האָט זיי געמאַכט שרעקענדיג און אויפגערעגט.

פאר אונז, מענשען, האָט אויך קיין שפּייז ניט געפעהלט. ערשטענס האָבען מיר געהאט אונזער אייגען שיפעל, אויף וועלכען מיר האָבען געהאַלטען אין ארומפאָרען איבער די פעלדער און אין נאָהענטען דאָרף אריין. א חוץ דעם זיינען אויך עטליכע פּויערים, אונזערע שכנים, אויף זייערע שיפלאך אונז געקומען באזוכען און געוואָהר ווערען, וואָס מיר טוען און אויב מיר נויטיגען זיך אין עפּעס.

אויפ׳ן פערטען טאָג האָט זיך אָנגעהויבען א דערלייכטערונג. די וואסערען האָבען אָנגעהויבען קלענער און ווייניגער צו ווערען, און וואָס אמאָל מעהר האָט זיך באוויזען די ערד.

עס האָט גענומען א צוויי־דריי טעג, ביז דאָס געוויסער איז — א חוץ אין די גאָר נידעריגע לאָנקעס — איינגאַנצען צוריק געטרעטען און איצט האָבען מיר ערשט געהאט די געלעגענהייט צו קענען ריכטיג אָפּשאצען דעם גרויסען שאָדען, וואָס די פארפלייצונג האָט אָנגעמאכט.

א סך פעלדער מיט זייערע תבואות זיינען געווען אזוי רואינירט, אז מען האָט געמוזט אלעס אויפסניי איבעראקערען און פארזייען מיט פּראָסע און הרעטשקע. (ביידע סאָרטען תבואה קען מען זייען גאָר שפּעט און זיי ווערען אויך צום שפּעטסטענס פארטיג).

* * *

דאָס וועטער איז ווידער געוואָרען וואונדער־שעהן. עס זיינען געווען עטליכע ווארימע און לייכטע רעגענס, וואָס האָבען אביסעל ארונטערגעשווענקט דעם זאמד און די „מודלינעס", וואָס דאָס געוויטער האָט מיט זיך געבראכט. מאנכע זאנגען, וואָס זיינען געווען פארגאָסען און צונויפגעדריקט פונ׳ם רוישענדען וואסער, האָבען זיך צוריק אויפגעריכט און אויפגעהויבען די קעפּ און זיך אויפסניי צובליט.

אָבער אין אלגעמיינעם איז דער שאָדען געווען זעהר גרויס. א סך תבואות האָבען צופיל געליטען פון וואסער און זיי זיינען געווארען געל און אינגאַנצען אָפּגעדאַרט. די בוריקעס און די קאַרטאָפליעס, וואָס ליגען דאָך שטענדיג אין דער ערד, זיינען כמעט אלע פארפוילט געוואָרען און זייער גערעטעניש איז געווען א נישטיגע.

אז עס איז ענדליך געקומען שניט־צייט, האָבען מיר נאָך מעהר געהאט די געלעגענהייט זיך צו דערוויסען דעם גרויסען שאָדען פון דער פארפלייצונג. א חוץ וואָס די זאנגען האָבען אין זיך געהאט גאָר ווייניג תבואה, האָט מען דערצו אויך געמוזט שניידען גאָר הויך. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל אונטען זיינען די זאַנגען געווען פול מיט זאמד און מען וואָלט די שטרוי און די פּליאָוועס, ניט געווען געקענט באנוצען פאר די בהמות.

דאָס האָט אבער אויך ניט פיל געהאָלפען, כאָטש מען האָט גע־שניטען גאָר הויך איז נאָך אלץ געבליבען גענוג זאמד און „מודלינעס" אויף די זאנגען. און ווען מען האָט דערנאָך די תבואות געדראָשען אויפ'ן מאַשין, — אָדער אפילו מיט דער האנד, איז דער שטויב געווען אזוי גרויס און געדיכט, כמעט ניט צום אויסהאַלטען.

די בהמות האָבען גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו עסען די־דאָזיגע זאמדיגע שטרוי און אפילו היי. מיר האָבען דערמיט געהאַט גענוג צרות. מען האָט די שוין געדראָשענע שטרוי און אויך היי געמוזט נאָכאמאָל איבערדרעשען און שטארק שאָקלען מיט גראַבלים און ווידלעס (אזעלכע פעלד מכשירים), אז דאָס זאמד זאָל זיך דערפון אָפּזונדערען.

מיר האָבען זיך נאָך אן עצה געגעבען. מיר האָבען געקויפט א סך שטיין־זאַלץ (פונ'ם גראָבען און ביליגען סאָרט), עס צוקלאַפּט גאַנץ דין, אָדער עס געלאָזט צוגעהן אין הייסע וואסער, און דערמיט באַ־שפּריצט די נאָך אלץ זאמדיגע שטרוי, היי און פּליאָוועס. דערצו האָבען זיך די בהמות גאַנץ געשמאַק צוגעכאַפּט און דערנאָך געטרונקען א סך וואסער.

עס איז אבער געווען א טרויעריגער סוף: ענדע ווינטער זיינען א סך פון אונזערע בהמות — איבערהויפּט דאָס יונגוואַרג, די צוויי־און דריי יעהריגע — קראַנק געוואָרען אויף קאָליק (רוהר) און זיינען אוועק־גע'פּגר'ט. א היבש ביסעל פון זיי האָבען מיר נאָך פריער פארקויפט אין צייט. אָבער דער שאָדען, וואָס מיר האָבען געהאַט בלויז פון די בהמות, האָט אָנגעטראָפען שעהנע עטליכע הונדערט גולדען.

עס איז געווען פאר אונז א שלעכט און א טרויעריג יאָהר. א חוץ געלד־פארלוסט, האָבען מיר דעמאָלט געהאַט אזוי פיל מיה און מאַטער און אומזיסטיגע ארבייט, א סך מעהר ווי אין די בעסטע יאָהרען, ווען מיר האָבען פארדינט א סך געלד.

* * *

נאָך איינמאָל — א דריי יאָהר שפּעטער — האָבען מיר געהאַט אזא, כאָטש אביסעל קלענערע פארפלייצונג. אָבער דאָס איז אויס־געקומען אין אזא צייט, וואָס מיר האָבען דערפון — א חוץ'ן שרעק — גאָר קיין שאָדען ניט געהאַט.

דאָס איז געווען סוף חודש פעברואר, אדער אָנהויב מערץ. דאָס אייז אויף דער ווייכסעל איז אין יענעם יאָהר געווען זעהר דיק, און ווען דאָס אייז האָט אָנגעהויבען „צו רירען", האָבען זיך אין די געבערג־געגענדען געמאכט גאָר שטאַרקע רעגענס און דאָס שנעל־צופליסענדע

וואסער האָט נאָך אלץ ניט געקענט צוברעכען די גרויסע מאסען אייז פון דער ווייכסעל.

דעמאָלט איז אויך געווען א „ספּאַטניצע". די וואסערען פונ'ם „ברען" און „ריבניצע" זיינען ניט געפלאָסען אין זייער שטענדיגער ריכטונג, אין דער ווייכסעל אריין, נאָר זיינען געפלאָסען אויף צוריק־ וועגס און האָבען פארגאָסען די ארומיגע נידעריגערע דערפער און אויך אונזער גוט יאָזעפּאָוו.

ווייל די פעלדער זיינען אָבער נאָך געווען פעסט־געפרוירען, און אויף מאנכע איז נאָך געווען שנעע, האָט דאָס געוויסער דאָס מאָל גאָר קיין שאָדען ניט אָנגעטאָן.

עס זיינען באַלד דערנאָך געקומען עטליכע ווארימערע רעגענס, און האָבען דעם זאמד און די „מודלינעס" איינגאַנצען אראָפּגעשווענקט און מיר האָבען דעמאָלט דוקא געהאט א גוט יאָהר.

## 49 — דאָס טרוקענע יאָהר

אנאנדער יאָהר האָבען מיר ווידער געהאט אין יאָזעפאָוו, אין וועלכען מיר האָבען ניט געהאט צו ליידען פון צופיל וואסער, פון א פארפלייצונג, נאָר פארקערט, פון צו־וועניג רעגען און פון אויסטער־לישער טרוקעניש. דער רעזולטאט איז אבער פאר אונז געווען כמעט דערזעלבער. מיר האָבען פארלאָרען א סך געלד און אויך אונזער בהמות־באשטאנד איז צוליב דעם גאָר שטארק פארקלענערט געוואָרען.

דאָס איז זיכער, אז ווען אין יאָזעפאָוו וואָלט געווען געוואוינט אנאנדער פּאָסעסאָר, וואָלט עס איהם ניט מעגליך געווען די פּאכט אָנצוהאלטען. ער וואָלט, ווי מען פלעגט צו זאָגען, „אנטלאָפען ביי דער לבנה”.

מיין שווער איז אָבער געווען א גרונטאָוונער עושר, מיט א גרויסען קרעדיט און א גוט־געהענדען געשעפט דערצו. דערפאר האָט עס ביי איהם ניט פיל אויסגעמאכט אויב עס האָט זיך אין יאָזעפאָוו געמאכט א שלעכט יאָהר און מען האָט געמוזט דערלייגען עטליכע טויזענד גולדען. זיין אייגענע גרויסע פּאָסעסיע, בראָניאָווסקי׳ס זגורסק, האָט אלץ געדעקט.

איך געדענק איצט ניט גענוי, ווען די טרוקעניש איז פאָרגעקומען. אָבער מיר דוכט זיך אז אין 1888.

עס האָט א גאנצען זומער, פון אָנהויב מאַי, ביז ענדע אויגוסט, כמעט גאָר ניט גערעגענט. און אויב עס האָט אמאָל א קליין ביסעל יאָ גערעגענט, האָט עס אויסגעזעהן, אז די אזוי אויסגעטריקענטע פעל־דער האָבען דאָס אפילו ניט דערפיהלט.

עס האָט געמענט זיין ווי שטארק פארוואָלקענט, איז דער הימעל געבליבען טרוקען, אָהן דער מינדעסטער פייכטקייט. עס איז באמת מקוים געוואָרען דער פסוק „נשיאים ורוח וגשם אין”...

מיר, אין יאָזעפאָוו, האָבען פון דער טרוקעניש א סך מעהר געלי־טען ווי די אַרומיגע פּאָסעסאָרס ובפרט מיין שווער אין זגורסק.

עס איז אן אלטער כלל אין דער לאנד־ווירטשאפט, אז פעלדער וואָס ליגען נידעריג, ליידען מעהר פון טרוקעניש, און זיי זיינען אויך פיל

שווערער צום באַארבייטען, ווי אזעלכע וואָס געפינען זיך אויף א העכערען באָדען.

די תבואות, וואָס מען האָט געהאט פארזייט אין פרילינג (האָבער און גערשטען) האָבען גאָר א סך געליטען פון דער טרוקעניש. די זון האָט זיי אומ'ברחמנות'דיג געברענט. די ערד איז יעדען טאָג געוואָרען וואָס אמאָל מעהר אויסגעדארט, איהם געהאַלטען געווארגט ווי אין צוואַנגען און ניט געלאָזט זיך אביסעל אָפּפרישען.

און אפילו די ווינטער־תבואות (ווייץ און קאָרן) כאָטש זיי זיינען שוין געווען פון פריער געדיכט געוואָקסען, האָבען נאָר שטארק גע־ליטען.

צוליב מאַנגעל אין פייכטקייט—אפילו דער טוי איז יענעם יאָהר געווען א גאָר קנאַפּער,—האָבען די זאַנגען קיין כח ניט געהאַט צו וואַק־סען. דאָס בליהעכץ איז געווען א זעהר שוואכס און אלעס האָט אָנגעהויבען רייף צו ווערען און אָפּצוטרוקענען פאר דער צייט.

דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט די קלעען און די טהימאָטהעען אויף די פעלדער און די גראָזען און הייען אויף די לאָנקעס. צוליב דער טרוקעניש איז זייער גערעטעניש געווען זעהר קליין, אפשר א פערט־חלק ווי אין די געוועהנליכע יאָהרען.

דער רעזולטאַט איז פאר אונז געווען א ביז גאָר טרויעריגער. אָנשטאָט די פינף־זעקס הונדערט זאַק ווייץ, וואָס מיר פלעגען אין א געוועהנליכען יאָהר פארקויפען, האָבען מיר דעמאָלט פארקויפט בלויז הונדערט און דרייסיג און צום סוף יאָהר, אז עס האָט אויסגעפעלט פאר אונז און אונזערע דינסטען ווייץ צום עסען — האָבען מיר גע־מוזט צוריק־קויפען אַן ערך פון אַ צוואַנציג זאַק ווייץ און נאָך טייער באַצאָלען.

א חוץ דעם זיינען די פעלדער אזוי פארדארט און פארהאַרטעוועט געוואָרען, אז עס איז כמעט ניט מעגליך געווען זיי צו צו אַקערען און באַארבייטען פאר'ן קומענדען יאָהר. פיר גרויסע און שווערע אָקסען (פערד זיינען שטענדיג שוואכער און וועניגער פעהיג צו שווערער ארבייט), האָבען קוים געקענט צורייסען, מיט זעהר א סך אָנשטרענגונג, די אזוי הארטע „שטיינערנע" ערד.

אָבער דאָס אלעס וואָלט נאָך געווען צו דערליידען. מיר זיינען אין יאָזעפּאָוו שוין געוואוינט געווען צו גרויסע היזקות און נאָך א פּאָר טויזענד גולדען וואָלטען אונז (דאָס הייסט, מיין שווער) שוין ניט אָרימער געמאכט. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דאָס: ווען מיר האָבען ארונטערגענומען דאָס ביסעל פארדארטע תבואה פון די פאר־

טרוקענטע פעלדער — אין ערך א פערט־חלק ווי אין די געוועהנליכע יאָהרען — האָבען מיר, מיט גרויס שרעק, דערזעהען, אז עס וועט אונז, בשום אופן, ניט מעגליך זיין אָנצוהאַלטען אונזערע אַלע בהמות, קיה, פערד, אָקסען און גאָר א סך קליינוואַרג, וואָס מיר האָבען געהאַט א סך מעהר ווי הונדערט שטיק. מיר האָבען געהאַט די בארעכטיגטע מורא, אז מיר וועלען פאַר זיי ניט האָבען גענוג שטרוי און היי און עס וועט זיי זיכער אויסקומען צו פאַלען פון הונגער.

וועגען פאַרקויפען פערד און אָקסען האָט גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין. מיר האָבען זיי אַלע גענדאַרפט אַזוי נויטיג האָבען צום באַארבייטען די פעלדער.

אויך אַנדערע בהמות, קיה און קעלבער, איז ניט מעגליך געווען צו פאַרקויפען. צוליב דער טרוקעניש, האָט יעדער געהאַלטען אין איין פאַרקויפען אַזוי פיל בהמות, וויפיל ער האָט נאָר געקענט. זייער פרייז איז געוואָרען אַזוי נידעריג, אַז א בהמה, וואָס איז פריער ווערט געווען א פופציג גולדען, האָט מען פאַר איהר איצט קוים באַקומען צעהן.

מיר האָבען איינגעזעהען, אז מיר מוזען אונזער פיה־שטאַנד פאַר־קלענערען אויף א העלפט. א 20־30 האָט מיין שוואָער גענומען צו זיך קיין זגורסק. אויף איבער'ן ווינטער. עס איז אבער נאָך פאַרבליבען א פערציג בהמות, פון וועלכע מיר האָבען געמוזט פטור ווערען און מיר האָבען באַשלאָסען זיי צושטעלען אויף „בראַווע", זיי מאַכען פעט, אז מיר זאָלען זיי קענען פאַרקויפען צו די קצבים, אָדער גאָר קיין קראָקע, אָדער ווין.

אין יעדער בראַנפען־ברענעריי ווערט דער בראַנפען געמאַכט פון תבואות (קאָרן אדער קוקורוז) אין אונזער געגענד — פון ערד־עפּעל.

דער צוקער־שטאָף דערפון ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַלקאָהאָל און מיט'ן אָפפאַל (בראַווע) ווערען געפיטערט בהמות. און אז מען מישט דערצו נאָך קלייען, דאָס הייסט, דאָס אָרימערע מעהל פון תבואות, ווערען די בהמות גאַנץ פעט און באַקומען אויף זיך א סך פלייש.

אין אונזער געגענד זיינען געווען עטליכע אַזעלכע ברענערייען (גאָרזשעלנים) און איינע פון זיי האָט געהערט צו מיין שוואָער'ס שוואָגער, משה לינד, אין דאָמבראָווקע, א מייל וועגס פון יאָזעפאָוו, אָדער פון זגורסק.

אין זיין שטאַל האָט מען געקענט אוועקשטעלען א הונדערט גרויסע אָקסען, אָדער א קנאַפּע צוויי הונדערט קלענערע בהמות.

האָבען מיר ביי איהם אָפּגעדונגען בראַווע פאַר הונדערט בהמות. מיין שוואָער און איך האָבען געשטעלט א זיבעציג שטיק, און די אַנדערע

דרייסיג האָבען מיר אָנגענומען פון א צוויי־דריי פון אונזערע קרובים, די אָרומיגע פּאַסעסאָרס.

אָבער קיין גרויסע גליקען האָבען מיר אין דעם דאָזיגען געשעפט אויך ניט געמאַכט. עס זיינען געווען גרויסע הוצאות און ווייניג הכנסות. אז מיר זיינען דערמיט פארטיג געווארען, איז פאר אונזערע בהמות ניט פארבליבען פיל מעהר, ווי ווען מיר וואָלטען זיי געווען פארקויפט פאר שליידער־פרייזען, אָנהויב ווינטער.

דערפאר האָבען מיר אָבער אַ גאַנצען ווינטער געלעבט אַ גוטען טאָג, געגעסען און געטרונקען און געהאלטען אין איין שפּילען אין קאָרטען...

## 50 — דער פעטער משה לינד

משה לינד איז אין יענע צייטען געווען גאָר שטאַרק „אין די פעדערען". געווען א שעהנער עושר, געהאט א גרויסען קרעדיט און ליב געהאט צו פירען א ברייט הויז — מעשה פוילישער פריץ.

ער איז אפילו ניט געווען דער רייכסטער פון דער גאַנצער פאַמיליע. אין דער קעלקעווער משפחה זיינען געווען צוויי־דריי, וואָס האָבען פאַרמאָגט א סך מעהר פון איהם. אָבער ער האָט ליב געהאט צו פירען זיך ווי אן אמת'ער שליאַכציץ.

ער האָט געהאט צעהן קינדער. צו די אינגלאך האָט ער געהאלטען א לערער (ניט קיין מלמד) און צו די מיידלאך א גאָווערנאַנטקע. זיי האָבען געלערנט פויליש, אביסעל דייטש און פראַנצויזיש, און זיינען געווען די ערשטע אידישע מיידלאך אין דער גאַנצער געגענד וואָס האָבען אויך געלערנט... פיאַנאָ שפילען.

ער און זיין ווייב, די מומע שרה'טשע, זיינען געווען פריינדליכע און צוגעלאָזענע מענשען און אָפט ליב געהאט אויפצונעמען געסט, ובפרט פון דער משפחה.

די קיך איז דאָרטען שטענדיג געווען באַשעפטיגט. צוויי קעכינס האָבען געהאַלטען אין איין קאָכען און באַקען פאַר'ן גרויסען בני בית און געסט.

א צוויי־דריי געבראָטענע גענזלאך, אָדער קאַטשקעס, און עטליכע קעסטלאך פלאַשען ביר, זיינען שטענדיג געווען גרייט. מען האָט שוין געוואוסט, אז ווען מען קומט צו משה לינד קיין דאָמבראָווקע, וועט מען שוין ניט פאַרהונגערען.

אז מיר האָבען אָפּגעדונגען די בראָווע, און אוועקגעשטעלט די בהמות, האָבען מיר עס זיך געמאַכט פאַר א פעסטען מנהג, א צוויי־דריי מאָל א וואָך דאָרטען צוצופאָרען — „א קוק טאָן צו די בהמות"...

וואָס צו זעהען איז אפילו ניט געווען. מיר האָבען דאָרטען אין דער שטאַל געהאט אונזערן א אידישען אויפזעהער און עטליכע פון אונזערע היימישע גויים, וואָס האָבען אכטונג געטאָן אויף די בהמות. אָבער מיר אַלע זיינען פונדעסטוועגען אַזוי אָפט געקומען „א קוק טאָן אויף די בהמות".

שבת־נאכט, באלד נאָך הבדלה, בין איך ארויסגעפאָרען פון יאָזוע־פאָוו גלייך קיין בודזין, צום פעטער שמעון, וועלכער איז מיט מיר שטענדיג מיטגעפאָרען קיין דאָמבראָווקע, אויך „א קוק געבען" אויף די עטליכע בהמה'לאך, וואָס ער האָט געהאט ביי אונז אין שטאָל (פאר וועלכע ער האָט טאקע גאר ניט געצאָלט).

באלד נאָך אונז פלעגט אָנקומען מיין שוועד און אונזערס א קרוב שמעון יאם, אָדער וועלכער עס איז אנדערער קרוב.

קודם כל איז מען, פאר יוצא וועגען, פארפאָרען צו דער שטאָל און איינציגווייז, אָדער אלע צוזאמען, באטראכט די בהמות און אויף ווי געזאָגט מבינות, וועלכע עס נעמט אויף זיך מעהר אדער ווייניגער פלייש, און פאר וועלכער עס איז א שאָד די בראווע מיט'ן ביסעל קלאַיען, „וואָס זי מאכט קאַליע".

מען האָט אביסעל געשמועסט מיט'ן אידישען נאמן און די גוי'אי־שע ארבייטער און צווישען זיי צוטיילט אביסעל געלד און געבעטען אכטונג צו טאָן אויף די „כאָדאָבעס".

אז מען האָט זיך שוין דערמיט אָפּגע'פּטור'ט, און אויך א קוק געטאָן צו אונזערע פערד אין אנאנדערער שטאָל (איך פלעג ליב האָבען צו פאָרען איינער אליין, מיט אן איינשפאנער. אבער מיין שוועד האָט דאָס פאר זיך געהאלטען פאר א פחיתת הכבוד און ער איז אלעמאָל געפאָרען מיט א קוטשער און די טייערע צוגאָווע פערד), האָבען מיר זיך אלע א לאָז געטאָן אינ'ם הויף אריין, צום פעטער משה לינד.

קיין עסען און טרינקען, און טאקע פונ'ם שעהנסטען און בעסטען, האָט דאָרטען קיינמאָל ניט געפעלט. אז מען איז פארטיג געווארען מיט דער אכילה ושתיה, האָט מען זיך באלד אוועקגעזעצט ביי א גרינעם טישעל און זיך גענומען צו די קאָרטען. ווען עס זיינען געווען א סך מענשען, האָט מען געשפּילט ביי צוויי באזונדערע טישען.

אחוץ שבת־נאכט, האָט מען דערנאָך אויך אָנגענומען דעם שטייגער צו קומען אין מיטען־וואָך און פארברענגען ביים שפּילען, ביז ארום צוויי אזייגער, ווען יעדער איז זיך געפאָרען אין זיין היים.

אזוי האָבען מיר זיך „נעבאָך געפּלאָגט" א גאנצען ווינטער. קיין גרויסע גליקען האָבען מיר אין דער בראווע־שטאָל ניט געמאכט. אבער מיר האָבען דערווייל, בשעת מעשה, געהאט א היבש ביסעל „עולם הזה" און געלעבט גוטע נעכט.

* * *

אז עס איז געקומען פאר פסח, האָט זיך די גאנצע ארבייט אין דער בראנפען־ברענעריי שוין געהאט געענדיגט. מיר האָבען אונזערע

בהמות שוין געהאַט פאַרקויפט און די טרייבערס, וואָס די סוחרים האָבען געשיקט, זיינען געקומען זיי איבערנעמען.

איך, דער פעטער שמעון סאַנדהויז און אונזער קרוב שמעון יאַם, זיינען געוועזען דערביי. אַז אַלעס איז שוין געווען פאַראיבער און מיר האָבען שוין געוואָלט צוריק אַהיימפאָרען, האָט אונז משה לינד איינגעלאַדען, אַז מיר זאָלען אַלע דריי מיט איהם מיטפאָרען אין׳ם ניט־ווייטען דאָרף טשערמין, אַן ערך פון אַ האַלבען מייל פון דאָמבראָווקע.

טשערמין איז געווען אַ גרויס דאָרף, גאָר עהנליך צו אַ שטעדטעל. עס איז כמעט אינגאַנצען געווען באַזעצט פון דייטשע קאָלאָניסטען. ס׳האָט פאַרמאָגט אַ פּאָסט־אַמט און עס זיינען דאָרטען געווען סטאַציאָנס־פּאָסטענס פון פינאַנצען און זשאַנדאַרען.

אָט צו דידאָזיגע פינאַנצען און זשאַנדאַרען, האָט דער גוטס־באַזיצער און בראַנפען־ברענעריי־אייגענטימער משה לינד גאָר אָפט געדאַרפט אָנקומען נאָך טובות. און כאָטש ער איז געווען ביי זיך אַ שטאָלצער פּריץ, אַ גאַנצער פּאַן, האָט ער אָבער דאָך געמוזט פאַרבויגען זיין כבוד און מיט זיי אַלעמען לעבען אויף אַ פריינדשאַפטליכען שטייגער.

אַזוי ווי די אַלע ארבייטען אין דער בראַנפען־ברענעריי האָבען זיך שוין געהאַט געענדיגט, האָט ער זיי אַלעמען געוואָלט פאַרשאַפען פאַרגעניגען און מיט זיי לעבען אַ גוטען טאָג, און דערצו האָט ער אויך אונז איינגעלאַדען.

די טשערמינער קרעטשמע (ווירטהויז, פלעגען עס די דאָרטיגע דייטשען רופען) איז געווען אַ גרויסע און באַקוועמע געביידע. זי האָט געהערט צום דייטשען דאָרף. דער אידישער פּעכטער, מאָשקע לינד, מיין שוויגער׳ס אַ קרוב, איז געווען אַ פיינער איד, האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף ריינקייט, און זיין ווירטסהויז איז געפירט געוואָרען אויפ׳ן שטאָדטישען אופן, ניט ווי די אַפּגעלאָזענע דאָרפס־קרעטשמעס.

מיר זיינען אין צוויי ברישקעס פאַרפאָרען פאַר דער קרעטשמע און משה לינד איז אוועק צו די פינאַנצען און זשאַנדאַרען־פּאָסטענס, כדי אַלע וואָס זיינען געווען פריי פון דינסט, איינצולאַדען אַלס זיינע געסט פאַר׳ן היינטיגען אָווענד.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און זיי זיינען אַלע געקומען. אַ צעהן־צוועלף פאַרשוין.

מיר האָבען זיך באַלד אוועקגעזעצט אין אַ באַזונדערען צימער, אַ גרויסען און באַקוועמען, און זיך גענומען צו דער אכילה ושתיה.

די קרעטשמע איז געווען פאַרבונדען מיט אַ גאָר פיינעם דעליקאַטעסען־געשעפט און עס איז דאָרטען געווען פונ׳ם בעסטען און שעהנס־

טען און אויך אַלערליי כשר'ע קראָקווער וואורשטען. מיר האָבען גע־האַלטען אין איין טרינקען פון די בעסטע בירען און אויסלענדישע שנאַפּסען און עס איז דערנאָך שוין מיט אונז געקומען אזוי ווייט — עד דלא ידע...

עס איז שוין געווען ארום צוויי שעה נאָך האלבער נאכט, ווען מאָשקע טשערמינער האָט אונז ארויסעקספּעדירט. די זשאנדארען און פינאנצען האָבען זיך ווי ס'איז דערשלעפּט אהיים. משה לינד איז צווישען אונז אַלע געווען דער ניכטערסטער. ער איז געווען דער איינ־ציגער, וואָס האָט נאָך ניט געהאט דעם קאָפּ פארלאָרען.

ער האָט מיך און דעם קרוב שמעון יאַם, ארויפגעזעצט אויפ'ן וועגעלע. די בייטש האָט ער מיר אריינגעשטעקט אין דער כאָלעווע פונ'ם רעכטען שטיוועל און מיין פערד איז נאָכגעלאָפען זיין בריטשקע.

ווי אזוי איך בין אהיימגעקומען קיין יאָזעפאָוו (אַן ערך פון איבער א מייל וועגס), איז אסור אויב איך געדענק. איך האָב אפילו ניט געפילט ווען שמעון יאַם איז אראָפּגעקראָכען פונ'ם וועגעלע, און אויף וועלכען פלאץ. מסתמא ביי עפּעס א באקאנטער קרעטשמע. און איך וויים נאָך ניט עד היום, ווי אזוי מיין פערד איז אריבער דאס וואסער פונ'ם „ברען" (איבער וועלכען עס איז גאָר קיין בריק ניט געווען) און ווי אזוי איך בין בשלום אריבער דאָס שמאָלע בריקעל איבער דער „ריבניצע" (וועלכעס האָט גאָר קיין פארענצעס ניט געהאט און איז געווען גאנץ היבש הויך איבער'ן וואסער און מ'האָט עס געמוזט זעהר פאָרזיכטיג דורכפאָרען)...

איך האָב אבער דערפילט, אז עס ווערט מיר קאַלט און אז איך האָב מיך איבערגעוועקט, האָב איך דערזעהען, אז דאָס וועגעלע געפינט זיך פאר מיין הויז, אויפ'ן יאָזעפאָווער הויף.

איך בין אריין אין שטוב און ווען איך האָב זיך געלייגט אין בעט אריין . . . בין איך אָפּגעשלאָפען א קנאַפּען מעת־לעת.

אָט אזוי האָבען מיר, אין די אינגערע יאָהרען, געדינט צו באַכוס, צום גאָט פון די טרינקער...

# 51 — אַרויס פון יאָזעפּאָוו

די צייט איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. די צוועלף־יאָהריגע פּאַכט־צייט האָט זיך געזאָלט ענדיגען דעם פופצעהנטען מערץ, 1894.

וועגען באַנייען דעם קאָנטראַקט, האָט מעהר קיין רעדע ניט געקענט זיין. דער אַלטער וועלוועלע דאַמאַסק איז שוין דעמאָלט געווען טויט און די דעה איבער יאָזעפּאָוו האָט געהאַט זיין עלטסטער זון, יאָזעף דאַמאַסק.

ווייל די באַדינגונגען, לויט וועלכע מ׳האָט געמוזט איבערנעמען דאָס גוט, זיינען גאַנץ שווערע, איז מיין שווער געווען זיכער, אַז קיין אַפּנעמער וועט זיך ניט געפינען, און ער האָט דערפאַר ניט געוואָלט געבען מעהר ווי דריי טויזענד גולדען אַ יאָהר. דאָס הייסט, מיט גאַנצע טויזענד גולדען ווייניגער, ווי דער ביז איצטיגער פּאַכט־צינז.

אָבער בשעת מיר האָבען אונטערהאַנדעלט מיט׳ן יונגען הערר דאַמאַסק און איהם באַוויזען וויפיל געלד מיר האָבען שוין ביז איצט דערלייגט צום גאַנצען עסק, האָט זיך געגעבען אַ רוק אונטער אַנ־אַנדערער אַפּנעמער, וועגען וועמען מיר האָבען זיך גאָר ניט געריכט.

דאָס איז געווען מאיר אשהיים, אַ זון פון דעם אַזוי־רייכען און קאַרגען שכן אונזערן שמשון אשהיים (וועגען וועלכען איך האָב אויס־פירליך געשריבען אין אַ פריערען קאַפּיטעל).

אונז האָט זיך ניט געלוינט צו צאָלען דעם זעלבען פּאַכט־צינז וואָס פריער. ער האָט אָבער געהאַט זיינע אייגענע חשבונות און ביי אונז די גרויסע מציאה אויסגעכאַפּט.

איידער דער הער דאַמאַסק האָט מיט איהם אָפּגעשלאָסען דעם קאָנטראַקט, האָט ער צו מיין שווער געשריבען אַ בריף, אַז ער האָט אַ נייעם פּאַכטער. אָבער ער וויל אונז ליבערשט האָבען אויף ווייטער.

מיין שווער האָט איהם געענטפערט און געמאַכט אַן אויספיהר־ליכען חשבון, אַז ער האָט אין די לעצטע צוועלף יאָהר דערלייגט צו יאָזעפּאָוו אַ סומע פון איבער פינף און צוואַנציג טויזענד גולדען און דערפאַר קען ער מעהר ניט צאָלען ווי דריי טויזענד גולדען.

א צוויי וואָכען שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז מאיר אשהיים האָט געדונגען יאָזעפאָוו, פאר די זעלבע פיר טויזענד גולדען, וואָס מיר האָבען געצאָלט. קיין גאָר גרויס עגמת נפש האָב איך וועגען דעם ניט געהאט... יאָזעפאָוו האָט זיך מיר און מיין ווייב שוין געהאט שטארק דערעסען און מיר האָבען פון דאָרטען געוואָלט אוועק אין אנאנדער גוט.

כאָטש מיין שווער איז ניט געווען אזא שווערער שותף, און מיר האָבען געהאט כלערליי פריוהייטען, זיינען מיר אבער דאך דערפון גאנץ מיד געווען און דוקא חשק געהאט צו זיין אונזערע אייגענע בעלי בתים און שטעהן אויף אונזערע אייגענע פיס.

מאיר אשהיים האָט אויסגעדונגען יאָזעפאָוו אין פרילינג פון יאָהר 1893 און מיר האָבען נאָך געהאט צו וואוינען אין יאָזעפאָוו א גאנץ יאָהר, אראָפּצונעמען פון די פעלדער, אָבער שוין מעהר גאָר ניט צו באארבייטען און צו פארזייען.

מיר האָבען דערפאר גענוג געהאט צייט זיך אומצוקוקען, וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

מען האָט אונז פאָרגעשלאָגען עטליכע גרויסע גיטער, צו וועלכע מיר האָבען געקענט לייכט צוקומען און ווייטער פארבלייבען בשותפות מיט'ן שווער. מיר האָבען אָבער פאָרגעצויגען א סך א קלענערען פאָל־ווארג, אבי צו זיין אליין אָהן דער שותפות.

אזוי איז אוועק דער גאנצער זומער און דער הערבסט. מיר זיינען אין יאָזעפאָוו געווען שטארק באשעפטיגט מיט'ן אראָפּנעמען די תבואות. מיר האָבען דעמאָלט גראָד געהאט א גרויס גערעטעניש און די פרייזען פון תבואה זיינען אויך געווען גאנץ הויכע.

## 52 — די שצוצינער לאָנקעס

קלעע, היי און לאָנקעס, זיינען אין גאַליציע געווען א אידישער מסחר זייט א סך יאָהרען.

אָבער ווייל דערדאָזיגער ענין איז ניט אזוי באַקענט, און איך האָב אין ערגעץ ניט געפונען קיין שום באשרייבונג וועגען דעם, וועל איך דאָ דאָס אביסעל ארומרעדען מעהר באריכות.

ווי יעדער ווייסט, האָט אין גאַליציע (די אַנדערע לענדער אינטע־רעסירען מיך דאָ ניט), ביז צום יאָהר 1848 געהערשט די „פּאַנטשיזנע", אדער „לייב־אייגענשאפט"; יעדער פּויער, צוזאמען מיט זיין ווייב און קינדער, זיינען געווען אייביגע קנעכט פון פּריץ און זיי האָבען פאר איהם — אָהן שום בעלוינונג — געמוזט טאָן אלע נויטיגע ארבייטען, אין די פעלדער, וועלדער און הויפּישע מלאכות.

אבער כדי דער פּויער זאָל דאָך האָבען פון וואָס זיך צו דער־נערען — שקלאַפען מוזען דאָך אויך עסען — האָבען די פּריצים געגעבען צו יעדער פּויערישער פאמיליע עטליכע אקער פעלד צום באַארבייטען פאר'ן אייגענעם געברויך, און פון דעם האָבען זיי געצויגען זייער חיונה.

דאָס רעוואָלוציע־יאָהר 1848, וואָס האָט אָנגעמאַכט גרויסע פּאָלי־טישע איבערקערענישען אין מעהרערע אייראָפּעאישע לענדער, האָט אויך געבראַכט פרייהייט צו עטליכע מיליאָן פּויערים אין גאַליציע, און פון אייביגע שקלאַפען זיינען זיי געוואָרען פרייע מענשען, איבער וועלכע דער פּריץ האָט שוין מעהר קיין שום רעכט ניט געהאַט.

אָבער אז די פּויערים האָבען פאר'ן פּריץ שוין מעהר ניט גע־דאַרפט ארבייטען, איז עס דאָך במילא אויך געווען קלאָר, אז ער איז מעהר ניט פאַרפליכטעט די פּויערים אויפצוהאלטען מיט חיונה און זיי, אומזיסט און אומנישט, דערלויבען צו ציען פּרנסה פון זיינע פעלדער.

פון וואַנען זאָלען אָבער דידאָזיגע עטליכע מיליאָן מענשען דאָך לעבען?

האָט זיך די עסטרייכישע רעגירונג, די הערשערין איבער גאַליציע, אַן עצה געגעבען. זי האָט ביי די פּוילישע פּריצים אָפּגעקויפט (אָדער

בעסער געזאָגט, זיי געצוואונגען צו פארקויפען), א גרויסען טייל פון זייערע פעלדער און זיי צוטיילט צווישען די פויערים.

צו דעם צוועק האָט די עסטרייכישע רעגירונג ארויסגעגעבען ווערט־פאפירען („גרונד־ענטלאסטונגס־אָבליגאציעס" האָבען זיי געהייסען) אויף אַן ערך — דוכט זיך, פערציג מיליאָן גולדען — און דאָס געלד אויסגעצאָלט צו די פריצים פאר די אוועקגענומענע פעלדער.

די פויערים זיינען געבליבען ביי די פעלדער, וועלכע זיי האָבען פון פריער געהאט פון די פריצים. די פעלדער זיינען געוואָרען זייער אייגענטום. אָבער זיי, די פויערים, האָבען געמוזט צאָלען געוויסע שטייערען, כדי עס זאָל זיין פון וואָס צו צאָלען פאר די אָבליגאציעס, דעם פראָצענט מיט'ן קרן.

איך וויים ניט גענוי וויפיל אַקער לאַנד יעדער פויער האָט דעמאָלט באקומען. אָבער זיכער איז, אז ניט אלע האָבען געקראָגען גלייך, ווייל מעהרערע האָבען געהאט צו 15 און 20 אַקער לאַנד, און מאנכע קוים צו 2־3. אָבער ווארשיינליך האָט דערביי געמוזט זיין א געוויסער סיסטעם און אויסרעכענונג.

אָבער שוין א דרייסיג יאָהר שפעטער — און וואָס אמאָל מעהר — האָבען די פויערים אָנגעהויבען צו פיהלען א גאָר שטארקען ערד־מאַנגעל.

קינדער זיינען אונטערגעוואקסען — פויערים קינדלעך א סך. מען האָט זיי געדארפט חתונה מאכען און העלפען גרינדען אַן אייגענע בעל־בתישקייט. באין ברירה, האָט אזא פויערישער טאטע, געמוזט אוועק־נעמען פון זיינע עטליכע אַקער און געבען כאָטש א קליינעם טייל דער־פון, א צוויי־דריי אַקער, צו די פארהייראטע זין. צו טעכטער האָט מען אין אונזער געגענד קיין פעלד ניט געגעבען, נאָר בלויז „כאָדאָבעס" — בהמות — אדער מזומן געלד.

איבערהויפט האָבען פויערים אָנגעהויבען צו ליידען א גרויסען מאַנגעל אין פוטער פאָר זייערע בהמות. גאַליציע איז פון אייביק אָן א לאַנד, וואו מען האָדעוועט א סך בהמות. גאָר א גרויסע צאָל שלאַכט־פי פלעגט פון דאָרטען יעדעס יאָהר ארויסגעשיקט ווערען קיין עסטרייך און אין די ארומיגע לענדער. אויך א סך טויזענדער פערד יעדעס יאָהר. די בהמות און די פערד האָבען אויסגעמאכט א גאָר גרויסען טייל פון די יעהרליכע איינקונפטען פון א גאַליצישען לאַנדווירט.

זומער־צייט געהען די בהמות און די פערד ארום אויף די פעלדער און זוכען זיך אליין זייער פאַשע. אָבער א צייט פון איבער זעקס

חדשים פון יאָהר, פאַרברענגען זיי אין די שטאַלען און לעבען פון דעם וואָס זייער בעל הבית קען זיי געבען.

אָבער ניט יעדער פויער האָט גענוג פיטער פון זיין אייגען פעלד, אז עס זאָל זיין גענוג פאר די עטליכע בהמות, וואָס געפינען זיך ביי איהם אויף קעסט. בלייבט פאר'ן פויער דערפאר קיין אנדערע ברירה ניט, ווי נאָר צו עפּענען זיין שטענדיג אַזוי־פעסט־פארמאכטען געלד־בייטעל און צו קויפען פיטער פאר זיינע „כאָדאָבעס".

אָבער דעם אזוי נויטיגען ארטיקעל קען ער דאָך ניט קויפען אין א פארטיגען פארברויכס־פעהיגען צושטאַנד. דאָס וואָלט איהם געקאָסט צו טייער און ער טוט דאָס נאָר דעמאָלט, ווען זיין פריערער זאַפּאַס האָט זיך שוין אינגאַנצען אויסגעלאָזט און ער האָט קיין אנדערע ברירה ניט. איבערהויפּט אין פרילינג, ווען ער דאַרף זיינע פערד, אָדער אָקסען בעסער צופיטערען, כדי מיט זיי צו קענען באַארבייטען זיינע פעלדער.

כמעט יעדער פויער וואָס האָדעוועט נאָר בהמות, גרייט זיך אָן זומער־צייט גענוג פיטער, כדי ער זאָל האָבען פאר דער גאַנצער צייט, וואָס די בהמות מוזען פארבלייבען אין שטאַל.

אין די חדשים יוני ביז אויגוסט, געהען די פויערים ארום אין די פּריצישע הויפען, אָדער צווישען די רייכערע פויערים און קויפען ביי זיי אָפּ קלעע (קאָניציניע) אָדער גאַנצע שטיקער גראָז, האַקען דאָס אָפּ און טריקענען עס און פארוואַנדלען עס אין היי. דאַן פירט מען דאָס אהיים און מען באהאלט דאָס אויפ'ן בוידים, אדער גאָר אין באַזונדערע סטויגען, כדי עס זאָל זיין גרייט פאר די קאַלטע חדשים.

אין די זיבעציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, איז פון אויסלאַנד קיין גאַליציע איינגעפירט געוואָרען אַזא מין זאָמען, וועלכען מען רופט קלעע (קאָניציניע). ער האָט זיך דאָרטען זעהר גוט אַקלימאַ־טיזירט און צוואוּאַקסען אויף א זעהר גוטען אופן.

דאָס ערשטע יאָהר קען מען איהם האַקען צוויי מאָל און די גערעטעניש — בפרט אויף די גוטע פעלדער — איז פינף־זעקס און אמאָל מעהר, הויך־געלאָדענע וואָגענס פון יעדען אַקער.

דאָס צווייטע יאָהר דאַרף מען שוין דעם קלעע מעהר ניט זייען. ער וואַקסט פון זיך אליין און גיט אויך ארוים נאָך דריי גוטע וואָגענס פיטער פון אַן אַקער.

א צעהן יאָהר שפּעטער איז אויך איינגעפירט געוואָרען פון אמע־ריקא א זאָמען מיט'ן נאָמען טהימאָטהעע (וואַקסט צום בעסטען אין

נידעריגערע, הארטע פעלדער) און ער פארמאָגט די עהנליכע אייגענשאפּ־טען ווי דער קלעע.

גוטע, ערפאַרענע פּאכטערס, איבערהויפּט אין אונזער געגענד, האָבען אָנגעהויבען צו פארזעען א סך פעלדער מיט קלעע און טהי־מאָטהעע און דאָס האָט זיי געשטעלט אויף די פיס.

ווייל דער אידישער פּאָסעסאָר איז אָבער שטענדיג א פארנומענער מענש און כמעט קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט — און אויך ניט געקענט — האנדלען מיט'ן פויער, וואָס איז א זעהר שווערער קונה, און א האַרץ־אַפּעסער דערצו, כדי זיין קלעע טהימאָטהעע, אדער לאַנ־קעם צו פארקויפען לאחרים, האָט ער, דער פּאָסעסאָר, עס ליבערשט אין גאנצען פארקויפט אויף איינמאָל צו אַ אידישען סוחר, אָפּגענומען זיין געלד, און זאָל זיך יענער ארומרייסען מיט'ן פויער...

מיט דער צייט זיינען אין אונזער געגענד, געווען מעהרערע שטאָדט־אידען, וואָס האָבען יעדען זומער געהאנדעלט מיט די פּאָסעסאָרס און ביי די דאָזיגע מסחרים היבש געלד פארדינט.

אז איך האָב געהאַלטען ביים ארויסגעהן פון דער יאָזעפאָווער פּאָסעסיע, און ווערען אַ בעל הבית פאַר זיך, אָהן דער שותפות פון מיין שווער, איז מיר איינגעפאלען א געדאנק וועגען א נייעם מסחר.

ווי איך האָב שוין געשריבען אין די פריערדיגע קאפּיטלאך, איז מיין דאָרף יאָזעפאָוו געווען אין גאנצען עפּעס א איבער א מייל וועגס פונ'ם שטעדטעל שצוצין.

דאָס דאָזיגע שטעדטעל, צוזאמען מיט מעהרערע גיטער, זעהר גוטע פעלדער, ביי דער ווייכסעל, האָבען געהערט צו אַן אַלטער גרעפין, וואָס האָט געוואוינט אין קראָקע און די גיטער פארוואַלטעט אויפ'ן אייגענעם חשבון.

די דאָזיגע אַלטע גויה האָט זעהר ניט ליעב געהאט קיין אידען און א חוץ עטליכע, צוויי־דריי, קרעטשמאַרעס, האָט קיין שום איד ניט געקענט האָבען קיין דריסת הרגל אין איהרע גיטער. אַלע תבואות און די אנדערע ווירטשאפטליכע פּראָדוקטען זיינען געשיקט געוואָרען צו א קריסטליכער באַנק אין קראָקע און, כאָטש זי האָט ביי אידען געקענט באַקומען בעסערע פּרייזען, האָט זי דערפון אפילו ניט געוואָלט הערען. א איד, לא יזכר ולא יפקד אין איהרע גיטער.

אז די פּריצה איז געשטאָרבען, זיינען אַלע איהרע גיטער איבער־געגאַנגען בירושה צו איהרען אַן אייניקעל, די פרוי פון פירסט ליובאָ־מירסקי פון פשעוואָרסק, וועלכער איז אַליין אויך געווען א רייכער

מאַן און זיך מעהר אָפּגעגעבען מיט'ן ארומפאָרען איבער דער וועלט, מיט חיות־פאַנגען, איידער מיט לאַנדווירטשאַפט.

זיין פאָרטרעטער און פאַרוואַלטער פון אַלע גיטער, און אויך פון דער גרויסער צוקער־פאַבריק אין פשעוואָרסק, איז געווען א געוויסער גראַף מיטשעלסקי, אן ארונטערגעקומענער שליאַכציץ פון פּריסען, וועל־כער האָט געמוזט פון דאָרטען עוקר זיין, צוליב זיין שטאַרקען פּוילישען פּאַטריאָטיזם. צוליב דעם איז ער געוואָרען דער גאַנצער „כל ולך" ביים רייכען פירסט ליובאָמירסקי און איהם איז אויך איבערגעגעבען געוואָרען די פאַרוואַלטונג פון די נייע שצוצינער ירושה־גיטער.

צווישען דידאָזיגע גיטער איז אויך געווען א גרויס גוט מיט'ן נאָמען זאברניע.

קיין אַקער־לאַנד איז דאָרטען כמעט ניט געווען (צו נידריג און צו־פייכט פאר תבואה), נאָר עס איז באַשטאַנען פון לויטער גראָז־לאַנקעס, אַזעלכע וואָס האָבען ארויסגעגעבען זעהר פיל גוט היי.

דאָס גאַנצע גוט האָט געהאַט אַן ערך פון א זעקס הונדערט און פופציג אַקער (אחוץ א קליינעם פּאָלוואַרג מיט באַזונדערע לאַנקעס און אביסעל אַקער־פעלד).

כל זמן די אַלטע גרעפין האָט געלעבט, פלעגט מען פאַרקויפען די לאַנקעס צו פּויערים און די גאַנצע הכנסה דערפון איז געווען א גאַנץ קליינע, פשוט אַ שיבוש. די קריסטליכע פאַרקויפער האָבען אַלעס פאַרטאַכלעוועט, כמעט פאר אומזיסט. דאָס איבעריגע געלד, פלעגען זיי צו'גנב'ענען און פאַר'שיכור'ען, און פאַר דער גרעפין איז כמעט גאָרניט פאַרבליבען.

אידישע סוחרים האָבען עטליכע מאָל געפּרואווט ביי דער גרעפין אָפּצודינגען דידאָזיגע „שצוצינער לאַנקעס", וועלכע זיינען געווען א שם דבר אין דער גאַנצער געגענד און געוואָלט געבען א פּרייז, עטליכע מאָל העכער ווי זי פלעגט באַקומען פון איהרע קריסטליכע פאַרקויפער. זי האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט הערען: זי האנדעלט ניט מיט קיין אידען! . . .

אַז פירסט ליובאָמירסקי, אָדער בעסער געזאָגט, גראַף מיטשעלסקי, האָט איבערגענומען די שצוצינער גיטער, האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג, אַז עס וועלען דאָרטען אָנהויבען צו בלאָזען נייע ווינטען, און אַז מען וועט אידען גיכער צולאָזען צום מסחר. והא ראיה, אַז אין די גיטער אין פשעוואָרסק, האַנדעלט מען יאָ מיט אידען און דער פשעוואָרסקער פּראָפּינאַטאָר, ר' אייזיק ענגעלהאַרדט, איז א גאַנצער חשוב ביים גראַף מיטשעלסקי און ער מאַכט מיט איהם פאַרשידענע געשעפטען.

איז מיר איינגעפאלען א געדאנק, אז עס וואלט פאר מיר געווען א פלאן אפצודינגען דידאזיגע שצוצינער לאנקעס, וועלכע זיינען געווען אין מיין שכנות און איך האב געקענט זייערע מעלות און חסרונות.

איך האב אנגעשריבען א בריף צום גראף מיטשעלסקי, אנפרע־גענדיג, אויב ער וואלט מיר פארדינגען די לאנקעס פאר א צייט פון עטליכע יאהר.

א פאר טעג שפעטער, האב איך פון איהם באקומען אן ענטפער, אז אין א וואך ארום, וועט ער זיין אין שצוצינער הויף, זאל איך דער־מאלט צו איהם קומען, דאס געשעפט אויספיהרליכער ארומרעדען.

איך זאל אבער וויסען — שרייבט דער גראף אין זיין בריף — אז ביליגער ווי צעהן גולדען פאר א „יאך" וועט ער ניט נעמען.

אז איך האב דערהאלטען דעמדאזיגען בריף, איז די שמחה ביי מיר געווען זעהר גרויס, עד איז לשער. איך האב געקענט דעם ווערט פון די שצוצינער לאנקעס און געוואוסט, אז אויב עס וועט מיר נאר געלינגען זיי אריינצובאקומען פאר א צייט פון עטליכע יאהר — וואקס איך שוין זיכער אן עושר.

נאך אין זעלבען טאג בין איך אריבערגעריטען צום שווער קיין זגורסק און איהם וועגען אלעם דערצעהלט. ער איז דערפון גאר שטארק צופרידען געווען. אויך ער האט געקענט די שצוצינער לאנקעס און מיך געלויבט פאר מיין קלוגען איינפאל.

איהם אזוי שטארק אנצוזאגען, אז דער גאנצער עסק מוז נאך דערווייל בלייבען בסוד, איז מיר גאר ניט איינגעפאלען, און ער וואלט זיך נאך דערפון געווען געפונען באליידיגט... איך, אזא יונגער שנעק, זאל איהם לערנען ווי אזוי צו פירען געשעפטען!...

מיין שווער איז אבער געווען — זאל ער עס מיר מוחל זיין — א שטיקעל בארימער און ער האט ליב געהאט פאר זיינע פריינד, די ראדאמישלער נגידים, צו דערצעהלען אזעלכע זאכען, וואס וואלטען, על פי שכל, נאך געדארפט זיין גאר שטארק בסוד. אויך דאס איצטיגע מאל האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען און ניט דערצעהלען פאר עטליכע מענשען וועגען דעם גרויסען גליק וואס זיין איידים האט איצט שוין דערטאפט.

דאנערשטאג, אז איך בין געקומען קיין ראדאמישלא אויפ'ן ידיד, האבען מיר די צוויי גרויסע נגידים, די געלד־פארלייער, ר' אברהמ'לע אבערדאם און זיין שוואגער ר' משה'לע ראפאפארט, (א גרויסער תלמיד חכם און א זון פונ'ם דאמבראווער רב, ר' שעפסעל ראפאפארט) שוין געגעבען שלום עליכם מיט דער ברייטער האנד און מיר פריינד־

ליך געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, ווי איינער רעדט: דו וועסט שוין זיין א ליט!

כאָטש זיי האָבען מיר גאָר ניט געזאָגט וועגען מיינע נייע מסחרים, האָב איך אָבער אָן זייערע מינעס פאַרשטאַנען, אז זיי ווייסען שוין וועגען דעם.

עס האָט מיך אין הארצען שטארק פאַרדראָסען אויף מיין שווער, פאַר זיין ניט־אויסגעהאַלטענקייט און פּלוידערייען. איך האָב געהאט דאָס פאַר־געפיל, אז ער האָט מיר דערמיט גאָר א סך שאָדען געטאָן.

און אז איך האָב רעכט געהאט, האָב איך זיך דערוואוסט באַלד אויף דער צווייטער וואָך.

אז איך בין דינסטאג געקומען אינ'ם שצוצינער הויף און מיך געמאָלדען צום גראַף מיטשעלסקי (וועלכער איז אינ'ם זעלבען פרימאָרגען אָנגעקומען), האָט ער מיך גאַנץ פריינדליך אויפגענומען און, איז ווי א געניטער געשעפטס־מאַן באַלד צוגעטרעטען צום עסק.

ער האָט מיר תיכף אין אָנפאַנג געזאָגט, אז ער באדויערט זעהר שטארק, וואָס ער האָט מיר אין זיין בריף געשריבען, אז ער פאַרלאַנגט פאַר די לאַנקעס צו צעהן גולדען פאַר א יאָך. ער האָט זיך דורך דער וואָך נאָכגעפרעגט און אויסגעפונען, אז זיי זיינען ווערט פיל מעהר, לכל הפחות, צו פופצעהן גולדען. ועל כולם, האָט ער מיר געזאָגט — און אויף זיין פּנים האָט זיך געוויזען א שפּאָטישער שמייכעל — האָט ער טאַקע דאָ אהער היינט באַקומען א בריף פון צוויי אידען און זיי אָפּערירען איהם צו דרייצעהן גולדען פער יאָך.

ביי די ווערטער האָט ער מיר דערלאַנגט דעם בריף פון די צוויי אידישער סוחרים.

מיט א קורצען בליק האָב איך זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער. דאָס זיינען געווען טאַקע מיינע „פריינד" און חברים, אלטער שנור און אהרן וועקסלער. אין זייער קורצען בריוועל האָבען זיי געשריבען, אז, באשר בכן, זיי האָבען געהערט, אז דער גראַף האָט איצט בדעה צו פאַרדינגען די שצוצינער לאַנקעס, לאָזען זיי איהם וויסען, דאָס זיי זיינען זיינע נאָהענטע שכנים. זיי ווייסען דעם ווערט פון די לאַנקעס, און זיי זיינען וויליג צו צאָלען צו דרייצעהן גולדען פער יאָך. און דערצו אויך דעם יעהרליכען צינז יעדעס מאָל אין פאָראויס, דאָס הייסט, דעם ערשטען יוני, נאָך איידער זיי וועלען אָנהויבען צו פאַרקויפען די לאַנקעס צו איינצעלנע קויפער, לאחדים.

איך בין געבליבען געפּלעפּט, ווען איך האָב דאָסדאָזיגע קורצע בריוועל איבערגעלייענט. אָבער דער גראַף האָט מיך ניט געלאָזט לאַנג קלערען.

— דו זעהסט, סוחר, האָט ער צו מיר געזאָגט, וואָסערן אָנבאָט איך האָב דאָ אין מיין האַנד? איך האָב מיך נאָכגעפרעגט ביי מיין פּאַרוואַלטער, פאָן לעוואַנדאָווסקי, און ער האָט מיר וועגען ביידען געגעבען גוטע אויסקונפטען.

ווייל דו ביסט אָבער דער ערשטער, וואָס האָסט מיר וועגען דעם געשריבען און דו זעהסט אויס צו זיין „פּאָסטשיווע" (עהרליך), וואָלט איך ליבערשט געוואָלט מיט דיר האַנדלען, אָבער באופן, אַז דו זאָלסט אויך נאָכקומען זייערע באַדינגונגען.

א ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב געוואוסט אַז קענען מיר שטעהען אַזעלכע צוויי לייבען, וואָס יעדער פון זיי פאַרמאָגט א סך מעהר פון מיר און איבערהויפּט זיינען זיי ניט אָנגעוויזען פון די שצוצינער לאַנקעס צו ציהען זייערע פּרנסות. זיי האָבען געהאַט זייערע אייגענע, גוטגעהענדע געשעפטען.

זיי האָבען מיר געמאַכט א גרויסען שטריך אין מיינע חשבונות און צוקונפטס־פּלענער.

עס איז מיר איצט שוין ניט אַזוי פיל געגאַנגען אין די דריי גולדען פון א יאָך, (אָן ערך פון א צוויי טויזענד גולדען א יאָהר) נאָר א סך מעהר אין די קאָנטראַקט־באַדינגונגען.

איך האָב שוין ביי זיך געהאַט אויסגעאַרבייט פּלענער, אויף וואָס פאַר אַן אופן דער פּאַכט־קאָנטראַקט זאָל געמאַכט ווערען, עס וואָלט געווען אויסגעקומען, אַז איך וואָלט גאָר ווינציג מזומנים געדאַרפט אריינלייגען אין געשעפט.

איך בין נאָך איצט פעסט איבערצייגט, אַז ווען דידאָזיגע צוויי פּאַרשוינען, וואָלטען זיך ניט געווען אריינגעמישט און אויפגעטראָטען אַלס קאָנקורענטען, וואָלט איך ביים פּריץ זיכער געווען געקענט פּועל'ן, אַז ער זאָל איינגעהן אויף מיינע באַדינגונגען. ער וואָלט פון די לאַנקעס סאַי ווי געווען ארויסגענומען א סך מעהר ווי זיי פּלעגען פריער ברענגען פאַר דער אַלטער גרעפין.

איצט אָבער איז עס שוין געווען גאַנץ אַנדערש. איך בין געווען ביי איהם אין די הענד און געמוזט נאָכקומען זיינע פאַרלאַנגען. עס איז מיר קוים געלונגען ביי איהם צו פּועל'ן, דאָס אָנשטאָט צו געבען איהם דעם גאַנצען פּאַכט־צינז אין פאָראויס דעם ערשטען יוני, זאָל

איך נאָר געבען די העלפט און די צווייטע העלפט, זעקס וואָכען שפּע־טער.

איך האָב דעם גראַף געגעבען פינף הונדערט גולדען האַנד־געלד און מיר האָבען אָפּגעמאַכט, אַז אין צוויי וואָכען ארום, זאָל איך קומען קיין לעמבערג, און דאָרטען, ביי זיין אדוואָקאַט, אונטערשרייבען דעם קאָנטראַקט און נאָך צוצאָלען דריי טויזענד פינף הונדערט גולדען.

דידאָזיגע פיר טויזענד גולדען, אין מזומן, האָבען געזאָלט פאַר־בלייבען (מיט פינף פּראָצענט צינזען) ביים גראַף דורך די גאַנצע פיר יאָהר, וואָס דער פּאַכט־קאָנטראַקט דאַרף לויפען.

אין א צוויי וואָכען ארום האָב איך פון א לעמבערגער אדוואָקאַט באקומען א בריף, אַז איך זאָל קומען קיין לעמבערג, און דאָרטען אונטערשרייבען דעם קאָנטראַקט און אויך מיטברענגען נאָך די דריי טויזענד פינף הונדערט גולדען, כדי מיט די שוין געגעבענע פינף הונדערט משלים צו זיין די ערבות (זיכערשטעלונג) פון פיר טויזענד גולדען.

אַז איך בין געקומען קיין לעמבערג, איז דער קאָנטראַקט שוין געווען א פאַרטיגער און מיט'ן גראַפ'ס אונטערשריפט. איך האָב נאָר גערדאַרפט אוועקגעבען דאָס געלד.

דער קאָנטראַקט, וועלכער האָט געזאָלט לויפען פיר יאָהר איז געווען א גאָר קורצער. אין גאַנצען בלויז צוויי בלעטלאך. אבער אַז איך האָב איהם איבערגעלייענט, האָב איך באַלד דערזעהען, אַז ער איז פאַר מיר גאָר ניט גינסטיג.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איז אריבער, זייט איך האָב מיט'ן גראַף אָפּגעמאַכט דאָס געשעפט, האָב איך אַלץ געהאַלטען אין איין נאָכטראַכטען, איבערדענקען, — און טאַקע אויפשרייבען אויפ'ן פּאַפּיר — די אַלע באַדינגונגען, וואָס איך האָב געוואָלט שטעלען ביים אָנ־שרייבען דעם קאָנטראַקט. איך האָב קודם כל געוואָלט, אַז דער קאָנט־ראַקט זאָל לויפען, ווי ביי אַלע פּאַסעסיעס, פאַר א צייט פון צוועלף, אָדער לכל הפחות ניין יאָהר.

איך האָב אין זינען געהאַט צו פּועל'ן די דערלויבעניש, אַז אַזעלכע שטיקער לאָנקעס, וואָס זיינען א סך העכער און עס וואַקסט אויף זיי גאָר קנאַפּ גראָז, זאָלען מעגען אויפגעאַקערט און פאַרוואַנדעלט ווערען אין תבואה־פעלדער.

דערצו האָט מען אָבער אויך שוין געמוזט האָבען אַקער־בהמות, אָקסען און פערד און אויך געביידעס פאַר זייערט וועגען און אויך געביידען פאַר די תבואות, וואָס וועלען אָנוואַקסען. און דערצו האָט

מען שוין אויך, זעלבסטפארשטענדליך, געמוזט האבען א באקוועמע דירה פאר׳ן פאסעסאר און זיינע דינסטען.

די פשיקאפעס (וואסער־גרובענס), וואס זיינען געווען א היבש ביסעל דורך אלע לאנקעס, זיינען אבער געווען אין אזא שלעכטען און פארוואר־לאזטען צושטאנד, אז מען האט געדארפט אויסגעבען כאטש א טויזענד גולדען, אז מען זאל זיי אביסעל פארריכטען.

אויסערדעם זיינען אויך געווען א היבש ביסעל אנדערע פונקטען, און באדינגונגען (ווי א שטייגער בריקען, וועגען און עהנליכעס), וואס איך האב אין זינען געהאט איינצושרייבען אינ׳ם קאנטראקט. איך האב חשק געהאט פון די שצוצינער לאנקעס צו מאכען א גרויס גוט, מיט א סך אקער־פעלדער, ווי אלע אנדערע וויכטיגע פאסעסיעס און איך האב געלעבט אין דער האפנונג, אז אויב עס וועט מיר געלינגען נאך בשעת׳ן מאכען דעם קאנטראקט דעם גראף צו איבערצייגען, אין דער ריכטיגקייט און פראקטישקייט פון מיינע פארלאנגען — וועט ער זיכער נאכגעבען.

פון דעם אלעמען האט זיך אויסגעלאזט — א טייך.

דעם גראף האב איך שוין מעהר אין די אויגען ניט אנגעזעהען. דער אדוואקאט האט מיר דערלאנגט דעם קאנטראקט און געהייסען אונטערשרייבען און דערביי האט ער מיר, געשעפטסמעסיג, דערקלערט: אז דאס איז עס! מיט אנדערע ווערטער, אז איך קען יעצט דא קיין נייע באדינגונגען ניט שטעלען. ער האט מיר אויך געזאגט, אז ער האט אן אויפטראג פון גראף, אז אויב איך וועל פארלאנגען נייע פונקטען, זאל ער מיר זאפארט צוריקגעבען מיינע פינף הונדערט גולדען און פונ׳ם גאנצען געשעפט זאל גאר ניט ווערען.

צוזאמען מיט׳ן קאנטראקט האט מיר דער אדוואקאט איבערגעגעבען א מאפע, וואס אן אינזשעניר האט געמאכט פון אלע לאנקעס און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז עס איז געווען צוזאמען זעקס הונדערט און פופציג אקער.

איך האב געהאט א גאר גרויסען פארדרוס און א שטארקען עגמת נפש, ווען איך האב איצט דערזעהן, אז פון אלע מיינע צוקונפטס־פלענער איז גאר ניט געווארען — זיי זיינען צורונען און צונישט געווארען.

אויף דער ערשטער, הייסער מינוט, האב איך אפילו חשק געהאט מיך צוריקציען פונ׳ם גאנצען עסק און פונ׳ם אדוואקאט אפצונעמען מיינע פינף הונדערט גולדען. אבער איך האב זיך באלד צוריק בארעכענט, אז די שצוצינער לאנקעס זיינען נאך אלץ, אפילו אהן אלע

מיינע באַדינגונגען, אַ זעהר גוט געשעפט און אויב איך וועל זיך דערפון צוריקציען, וועלען עס אנדערע, תיכף ומיד, אויפכאַפּען, ווי אַן אבן טוב.

ובפרט האָב איך מיינע קאָנקורענטען, אַלטער שנור און אהרן וועקסלער, ניט געוואָלט געבען די סאַטיספאַקציע אַז זיי זאָלען די לאַנקעס באַקומען אַזוי לייכט און אָהן מאַטער. די פּונקטען וואָס זיינען פאַר מיר געווען אַזוי וויכטיג, האָבען זיי ניט אָנגעהויבען צו אַרען. זיי האָבען דאָך געהאַט זייערע אייגענע גיטער און געביידעס, וואו צו וואָהנען מיט זייערע פאַמיליעס.

באין ברירה, האָב איך דעם קאָנטראַקט אונטערגעשריבען און דעם אַדוואָקאַט אוועקגעגעבען די סומע פון דריי טויזענד פינף הונדערט גולדען אַלס זיכערשטעלונג.

איך האָב פון איהם אַרויסבאַקומען דעם צוזאָג, אַז ער וועט איבער־רעדען מיט׳ן גראַף, דאָס מען זאָל דאָרטען אויף די לאַנקעס אויפ־שטעלען אַ קליין הייזעל, אַז איך זאָל האָבען וואו צו וואָהנען — ניט קיין ריכטיגע וואָהנונג — דורך די עטליכע חדשים, ווען דער פאַרקויף פון׳ם היי וועט אָנגעהן. און אויך אַ קליינע שטאַל, פאַר איין, אָדער צוויי, פערד.

איך בין, למזל, פאַר אַ צייט פון פיר יאָהר, געוואָרען דער פאַכטער פון די גרויסע שצוצינער לאַנקעס און יעדער האָט מיך גאָר שטאַרק מקנא געווען, פאַר דעם גוטען געשעפט וואָס איז מיר געלונגען צו מאַכען. איבערהויפּט, ווייל איך האָב שוין „אַריינגעשטעלט אַ פוס" אינ׳ם שצוצינער הויף, וועלכער איז ביז איצט געווען אַזוי שטאַרק „יודען־ריין".

דאָס אַלעס איז פאַרגעקומען אינ'ם ווינטער פונ'ם יאָהר 1894. דעם פופצענטען מערץ האָט זיך געענדיגט דער קאָנטראַקט אין יאָזעפאָוו און איך האָב געמוזט דאָס גוט פאַרלאָזען, נאָכדעם ווי איך האָב דאָרטען אָפּגעוואָהנט אַ צייט פון איבער ניין יאָהר און האָב שוין ברוך השם פאַרמאָגט פינף קינדער.

נאָכדעם ווי מיינע פּלענער וועגען האָבען אַ וואָהנונג, אַנדערע געביידעס און בהמות אויף די שצוצינער לאַנקעס, זיינען צונישט גע־וואָרען, איז באַלד ארויפגעשוואומען די פראַגע וועגען אנאנדערער פּאָסעסיע און אַ באַשעפטיגונג פאַר מיין ווייב, דער אשת חיל.

איך, כשאני לעצמי, בין שוין, ברוך השם, געווען פאַרזאָרגט מיט אַ געשעפט, וואו איך וועל האָבען אַ סך צו טאָן. כמעט דעם גאנצען יאָהר.

אָבער מיין ווייב האָט בשום אופן זיך ניט געוואָלט באזעצען אין שטאָדט און ווערען אַ לײדיגגעהערין. אָהן אַ פּאָסעסיע, האָט זי פּשוט ניט געקענט לעבען. דאָס איז געווען איהר גאנצער חיות. איז ביי אונז פאַרבליבען, אז מיר זאָלען דינגען אַן אַנדערע פּאָסעסיע, אבער ניט קיין גרויסע, נאָר אזעלכע וואָס זאָל האָבען אַ צוויי הונדערט אקער, וואָס מיין ווייב זאָל קענען פירען אָהן מיין הילף, אבי עס זאָל זיין פרנסה און אַ באַשעפטיגונג פאַר מיין ווייב ובפרט אַ דירה צום וואָהנען.

אז מיר האָבען אָנגעהויבען צו זוכען אזא מין פּאָסעסיע, האָט זיך באַלד געפונען אזעלכע, וואָס האָט געהאַט די אַלע זאכען, וואָס מיר האָבען פּונקט געדאַרפט האָבען.

אין ראַדאָמישלאַ האָט געוואָהנט אַ איד, אַ גרויסער גביר, ר' מרדכי'לע גאַרליצער, וועמען מען האָט געשאַצט אין אַ ש' אלף גולדען.

זיין פאָטער ר' לייב (פּאָזיק איז געווען זיין צונאָמען), האָט, מיט אַ סך יאָהרען פריער, באַלד נאָך דער „פּאָווסטאַניע" געהאַט אָפּגע־קויפט פון אַ פּױלישען פריץ, מסתמא פאַר אַ שיבוש, דאָס גרויסע גוט יאַשטשאָמבקא, מיט צוויי קלענערע פאָלוואַרקעס און דערצו איבער אכט הונדערט יאָך שווערען און זעהר ווערטפולען וואַלד.

אז דערדאָזיגער ר' לייב איז געשטאָרבען, האָט ער איבערגעלאָזט בלויז צוויי קינדער: ר' מרדכי'לי'ן און א טאָכטער, וועלכע איז געווען פארהייראט צו א איד, א תלמיד חכם, און א גרויסער מיוחס, ר' ליפּעלע וויינבערגער פון דוקלאָ.

אין אָנפאַנג האָבען ביידע שוואָגערס צוזאמען פארוואלטעט דאָס גרויסע פארמעגען, וואָס איז ווערט געווען איבער א האלבען מיליאָן גולדען.

ר' ליפּעלע האָט געוואָהנט אויפ'ן גוט אי יאשטשאָמבקא (אן ערך פון איבער זיבען הונדערט יאָך אקער־פעלד מיט א גרויסען בראנפען־ברויז), און דאָרטען געווירטשאפט. ר' מרדכי'לי האָט געוואָהנט אינ'ם ניט וויטען שטעדטעל ראדאָמישלא און געפירט געשעפטען, דאָס הייסט, ער האָט געליען געלד אויף פּראָצענט.

אָבער אַז די שוועסטער, ר' ליפּעלעס ווייב, איז געשטאָרבען, האָבען זיך אָנגעהויבען מחלוקת'ן צווישען די צוויי שוואָגערס און מען האָט זיך אזוי לאנג ארומגעקריגט, א שעהנע עטליכע יאָהר, ביז קרובים און פריינד האָבען זיך אריינגעלייגט און מען האָט זיי צוטיילט מיט'ן גרויסען מאיאָנטעק.

ר' ליפּעלע איז געבליבען ביים גרויסען גוט און ביי איין פאָל־ווארק און מען האָט איהם נאָך צוגעגעבען א הונדערט יאָך וואלד. ר' מרדכ'לי האָט באקומען דעם גרויסען יאשטשאָמבקער וואלד, פון איבער זעקס הונדערט יאָך און דערצו אויך דעם פאָלווארק אָשיצע, פון א הונדערט און אכציג אקער פעלד, און אביסעל לאָנקעס.

אויף דעמדאָזיגען פאָלווארק אָשיצע, וועלכער איז געווען בלויז איין מייל וועגס פון ראדאָמישלאָ (אויפ'ן וועג קיין טאָרנע), האָט, פאר היבשע עטליכע יאָהרען, געוואָהנט א איד—משה קשאָנז, האָט ער געהייסען.

אין אָנפאנג האָט ער געצאָלט עפּעס גאָר א שיבוש פּאר'ן גאנצען פאָלווארק, אן ערך פון א צוויי הונדערט גולדען. אָבער מען האָט איהם שפּעטער, צוביסלאך, אזוי ארויפגעצויגען, ביז ער האָט שוין געצאָלט גאנצע פינף הונדערט גולדען.

אז די חלוקה איז פארגעקומען צווישען די צוויי שוואָגערס, און ר' מרדכ'לי איז געוואָרען דער איינציגער אייגענטימער פונ'ם פאָלווארק אָשיצע, האָט ער זיך מישב געווען און געהייסען צאָלען גאנצע אכט הונדערט גולדען א יאָהר.

משה קשאָנז, דער פריערער פּאָסעסאָר פונ'ם פאָלווארק אָשיצע, האָט אָבער דורך די פריערע יאָהרען געהאט אָנגעזאמעלט א סך געלד.

א גרויסער קאַרגער איז ער געווען. ער האָט אויך געהאַנדעלט מיט די דאָרפס־גוים מיט פּראָצענט, איז איהם דערפאר געלונגען אָנצושפּאָרען איבער צוואַנציג טויזענד גולדען — גאָר א סך געלד פאר אַזאַ פּראָסטען מענשען, ווי ער איז געווען.

דערפאר איז ער ביי זיך געווען תקיף, און אז ער האָט איינ־געזעהען, אז ער וועט פאר אָשיצע שוין איצט מוזען צאָלען גאַנצע אַכט הונדערט גולדען, האָט ער עס אויפגעגעבען און זיך געדונגען א פּיל גרעסערע פּאָסעסיע, דאָס דאָרף דילטשע, אויך ביי ראַדאָמישלא, ביי אַן אַנדערען ראַדאָמישלאַר גביר, רפאל גוטווירטה, פאר א יעהרליכען צינז פון צוויי טויזענד פינף הונדערט גולדען.

אָשיצע איז איצט געווען צו פארדינגען. און כאָטש די פעלדער זיינען ניט געווען קיין זעהר גוטע, (זאַמדיגע און מאַנכע נאַס־קאַלטער ליים), זיינען אָבער דאָך אויף זיי געווען א היבש ביסעל בעלנים.

קודם כל איז עס געווען אין גאַנצען איין מייל פון ראַדאָמישלא (און א קנאַפּע צוויי און א האַלב מיילען פון דער גרויסער שטאָדט טאַרנע) און דערצו האָט דער פּאָלוואַרק געהאַט זיין אויסרעכענונג. פון די לאָנקעס, וואָס מען פלעגט פארקויפען און די אַקערס, וואָס מען האָט פארדונגען צו פּויערים, איז געווען א ריינע הכנסה פון א פינף הונדערט גולדען.

אָבער דער אייגענטימער ר׳ מרדכי׳לי, האָט זיך נאָך אַלץ ניט געאיילט דעם פּאָלוואַרק צו פארדינגען. ער איז געווען — ער זאָל עס מיר דאַרטען מוחל זיין — א גרויסער קאַרגער און זעהר ניט ליב געהאַט קיין אָרימאַן. ער האָט זיך אַלץ געשראָקען, טאָמער וועט דער נייער פּאָסעסאָר ניט קענען צאָלען אַזאַ הויכען פּרייז אַלס פּאַכט־צינז, וועט ער איהם נאָך, חלילה וחס, דאַרפען דערפון נאָכלאָזען א פופציג גולדען, און אפשר גאָר נאָך מעהר...

האָט ער דערפאר געהאַלטען אין איין זוכען פאר אַן אָפּנעמער א גאָר רייכען אידען, פאר וועמען ער זאָל ניט דאַרפען מורא האָבען, פאר אַזעלכע זאַכען.

אָבער אַזאַ פּאָסעסאָר, ווי ר׳ מרדכ׳לי האָט געזוכט, האָט זיך פונקט דעמאָלט ניט געטראָפען. אידען מיט א סך געלד, האָבען געזוכט און אויך געפונען בעסערע און גרעסערע געשעפטען און זיך אויף אַזאַ קליינעם פּאָלוואַרק ניט געוואָלט אומקוקען.

און דערפאר אז עס איז צו איהם געקומען זיינער א געשעפטס־פריינד און איהם פאָרגעשלאָגען, אז ער זאָל צו מיין שווער, דאָס הייסט פאר מיר, פארדינגען אָשיצע, האָט ער זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט מיט

ביידע הענד. ער האָט באַלד איינגעווילּיגט און געווען גרייט נאָכצו־געבען אזעלכע באַדינגונגען — ניט פונ׳ם פאַכט־צינז — וועלכע ער וואָלט אן אנדערען זיכער ניט נאָכגעגעבען.

ער האָט מיין שווער געקענט נאָך אלס אינגעל און מיך זייט מיין חתונה, און ער האָט געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, אז מיר וועלען ביי איהם, חלילה, ניט בעטען אז ער זאָל אונז עפּעס נאָכלאָזען פונ׳ם פאַכט־צינז און דאָס איז ביי איהם געווען די הויפּטזאַך.

דאָס געשעפט איז געווען געשלאָסען, אויף א צייט פון זעקס יאָהר, צו אכט הונדערט גולדען, צום איבערנעמען דעם פּופּצענטען מערץ, 1894, דאָס הייסט, טאקע אינ׳ם זעלבען טאָג, וואָס איך האָב געדארפט פארלאָזען יאַזעפאָוו.

ווייל דער אַלטער פּאָסעסאָר, משה קשאָנז, האָט נאָך דאָרטען גע־דארפט וואָהנען ביז צום 15טען יוני, — זיין פאכט אין דילטשע האָט זיך ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען — האָט מען מיר דערווייל אָפּגעגעבען א דירה אין אן אַלטער געביידע. שטאַלען זיינען דאָרטען געווען גענוג און עס איז געווען פּלאַץ פאר מיינע בהמות, א חוץ פאר די בהמות פונ׳ם פריערען פּאָסעסאָר, וועלכער האָט שוין סאַי ווי געהאַלטען אין אריבערציען זיך אין זיין נייעם גוט אריין.

איצט בין איך שוין, ברוך השם, געווען פאַרזאָרגט מיט אַלעמען. אי מיט א גרויס און א סך־צוזאָגענדיג געשעפט, די שצוצינערער לאָנקעס, פאר מיר אליין און א פיינע וואָהנונג פאר מיין בני בית און דערצו אויך א היבשע באַשעפטיגונג פאר מיין ליב ווייב, דער אשת חיל.

## 54 — דער פעטער כאַצקעל

א גאַנצען ווינטער בין איך געווען זעהר שטאַרק באַשעפטיגט אין יאַזעפאָוו, ביים ארויסציען זיך פון דער פאַסעסיע.

עס איז גאָרניט קיין קלייניגקייט זיך צו רירען פון אַן אַלט אָרט, אין וועלכען מען איז געווען אַזוי פעסט פאַרפונדעוועט, דורך א לאַנגער צייט פון גאַנצע צוועלף יאָהר.

אחוץ דעם לעבעדיגען אינוועטנאַר, דאָס הייסט, די קנאַפּע צוויי הונדערט גרעסערע און קלענערע בהמות, פון וועלכע מען האָט געמוזט דעם גרעסטען טייל פאַרקויפען, זיינען אין דער ווירטשאַפט געווען גאָר אַ סך זאַכען, וואָס מיר האָבען מעהר ניט געדאַרפט האָבען און דערפאַר געזוכט פון זיי פטור צו ווערען.

מיין ווייב האָט זיך אויסגעקליבען די בעסטע בהמות, אָקסען, קיה, יונגוואַרג און פערד, וועלכע זי האָט געדענקט מיטצונעמען אין איהר נייער פאַסעסיע, אויף דער אָשיצע.

מיין שווער איז אין אַזעלכע זאַכען שטענדיג געווען נאַבעל און ברייטהאַרציג. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיין שוויגער, די ליבע שיינדעל, זכרונה לברכה, וועלכע איז געווען א זעהר גוטהאַרציגע, וואָס איז שווער צו געפינען איהר'ס גלייכען.

עס האָט זיי ניט אינטערעסירט און זיי האָבען זיך ניט געמישט אין מיין ווייב'ס געשעפטען. אֵי, וואָס זי נעמט מיט זיך פון דער שותפות ארויס אַזוי פיל בהמות? זי וויל אַזוי האָבען, זאָל זי עס באַנוצען געזונדערהייט . . .

דערפאַר האָבען מיר פון טויטען אינוועטנאַר ניט געקענט פיל מיטנעמען אין דער נייער ווירטשאַפט. די ערד איז דאָרטען געווען א פיל לייכטערע צום באַארבייטען, ווי אין דעם נידעריגען און פייכטען יאַזעפאָוו, און דערפאַר האָט מען זיך מיט די מכשירים, פלוגעס, בראָנעס, און א סך אנדערע, ניט געקענט באַנוצען און מען האָט זיי געמוזט פאַרקויפען, בחצי חינם.

קיין קונים האָבען ניט געפעלט. רייכערע פויערים און אויך עטליכע ארומיגע אידישע פאַסעסאָרס זיינען געקומען, אַנגעקוקט, פאַר־

דרעהט מיט דער נאָז, אָנגעבאָטען גאָר קליינע פּרייזען און אוועק־געפאָרען, אָדער דאָך עפּעס געקויפט.

אַז עס האָט זיך אָנגערוקט דער 15טער מערץ, און איך בין, פרייטאָג שפּעט ביינאַכט צום ערשטען מאָל אָנגעקומען קיין אָשיצע, איז מיין ווייב, וואָס איז שוין דאָרט געווען מיט די קינדער זייט א צוויי טעג, מיר אקעגנגעקומען מיט א פרעהליכען „גוט שבת!" טרערען פון פרייד זיינען מיר געקומען אין די אויגען...

איך בין געווען מיד און אויפגערעגט פון דער שווערער ארבייט אין די לעצטע עטליכע וואָכען. איך בין אָבער געווען גליקליך און צופרידען, וואָס אלעס איז שוין געווען פאָראיבער, און אז עס דער־ווארטען אונז גוטע און אָנגענעמע צייטען.

א גאנצען ווינטער זיינען די שצוצינער לאָנקעס געווען באדעקט מיט שנעע. ניט איך און אויך קיין אנדערע ילוד אשה האָט דאָרטען זיין פוס אוועקגעשטעלט.

אָבער אז עס איז געוואָרען פרילינג, האָב איך פארשטאַנען, אז מען דאַרף שוין אָנהויבען צו מאַכען פילע פאָרבארייטונגען, כדי מעגליך צו מאַכען דעם איינצעל־פארקויף פון די לאָנקעס, ווען די ריכטיגע צייט וועט קומען.

די ערשטע זאַך וואָס איך האָב איצט געדארפט טאָן איז געווען אָנצושטעלען מענשען, וואָס זאָלען מיר באהילפיג זיין אין דער ארבייט. קודם כל האָב איך געדארפט האָבען א ריכטיגען געשעפטס־פירער, וואָס זאָל פארשטעהן ווי ארומצוגעהן ארום אזא גרויס געשעפט פון אויס־פארקויפען לאחדים צו הונדערטער פויערים אזוי פיל הונדערטער אקער לאָנקעס.

דער גורל צו ווערן מיין געשעפטס־פירער, אין די שצוצינער לאָנ־קעס, איז געפאַלען אויף מיין ווייב'ס פעטער, א שוואָגער פון מיין שווער, יחזקאל בירנבוים, אדער ווי מען פלעגט אים רופען „דער פעטער כאַצקעל".

דאָס איז געווען א וואוילער, צוגעלאָזענער און קלוגער איד.

אין זיינע יונגע יאָהרען איז ער געווען א גוטס־פאַכטער, פּאָסעסאָר, פּונקט ווי אלע זיינע שוואָגערס, די אײדעמס און זין פון'ם אלטען ר' ישראל קעלקאָווער. עס האָט זיך איהם אָבער פארגלוסט (זיך פארקוקט אויף זיינע אַנדערע שוואָגערס) צו ווערען אַן אייגענטימער פון א גוט, און ער האָט, צוזאַמען מיט איינעם פון זיינע קרובים, א שותף, אָפּגע־קויפט דאָס גוט רוזשע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין פאַכט. דאָס האָט איהם אזוי באַגראָבען, אז ער איז אין גאַנצען ארונטער פון זיין מעמד

און ער איז דערנאָך ארוים פונ׳ם גוט, אָן דעם מינדעסטען שטיקעל פארמעגען.

דערצו איז ער אויך געווען, ווי מען רופט עס, א שטאָלצער קבצן, ער האָט פון זיינע רייכע שוואָגערס גאָר קיין הילף ניט געוואָלט אָננעמען און ער איז שוין טאַקע געבליבען א בלוטיגער אָרימאַן.

פונ׳ם גאנצען גוט האָט ער קוים ארויסגעראַטעוועט א האלב־איינגעפאלענע קרעטשמע, און אויך א זעקס אקער פעלד און א דריי־פיר בהמה׳לאך. פונ׳ם פארמעגלאכען גוטס־באַזיצער איז, טאקע אינ׳ם זעלבען דאָרף, געוואָרען אן אָרימער ארענדאר, וואָס פלעגט די פויערים פארקויפען א קוואָרט בראנפען.

ווען ער וואָלט ניט געווען ארויסגעוויזען אזא עקשנות׳דיגען שטאָלץ נעגען זיינע רייכערע שוואָגערס, וואָלטען זיי איהם זיכער ניט געווען געלאָזט אזוי טיף ארונטערקומען. זיי וואָלטען איהם געווען געהאָלפען קומען צו אן אנדערער פּאָסעסיע, ווי זיי פלעגען אָפט ארויסהעלפען אן אנדערען אָרימען שוואָגער, דעם פעטער שמעון סאנדהויז, למשל. אָבער כאַצקעל איז געווען, ווי שוין פריער געזאָגט, א שטאָלצער קבצן. איך האָב איהם, דערפאר, שטענדיג ליב געהאַט, און ווען עס האָט זיך געמאכט, אז איך האָב געדאַרפט האָבען א געשעפטס־פירער, האָב איך איהם פארגעצויגען און געגעבען די שטעלע, כאָטש עס זיינען געווען נאָך עטליכע אנדערע, וואָס האָבען זיך דערצו אויסגעטויגט, אפשר נאָך בעסער ווי ער.

דער פעטער כאַצקעל האָט אויך געהאַט אַ מעלה, וואָס די אנדערע האָבען ניט פארמאָגט. ער האָט געקענט גוט פויליש, שרייבען און לעזען, און דערצו אויך געהאַט א גאָר שעהנע האנדשריפט. אין די עטליכע יאָהרען וואָס ער האָט זיך געמוטשעט מיט זיין גוט, ביז ער איז עס קוים פּטור געוואָרען, האָט ער שטענדיג געהאַט צו טאָן מיט אדוואָקאַטען, געריכטען און בעאַמטע, ביז ער איז שוין אליין געוואָרען א שטיק „אדוואָקאַט״. דידאָזיגע ידיעות זיינע, זיינען גאַנץ היבש צו־נוץ געקומען ביי אַזאַ גרויס געשעפט, ווי די שצוצינער לאָנקעס, וואו מען האָט געהאַט צו טאָן מיט אזוי פיל פויערים, פרעמדע און היימישע, און אויך אָפט מיט די געריכטען.

איך האָב דעם פעטער כאַצקעל געצאָלט אַ געהאַלט פון פופצעהן גולדען א וואָך — א היבשע סומע געלד אין יענע צייטען — און דאָס האָט איהם טאַקע אַ היבש ביסעל געשטעלט אויף די פיס.

באלד נאָך פסח האָבען מיר זיך גענומען אויסמעסטען די שצוצינער לאָנקעס און זיי איינטיילען אין „דזשאַלקעס״. אונטער

דער פריערער פירונג פון די באַמטע פון דער אַלטער גרעפין איז אַזאַ אָרדנונג קיינמאָל ניט געווען.

א „דזשאַלקע" הייסט געוועהנליך אין דער פוילישער שפּראַך, אַן אָפּטיילונג, אַ שטיק לאַנד, וואָס האַלט דריי פערטעל אַקער לאַנד, און דערפאַר דאַרף אַ „דזשאַלקע" האָבען צוועלף הונדערט קוואַדראַטנע קלאַפטער.

אָבער דער פריצה'ס בעאַמטע פון די פריערדיגע צייטען האָבען אויף דעם גאָר ניט מדקדק געווען. זיי האָבען געהאַט אַזעלכע דזשאַל-קעס, וואָס האָבען פאַרמאָגט איבער צוויי טויזענד קוואַדראַט קלאַפטער און אַזעלכע פון אַ סך הונדערטער קלאַפטער וועניגער. עס איז דאַרטען געווען אַ תוהו ובוהו און מען האָט דאַרטען קיינמאָל קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן.

מיר האָבען אָבער באַשלאָסען איבער'ן גאַנצען שטח פון די לאַנקעס צו מאַכען אַלע גלייכע „דזשאַלקעס". אָבער אָנשטאָט זיי צו מאַכען אַזעלכע, וואָס זאָלען האָבען צו צוועלף הונדערט קלאַפטער, האָבען מיר געמאַכט אַ סך קלענערע — פון בלויז טויזענד קלאַפטער.

דאָס אויסמעסטען פון די שצוצינער לאָנקעס איז צוגעגאַנגען אויף אַ זעהר אינטערעסאַנטען אופן, וואָס איז ווערט דאָ באַשריבען צו ווער-רען, ווייל דער געוועהנליכער אידישער מענש האָט אַ גאָר קנאַפּע השגה אין אַזעלכע זאַכען, און האָט אפשר דערפון נאָך קיינמאָל ניט געהערט.

ווי איך האָב שוין דערציילט, האָב איך די שצוצינער לאָנקעס געדונגען ביים גראף מיטשעלסקי, פאַר'ן פּרייז פון דרייצעהן גולדען פאַר יעדען אַקער.

עס איז ביים קאָנטראַקט-מאַכען אָפּגערעדט געוואָרען, אַז דער גראַף דאַרף, אויף זיינע אייגענע הוצאות, לאָזען דורך אַן אינזשיניער אויס-מעסטען די לאָנקעס און ער זאָל פון די לאָנקעס מאַכען אַ מאַפּע. וויפיל אַקער ער וועט אויסמעסטען, אַזוי פיל דרייצענער גולדען דאַרף איך צאָלען יעהרליכען צינז.

אָבער דער איידעלער הערר גראַף איז דאָ באַגאַנגען אַזאַ ביליגען שווינדעל, וואָס גראַמט זיך זיכער ניט מיט אַ ברייטען פוילישען שליאַכ-ציץ.

ווייל ער האָט געוואָלט שפּאָרען געלד, — עס האָט איהם געדאַרפט קאָסטען עטליכע הונדערט גולדען — האָט ער פּשוט פון אַ יונגען אינזשעניער, פאַר אַ פּופציגער, געלאָזט מאַכען אַ קאָפּיע פון אַן אַלטער מאַפּע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער הויפּישער קאַנצעלאַריע.

די אַלטע מאַמע האָט געוויזען זעקס הונדערט און פופציג אַקער לאַנקעס. אין אמת'ן האָט דאָרטען שוין געפעלט אַן ערך פון א פערציג אַקער, ווייל אינ'ם לויף פון די יאָהרען זיינען היבשע שטיקער לאַנקעס, וואָס זיינען געווען נאָהענט פונ'ם הויפּישען פעלד, אויפגעאַקערט און פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין תבואה־פעלד.

איך האָב אין אָנפאַנג דערפון ניט געוואוסט. און ווען איך בין שפּעטער דערפון געוואָר געוואָרען, האָט דער הערר גראַף זיין רויב שוין מעהר ניט געוואָלט אַרויסגעבען און פּראָצעסירען זיך מיט איהם האָב איך דעמאָלט ניט געוואָלט.

אַלזאָ, דער גראַף האָט מיר איבערגעגעבען א מאַמע פון זעקס הונדערט און פופציג אַקער לאַנקעס און איך האָב דאָס געדאַרפט איינ־טיילען אין גלייכמעסיגע „דזשאַלקעס" פון טויזענד קלאַפטער יעדע.

ווער זשע זאָל טאָן דידאָזיגע אַרבייט, סיידען אַן אינזשעניער? און איהם וואָלט איך געווען געמוזט צאָלען דעם געוועהנליכען פּרייז פון איין גולדען פון יעדער „דזשאַלקע" און דאָס וואָלט מיך געווען אַריינגעטריבען אין א נייער הוצאה פון לכל הפּחות א טויזענד גולדען.

און דאָ איז מיר געקומען צו הילף ר' אייזיק מרדכי בערנשטיין און מיך אַרויסגעראַטעוועט פון מיין פאַרלעגענהייט.

ווער איז געווען דערדאָזיגער ר' אייזיק מרדכי בערנשטיין? עס וועט זיכער אינטערעסאַנט זיין זיך צו באַקענען מיט אַט דעמדאָזיגען פיינעם אידען. אַזאַ מין טיפּ איז היינטיגע צייטען ווייניג־וואָס בנמצא.

# 55 — ר׳ אייזיק מרדכי בערנשטיין

דער פּאָלוואַרק אָשיצע, וועלכען איך האָב געדונגען, ווען איך בין אַרויס פון יאָזעפּאָוו, איז געווען אַרומגערינגעלט מיט גאָר אַ סך וואַלד, וואָס האָט אין אָנפאַנג באַלאַנגט צו צוויי שוואָגערס, און איז שפּעטער צווישען זיי צוטיילט געוואָרען.

דער הויפּט אַכטונג־געבער, וואָס האָט געמוזט באַשטעטיגט ווערען פון דער רעגירונג אַלס „לעשניצע", איז געווען זייער אַ נאָהענטער קרוב, ר׳ דוד׳ל בערנשטיין.

דערדאָזיגער ר׳ דוד׳ל האָט אָבער אַזאַ שייכות געהאַט צום וואַלד, פּונקט אַזוי ווי איהר אָדער איך.

דאָס איז געווען אַ איד, פון די אַלטע חסידים, וואָס האָט וואַכען און חדשים פאַרבראַכט ביים רבי׳ן, און ווען ער איז אפילו יאָ געווען אין דער היים, איז ער געזעסען איבער דער גמרא אָדער איבער׳ן זוהר. ער האָט ניט געוואוסט קיין צורת מטבע און ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פּויליש, און ער איז דאָס געווען דער פון־דער רעגירונג באַשטעטיגטער אויפזעהער איבער׳ן גרויסען וואַלד פון איבער פופצעהן הונדערט אַקער.

די גאַנצע פיהרערין פונ׳ם געשעפט און די אמת׳ע אשת חיל, איז געווען די „באָבע הענעלע". זי האָט געפיהרט די גרויסע ווירטשאַפט, כאָטש זי האָט געהאַט אַ היבש ביסעל קינדער. זי האָט זיי חתונה געמאַכט, געגעבען נדנים — אַלץ פון די אָרימע עטליכע רייניש וואָס איז געווען זייערע שכירות — און דער מאַן האָט אַלץ „געקוועטשט די באַנק" ביי זיינע חסידישע רביים.

אויף די עלטערע יאָהרען זיינען זיי ביידע אוועק קיין ארץ ישראל. זי, די „באָבע הענעלע", האָט אָבער ניט געקענט סובל זיין דאָס שטענדיגע אַרומגעהן ליידיג און זי איז פּלוצלינג צוריק געקומען צו איהר וואַלד. ר׳ דוד׳ל איז דאָרטען אין ארץ ישראל שפּעטער נפטר געוואָרען.

ווען זיי זיינען אוועק קיין ארץ ישראל, האָט די שטעלע פון אַ „לעשניצע" (וואַלד־אויפזעהער) איבערגענומען זייער עלטסטער זון, ר׳ אייזיק מרדכי בערנשטיין.

ער איז אויך געווען א שעהנער תלמיד חכם, אפשר א סך מעהר פונ'ם אלטען פאטער. דערפאר אבער פיל וועניגער חסיד פון איהם. כאטש פון יוצא וועגען פלעגט ער זיך אמאל אריבערכאפען אין דער ניט־ווייטער שטאדט אריין, קיין דעמביץ, צו רבי אלטער'ן, וועגען וועמען איך האב שוין פריער דערצעהלט.

אין וואלד־ענינים איז ר' אייזיק מרדכי געווען א גרויסער קענער און ער האט דארטען איינגעפירט גאר א סך פראקטישע רעפארמען, בפרט איז ער געווען א וויכטיגער פאכמאן אין פארפלאנצען נייע שטרעקעס מיט יונגען וואלד, אויפ'ן ארט פון דעם אלטען וואלד, וועל־כען מען האט געהאלטען אין איין אויסהאקען.

באזונדערס האט ר' אייזיק מרדכי געהאט א שטארקע ידיעה אין חכמת החשבון — אין וואלד און פעלד־אויסמעסטונג.

בשעת דער חלוקה פונ'ם גרויסען וואלד צווישען די צוויי שוואְ־גערם, די יורשים פונ'ם יאשטשאמבקער מאיאנטעק, און ביי אנדערע אנגעלעגענהייטען, ווען זיי האבען פארקויפט גרויסע שטיקער וואלד, האבען דארטען אפט געארבייט עטליכע אינזשינירען, וואס האבען גע־האלטען אין איין מעסטען די וועלדער און פעלדער און מאכען פון זיי פארשידענע, גרעסערע און קלענערע מאפעס.

דורך דער גאנצער צייט איז ר' אייזיק מרדכי, דער וואלד־אויפ־זעהער פון זיי א שריט ניט אפגעטראטען. און דער פועל־יוצא דערפון איז געווען, אז צוליב זיינע גרויסע קענטעניסען אין חכמת החשבון, האט ער זיך גרינטליך אויסגעלערנט די קונסט פון פעלד און וואלד־מעסטען, פונקט אזוי גוט ווי דער בעסטער אינזשעניער.

מען פלעגט איהם גאר אפט רופען, ווען מען האט געדארפט אויס־מעסטען אדער צוטיילען שטיקער פעלד, און ער האט דערפון געהאט א גאנץ היבשע נעבען־הכנסה.

איך האב איהם נאך געקענט פון פריער, ווען מיר זיינען געווען צוזאמען אין דעמביץ ביים רבי'ן. אבער זייט איך בין אנגעקומען אויף דער אשיצע, וואו אונזערע דירות האבען זיך געפונען אין נאהנטער שכנות — טאקע אויפ'ן זעלבען הויף — זיינען מיר באלד גאר נאהענט באפריינדעט געווארען. עס איז פשוט געווען א פארגעניגען מיט איהם און זיינע בני בית צו פארברענגען.

ר' אייזיק מרדכי האט מיר פארגעשלאגען, אז ער וועט פאר מיר אויסמעסטען די גאנצע שצוצינער לאנקעס און זיי איינטיילען אין „דזשאלקעס".

קודם כל, אזוי איז געווען זיין פּלאַן, וועט ער די גאַנצע ארבייט טאָן ביי זיך אין דער היים. און ווען ער וועט דערמיט פאַרטיג ווערען, וועלען מיר דאַן ארויספאָרען אויף די לאַנקעס און אין א צייט פון בלויז דריי טעג, וועט דאָרטען אויפ'ן אָרט, געטאָן ווערען די גאַנצע אויסמעסטונג־ארבייט.

איך האָב אין יענער צייט געהאט א גאַר קנאַפּען באגריף וועגען פעלדער־אויסמעסטונג און איך האָב פּשוט ניט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער.

— וואָס הייסט, ער וועט די ארבייט אָפּטאָן ביי זיך אין דער היים?! ווי איז מעגליך, אז מען זאָל, זיצענדיג אויף דער אָשיצע, ביי זיך אין שטוב, אויסמעסטען לאַנקעס, וואָס געפינען זיך דריי מייל אוועק, אזש לעבען שצוצין?!

ער האָט געשמייכעלט, ווען ער האָט געהערט מיינע ספקות.

ער האָט מיך געבעטען צו איהם אריבערצוברענגען מיין מאַפּע, וואָס איך האָב געהאט פון די שצוצינער לאַנקעס. זי איז געווען עטליכע איילען לאַנג און א דריי איילען ברייט.

ער האָט זי באַלד, מיט דער הילף פון זיין זון, אוועקגעלייגט אויף א באזונדערן טיש, אייגענס פאַר אזעלכע זאכען, צוזאמענגעשלאָגען פון לאַנגע ברעטער, און מיט קליינע טשוועקעלאך זי באפעסטיגט. ער האָט געהאט אלע נויטיגע אינסטרומענטען און כלי מכשירים וואָס אינזשי־נירען באנוצען זיך מיט זיי.

דאַן האָט ער פונ'ם שיפלאָד ארויסגענומען עטליכע לינעאלען, דריי־עקיגע און מעהר־עקיגע, און פון זיי אויסגעקליבען איינם און צו מיר געזאָגט:

— אָט מיט דעם וועל איך אויסמעסטען אלע שצוצינער לאַנקעס!

דאָס דריי־עקיגע שטיקעל האָלץ, וואָס ער האָט מיר איצט געגעבען אין האַנד, איז געווען לאַנג אַן ערך פון א צוועלף צאָל און אויף אלע דריי זייטען זיינען געווען פאַרשידענאַרטיגע שטרעכעלאך און ציפערען.

— אָט דאָס הייסט א „מאַסשטאב", און דערמיט מעסטען די אינ־זשענירען אוים אלע זייערע מאַפּעס און לויט זיי אויך די פעלדער אדער וועלדער.

אויף יענער זייט איז פאַראַנען אַן אנדערער „מאַסשטאב". אויף איינעם ווערט גערעכענט טויזענד שטרעכעלאך צו א מעטער. אויפ'ן צווייטען זיינען די שטרעכעלאך געווען א סך גערעכטער און זיי ווערען גערעכנט צו צוויי טויזנד צו א מעטער און די דריטע זייט, איז דריי טויזענד אויף א מעטער.

דעם אמת־זאָגענדיג, איז מיר, טראָץ די אלע דערקלערונגען, דער גאַנצער ענין נאָך ניט געווען גאָר קלאָר. אָבער ר׳ אייזיק מרדכי האָט זיך באַלד גאַנץ געשמאַק גענומען צו דער ארבייט און שוין אין דעם טאָקע באַלד אָנגעהויבען עוסק צו זיין.

גאַנצע טעג און אויך שפּעט אין אָוונט איז ער, אין א באַזונדערען צימער, געזעסען איבער דער גרויסער מאַפּע, אין איין האנד האָט ער געהאַלטען דעם „מאסשטאב" און אין דער צווייטער א בליי־פעדער, אָדער א צירקעל, און ער האָט געהאַלטען אין איין מעסטען און אין איין רעכענען און דערנאָך פארצייכענען אויף דער מאַפּע — שטרע־כעלאך און פארשידענע ציפערען און צייכענס.

אן ערך פון א צוויי וואָכען האָט ער אזוי געארבייט, ביז ער האָט מיר איינמאָל דערקלערט, אַז ער איז שוין אין גאַנצען פארטיג און אז קומענדע וואָך וועלען מיר זיך שוין קענען נעמען צו דער ארבייט, ארויספאָרען אויף די שצוצינער לאַנקעס און דאָרטען, אין א משך פון עטליכע טעג, אָפּטאָן די גאַנצע פּראַקטישע ארבייט פון איינטיילען אין „דזשאַלקעס" פון טויזענד קלאפטער יעדע.

די גרויסע מאפּע איז איצט געווען איינגעטיילט אין צעהן גרויסע סעקציעס. זי איז געווען פול מיט שטרעכעלאך, ציפערען און נומערען, און ער האָט אויך געמאכט באזונדערע צעהן מאַפּעס: אויף א גרעסע־רען „מאסשטאב" באזונדער.

דערצו האָט ער אויך געמאכט דריי באזונדערע ביכעלאך — פאר׳ן געברויך פון מיינע מענשען, די פארקויפערס פון די „דזשאַלקעס". יעדע „דזשאַלקע" האָט געהאט א באזונדערען נומער און עס איז געווען פאר־צייכענט גענוי איהר לייננ און ברייט, און עס איז דאָרטען, אין די ביכעלאך, אויך געווען גענוג פּלאַץ צו פארשרייבען דעם נאָמען פונ׳ם קויפער און דעם פּרייז, וואָס מען האָט פאר איהר באקומען.

עס זיינען דארטען אויך געווען א סך „קלינעס", דאָס הייסט, ניט קיין גאַנצע, רעגעלע „דזשאַלקעס". זיי זיינען געווען שמאָל אָבער לאַנג, אָדער קורץ און ברייט, (לויט זייער לאַגע אינ׳ם פעלד און די וואסער־אָפּלאָזען, אָדער בריקלאך, וואָס האָבען דורכגעשניטען די לאַנקעס).

דידאָזיגע „קלינעס" האָבען פארמאָגט מעהר אָדער וועניגער הונ־דערטער קלאַפטער און לויט דעם איז באשטימט געוואָרען זייער פּרייז.

דאָס אלעס האָט ר׳ אייזיק מרדכי בערנשטיין — א איד, וואָס האָט קיין שולען קיינמאָל ניט באזוכט און אויף זיין לעבען קיינמאָל ניט געזעהען קיין מאטעמאטישע לערן־ביכער — געמאכט אויפ׳ן בעסטען

אופן, וואָס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזען פאר פּראקטיש, גוט און נוצליך.

אין דער צייט וואָס ר׳ אייזיק מרדכי האָט זיך גע׳עוסק׳ט מיט זיינע חשבונות צו מאַכען די מאַפּע, האָב איך דערוויל אין א וואַלד געקויפט בוימעלאַך, זיי געלאָזט צוזעגען און אויסארבייטען אין פּלעקער, וואָס האָבען געהאט צו איין מעטער די לענג יעדע.

די פּלעקער זיינען פון איין זייט געוועזן צוגעשפּיצט, אז מען זאָל זיי לייכט קענען אריינשלאָגען אין דער ערד אריין און פון דער צווייטער, דער אויבערשטער זייט, האָט מען זיי מיט העק געמאַכט פלאַך פון ביידע זייטען, אז מען זאָל אויף זיי קענען אויפשרייבען די נומערען פון די „דזשאָלקעס". אפילו דער קלענסטער „קלין" האָט געהאט א באזונדערען נומער, סיי אויף די מאַפּעס און אויך אין די ביכלאַך פון מיינע פארקויפערס.

אויף דער צווייטער וואָך, באַלד מאָנטאג אין דער פרי, בין איך, צוזאמען מיט ר׳ אייזיק מרדכי׳ן, שוין געוועזן אויף די שצוצינער לאָנ־קעס. מיין געשעפטס־פירער, דער פעטער חאצקעל, איז דאָרטען שוין געוועזן זייט עטליכע טעג פריער.

ער האָט שוין געהאט אָנגעגרייט א צוואנציג פלינקע און געשיקטע יונגע גוים. די ארבייט איז צוגעגאנגען אזוי שנעל — פשוט ווי א כשוף.

צוויי ארבייטער האָבען געשלעפּט א דינע דראָט־קייט פון צעהן קלאַפטער די לענג. זי האָט געהאט אונטער־אָפּטיילונגען, פון האַלבע און גאַנצע קלאַפטערס.

אָנגעהויבען צו מעסטען האָט מען פון איין זייט לאָנקעס, וואָס איז געוועזן ביי דער דאָרפישער גרעניץ און האָט געהאט א הויכען וואַל. ר׳ אייזיק מרדכי, מיט איינער פון די קלענערע מאַפּעס אין האנד, איז געגאנגען פאָראויס און אויסגערופען „פערציג קלאפטער!" די צוויי גוים, די קייט־ציער, זיינען געגאנגען גאנץ גיך ביז זיי האָבען פיר מאָל דערגרייכט די לענג פון דער קייט.

דאָרטען זיינען שוין געשטאנען גרייט צוויי אנדערע גוים, און מיט שווערע האַמערס, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען אין זייערע הענד, האָבען זיי איינעם פון די פּלעקער, וועלכען אן אנדערער ארבייטער האָט שוין געהאַלטען גרייט, אריינגעטריבען אין דער ווייכער ערד אריין, ביז צו דער טיף פון א האַלבען מעטער.

אנאנדערער, א שרייב־קונדיגער־ארבייטער האָט זאָפאָרט מיט א פּענזעל און שווארצע פארב אויפגעשריבען אויף די פּלעקער פון ביידע

זייטען דעם נומער פון דער „דזשאָלקע”, לויט ווי ער האָט איהם געהאט אין די מאַפּעס און אין די ביכלאך פון די פארקויפער.

די ארבייט איז געגאנגען סיסטעמאטיש און זעהר שנעל. אז מען איז פארטיג געוואָרען מיט איין סעקציע, אין איהר גאנצער לענג, האָט מען זיך גענומען מעסטען אין דער ברייט און אויף אזא אופן זיינען אויסגעמאָסטען געוואָרען איין סעקציע נאָך דער צווייטער.

פרייטאג אין דער פרי זיינען מיר כמעט אינגאנצען פארטיג געוואָרען מיט דער אויסמעסטונגס־ארבייט. עס זיינען בלויז פארבליבען די „קלינעס”, די עקיגע, אומרעגעלמעסיגע, זייטען פון שטיקלאך און ברעקלאך, וואָס האָבען פארלאַנגט א סך ארבייט און זיי זיינען דערפאר אָפּגעלייגט געוואָרען אויף א צוויי וואָכען שפּעטער.

איך בין — אפילו נאָך היינט צו טאָג — ווענינ־וואָס באהאווענט אין דער קונסט פון פעלדער־אויסמעסטונג, און איך בין שטארק אין ספק, אויב עס איז מיר געלונגען דאָ צו געבען א ריכטיגע באשרייבונג פון ר׳ אייזיק מרדכי׳ס קונסטפולער און זעהר מיה־פולער ארבייט.

אז ער איז שוין דערמיט אינגאנצען פארטיג געווארען, און איך האָב איהם א פרעג געטאָן: מה יקר? וויפיל ער וועט מיר רעכענען פאר זיינע לייסטונגען? האָט ער פון געלד נעמען אפילו ניט געוואָלט הערען. ער האָט עס געטאָן — אזוי האָט ער מיר ערנסט דערקלערט — אויס ריינער פריינטשאפט און איבערהויפּט „מחמת ליבע צו דער זאַך” עס איז פאר איהם געווען א גרויסער גענוס און אויך א כבוד, אויסצומעסטען די גרויסע שצוצינער לאָנקעס, לויט זיין אייגענעם שטייגער און ער איז געווען איבערציינט, אז ער האָט דידאָזיגע ארבייט אויסגעפירט, על צד היותר טוב, פונקט ווי דער פעהיגסטער אינזשעניר, דאָס איז זיין שטאָלץ און באלוינונג.

קוים, נאָך א היבש ביסעל מיה, האָט מיין ווייב גע׳פּועל׳ט ביי זיין פרוי, אז זי זאָל פון איהר אָנעמען, בתורת מתנה, א גוטע מילך־קוה, פון מיין שטאָל.

# 56—מיינע גליק-געשעפטן אין שצוצינער לאַנקעס

אָבער ניט געקוקט אויף די אַלע גרויסע פֿאַרבאַרייטונגען און דער סנאה, וואָס יעדער האָט געפילט צו מיין גליקליכען געשעפט, מיינענדיג, אַז איך וועל פון די שצוצינער לאַנקעס שטאַרק נתעשר ווערען, האָט זיך דאָס עסק אַרויסגעוויזען פאַר אַ דורכפאַל. אָבער איך האָב מיר כסדר „געקניפּען די באַקען, אַז די פאַרב זאָל שטעהן", אַז מען זאָל זיך דערפון ניט דערוויסען.

אורזאַכען פאַר'ן שלעכטען געשעפט, זיינען געווען גאָר אַ סך.

אַ היבשער טייל דערפון איז געווען אין'ם געשעפט גופא.

איך האָב דעם פרייז צופיל איבערגעצאָלט. עס זיינען געווען אַ היבש ביסעל אַזעלכע אַקערס, וואָס זיינען אפילו קיינע פינף גולדען ניט ווערט געווען. מען האָט פון זיי ניט געקענט פטור ווערען. מען האָט אויף זיי געמוזט אָפּהאַקען דאָס גראָז און דערפון מאַכען היי און דערנאָך איז עס ערשט גאָרניט ווערט געווען.

אַז דער פּריץ, דער גראַף מיטשעלסקי, האָט מיך באַשווינדעלט און איך האָב געמוזט איהם באַצאָלען יעדעס יאָהר פאַר אַ קנאַפּע פערציג אַקערס, וואָס איך האָב גאָרניט געהאַט, ווייסט מען שוין.

דערצו זיינען די פּאַכט-באַדינגונגען, אונטער וועלכע איך האָב גענומען די לאַנקעס, געווען גאָר שלעכטע. איך בין דעמאָלט געווען אַ „פּריץ", אַן אומערפאַרענער יונגערמאַן, אָבער דאָס געשעפט האָט דערפון זעהר שטאַרק געליטען.

די לאַנקעס זיינען געווען נידעריגע און די וואַסער-אָפּצוגען (פּשיקאָפּעס) זיינען געווען אין אַ זעהר שלעכטען צושטאַנד. זיי האָבען גאָר קיין וואַסער ניט אָפּגעפירט אין די צוויי נאָהענטע וואַסערען „ברען" און „ריבניצע", אַז עס איז געקומען אַ גרויסער רעגען, זיינען אַ סך לאַנקעס פאַרגאָסען און רואינירט געוואָרען.

קיין בריקען איבער די פּשיקאָפּעס זיינען אויך ניט געווען און דאָס האָט געפירט צו נאָך גרעסערע פאַרפלייצונגען פון די נידעריגערע שטיקער לאַנקעס.

דערצו האָב איך צוויי מאָל געליטען פון גרויסע פארפּלייצונגען. דאָס וואסער האָט פארמוליעט, פארגאָסען מיט זאמד און בלאָטע, די בעסטע און טייערסטע לאָנקעס.

איך פון מיין זייט — דאָס האָב איך צו שפּעט איינגעזעהן — האָב זיך אויך ניט געפירט ווי עס דארף צו זיין.

דאָס פולווארקעל אָשיצע, וואו איך האָב געוואוינט און מיין ווייב האָט געפירט די ווירטשאפט, האָט זיך אויך ארויסגעוויזען פאר א זעהר ניט גוט געשעפט און איך האָב דאָרטען געמוזט צולייגען און אריינלייגען א היבש ביסעל געלד. אויסער דעם זיינען מיין פרוי און מיינע זעקס קינדער גאָר אָפט ניט געזונד געווען, געמוזט האָבען דאָקטוירים און פאָרען אין די ווארים־בעדער, און אזעלכע הוצאות האָבען אָפּגעקאָסט א הון רב.

ועל כולם, בין איך שוין דעמאָלט געווען א בעל חוב פון מעהרערע טויזענדער גולדען. (מען האָט מיך געהאַלטען פאר א שעהנעם עושר און מיין קרעדיט איז שטענדיג געווען גוט). פּראָצענטען האָב איך געמוזט צאָלען פּינקטליך און כדי איך זאָל אימשטאנד זיין נאָכצוקומען די־דאָזיגע פאָדערונגען, האָב איך אָפט געמוזט באָרגען נייע געלדער און איך בין געוואָרען וואָס אמאָל מעהר פארבאָרדען אין חובות.

און כדי אָנצוהאַלטען דעם קרעדיט, האָב איך שוין געמוזט לעבען אביסעל ברייטער ווי מיינע פינאנציעלע כוחות האָבען דאָס דערלויבט און זיך אומעטום געמוזט שטעלען שעהן און נאָבעל.

אז איך בין שוין געווען א בעל חוב — נאָך פיר יאָהר האַלטען די שצוצינער לאָנקעס — פון אן ערך פון א פופצעהן טויזענד גולדען, האָט דאָך דער „בלאָטער" געמוזט פּלאַצען און... איך בין אוועק קיין אמעריקא. מיין שוועהר און מיין ווייב האָבען דערנאָך אָפּגעמאַכט מיט די בעלי חובות.

דאָס איז געווען אינ'ם אָנפאנג פונ'ם יאָהר 1898.

## 57 — מיין שווער און זיינע שונאים

אויך דאָ אינ׳ם גאָלדענעם לאַנד, האָב איך אַ סך מיטגעמאַכט. און אויך דאָ בין איך געקומען אין באַרירונג מיט אַלערליי טיפּען מענשען.

עס וואָלט זיכער געווען אַן אינטערעסאַנטע ארבייט צו באַשרייבען די פּרנסות, וואָס איך האָב דאָ געהאַט אין אַמעריקאַ, ביז איך בין געוואָרען אַ אידישער שרייבער. אויך וועגען די מענשען מיט וועמען איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט זיך דאָ צו באַגעגענען. יעדער פון זיי איז דאָך געווען אַ באַזונדערער אָריגינאַל אויף זיין אייגענעם שטייגער. אָבער דאָס אַלעס מוז איך איבערלאָזען אויף שפּעטער, און איך האָף, אַז איך וועל נאָך אימשטאַנד זיין דאָס צו טאָן.

אָבער איצט פיהל איך, אַז מיין לעבענס-געשיכטע אין דער אַלטער היים וואָלט ניט געווען פולשטענדיג ווען איך זאָל ניט צוגעבען נאָך— אפילו אַ לענגערען—קאַפּיטעל וועגען מיין שווער, וועגען זיינע שונאים; די יאָהרען-לאַנגע מחלוקות׳ן, וואָס זיי האָבען געפירט צווישען זיך, ווי די דאָזיגע פיינטשאַפט האָט, סוף כל סוף, זיי אַלעמען רואינירט און אַ טייל פון זיי געבראַכט כמעט אויף בעטעל-ברויט.

דאָס איז אַ שטיק געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט איבער זעכציג יאָהר צוריק. אַזעלכע זאַכען קומען שוין מעהר ניט פאָר אין די היינטיגע דורות און דערפאַר איז עס זיכער ווערט פאַר־שריבען צו ווערען לזכרון עולם.

* * *

דאָס איז אַן עפּיזאָד, וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען פון מיין שווער ר׳ מרדכי דוד שטיגליץ, און וואָס האָט שוין, פאַרשטעהט זיך, אויך געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מיר און מיין משפּחה.

ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט, האָט מיין שווער געהאַט אַ שווער מיט׳ן נאָמען ר׳ ישראל רודער. אויף זיינע עלטערע יאָהרען

האָט מען איהם גערופען אויפ'ן נאָמען פון זיין נייער פּאָסעסיע — ר' ישראל קיעלקאָווער.

דערדאָזיגער ר' ישראל, האָט, אין זיינע אינגערע יאָהרען, גע־וואוינט אינ'ם דאָרף רודי, ניט ווייט פונ'ם שטעדטעל ראַדאָמישלאָ, א קנאַפּע פיר מייל פון טאַרגע.

שפּעטער האָט ר' ישראל רודער גערונגען (ביי א ראַדאָמישלער גביר) דאָס גרויסע גוט קיעלקאָוו, וואָס איז גאָר נאָהענט ביים שטעדטעל רזאָכאָוו, און ניט ווייט פון די שטעדטלאך פּשעצלאָוו, מעליץ און ראַדאָמישלאָ. דאָס גוט קיעלקאָוו איז געווען א גרויס מיט זעהר גוטע פעלדער (אַלע ביים טייך ווּיסלאָק). דערמיט איז אויך געווען פאַרבונ־דען א ברויז, א גרויסע בראָנפען־ברענעריי און א בראַווע, וואו מען האָט יעדעס יאָהר פעט געמאַכט א סך בהמות.

ר' ישראל קיעלקאָווער (מען האָט איהם שוין מעהר ניט גערופען רודער), האָט אינ'ם גוט שטאַרק מצליח געווען און געוואָרען אן עושר. בעלי צדקות זיינען ער, און איבערהויפּט זיין ווייב, די באָבע רבקה, געווען גאָר גרויסע.

דאָס שטעדטעל רזאָכאָוו, וואָס איז גאָר נאָהענט פון קיעלקאָוו (בלויז אריבערצוגעהן דעם טייך ווּיסלאָק), איז אין יענע צייטען געווען א קליינס, מיט אַן ערך פון א פופציג אידישע פאַמיליעס (און אפשר נאָך אביסעל ווייניגער). כמעט אַלע זיינען זיי געווען אָרימע און א גרויסער טייל פון זייער פרנסה האָבען זיי, אויף איין אָדער אַן אנדערען אופן, געצויגען פון ר' ישראל'ן, דעם גוטהאַרציגען פּאָסעסאָר פון קיעלקאָוו.

און ניט בלויז מיט פאַרשידענע תבואות, קאַרטאָפעליעס און שאר ירקות, זיינען זיי פאַרזאָרגט געוואָרען פון קיעלקאָוו, נאָר אפילו מיט בראָנפען אויף קידוש און הבדלה. יעדען פרייטאג נאָכמיטאג, אין משך פון א סך יאָהרען, פלעגען אַלע מעהר דערוואַקסענע קינדער פונ'ם שטעדטעל אריבערשפּרייזען דעם טייך ווּיסלאָק און קומען אין קיעל־קאָווער גוראַלנע, נאָך בראָנפען. יעדעס קינד האָט געהאַט א לעדיג פלעשעל פון א קוואָרט אָנגעהאַנגען אויף א שטריקעל איבערן האַלז. די באָבע רבקה, ווי באַשעפטיגט זי האָט ניט געזאָלט זיין, האָט זיך קיינ־מאָל ניט אָפּגעזאָגט פון דער „גרויסער מצוה", אַליין, מיט איהרע אייגענע הענט, אָנצוגיסען די פלעשלאך בראָנפען, פאַר קידוש און הבדלה. און אויב א אָרימער איד פון רזאָכאָוו איז אַמאָל געפאַלען אויף אן המצאה, און ער האָט גאָר געשיקט, אַנשטאָט איין קינד, צוויי קינדער,

נאָכ׳ן פלעשעל בראַנפען, און כאָטש די באָבע רבקה האָט אַלע קינדער גוט געקענט און געוואוסט וועמעס זיי זיינען, האָט זי אָבער דערפון קיינמאָל קיין עסק ניט געמאַכט, גאָר ניט געזאָגט, נאָר פאַרביידע קינ־דער אָנגעפילט זייערע פלעשלאַך.

אחוץ דעם האָט יעדעס קינד, יעדען פרייטאג נאָכמיטאג, באקומען צעהן גראצער „פאַרן וועג״.

דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען א רייה פון יאָהרען.

ווען אַן אָרימער בעל הבית פון רזאָכאָוו האָט געדאַרפט חתונה מאַכען אַ קינד, אָדער סתם געמוזט האָבען עטליכע גולדען, האָט ער שוין געוואוסט, אַז ביי ר׳ ישראל׳ן אָדער גאָר ביי זיין ווייב, וועט ער עס זיכער באַקומען. ער האָט זיך אין דיזאַזיגע האָפנונגען קיינמאָל ניט אָפגענאַרט.

אויף זיינע עלטערע יאָהר׳ען איז ר׳ ישראל קיעלקאָווער קראַנק געוואָרען. ער האָט באַקומען א לעהמונג (פאַראַליזים) אויף א האַלבען קערפּער און, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַ דריי יאָהר, איז ער געשטאָרבען אין עלטער פון זיבעציג יאָהר.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז מען האָט איהם געדאַרפט ברענגען צו קבורה אויפ׳ן אַלטען בית עולם, אינ׳ם נאָהענטען שטעדטעל רזאָכאָוו. וואָרים, וואו דען? ערשטענס, געהערט דאָך דער ישוב קיעלקאָוו צום שטעדטעל רזאָכאָוו. והשנית, איז ער, ר׳ ישראל, דאָך געוועזען דורך א צייט פון אַזוי פיל יאָהרען, דער גאַנצער שפּייזער פונ׳ם שטעדטעל. איז עס אָבער אַזוי גלאַט ניט צוגעגאַנגען. און איידער דער אַלטער ר׳ ישראל איז געקומען צו קבורה, זיינען אַוועק א סך שטונדען, און עס זיינען פאָרגעקומען א היבש ביסעל קריגערייען. מען האָט זיך אפילו געשלאָגען אויך און עס איז געווען א גרויסער בזיון פאַר׳ן בכבוד׳ן מת.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דאָס שטעדטעל רזאָכאָוו כמעט אינגאַנצען באַשטאַנען פון לויטער אָרימע לייט. זייער פיהרער איז געווען א יונגערמאַן, א פּאָסעסאָר פון א ניט־ווייטען דאָרף מיט׳ן נאָמען יאַנקעל ליימאַן. ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ר׳ ישראל קיעלקאָווער איז געשטאָרבען, און אַז מען וועט איהם באַלד ברענגען אין שטעדטעל אריין האָט ער זיך צוגעאיילט און איז געקומען קיין רזאָכאָוו. ער האָט באַלד פאַרופען אַן אסיפה פון אַלע שטעדטעל־דיגע אידען, געהייסען א שענקער אריינברענגען עטליכע טעפּ בראַנפען, ביר און אַנדערע משקאות און דערצו אויך גאַנץ פיין צו פאַרבייסען. אַלע האָבען זיך דערצו צוגעכאַפּט, געגעסען און נאָך מעהר געטרונקען, ביז זיי זיינען שוין געווען האַלב־שכור׳לאַך.

איצט האָט זייער פירער יאַנקעל ליימאַן פאָרגעלעגט, באשר בכן, דאָס שטעדטעל איז ביטער־אָרים און אחוץ דעם האלב־איינגעפאַלענעם בית המדרש׳ל, האָבען זיי אפילו ניט קיין שטאָדטישע באָד אדער א „הקדש״, על כן איז איצט געקומען די ריכטיגע צייט, אז ס׳שטעדטעל זאָל אויפגעריכט ווערען און אלעם האָבען פונקט ווי אלע אנדערע אידישע שטעדט און שטעדטלאך.

אזוי ווי ישראל קיעלקאָווער איז געשטאָרבען און עס איז פון איהם געבליבען אזא גרויס פארמעגען און די גאַנצע משפחה איז אזוי שטאַרק רייך, אז זיי דאַרפען אפילו גאָר ניט זיין ירושה, דערפאַר דאַרף דאָס שטעדטעל פאַר׳ן קבר פאַרלאַנגען לכל הפחות א סומע פון דריי טויזענט גולדען. און ווייל מען ווייסט דאָך—האָט ער ווייטער געקנעלט מיט די שוין האַלב־שכור׳ע אידען, וואָס האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען — אז הבטחות און צוזאָגאַכצען האָבען אין אזעלכע פאַלען גאָר קיין שום ווערט ניט, על כן, איז זיין מיינונג, אז מען זאָל אַנדערש ניט טאָן און דעם מת ניט ברענגען צו קבורה, סיידען מען וועט פריהער סילוק׳ן די גאַנצע דריי טויזענט גולדען במזומנים! זיינען אלע דערצו מסכים?

ס׳פאַרשטעהט זיך, אז קיין איינציגער רזאַכאָווער איד איז ניט געווען דאַגעגען. אזא גליק פאַר׳ן שטעדטעל! ס׳וועט זיך מאַכען אביסעל פרנסה און יעדער האָט שוין ביי זיך אין זינען געהאַט, אז אויך ער וועט מסתמא דערפון א ביינדעל אָפּלעקען. דריי טויזענד גולדען אויף איין מאָל אין אזא אָרים שטעדטעל!...

נאָך א צוויי אידען פון די „ריש בריוני״, פונ׳ם שטעדטעל, האָבען גערעדט עטליכע ווערטער און געגעבען צו פאַרשטעהן, אז יאַנקעל ליימאַן האָט רעכט, און אז ער האָט אין זינען טובת העיר. דערפאַר דאַרפען אלע זיך האַלטען שטייף און פעסט און פונ׳ם גאַנצען סכום בשום אופן ניט אַרונטערלאָזען אפילו פרוטה אחת.

* * *

אין קיעלקאָוו, וואו דער מת, דער אַלטער ר׳ ישראל איז געלעגען, האָט מען נאָך פון גאָרניט געוואוסט.

עס זיינען זיך צוזאמענגעפאָרען די זין און די איידעמס און די אַנדערע משפחה־לייט און מען האָט אַלץ געוואָרט אז פון רזאַכאָוו זאָלען ארויסקומען עטליכע אידען, די וואָס געהערען צו דער חברה קדישא, זיי זאָלען דעם מת זיין „רעכט טאָן״ און איבערפירען אין שטאָדט אריין אויפ׳ן שטעדטעלדיגען בית עולם. עס איז אבער אוועק

איין שעה און צוויי און קיין איינציגער איד פון רזאָכאָוו האָט זיך נאָך אַלץ ניט באוויזען.

איצט האָבען די אבלים שוין אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן אז „לא דבר הוא" און אז די „רזאָכאָווער קבצנים" האָבען שוין עפּעס אין זינען.

צוויי פון די איידעמס זיינען אוועק אין שטעדטעל און באַלד צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אז אַלע אידען פון רזאָכאָוו זיינען האלב־שיכור און זיי האַלטען נאָך איצט אין איין טרינקען, און יאנקעל ליימאַן, דער פירער זייערער, פאַרלאַנגט אז מען זאָל איהם פריער אויפצעהלען גאַנצע דריי טויזענט גולדען איידער די חברה קדישא וועט זיך צורירען צום מת.

דידאָזיגע ווערטער האָבען אַלעמען געטראָפען, ווי מען זאָגט, ביז'ן ביין... סטייטש, די „רזאָכאָווער קבצנים", זאָלען גאָר האָבען די העזה אזוינס צו פאַרלאַנגען! יאָהרען לאַנג האָבען זיי כמעט אַלע געלעבט און געהאַט א היבשען טייל פון זייער פּרנסה פונ'ם קיעלקאָווער הויף און צום סוף איצט, אין אזא עת צרה, ווערען זיי גאָר אזעלכע עזות פּנים'ער!

עס איז איצט צווישען דער משפחה געוואָרען א חלוקי דעות, וואָס מען זאָל טאָן? מאַנכע האָבען געוואָלט, אז מען זאָל דעם מת אוועק־פירען אין אַנאַנדערער שטאָדט אריין: קיין מעליץ, פּשעצלאוו אדער גאָר צום גלייכסטען קיין ראַדאָמישלא און „לאָזען די רזאָכאָווער קבצנים שוויצען".

די וויבער אָבער און איבערהויפּט די אלמנה, די אַלטע באָבע רבקה, האָבען פון אזעלכע זאַכען ניט געוואָלט הערען. זיי האָבען דוקא געוואָלט אז די קבורה זאָל זיין אין רזאָכאָוו, אויפ'ן בית עולם, וואו עס ליגען אזויפיל גרויסע צדיקים און אפילו א נביא...*)

*) עס איז פאַראַנען אן אַלטע לעגענדע, אז דאָס היינטיגע קליינע שטעדטעל רזאָכאָוו איז פאַרצייטענס, מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, געווען א גרויסע אידישע קהלה, אן „עיר ואם בישראל". עס האָבען דאָרט, לויט דער לעגענדע, געוואָהנט א סך גרויסע צדיקים און אפילו אויך א אידישער נביא מיט'ן נאָמען „זכריה הנביא". און ווייל דידאָזיגע צדיקים און אויך דער נביא האָבען שוין מעהר קיין מצבות ניט, איז עס דערפאַר אין רזאָכאָוו אן אַלטער מנהג, וואָס ווערט אָפּגעהיט ביז'ן היינ־טיגען טאָג, אויף קיין שום קבר קיין מצבה ניט צו שטעלען. דער רזאָכאָווער בית עולם האָט קיין איין מצבה ניט. אויף די נייערע קברים זיינען, בלויז פאַראַנען קליינע ברעטלאַך, אז מען זאָל וויסען ווער דאָרט ליגט. אז די ברעטלאַך ווערען פאַרפוילט, ווייסט מען שוין טאָקע מעהר גאָרניט.

איינזעהענדיג אז די ווייבער האָבען רעכט, האָבען די מאַנזבילען דערצו געמוזט מסכים זיין.

מיין שוועער און אויך די צוויי־דריי איידעמס (געווען צוויי זין און זיבען איידעמס), זיינען געווען היציגע און שטאַרק־איינגעשפּאַרטע פאַר־שוינען. זיי זיינען געווען אויסער זיך, וואָס אזא „פערד, ווי יאַנקעל ליימאַן", זאָל דאָס זיינע אויספירען.

אויב דאָס שטעדטעל דאַרף האָבען א פּאָר הונדערט גולדען, זיינען דאָך די יורשים מענשען מיט אידישע הערצער און זיי וועלען שוין אליין איינזעהען וואָס זיי דאַרפען טאָן. יענע דאַרפען אָבער קיין „שקצים" ניט זיין!

מיין שוועער און זיינע צוויי־דריי שוואָגערס, האָבען מעהר ניט געוואָלט וואַרטען. מען האָט דעם מת אַרויפגעלייגט אויף א וואָגען און צוגעדעקט מיט אַלטע קליידער און איהם אוועקגעפירט אינ'ם שטעדטעל, קיין רזאָכאָוו, דאָרטען וועט מען שוין זעהן ווער עם וועט זיין שטאַר־קער: זיי, די גאַנצע קיעלקאָווער משפחה, אדער „יאַנקעל פּערד", מיט זיינע רזאָכאָווער קבצנים.

אָנקומענדיג אין שטאָדט, האָט זיך קיין איין איד ניט צוגערירט צום וואָגען, כדי „אָפּצוהויבען" דעם מת און זיך נעמען צו דער טהרה. אַלע זיינען זיי געווען פאַרזאַמעלט אינ'ם בית המדרש'ל, וואו עס זיינען אויף די טישען געשטאַנען עטליכע פלעשלאַך בראָנפען און קיכלאַך צום פאַרבייסען און יעדער, וואָס האָט נאָר געוואָלט, האָט זיך דערמיט דאָס האַרץ אונטערגעלעהנט.

דערווייל זיינען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט יאַנקעל ליימאַן און זיינע צוויי־דריי אַרויסהעלפער.

אין אָנפאַנג האָט זיך די משפחה — מיט מיין שוועער אלס אָנפירער — געהאַלטען פעסט ביי זייערע פאָדערונגען: קודם כל, זאָל מען דעם מת ברענגען צו קבורה און נאָך דער שבעה וועלען זיי שוין אליין זעהן וואָס זיי דאַרפען טאָן פאַר'ן אָרימען שטעדטעל.

אָבער יאַנקעל ליימאַן איז נאָך אַלץ געווען פעסט איינגע'עקשנ'ט: דריי טויזענד גולדען אין מזומנים — ניט איין פּרוטה ווייניגער.

דערווייל איז געוואָרען פאַרנאַכט. (עס זיינען דעמאָלט געווען די קורצע חשון־טעג) און עס האָט אויסגעזעהן, אז דעם טאָג וועט שוין קיין קבורה ניט זיין, האָט די משפחה באַשלאָסען דעם מת אַרונטער־צונעמען פונ'ם וואָגען, אין וועלכען ער איז נאָך אַלץ געלעגען און איהם דערווייל אַוועקלייגען אין א ווינקעל אין בית המדרש.

די רזאָכאָווער שטאָדט אידען האָבען דאָס ניט געשטערט צו טאָן. אָבער קיין איינער פון זיי האָט ניט געהאָלפען אראָפּנעמען דעם מת פון׳ם וואָגען. די אייגענע משפחה האָט דאָס געמוזט טאָן.

בשעת די ווייטערדיגע פאַרהאַנדלונגען מיט יאַנקעל לייטאַן, האָט זיך מיין שוואָער און דער פעטער כאַצקעל (צוויי שטאַרקע אידען) אַזוי צוהיצט, אַז זיי האָבען זיך געכאַפּט שלאָגען און איידער מען האָט זיי צוריסען, האָט יאַנקעל דערווייל אריינגעכאַפּט עטליכע גוטע קלעפּ.

נאָכ׳ן געשלעג, האָט די משפחה — שוין מיט דער הסכמה פון די ווייבער — באַשלאָסען דאָך דעם קערפּער אָוועקצופירען קיין ראַדאָ־מישלא, אַ מהלך פון דריי מייל פוילישען (שליכטען) וועג. מען האָט שוין געשיקט קיין קיעלקאָוו, נאָך פרישע פערד, מיט דער כוונה צו פאָרען אַ גאַנצע נאַכט און פאַרטאָג אָנקומען קיין ראַדאָמישלא.

אָבער איצט האָבען זיך די רזאָכאָווער אידען אריינגעמישט און בשום אופן ניט געלאָזט דעם מת רירען פון אָרט.

— פריער — האָבען זיי געשריען און געמאכט קולות, — איידער דער מת איז געווען ביי אונז אין שטאָדט, האָט איהר איהם געמעגט פירען וואו איהר וואָלט נאָר אליין געוואָלט. אבער איצט, איז ער אונזער און ער וועט שוין פארבלייבען אונזעריגער!

עס האָבען צוליב דעם ווידער אויסגעבראָכען געשלעגען. פעטש, קלעפּ און בוכצעס זיינען געפלויגען פון אלע זייטען און ווייל עס איז שוין דערווייל געוואָרען גוט פינסטער, האָט עס אויך געטראָפען, דאָס יעדער צד האָט געכאַפּט קלעפּ פון זיינ׳ע אייגענע מענשען, אָנשטאָט פון די געגנער.

אַ היבש ביסעל גבורות האָט דעמאָלט ארויסגעוויזען (— און ער פלעגט שפּעטער זיך שטענדיג באַרימען: אי, האָב איך זיי געקלאַפּט!—) דער פעטער ר׳ יחיאל משה פעפער פון מעליץ, וואָס איז אין זיינע יונגע יאָהרען געווען אַ „פליסיאַק״ אויף דער ווייכסעל*).

מענשען, אייגענע און שטאָדטישע, האָבען זיך אריינגעלייגט און מען איז, סוף כל סוף, דאָך געקומען צו אַ פאַרגלייך.

---

*) צווישען די אידישע פרנסות, וועלכע זיינען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען און דער לעזער פון די היינטיגע דורות ווייסט שוין אפילו ניט זייער באַטייט, געהערט אויך, אָהן אַ שום ספק, די פרנסה פון אַ „פליסיאַק״.

פּאַרצייטענס זיינען גרויסע שטרעקעס לאַנד אין גאַליציע (אויך אין אַנדערע טיילען פון די סלאַווישע לענדער) געווען באַדעקט מיט וועלדער פון דיקע און לאַנגע בוימער. די בוימער האָט מען כסדר געהאַלטען אין איין האַקען און זיי (איבערהויפּט ווינטער צייט), אויף שליטענס אַוועקגעפירט צו די ברעגעס פון די גרויסע טייכען,

יאַנקעל ליימאַן האָט גאָר אַ סך נאָכגעלאָזט פון זיינע ערשטע פאָדערונגען און די משפחה איז, באין ברירה, אויך ווייכער געוואָרן.

מען איז געקומען צו אַ פאַרגלייך אויף זעכצעהן הונדערט גולדען. אין אָנפאַנג האָט זיך יאַנקעל גאָר שטאַרק געהאַלטען ביי דאָס זייניגע, אַז ער וויל דוקא האָבען דאָס געלד במזומנים, אָבער אַז מען האָט איהם באַוויזען אַז ס'איז אונמעגליך, ווייל קיינער פון די זין, אדער איידעמס, האָט מיט זיך ניט מיטגעהאַט אַזוי פיל געלד, האָט ער דאָך מסכים געווען צו נעמען צירונג אלס משכנות. וועקסלען האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען, כאָטש אלע יורשים זיינען געווען גרויסע בטוחים.

נאָך אין מיטען דער נאַכט איז דאָס צירונג, אין אַ ווערט פון איבער צוויי טויזענד גולדען, באַשאַפען געוואָרען. מען האָט געבראַכט דאָס צירונג פון דער באָבע רבקה און פון מיין שוויגער און מען האָט אַלעס אָוועקגעגעבען צו יאַנקעל ליימאַן, מיט'ן צוזאָג, אַז באַלד נאָך דער שבעה, וועט מען עס ביי איהם אויסלייזען און איהם אָוועקגעבען מזומנע זעכצעהן הונדערט גולדען.

באַלד אויפצומאָרגענס, אַז די רזאָכאָווער אידען האָבען זיך אויסגעשלאָפען און אויסגעניכטערט, האָט מען דעם אַלטען ר' ישראל קיעלקאָווער געבראַכט צו קבר ישראל, נאָכדעם ווי ער האָט דורך אַ גאַנצען מעת לעת, געליטען אַזוי פיל בזיונות, וואָס ער האָט זיכער ניט פאַרדינט.

---

וואו מען האט זיי „גע'קושר'ט (געבונדען) אין לאנגע „טראַטוועס" און זיי זיינען מיט'ן וואסער, מיט דעם ווייכסעל, אזוי לאנג געשוואומען ביז זיי האבען דערגרייכט זייערע באשטימטע פלעצער: טהארן, איבערהויפט דאנציג, וואו זיי זיינען פארקויפט געווארען אלס בוי־האלץ און שיפס־מאטעריאל (מאסט־בוימער און עהנליכעס) צו דייטשע סוחרים. דאס האלץ־געשעפט איז געווען גאר א גרויס און איינגאנצען געלעגען אין אידישע הענט. סוחרים זיינען דערפון גאר רייך, אדער שטארק בדלות געווארען. אזעלכע „טראטוועס" מיט האלץ זיינען געשוואומען וואכען אדער חדשים לאנג ביז זיי האבען דערגרייכט זייער באשטימונגס־ארט. עס איז געווען אפהענגיג אין הויכען אדער נידעריגען שטאנד פונ'ם וואסער. אויף אזא „טראטווע" (וועלכע איז באשטאנען פון מעהרערע קלענערע) האבען געארבייט א פערציג־פופציג גוים און איבער זיי איז געווען א אידישער אויפזעהער, דער „פליסיאק", וועלכער האט געפיהרט דאס גאנצע געשעפט און פון איהם האט גאר א סך אפגעהאנגען דער שיקזאל פונ'ם סוחר, אויב די „טראטוועס" זיינען בשלום אנגעקומען, אדער זיי זיינען צוריסען געווארען פון די שטראמענדע און ברויזענדע וואסערען.

דאס לעבען פון אזא „פליסיאק" איז געווען זעהר א שווערס און אויך אז איינזאמס, אבער אויך פול מיט... „ראמאנטיק". מען האט געדארפט האבען א סך פיזישען כח, מוט און אויסדויער, צו קענען זיין א „פליסיאק" אויף דער שטורמישער ווייכסעל, וואו דאס לעבען איז אפט געווען אין גרויס געפאהר.

## 58 — דער שטראַף פּראָצעס

די שבעה־וואָך איז אַוועק און יאַנקעל לייטמאַן, און מיט איהם די אַנדערע רזאָכאָווער אידען, האָבען זיך שוין באַצייטענס געגייט א גרויסען בייטעל און געמאַכט פּלענער, אויף וואָס פריער צו פאַרנוצען די זעכצעהן הונדערט גולדען, וועלכע זיי וועלען היינט־מאָרגען, ארייג־קריגען פון ישראל קיעלקאָווער'ס יורשים.

אודאי, איז דריי טויזענד גולדען מעהר ווי זעכצעהן הונדערט, און עס וואָלט זיכער געווען מעהר מיט וואָס זיך די הענד צו צופּירען און אויפצובויען אלע קהל'שע געביידעס, לויט ווי מען האָט זיך שוין לאַנג פאַרגענומען.

אָבער בדיעבד, אז עס האָט זיך שוין אזוי געמאַכט, און מען האָט ביי די יורשים ניט געקענט מעהר מוציא זיין, דאַרף מען אויך צו־פרידען זיין און זעהן וואָס מען קען טאָן מיט דער דאָזיגער — אויך ניט קליינער — סומע געלד.

דאָס זיינען געווען, בערך, די געדאַנקען פון יאַנקעל לייטמאַן און עטליכע פון זיינע פריינד, וואָס האָבען גערעדט פאַר'ן גאַנצען שטעדטעל.

אָבער מיין שווער, וואָס איז אין דעם ענין געווען דער פאַרטרעטער פון אלע יורשים, האָט זיך נאָך אַלץ ניט געאיילט ארויסצוקומען מיט די זעכצעהן הונדערט גולדען און ארויסנעמען דאָס פאַר'משכונ'טע צירונג פון יאַנקעל לייטמאַנ'ס הענד.

דאָס אויסצאָהלען פונ'ם געלד האָט זיך אזוי לאַנג פאַרשלעפּט, מחמת צווישען די יורשים זיינען געווען חילוקי דעות, וואָס מען זאָל טאָן. געווען אזעלכע, וואָס האָבען געהאַלטען, אז מען דאַרף אוועקגעבען די גאַנצע זעכצעהן הונדערט. און עק, א סוף, און פּטור ווערען אַן עסק!

די צווייטע, היציגערע „פּאַרטיי", מיין שווער, דער פעטער באַצקעל און איבערהויפּט דער יונגסטער זון, משה לינד, דער הויפּט־יורש און דער איצטיגער פּאָסעסאָר פון קיעלקאָוו, זיי אלע זיינען געווען פלאַם־פייער, געשריען און געליאַרמט, אז מען טאָר די „רזאָכאָווער קבצנים" קיין איין גראָצער ניט געבען און זאָל „יאַנקעל פּאַרך" ווייזען וואָס ער קען...

יאנקעל ליימאַן האָט אָבער ניט געוואוסט וועגען דעם סכסוך, וואָס קומט פאַר צווישען די יורשים. ער האָט די געדולד פארלאָרען און האָט דורכ'ן רזאָכאָווער בית המדרש שמש געשיקט א אידיש בריוועל, אז אויב מיין שווער וועט דאָס פאר'משכונ'טע צירונג ניט אויסלייזען, אין א צייט פון א וואָך — וועט ער עס פארקויפען אויף א ליציטאַציע!

מיין שווער האָט דעם שליח, דעם שמש, גאַנץ פיין אויפגענומען, מכבד געווען מיט א טרונק בראַנפען און איהם נאָך געגעבען א גאַנצען גולדען „פאר'ן וועג" (דער אָרימער שמש איז, נעבאך, דעם גאַנצען וועג פון רזאָכאָוו, ביז צום „קאָניעץ" — איבער א מייל וועגס — געגאַנגען צופוס). אָבער יאַנקעל ליימאַנ'ען האָט ער געהייסען זאָגען, אז ער זאָל ניט זיין קיין נאַר און אויב ער וויל דוקא דאָס צירונג פארקויפען, מעג ער דאָס טאָן. אָבער סאַי ווי, וועט ער פון איהם, פון מיין שווער, באַלד הערען...

א צוויי־דריי טעג שפּעטער איז מיין שווער אריינגעפאָרען אין דער בעצירקס־שטאָדט טאַרנע (טאַרנאָוו) און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מען האָט געמאַכט געגען יאַנקעל ליימאַן און צוויי פון זיינע נאָכ־שטופערס א שטראַף־קלאַגע, פאר אויספּרעסען געלד.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערזוכונגען, פּראָטאָקאָלען און עדות, פוןביידע צדדים.

ביי דעם געריכטס־פּראָצעס האָבען די אָנגעקלאָגטע געהאַט דעם בעסטען און פעהיגסטען פארטיידיגער, דעם אידישען אדוואָקאַט און גלענצענדען רעדנער, דר. אדאָלף גאָלדהאַמער און איהם איז טאַקע געווען צו פאַרדאַנקען, וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבען באַקומען, פארהעלטניס־מעסיג קליינע שטראָפען: יאַנקעל ליימאַן, דריי מאָנאַטען „שווערען קערקער" און זיינע צוויי ארויסהעלפערס, איינער זעקס וואָכען און דער צווייטער א חודש.

דאָס צירונג האָט מען, זעלבסטפארשטענדליך, געמוזט צוריקגעבען און די רזאָכאָווער אידען זיינען, נעבאך, געבליבען — און אפשר ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג — אָהן א באָד און אָהן א הקדש, בלויז ביים האַלב־איינגעפאַלענעם בית המדרש'ל.

און דאָס אַלעס איז געווען דערפאַר, ווייל יאַנקעל ליימאַן האָט געוואָלט „צופיל איבערציען דאָס שטריקעל" און ארויסווייזען זיין „תקיפות", אויף א גאָר גרויסען שטייגער.

כאָטש דאָס גרויסע גוט קיעלקאָוו איז ווייטער געפירט געוואָרען פון דער באָבע רבקה און איהר איינגסטען זון, משה, איז אָבער דאָס היבשע ביסעל שטיצע פון די רזאָכאָווער אידען — מיט בלויז א צוויי־

דריי אויסנאַמען—איינגאַנצען אָפּגעשניטען געוואָרען. זיי האָבען זיך ניט געטאָרט ווייזען אין הויף, האָבען דאָרט גאָר ניט געקענט באַקומען און נעבאך געמוזט קידוש־מאַכען איבער די חלות און ניט — ווי פריער — איבער'ן קיעלקאָווער בראַנפּען.

און טאָמער האָט די גוטע אַלטיטשקע, די גרויסע בעלת צדקה, די באָבע רבקה, וועלכע האָט ניט געקענט צוזעהן אימיצען מאַכען א „קרום פּנים", פאַרט מיט עפּעס געוואָלט מהנה זיין א רזאַכאָווער איד, האָט זי עס, נעבאך, געמוזט טאָן „בגנבה". איהר אינגסטער זון, משה, אליין א ברייטער און גוטהארציגער מענש, האָט שטארק מקפּיד געווען, עפּעס צו געבען צו א רזאַכאָווער איד...

איך געדענק, אז מיט א צעהן יאָהר שפּעטער, ווען איך האָב געגעסען קעסט ביי מיין שווער, אין זגורסקער הויף, איז איינמאָל געקומען א רזאַכאָווער איד. מיין שוויגער האָט איהם מקרב געווען — זי איז געווען זעהר א גוטע און א בעלת צדקה — און געגעבען אביסעל תבואה און אויך עטליכע זעקסער־לאך געלד, און ער איז אוועק.

ארויסגעהענדיג פון הויף, האָט איהם מיין שווער באַגעגענט. ער האָט אויף איהם אפילו ניט געוואָלט א קוק טאָן, אבער אויף דער שוויגער האָט ער זיך שטארק געבייזערט (געווען א איד, א כעסן) און אויפ'ן קול אויסגערופען:

— איך האָב דיר שוין ניט איינמאָל געזאָגט, אז איך וויל ניט, אז א רזאַכאָווער איד זאָל מיין שוועל איבערטרעטען!

די קיעלקאָווער משפחה און די ליימאַן משפחה, זיינען זיך פאַר־בליבען פאַרביטערטע שונאים, אזוי לאַנג ווי זיי האָבען געלעבט. אבער קיין מגע־ומשא האָבען זיי צווישען זיך ניט געהאַט און אויך איינער דעם צווייטען האָט קיין שלעכטס ניט געטאָן.

דאָס האָט אזוי אָנגעהאַלטען אן ערך פון א צוואַנציג יאָהר — ביז מיין שווער האָט זיך ווידער פאַרטשעפּעט מיט יאנקעל ליימאַן און ער האָט איהם געמאַכט פאַר אן אָרימאַן, עד יום מותו.

# 59 — פּיקאָלאָווקא

מיין שווער איז ניט געווען פון די מענשען, וואָס האָבען א קורצען זכרון און פארגעסען באַלד אז מען האָט זיי א רעה געטאָן, אדער גאָר געגען זיי באַגאַנגען א פארברעכען.

איך האָב פון איהם קיינמאָל ניט געהערט, אז ער זאָל דערמאָנען דעם נאָמען פון זיין שונא, יאנקעל ליימאַן, אדער גאר וועגען איהם רעדען און דערצעהלען, וואָס פאר א גרויסע עוולה, ער איז באַגאַנגען געגען דעם אלטען ר' ישראל קיעלקאָווער און זיין משפחה. אבער — בלבו שמר את הדבר!

יאָהרען־לאַנג — אַן ערך פון א צוואנציג יאָהר — האָט ער גע־ווארט, ביז עס איז געקומען זיין טאָג, און ער האָט געקאָנט פון זיין אַלטען שונא נעמען נקמה. די מעשה דערפון איז אזוי געווען:

ווי איך האָב שוין דערצעהלט, האָט מיין שווער געדונגען דאָס גרויסע גוט (פון א קנאַפּע טויזענד אקער), זגורסק, ניט ווייט פון ראַדאָמישלא, ביי דעם הולטאַיסקען פּריץ בראָניאָווסקי. אבער נאָכדעם איז — מיט א צעהן יאָהר שפּעטער — געקומען אַנאַנדער פאַמיליע, באַיער, און צולעצט די פירסטליכע פאַמיליע ליובאָמירסקי און זיי האָבען אַלע גיטער פון בראָניאָווסקי'ן איבערגענומען אין באַזיץ.

מיין שוועה'ס פּאַכט־קאָנטראַקט האָט זיך, פּונקט אין יענע יאָהרען געהאט געענדיגט און, ווייל ער האָט זיך מיט די נייע פּריצים ניט געקענט אויסגלייכען, האָט ער די זגורסקאָ'ר פּאָסעסיע געמוזט אויפגעבען און פאַר זיך זוכען אנאנדער געשעפט.

גרויסע און גוטע גיטער זיינען ניט אָפט דאָ צום פארדינגען. מיין שוועה האָט געהאַלטען אין איין ארומזוכען, אָבער דערווייל ניט געקענט געפינען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, ובפרט אז ער האָט שטענדיג חשק געהאט צו אזא פּאָסעסיע, וואָס זאָל זיין פארבונדען מיט א בראַנפען־ברענעריי און א שטאַל צו פיטערען א סך בהמות צום פעט־ווערען (בראַווע).

אזוי ווי אזא געשעפט האָט זיך איהם דערווייל אַלץ ניט געטראָפען, האָט ער זיך מישב געוועזען און איז דערווייל געוואָרען א שטאָדט־מאַן. ער האָט זיך באַזעצט אין זיין געבורטס־שטאָדט ראַדאָמישלא. ער האָט דאָרט, נאָך פריהער, געהאַט זיינס א הויז, מיט עטליכע ווירטשאַפטס־געביידעס און דערצו (טאַקע באַלד הינטערן שטאָדט) א צעהן אקער פעלד.

האָט ער זיך אריבערגעצויגען אין שטאָדט אריין און די שוויגער מיינע—וועלכע האָט, בשום אופן, ניט געקענט ארומגעהן ליידיג, נאָר גע־מוזט האָבען עפּעס א באַשעפטיגונג—האָט דערווייל געהאַט איהרע א ווירטשאַפט, כאָטש אויף א קליינעם מאַסשטאַב, גאָר ניט צו פארגלייכען מיט'ן פריערען גרויסען זגורסק. דעם „לעבעדיגען אינוועטאר", די פערד, אָקסען, קיה, און די אנדערע בהמות, האָט מיין שווער, באַצייטענס, אויספארקויפט און פאר זיי גענומען גוטע מקחים. דעם „טויטען אינ־ווענטאר", די אַלע כלי מכשירים פון פעלד־ווירטשאַפט, האָט ער מיט־גענומען קיין ראַדאָמישלא און געהאַלטען אין די ווירטשאַפטס־געביידעס ארום זיין הויז.

ער האָט אָבער נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין זוכען א ריכטיגע פּאָסעסיע. טאַרנער און קראָקאָווער גיטער־מעקלער האָבען איהם כסדר פּאָרגעשלאָגען געשעפטען. איך אליין בין מיט איהם עטליכע מאָל געפּאָרען אָנקוקען געשעפטען. עס איז אָבער פון אַלע גאָרניט געוואָרען. יעדעס גוט האָט געהאַט אנדערע חסרונות און דערווייל האָט מיין שווער געוואוינט אין שטאָדט.

* * *

יאַנקעל ליימאַן, מיין שווער'ס אלטער שונא, איז אין משך פון די יאָהרען, וואָס זיינען אריבער זייט ר' ישראל קיעלקאָווער'ס לויה, געוואָ־רען א גאַנץ אנדערער מענש, מיט א גוטען נאָמען און א שעהנעם פּיהרעכץ.

אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער געוואוינט אויף א קליינער פּאָ־סעסיע, לעבען שטעדטעל רזאָכאָוו. ער האָט דאָרטען גאַנץ גוט פאַר־דינט, אָבער ער איז געוועזען א גאַנץ פּשוט'ער איד, ווי אַלע אנדערע דאָרפס־אידען.

האָט זיך געמאכט, אז ער איז געבליבען אן אלמן, מיט עטליכע קינדער און ער האָט דערנאָך געהייראט א טאָכטער פון א בכבוד'ן פּאָסעסאָר פון דאָרף רזעמיען, אויך ביי רזאָכאָוו.

אָט די נייע פרוי איז געוועזען אן אינטעליגענטע, שוין א היינט־וועלטיגע און זי האָט דעם פּשוט־פּראָסטען יאַנקעל ליימאַן, אָנגעהויבען אויסצומענשלען און איהם געמאכט פאר א לייט. זי האָט פארשטאַנען



יוסף מאַרגאָשעס און זיין פרוי לאה רחל, צו זייער „גאָלדענער חתונה".

ווי צו פירען א שעהן הויז, זיך פירען בעל־בתיש און יאנקעל האָט זיך פון איהר געלאָזט לערנען. זיין נאָמען איז געוואקסען און מען האָט שוין אין דער גאנצער געגענד איהם אָנגעהויבען צו האלטען פאר א חשוב'ן מענשען וממילא אויך שוין פאר א בטוח, צו וועמען מען פלעגט ברייננגען נדן־געלדער, אָדער פון יתומים און אלמנות און זיך ביי איהם איינבעטען, אז ער זאָל דאָס צונעמען בתורת הלוואה און דערפון צאָלען אפילו קליינע פּראָצענט'ן.

זיין שטערן האָט גאָר אָנגעהויבען אויפשיינען, ווען עס איז איהם געלונגען צו באקומען אין פאכט, פאר א צייט פון ניין יאָהר, דאָס גרויסע גוט פּיקאָלאָווקא, ביי פּשעצלאָוו.

דער פּשעצלאָווער פּריץ, גראף רעי, איז געווען א מטופל מיט מעה־דערע גיטער, ארום פּשעצלאָוו און אויך ביי טארנאָפּעל. כמעט אלע גיטער זיינען פון איהם אליין געפירט געווארען אויפ'ן אייגענעם חשבון, מיט דער אויסנאָם פון בלויז עטליכע.

אין דער פּשעצלאָווער געגענד איז פּיקאָלאָווקא געווען דאָס איינ־ציגע גוט, וועלכע ער פלעגט געוועהנליך פארדינגען צו א אידישען פּאָסעסאָר.

פּיקאָלאָווקא (מיט'ן פאָלווארק מיראָווקא) האָט פארמאָגט א קנאפּע זיבען הונדערט אקער, זעהר גוטע פעלד. און האָט אויך געהאט א גרויסע בראָנפען־ברענעריי. עס האָט זיך געפונען הארט ביים טייך ווײסלאָק און אויף דער צווייטער זייט וואסער איז געווען דאָס שטעדטעל פּשעצלאָוו, א סך גרעסער און פיל לעבעדיגער ווי דאָס שטעדטעל רזאָכאָוו, וואָס איז געווען א מייל ווייטער. דערצו איז אין גאנצען געווען פונ'ם גוט א פערטעל מייל ביז צו דער באהן־סטאנציע דאָמביא (פון דער באהן־ליניע דעמביץ־טארנאָברזעג), וואָס איז א גרויסע מעלה פאר א גוט.

בקצור, פּיקאָלאָווקא איז געווען א פּאָסעסיע מיט כל המעלות, כמעט די בעסטע אין דער גאנצער געגענד.

יאנקעל ליימאן (פּיקאָלאָווקא'ר האָט מען איצט שוין גערופען), האָט צום גראף רעי געצאָלט א יעהרליכען פאכט־צינז פון זיבען טויזענד גולדען.

כאָטש די פּאָסעסיע איז, אפשר, ווערט געווען א סך מעהר, האָט אָבער יאנקעל דאָרטען קיין גליקען ניט געמאכט.

ערשטענס, האָט ער, ווען ער איז אריין אינ'ם געשעפט, ניט געהאט זיין אייגען געלד געגוג פאר אזא גרויסער פּאָסעסיע, מיט א בראָנפען־ברענעריי און א סך בהמות צו שטעלען אויף דער בראָווע. ער האָט

באַלד געמוזט אָנקומען צו די אידישע וואָכערניקעס אין ראַדאָמישלאַ, מעליץ און טאָרנע און ער האָט געמוזט אַלע זיינע יאָהרען האַלטען אין איין „שטעלען און מעקען זיך" און צאָלען הויכע פּראָצענטען.

והשנית, איז ער געווען א גרויסער בעל הוצאה. זיין פרוי האָט געשפּילט א ראָלע פון א דאַמע. מען האָט געפירט א הויף אויף א ברייטען, פריצישען שטייגער, מיט אַ סך דינסטען (פאַר'ן הויז, אחוץ דער ווירטשאַפט), געהאַלטען מלמדים און לערערס צו די קינדער און איין זון האָט שטודירט אין טאָרנע און דאָס אַלעס האָט אָפּגעקאָסט א הון רב, אַ סך מעהר ווי פּיקאלאָוועקע האָט געקענט איינטראָגען.

דער אייגענטימער, גראַף רעי, וועלכער האָט געוואוינט אין נאָענטען שכנות, אין פּשעצלאוו, איז געווען א פּוילישער שליאַכציץ, פון'ם „אַל־טען שרויט און קאָרן", און אַ שטיקעל קאַרגער פאַרשוין דערצו און איהם ניט שטאַרק ניחא געווען, וואָס זיין אידישער פּאָסעסאָר פירט אַזאַ ברייטען שטאַט. ער האָט איהם ניט שטאַרק ליב געהאַט און ביי זיך באַשלאָסען, אַז ווען די ניין יאָהר פון'ם פּאַכט־קאָנטראַקט וועלען זיך ענדיגען, וועט ער מעהר דעם אָפּמאַך ניט באַנייען.

עס קאָן אָבער אויך מעגליך זיין, אַז ווען גראַף רעי וואָלט ניט געווען געוואוסט אז מיין שווער זיצט איצט אין ראַדאָמישלאַ אָהן א געשעפט און אַז ער און יאַנקעל ליימאַן זיינען זיך ביטערע שונאים זייט לאַנגע יאָהרען (גראַף רעי איז געבאָרען און אויפגעצויגען געוואָרען אין פּשעצלאוו. ער האָט יעדען איד אין דער גאַנצער געגענד גוט גע־קענט און גערעדט א גאָר גוטען אידיש. ער איז געווען א זון פון'ם אַלטען גראַף רעי, וועלכער איז אינ'ם יאָהר 1846, געווען דער אָנפירער פון'ם אומגליקליכען אויפשטאַנד, און איז דעמאָלט פון די פּויערים גע'הרג'ט געוואָרען. עס געהען ווענען איהם ביי אידען ארום א סך לעגענדעס. איך האָב זיי באַשריבען אין „מאָרגען זשורנאַל").—ווען דער גראַף וואָלט דאָס אַלעס ניט געווען געוואוסט — און אפילו די אורזאכען פון זייער שנאה — וואָלט, װאַרשיינליך, אַלעס געווען פאַר־בליבען ביים אַלטען און ער וואָלט יאַנקעלע'ן יאָ געווען באַנייט דעם קאָנטראַקט.

און דאָס וואָלט געווען דערפאַר, ווייל קיין אידישער פּאָסעסאָר וואָלט זיך ניט געווען געוואָלט צוזירען צו אַזאַ גוט, אין וועלכען עס וואוינט אַנאַנדערער איד.

אוועקנעמען די „חזקה" און אויסדינגען א געשעפט, איז אין יענער צייט געווען א גאָר הארבע זאַך און קיינער וואָלט ניט געווען געוואגט צו טאָן.

אָבער, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען שונאים און מען זוכט נקמה צו נעמען, קוקט מען ניט אויף קיין דינים און איסורים, צי מען מעג צי מען טאָר ניט . . .

דערצו האָט מיין שווער — און אויך די שוויגער — געהאַט א זעהר גוטען נאָמען צווישען אַלע אַרומיגע פּריצים, אַז זיי זיינען שטאַרק ארבייטזאַמע מענשען און פאַרשטעהען אַן עסק, ווי אַזוי צו פירען גרויסע גיטער.

* * *

גראַף רעי האָט געשיקט א בריף צו מיין שווער און איהם איינגע־לאַדען איהם צו באַזוכען. ער וויל מיט איהם רעדען וועגען א וויכטיגען געשעפט, ווייל ער וויל אבער ניט, אַז עס זאָל זיך עמיצער דערוויסען פון זיין באַזוך, שלאָגט ער פאָר, דאָס ביידע זאָלען זיך, אין א באַשטימ־טען טאָג, טרעפען אין א געוויסען האָטעל, אין קראָקע.

אַז מיין שווער האָט באַקומען דאָסדאָזיגע גרעפליכע בריוועל, האָט ער שוין באַלד פאַרשטאַנען, — אָדער אינסטינקטיוו געפיהלט — וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. ער האָט געוואוסט, אַז יאַנקעל לייבמאַנ'ס פּאַכט־קאָנטראַקט ענדיגט זיך אין עטליכע חדשים אַרום. און אויב ניט וועגען דינגען פּיקאָלאָווקאַ, וואָסערע געשעפטען קאָן דער גראַף מיט איהם האָבען? סיידען, איהם אפשר וועלען פאַרדינגען אנאַנדער גוט? מי יודע?

אַז מיין שווער און דער גראַף זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין קראָקע, אינ'ם האָטעל, האָט דער גראַף, ווי א געניטער געשעפטס־מאַן, באַלד, אָהן לאַנגע הקדמות, אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דעם עסק.

— וויל פּאַן שטיגליץ ביי מיר דינגען פּיקאָלאָווקאַ?

— וואַהרשיינליך יאָ, אבער וואָס וועט זיין, האָט מיין שווער צוריק־געפרעגט, מיט'ן איצטיגען פּאָסעסאָר? (ער האָט לייבמאַנ'ס נאָ־מען אפילו ניט דערמאָנט).

— איהם וויל איך — האָט דער פּריץ געענטפערט — סאַי ווי ניט האָבען. אויב פּאַן שטיגליץ וועט ניט נעמען פּיקאָלאָווקאַ, וועל איך עס, אליין איבערנעמען.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ביידע זיינען מושווה געוואָרען.

מיין שווער דאַרף צאָלען דעם זעלבען פּאַכט־צינז, וואָס יאַנקעל לייבמאַן, זיבען טויזענד גולדען א יאָהר, אָבער דער פּריץ האָט איהם געגעבען אַזעלכע הנחות (צוויי הונדערט קלאַפטער האָלץ א יאָהר, פאַר'ן הויף און די שנאַפּס־ברענעריי און נאָך אַנדערע זאַכען), וואָס זיינען ווערט געווען מעהר ווי טויזענד גולדען א יאָהר. מיין שווער

האָט איהם באַלד געגעבען טויזענד גולדען, און אָנגאָבע אויפ'ן געשלאָסענעם געשעפט. דער פאַכט־קאָנטראַקט דאַרף געשלאָסען ווערען דעם ערשטען יאַנואַר און מיין שוועהר דאַרף איהם דעמאָלט צוגעבען נאָך זעקס טויזענד גולדען, אַלס יעהרליכע ערבות פאַר'ן גוט.

ביידע צדדים האָבען זיך צוגעזאָגט, דעם גאַנצען עסק צו האַלטען שטאַרק בסוד, לכל הפחות, ביז צום ערשטען יאַנואַר, ווען דער קאָנטראַקט וועט שוין זיין אונטערגעשריבען.

מיין שוועהר האָט דעמאָלט געהאַט דעם גרעסטען און פרעהליכסטען טאָג פון זיין לעבען: אי ער האָט אריינבאַקומען, פאַר אַ צייט פון גאַנצע ניין יאָהר, אַזאַ גוטע און גרויסע פּאַסעסיע ווי פּיקאָלאָווקא איז געוועזען. ועל כולם, די הויפּט־זאַך דערביי פאַר איהם איז געווען, אַז עס איז איהם געלונגען צו נעמען נקמה פון זיין אַלטען שונא און איהם אוועקצונעמען דעם ביסען פון מויל...

* * *

האָבען אָבער דאָך „הימעל און ערד געשוואָרען, אַז קיינע סודות זאָלען אויף דער וועלט ניט זיין", איז איידער עס זיינען אוועק צוויי וואָכען איז דער סוד „אויסגערונען", און דער גאַנצער געגענד האָט זיך דערוואוסט די נייעס:

— מרדכי דוד שטיגליץ האָט געדונגען פּיקאָלאָווקא!

אַ טייל מענשען, שונאים און ניט פאַרגינערס, האָבען ניט געזאָגט „געדונגען", נאָר צוגעזעצט נאָך אַ זעהר וויכטיגע און אויסדרוקספולע זילבע „אוים" — אויסגעדונגען!

וואו מען איז, אין די אַרומיגע דערפער און שטעדטלאַך נאָר געגאַנגען און געשטאַנען, זיינען געווען רעדלאַך מענשען (אפילו דאָרפישע גוים), וואָס האָבען גערעדט און דיסקוטירט וועגען דער דאָזיגער וויכטיגער פּאַסירונג. מען האָט געשמועסט און זיך דערצעהלט וועגען דער אַלטער שנאה פון דער קיעלקאָווער משפחה—וועמען יעדער איינער האָט זעהר גוט געקענט.

אין איין וועגס האָט מען שוין, ברייט און לאַנג, דערמאָנט די אורזאַך פון זייער פיינדשאַפט און דערצעהלט — מיט אַ היבש ביסעל גוזמאות און איבערטרייבונגען, — ווי עס איז צוגעגאַנגען, מיט איבער צוואַנציג יאָהר צוריק, אין רזאָכאָוו, ביי דער לויה פון דעם אַלטען ר' ישראל קיעלקאָווער און די גרויסע, אומזיסטע חרפות, וואָס מען האָט איהם דאָרט אָנגעטאָן.

ווי דער שטייגער ביי אַזעלכע שמועסען, זיינען באַלד געווען צוויי צדדים, איינער האָט געהאַלטען מיט מיין שוועהר, אַז ער האָט ריכטיג

געהאנדעלט: נקמה איז זיס און אז „דער הונט איז ווערט דעם שטעקען"; אנדערע ווידער, האָבען געשריגען און געליאַרעמט: עס איז א גרויסע עולה, „פשוט א רציחה, וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען", אז מען זאָל א אידען, א טאַטען פון קינדער, ארויסרייסען דעם ביסען פונ'ם מויל, אויסדינגען א געשעפט, אין וועלכען ער וואוינט שוין כמה שנים. לא יעשה כן במקומנו! און נקמה איז זיכער ניט קיין אידישע מידה!...

* * *

אין פיקאָלאָווקא, אין דער היים פון יאנקעל ליימאן, האָט דידאָזיגע ידיעה פשוט געטראָפען ווי א שווערער דונער אין א שעהנעם טאָג.

דער בעל דבר, יאנקעל ליימאן, איז אין דער ערשטער צייט, פשוט ארומגעגאנגען ווי א צומישטער, רחמנא לצלן.

ערשטענס, האָט עס זעהר שטארק געטראָפען זיין שטאָלץ, וואָס זיין אלטער שונא, מרדכי דוד, האָט איבער איהם געזיגט און גענומען אזא גרויסע נקמה. והשנית, די הויפּט־זאך איז געווען, וואָס ער אליין האָט געוואוסט זיין מעמד. כאָטש קיין געלערנטער מענש איז ער ניט געווען, האָט ער אָבער דאָך פארמאָגט א היבש ביסעל פּראַקטישען פארשטאַנד און ער האָט צו־גוט פארשטאַנען, אז אויב ער וועט איצט מוזען פארלאָזען פיקאָלאָווקא, בלייבט ער שוין אן אָרימאן — לעולם ועד.

כל זמן ער שטעהט נאָך אינ'ם גרויסען גוט, דרעהט זיך נאָך דאָס רעדעל און ער האָט די מעגליכקייט זיך צו „שטעלען און צו מעקען". ביי דעם נעמען א פרישע הלוואה כדי אנאנדערען, א מעהר צודרינגליכען, „דעם פּיסק צו פארשטופּען". טאָמער וועט ער אָבער איצט מוזען אוועק פון פיקאָלאָווקא, איז „ביטער כמו גאַל!" אלע בעלי חובות וועלען איהם באפאלען, איהם צורייסען און ער וועט אפילו ניט אימשטאַנד זיין פאר זיך צו נעמען א פּיל קלענערע פּאָסעסיע. און דאָס אלעס האָט ער צו פארדאנקען דעם הינטישען מרדכי דוד'ן, וועלכער וויל אלץ ניט פארגעסען די נארישקייטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט איבער צוואנציג יאָר צוריק...

* * *

קיין גרויסער חסיד איז יאנקעל ליימאן קיינמאָל ניט געווען און זייט ער האָט חתונה געהאט מיט'ן צווייטען ווייב, איז ער געוואָרען נאָך מעהר אויפגעקלערט און צו קיין חסידישען רבי'ן איז ער קיינמאָל ניט געפאָרען.

אָבער אז עס איז אויף איהם געקומען די צרה, וואָס מען האָט איהם אויסגעדונגען פּיקאַלאָווקא, האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אז עס זיינען פאַראַנען חסידישע רביים, און ער איז צו זיי געפאָרען נאָך הילף.

ער איז אוועק צום גרויסען חסידישען רבי'ן רבי יחזקאל האלבער־שטאם, אין שיענאָווא, א זון פון'ם וועלט־באריהמטען צדיק ר' חיים האַלבערשטאַם, אָדער „דברי חיים" פון סאַנז.

איהם האָט יאַנקעל לײמאַן (ער האָט אויך מיטגענומען דאָס ווייב, וועלכע האָט געהאט א פּיל בעסערען מענה־לשון פון איהם) געגעבען א קוויטעל מיט א פּדיון און איהם דערצעהלט די גרויסע עוולה, וואָס מרדכי דוד שטיגליץ האָט איהם געטאָן און אַז ער וועט צוליב דעם זיכער ווערען א מחוסר לחם.

דער שיענאָווער רבי האָט דעם עסק גענומען זעהר ערנסט. סטייטש, א חזקה! א אידען אויסצודינגען א געשעפט און איהם מקפה פרנסה זיין!

ער האָט געהייסען אין זיין נאָמען (ער האָט עס אליין אויך גע־חתמ'עט), אָנשרייבען א בריף צו מיין שווער, אז ער זאָל זאָפאָרט צוריקטרעטען פון'ם גאנצען עסק, פאַרפאַלען לאָזען די טויזענד גולדען, וועלכע ער האָט געגעבען צום גראף רעי און דערצו נאָך צוהעלפען יאַנקעל לײמאַן צוריק צו באקומען די פּאַסעסיע. צולעצט זיינען אויך געווען עטליכע שורות, אז אויב מיין שווער וועט ניט פאָלגען — אזי מרה תהי אחריתו! ער וועט זיכער ניט האָבען קיין גוטען סוף...

אז מיין שווער האָט באקומען דעמדאָזיגען בריף און איהם זיך געלאָזט פאָרלייענען (ער איז געווען א קנאַפּער קענער אין לשון קודש, בלויז געקענט אָנשרייבען א קורצען אידישען בריוועל), האָט ער איהם גאַנץ פּשוט באהאלטען אין קעשענע אריין און זיך וועגען דעם גאָר ניט ווייטערדיג געמאכט. אויספאָלגען איהם — דאָס אודאי ניט...

אויך ער איז, פּונקט ווי יאַנקעל לײמאַן, געווען א גאַנץ קנאַפּער חסיד. אָבער פון יוצא וועגען, פלעגט ער אמאָל פאָרען צום רבי'ן קיין דעמביץ און אויף די עלטערע יאָהרען אויך קיין בעלז, וואו ער פלעגט זיך „שעהן שטעלען" און לאָזען קאָסטען געלט. קיין שיענאָווא, צום רבי'ן, איז ער קיינמאָל ניט געפאָרען, איהם ניט געהאלטען פאַר „זיין" רבי'ן און דערפאַר זיין בריף אזוי קאַלטבלוטיג אויפגענומען.

יאַנקעל לײמאַן מיט'ן ווייב זיינען נאָכאמאָל געווען אין שיענאָווא און דער רבי, וואָס האָט עס זיכער געמיינט זעהר ערנסט, האָט געהיי־סען אָנשרייבען צו מרדכי דוד שטיגליץ א נאָך שטרענגערען בריף.

אָבער דער שווער איז געווען א גאַנץ נישקשה'דיגער עקשן. געהן צוריק, האָט ער אויך שוין מעהר ניט געקענט און ניט געוואָלט, האָט דעם רבינ'ס צווייטער בריף אזוי ווינציג געווירקט ווי דער ערשטער.

דער פאַכט־קאָנטראַקט איז דעם ערשטען יאַנואַר אונטערגעשריבען געוואָרען פוןביידע צדדים. און דערמיט איז פיקאָלאָווקא איבערגע־גאַנגען אין אַנדערע הענט.

דעם 15טען מערץ 1896, האָט יאַנקעל ליימאַן געזאָלט דאָס גוט פאַרלאָזען און מיין שווער עס איבערנעמען.

## 60 — דאָס איבערנעמען פון פּיקאַלאָווקא

די צייט איז ניט געשטאַנען. די צוויי און א האַלב חדשים פון ניי־יאָהר ביז צום 15טען מערץ זיינען גיך אוועק.

יאַנקעל ליימאַן האָט טאַקע קיין אַנדערע פּאָסעסיע נאָך ניט געהאַט גענומען (זיינע פינאַנציעלע אומשטענדען זיינען דעמאָלט שוין ניט געווען גענוג פאַר א גרויסען געשעפט) און ער האָט דערווייל א טייל פון „לעבעדיגען" אינווענטאַר און דעם גאַנצען „טויטען", אוועקגעשיקט צו זיין שווער אין רזעמיען און אַליין האָט ער זיך באַזאַרגט מיט א דירה אין דעם נאָהענטען רזאָבאָוו, דאָס שטעדטעל, וועלכען ער האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיינע אַלע איצטיגע צרות...

מען קאָן זיך שוין לייכט פאָרשטעלען ווי פאַרביטערט און פאַר־צווייפעלט ער איז, נעבאַך, געווען די גאַנצע צייט, ווען ער האָט געמוזט פאַרלאָזען פּיקאַלאָווקא, אָהן גרויסע האָפנונגען פאַר א בעסערער צו־קונפט.

* * *

פּונקט צום טאָג, דעם 15טען מערץ, זיינען מיר אַלע, א גרויסער טייל פון דער משפּחה זיך צוזאַמענגעקומען אַנטייל צו נעמען ביי דעם איבערנעמען פון פּיקאַלאָווקא.

מיר האָבען פאַרשטאַנען — און אינסטינקטיוו געפיהלט — אַז גלאַטיג וועט דאָס זיכער ניט אָפּגעהן און מיר האָבען דערפאַר געוואָלט אַז עס זאָלען זיין וואָס מעהר מענשען.

ארום ניין אזייגער אין דער פריה זיינען מיר, א צוואַנציג פּערשוין — איך און מיין געשעפטס־פירער, דער פעטער כאַצקעל, אויך צווישען זיי—געווען פאַרזאַמעלט אין דער קרעטשמע פון שמעיה וויגאָדער, אויף דער זייט וויסלאָק, שוין גאָר נאָהענט פון פּיקאַלאָווקער הויף.

נאָכדעם ווי מיר האָבען אָפּגעגעסען א גוטען אָנבייסען און אריינגעוואָרפען, פון קוראַזש וועגען, נאָך צו א צוויי־דריי גלעזלאך בראַנפען, זיינען מיר אַלע — אחוץ מיין שווער און שוויגער, וועלכע זיינען פאַרבליבען ביי שמעיה'ן אין קרעטשמע — אויף דריי וואָגענס אוועק קיין פּיקאַלאָווקא, איבערצונעמען דאָס גוט. מיט אונז זיינען

אויך געווען א פינף־זעקס גוים, וואלד־היטערס, מיט געלאָדענע ביקסען, מיט זייערען אַן אויבער־לעשניצע, וואָס דער פּריץ, גראף רעי, האָט אונז געשיקט, פאר אונזער הילף, שוץ און פארטיידיגונג.

אַז מיר זיינען אָנגעקומען אויפ׳ן הויף, האָבען מיר דאָרטען אָנגעטראָפען א גרויסע צאָל מענשען, אפשר א הונדערט, פּונקט ווי אויף א יריד.

עס זיינען דאָרטען געווען די גאַנצע משפחה ליימאנ׳ס און כמעט אַלע אידען פון רזאָכאָוו וואָס זיינען געווען יאנקעל׳ס פריינד און מיין שווער׳ס שונאים, און אויך נאָך א היבש ביסעל אידען לײדיג־געהערס פון די ארומיגע דערפער, וועלכע זיינען אהער דאָ צוזאמענגעלאָפען ווי אויף א בייז־וואונדער.

מיר זיינען אַלע געווען גאַליציאַנער אידען און מיר האָבען — א לויב צו השם יתברך — קיינמאָל קיין פּאָגראָם ניט מיטגעמאכט און דערפאַר ניט געהאט קיין שום פאָרשטעלונג, ווי עס זעהט אויס נאָך אזא פּאָגראָם.

אָבער ווער עס איז דעמאָלט, דעם 15טען מערץ 1896, געווען אויפ׳ן פּיקאָלאָווקער הויף, האָט שוין געקענט האָבען א גאַנץ גוטען באַגריף, ווי אזוי אזא מין פּאָגראָם מוז אויסזעהען.

אַלע געביידעס, סיי די דירות און די הייזער פון דער גרויסער ווירטשאַפט, זיינען געווען אָפען און אין גאַנצען פּוסט און ליידיג. טיר און טויער אומעטום אויפגעפּראַלט. כמעט אַלע פענסטער פון די גרויסע צימערן און די שטאַלען צובראָכען און צושלאָגען. די גרויסע קיך איז געווען פול מיט ציגעל, אַש און האָלץ. אַלע קאָך־ און הייץ־אויוועגס צובראָכען און צונומען.

יאַנקעל ליימאַן איז דאָ ניט געווען. ער האָט זיך ניט געיאָוועט, כדי מ׳זאָל איהם ניט קענען האַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאר די גרויסע שאָדענס וואָס זיינען דאָ געמאכט געווארען. בלויז דאָס ווייב זיינס איז דאָ געווען און זי האָט, מיט א ביטערען חוזק־שמייכעל, צוגעקוקט ווי די אַלע אידען וואָס זיינען דאָ געווען, האָבען אָנגעטאָן שאָדענס וויפיל זיי האָבען נאָר געקענט — שיער ניט די ציגעל פון די ווענט ארויסגעריסען.

מיר פון אונזער זייט, האָבען דאָס אפילו געקענט שטערען צו טאָן ובפרט, אז מיר האָבען מיט זיך מיטגעהאט די וואלד־היטער, מיט די געלאָדענע ביקסען, אָבער דער פעטער כאַצקעל, וועלכער איז געווען אונזר אָנפירער, האָט דערפון אָפּגעטראָטען.

— אדרבא, האָט ער געזאָגט — זאָלען זיי טאָן וואָס זיי ווילען. יאַנקעל וועט סיי ווי דערפאר באצאָלען און ביי זיי וועט דער כעס אביסעל געשטילט ווערען.

דער פעטער כאַצקעל איז געווען אַ גוטער פּאָליטיקער און אַ פיינער מענשען־קענער. ער האָט שוין געהאט א סך מיטגעמאכט אין זיין לעבען.

* * *

אז מיר זיינען אנגעקומען אויפ'ן הויף, האָבען מיר אָנגעטראָפען דעם גרויסען עולם שוין האלב־שיכורלאך און זיי האָבען אלעמאָל — א קאלטער טאָג איז דעמאָלט געווען — געהאלטען אין איין דערגיסען.

קוים האָבען זיי אונז נאָר דערזעהען אריינפאָהרענדיג אויפ'ן הויף, זיינען זיי אַלע אונז אנטקעגען־געגאנגען מיט א קאצען־מוזיק. איך ווייס ביז היינט ניט, פון וואנען זיי האָבען דאָס גענומען אזוי פיל אַלטע בלעכענע כלים, מסתמא אָנגעגרייט פון פריער, אדער גאר מיט־געבראכט פון דערהיים.

אָבער כמעט יעדער פון דידאָזיגע אידען — אַלע האָבען אין מיינע אויגען דעמאָלט אויסגעזעהען ווי בייזע און ווילדע רוחות — האָט געהאלטען אין האנט אן אַלטען בלעכענעם טאָפּ, אדער א שיסעל, און מיט אַלע זיינע כוחות האָט ער מיט א שטעקען אזוי שטארק געקלאפּט, אז מען האָט שיער געקאָנט טויב ווערען און דערביי האָבען זיי אַלע געשריען און געגוואַלדעוועט מיט באַנומענע קולות.

מיר האָבען בלויז געשמייכעלט און זיי גאָרניט געענטפערט. מיר זיינען אַרויף אויפ'ן הויף און אַראָפּ פון די וואָגענס. די פערד זיינען נאָך געבליבען צוגעשפּאנט, ווייל מיר האָבען דאָך דאָס גוט ניט געהאט איבערגענומען (דעם פריצ'ס קאָמיסאַר איז געקומען שפּעט פארנאכט) און ניט געהאט וואו די פערד אריינצופירען.

אָנהויבען מיט זיי האָבען מיר ניט געוואָלט. זיי האָבען נאָר ארויס־געקוקט אונז צו פּאַרטשעפּען אין א געשלעג. זיי זיינען געווען עטליכע מאָל אזוי פיל ווי מיר, און דערפאר האָט אונזער „סטראטעג און פּאָלי־טיקער", דער פעטער כאַצקעל, אונז כסדר געזוכט אָפּצוהאַלטען, כאָטש מאנכע פון אונז האָבען שטארק חשק געהאט זיי ניט צו פארשוויינגען.

די „קאצען־מוזיק" האָט אַזוי אָנגעהאַלטען אן ערך פון א האלבער שעה, ביז זיי זיינען דאָך מיד געוואָרען און אויפגעהערט צו באַראַ־באַנעווען.

זיי זיינען אַלע אַריין אין די אָפענע דירות און דורך די אפענע און צובראָכענע פענסטער, האָבען מיר געקענט זעהען ווי זיי נעמען

זיך אָן מיט מוט פאַר נייע אָנגריפען. מיר זיינען געשטאַנען אָדער אַרומ־שפּאַצירט אויפ'ן גרויסען הויף — אויסגעמיטען צו זיין נאָהענט פון די דירות — און געוואַרט אויפ'ן קאָמיסאַר, וועלכער איז אבער נאָך אַלץ ניט געקומען.

פּלוצים זיינען זיי אַלע — ווי די אמת'ע ווילדע — ארויס פונ'ם הויף און עטליכע, א צעהן־צוועלף פון זיי זיינען אריין אין א שטאַל. באַלד זיינען זיי צוריקגעקומען און פיר פון זיי האָבען געטראָגען א „נאָשידלע" (אַזאַ געשטעל אויף וועלכען מען טראָגט ארויס דאָס מיסט פון די בהמות). אויף איהר איז געלעגען אביסעל מיסט, צוגעדעקט מיט א זאַק, און זיי האָבען געשריען: — צדקה תציל ממות! דאָס טראָגט מען מרדכי דוד'ן אויפ'ן בית עולם!

זיי זיינען מיט דער „נאָשידלע" מיסט אזוי עטליכע מאָל ארומ־געגאַנגען איבער'ן גרויסען הויף, מאַנכע פון זיי האָבען געבילען ווי די הינט, אנדערע געמיוקעט ווי די קעץ, אדער געהאַלטען אין איין באַראַבאַנעווען זייער „קאַצען־מוזיק" און געהאַלטען אין איין שרייען: „צדקה תציל ממות! מרדכי דוד איז גע'פּגר'ט!"

דער פּעטער כאַצקעל האָט געמוזט אָנווענדען זיין גאַנצע קונסט, אונז צוריקהאַלטען, אז מיר זאָלען זיך ניט וואַרפען אויף זיי און פאַרפירען א געשלעג אויף טויט און אויף לעבען...

דער ספּעקטאַקעל פון דער „נאָשידלע" מיט'ן „צדקה תציל ממות" איז זיי אזוי געפעלען געוואָרען, אז זיי האָבען איהם עטליכע מאָל ווידערהאָלט. זיי האָבען דאָס נאָר איבערגעריסען, ווען זיי זיינען אריין אין הויף, כדי זיך אונטערצוּוואַרימען מיט אביסעל בראַנפען פון אַ גאַנץ נישקשה'דיגער פעסעלע, וואָס זיי האָבען מיט זיך געהאַט.

אזוי ווי מען קען קיין מלחמה ניט פירען אָהן פּולווער, אזוי מוז מען דערצו שטענדיג אויך האָבען אביסעל בראַנפען...

* * *

מיר זיינען דערווייל נאָך אַלץ געשטאַנען אין דרויסען און גאַנץ היבש געפרוירען געוואָרען, כאָטש אונז האָט אויך קיין בראַנפען ניט געפעלט.

ביי מיר האָט אָנגעהויבען די געדולד צו פּלאַצען און איך האָב באַשלאָסען, אז יעבור עלי מה, מוז איך דידאָזיגע פאַרשווינען, וועלכע זיינען דאָך סוף כל סוף אַלע אידען, ארויסזאָגען מיין מיינונג וואָס איך דענק וועגען זיי.

איך האָב אָפּגעוואַרט אַ מאָמענט, ווען דער פּעטער כאַצקעל איז פּונקט געווען באַשעפטיגט אין אַן אַנדער ווינקעל פונ'ם גרויסען הויף

און אין דער באַגלייטונג פון בלויז איין בחור, פון א יאָהר צוואַנציג, האָב איך זיך, מיט גיכע טריט, דערנעהענטערט צו די דירות, אין וועלכע דער גרויסער עולם איז פונקט דעמאָלט געווען פאַרזאַמעלט, כדי זיך אביסעל אָנצואוואַרימען און אָפּצורוען פון די גרויסע געשרייען, וואָס זיי האָבען ביז איצט געמאַכט, און אין איין וועגס טאַקע אויך צו נעמען צוביסלאַך משקה און ברויט מיט הערינג, וואָס איז דאָרט גע־שטאַנען אויף אַן אַלטען, צובראָכענעם קיך־טיש. אין איין מינוט, בין איך שוין געווען צווישען זיי.

זיי זיינען אַזוי איבערראַשט געוואָרען פון מיין פּלוצימדיגען אריינ־קום, דאָס זיי האָבען בלויז אויף מיר געקוקט און מיר קיין איין וואָרט ניט געזאָגט, כאָטש איך האָב זיך געריכט אויף אַ גאַנץ מעשה'ידיגען „ברוך הבא”, אָדער גאָר אַ קלאַפּ און אַ צופּ...

איך בין צוגעגאַנגען צו פרוי ליימאַן, אַ דאַמע פון אַ יאָהר עטליכע פערציג, פון אַ גאַנץ שעהנעם אויסזעהן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פיינעם פוטער, לויט דער לעצטער מאָדע. איך האָב זיך פאַר איהר פאַרנויגט און געזאָגט, אַז אַזוי ווי דערווייל איז זי נאָך די בעל־הבתי'טע פונ'ם הויז, דערפאַר בעט איך פון איהר דערלויבעניש, אַז איך זאָל מעגען רעדען צו דעם פאַרזאַמעלטען עולם...

ווי עס האָט מיר אויסגעזעהען, האָט מיין אויפפירען זיך אויף איהר געמאַכט אַ גינסטיגען איינדרוק. זי האָט אפילו מיר גאָר ניט געענטפערט, נאָר בלויז געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַז יאָ, איך מעג רעדען.

— מיינע ליבע אידען! האָב איך אָנגעהויבען, זיך אוועקשטע־לענדיג אין אַ ווינקעל (כדי צו זיין באַהיט פון אַ הינטערשטען קלאַפּ פון אימיצען פון דער חברה) פונ'ם גרויסען צימער — איך וועל אייך איצט דאָ דערצעהלען אַ מעשה, פון אונזער גרויסען קעניג, דוד המלך, עליו השלום. עס איז ביי איהם — אַזוי דערצעהלט דער פּסוק אין שמואל ב' — אַמאָל קראַנק געווען אַ קינד. ס'איז געווען געפערליך קראַנק. דוד האָט איינגעלעגט וועלטען, ניט געגעסען, ניט געטרונקען, געגאַנגען אָנגע־טאָן אין אַ זאַק, מיט אַש אויפ'ן קאָפּ און געהאַלטען אין איין תפלה טאָן צום רבונו של עולם. אָבער קיין שום זאַך האָט ניט געהאָלפען און דאָס קינד איז דאָך געשטאָרבען. האָבען זיינע הויפּט־האַרען, פּשוט מורא געהאַט איהם וועגען דעם אויסצוזאָגען. זיי האָבען צווישען זיך גערעדט: „מה־דאָך, וואָס דער קעניג האָט אַזוי פיל זיך מצער געווען און וועלטען איינגעריסען, ווען דאָס קינד האָט נאָך געלעבט — וואָס וועט נאָך זיין איצטער, אַז דאָס קינד איז שוין ניטאָ אויף דער וועלט?”

דער קעניג האָט אָבער דאָך באמערקט אָן די מינעס פון זיינע הויפּס־הארען, אז דאָס קינד לעבט שוין ניט מעהר, און ער האָט זיי א פּרעג געטאָן א קורצע פראגע, פון בלויז צוויי ווערטער: „המת הילד? איז דאָס קינד שוין געשטאָרבען?” און אז זיי האָבען שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאט, נאָר איהם אויסצוזאָגען דעם שרעקליכען אמת, האָט ער באלד פון זיך אראָפּגעוואָרפען דעם זאַק מיט אש פון׳ם קאָפּ, זיך ארומגעוואַשען, אוועקגעזעצט ביים טיש און געהייסען דערלאַנגען א פיינעם, קעניגליכען מאָלצייט. די הויפּס־האָרען זיינען געוועזן איבער־ראשט, און זיי האָבען דערזעהן זיין מאָדנע אויפפירונג, אָבער איהם עפּעס פרעגען וועגען דעם האָט קיינער ניט געוואגט.

דער קלוגער דוד המלך האָט אבער פארשטאַנען, וואָס זיי איז דאָ וועגען איהם קשה, האָט ער צוגערופען זיינע הויפּס־הארען און צו זיי געזאָגט: „כל זמן דאָס קינד האָט נאָך געלעבט, האָב איך כסדר גע־פאַסט און מתפלל געווען צו השם יתברך, אז ער זאָל דאָס קינד לאָזען לעבען. איצט אבער, אז דאָס קינד לעבט שוין ניט מעהר, איז שוין אלעס פארפאַלען! מיין פאַסטען און תפלה טאָן וועט שוין מעהר גאָר ניט העלפען! איך וועל געהן צו איהם — אָבער ער וועט זיך שוין מעהר ניט צוריקקערען!...

דאָסזעלבע, מיינע פריינד — האָב איך אויפגעהויבען מיין שטימע מיט עטליכע טענער העכער — איז אויך דאָ דער פאַל מיט פּיקאָלאָווקא! אייערע אַלע קולות, געשרייען און געוואַלדעס און די אַנדערע נאַריש־קייטען קענען שוין מעהר ניט העלפען! פּיקאָלאָווקא איז פאַר דער פאַמיליע ליימאַן טויט און קען שוין מעהר ניט לעבעדיג ווערען! איהר אַלע, האָט באַגאַנגען א גאָר גרויסען פעהלער, וואָס איהר האָט דאָ היינט אָנגעמאַכט אזויפיל שאָדענס, איהר ווייסט אליין ניט, ווער עס וועט פאַר דעם אַלעם באַצאָלען, אפשר גאָר דער העכער ליימאַן אליין! די בעסטע עצה, וואָס איך קען אייך געבען, איז אז איהר זאָלט, געזונטער־הייט, יעדער געהן צו זיך אהיים און פּיקאָלאָווקא איבערלאָזען אויף גאָט׳ס באַראָט.

אָט אין דעם זין האָב איך נאָך אביסעל גערעדט, און ווי איך האָב געקענט באמערקען, האָבען מיינע ווערטער, און איבערהויפּט דאָס מעשה׳לע מיט דוד המלך, געהאט א געוויסע ווירקונג. מעגליך, אז פון איצט אָן וואָלט שוין אַלעס געווען אָפּגעגאַנגען א סך רוהיגער און שטילער, ווייל מאַנכע פון די דאָרפס־אידען האָבען אָנגעהויבען זיך, איינציגווייז, ארויסצורוקען און זיך לאָזען אהיים געהן.

האָט אָבער דער פעטער כאַצקעל באַלד באַמערקט ווי איך בין „פאַרשוואונדען" פון זיין לאַגער און געוואָר געוואָרען אז איך בין אריין, „צווישען די שונאים".

און אז ער האָט דערהערט ווי איך רעד אזוי הויך, און דורך די פענסטער האָבען זיך געטראָגען קולות, האָט ער איצט נאָר איינגאַנצען פאַרגעסען אָן זיין חכמת הסטראַטעגיקע און צוזאַמען מיט אַלע אונ־זערע מענשען און אויך מיט די פינף־זעקס גוים, אונזערע באַשיצערס, איז ער, מיט גרויס אימפּעט, אריין אין די אָפענע דירות, כדי מיך אַרויסצוראַטעווען פון „שונא'ס" הענט.

ווען ניט די גוים, וואָלט אונזער צד זיכער געווען גאַנץ שלעכט אָבגעשניטען.

קוים זיינען אונזערע מענשען אריין אין די גרויסע צימערען, האָט באַלד אויסגעבראָכען אַ געשלעג. די רזשאָכאָווער זיינען געווען אין דער גרויסער מעהרצאָל (אין ערך פון פינף צו איינעם). די גוים מיט זייערע שטעקענס און קאָלבעס פון די ביקסען האָבען אַלע זייערע פאַרשוינען אַרויסגעיאָגט און פאַרטריבען אין דרויסען. איצט זיינען מיר, צוזאַמען מיט אונזערע באַשיצער געבליבען פון אינעווייניג.

עס וואָלט נאָך אפשר געווען געקומען צו אַ נייעם געשלעג, אָבער צו אונזער גרויסען גליק — עס איז שוין געווען אַרום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג — איז פּונקט אָנגעקומען דעם גראַפ'ס קאָמיסאַר, אונז צו איבערגעבען דאָס גוט.

פאַר אַ פּריץ האָט אַ איד שטענדיג גרויס אָפּשיי. קוים האָבען זיי דערזעהן דעם קאָמיסאַר, האָבען זיי תיכף אָנגעהויבען זיך אַרויסצו־רוקען פונ'ם הויף, און מיט די וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען — פון ליימאַנ'ס משפחה — האָט דער קאָמיסאַר געמאַכט נאָר קליינע מחזקות און געהייסען זיינע וואַלד־היטער גאַנץ פּשוט זיי אַרויסטרייבען פונ'ם הויף.

פרוי ליימאַן האָט ניט געוואַרט אויף כבוד. ווען זי האָט נאָר דערזעהן דעם קאָמיסאַר, האָט זי זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק־געפאָרען.

אַ קליינע ווײַלע שפּעטער איז דער גאַנצער הויף פון פּיקאָלאָווקאַ אָפּגערייניגט געוואָרען פון אונזערע „שונאים" און מיר זיינען דאָרטען פאַרבליבען די אַליין־הערשער.

דער קאָמיסאַר איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן און די אַנדערע הויפּט־געביידען און אָנגעקוקט די שאָדענס, וואָס זיי האָבען דאָ אָנגע־

מאַכט און כסדר אַרויסגעזאָגט פונ'ם מויל דאָס איינע וואָרט „וואַריאַטי!" (משוגעים).

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א פּאַפּיר, געהייסען מיר אונ־טערשרייבען און איז אָפּגעפאָרען זיין וועג.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דאָס איבערנעמען פונ'ם גוט פיקאָ־לאָווקא, אין וועלכען מיין שווער האָט דערנאָך געוואוינט גאַנצע ניין יאָהר און דאָרט געמאַכט א סך געלט.

אַזאַ אויסטערלישע פּאַסירונג און די אומשטענדען, וואָס זיינען דערמיט געווען פאַרבונדען, דינען ווי א „קולטור־בילד" פון א טייל אידען אין גאַליציע מיט צוויי דורות צוריק.

## 61 — שטראָף אָדער צופאַל?

מיט פיר יאָהר שפּעטער, איז ווידער מיין שוועד באַשערט געווען, אַז מען זאָל אומעטום רעדען וועגען איהם. דאָס מאָל איז עס געווען צוליב אַ גרויסע צרה, אין וועלכער ער איז — צוליב זיין היציגען טעמפּעראַמענט — אריינגעפאַלען. ער האָט גע'הרג'ט אַ מענשען!!

טאַקע אומגערן, און דער געשעדיגטער איז געשטאָרבען ערשט מיט אַ פיר און צוואַנציג שטונדען שפּעטער, אבער דער אמת איז געווען און קיינער, — אפילו ער אליין — האָט ניט געקענט אַפּלייקענען, אַז ער איז געווען דער איינציגער שולדיגער און גורם געווען דעם טויט פון אַ מענשען.

אומעטום, אויף מיילען ווייט, אין אַלע אַרומיגע שטעדט, שטעדט־לאַך און דערפער, האָט מען וועגען דעם גערעדט און מענשען האָבען געהאַלטען אין איין דיסקוטירען און ארויסזאָגען פאַרשידענע מיינונגען.

די מעהר אויפגעקלערטע האָבען באַהויפּטעט, אַז אַזוינס איז אַן אָפּטע ערשיינונג, כאָטש אַ זעהר טרויעריגער צופאַל, און אַז דאָס געהערט צו די „מעשים בכל יום", אַז איין מענש זאָל דעם צווייטען אומגערן טויטען.

די גרעסערע צאָל אידען — אפילו פויערים האָבען דאָס אַזוי באַטראַכט און אַזוי אויפגענומען.—דער המון עם, אָבער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דאָס איז אַן עונש מן השמים, פאַר זיין פריערען חטא, וואָס ער האָט יאַנקעל ליימאַנ'ען אויסגעדונגען דאָס גוט פּיקאַ־לאָוואָ און געמאַכט פאַר אַן אָרימאַן.

חסידים זיינען געווען גאָר שטאַרק געהויבען. זיי זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז געווען אַ „מופת" פונ'ם אַלטען שיניעוועצ'ר רבי'ן, ר' יחזקאל האַלבערשטאַם, וועלכער האָט, נאָך מיט עטליכע יאָהר פריער, פאָראויסגעזאָגט, אַז „מרה תהי אחריתו", אַז ער וועט זיכער ניט האָבען קיין גוטען סוף!

מי יודע? ווער קען טאַקע באמת זאָגען צי דאָס איז געווען בלויז אַ צופאַל, אָדער אַן עונש מן השמים?...

די טרויעריגע פּאַסירונג איז געווען אַזאַ:

עס איז געווען זומער, שניט־צייט. די ארבייט האָט פשוט גע־ברענט. מען האָט געפירט בינטלאַך תבואה פון די פעלדער אין די סטאָדאָלעס. די זון האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן און די פּאַראָבקעס האָבען שוין אריינגעבראכט די לעצטע פורען תבואה.

פּלוצים האָבען זיך באוויזען וואָלקענס. און ווייל מיין שוויגער, די גרויסע בעל־הבית'טע האָט מורא געהאַט, אז די בינטלאַך תבואה אין פעלד וועלען שטארק פארנעצט ווערען, האָט זי די פּאַראָבקעס געבעטען, אז זיי זאָלען נאָך איין מאָל פאָרען אין פעלד נאָך בינטלאַך.

אלע פּאַראָבקעס האָבען געפאָלגט. זיי האָבען מיין שוויגער שוין גוט געקענט און געוואוסט, אז זי וועט שוין זיי באלוינען פאר דער איבעריגער אַרבייט, מיט בראָנפען, אָדער מיט אַ פּאָר גראָצער.

בלויז איין פּאַראָבעק האָט ניט געוואָלט אויספאָלגען דער „פּאַ־ני'ס" בקשה. ער האָט זיך ניט וויסען געמאכט און גענומען אויס־שפּאַנען די פערד, כדי זיי צו פירען אין שטאָל אריין.

פּונקט אויף דערדאָזיגער אומגליקליכער מינוט איז מיין שווער אָנגעקומען. אז ער האָט דערזעהן וואָס דאָ געהט פאָר, האָט ער צום פּאַראָבעק אַ שטרענגען זאָג געטאָן, אז ער זאָל זאָפאָרט פאָרען, פּונקט ווי די אנדערע, נאָך בינטלאַך. דער גוי איז אבער געווען אַ שטיקעל עקשן און צוריקגעענטפערט, אז ער האָט היינט שוין גענוג געארבייט און וועט ניט פאָרען אין פעלד אריין. דערביי האָט ער עזות'דיג ווייטער גענומען אויסשפּאַנען די פערד.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ביז מיין שווער איז אריין אין כעס און האָט אויפגעהויבען די האַנט... דער פּאַראָבעק, וועלנדיג זיך וועהרען, האָט אָנגעכאַפּט דעם שווער פאר דער לאַנגער באָרד. כדי זיך צו באַ־פרייען פון'ם גוי'ס הענט, האָט איהם מיין שווער אַ שטויס געטאָן מיט'ן רעכטען פוס, און... ער איז תיכף אנידערגעפאַלען אין חלשות. דער פּאַראָבעק איז געווען אַ געבריכטער און דער שטויס האָט איהם געטראָפען אויפ'ן געפערליכסטען אָרט.

מען האָט באַלד גערופען צוויי דאָקטוירים, אבער זיי האָבען גאָר־ניט געקענט טאָן. אין פיר און צוואַנציג שעה שפּעטער איז דער אומ־גליקליכער פּאַראָבעק שוין מעהר ניט געווען צווישען די לעבעדיגע. מען האָט איהם באַגראָבען אויף מיין שווער'ס הוצאות...

* * *

וואָלט אַזאַ אומגליקליכער צופאַל פּאַסירט ביי אנאַנדערען פּאָסע־סאָר, וואָס האָט ניט אַזעלכע שונאים, וואָס זאָלען איהם וועלען געהן אויפ'ן לעבען, וואָלט מען עס געקענט אַזוי „אַפּווישען" אין דער שטיל,

אַז עס זאָל בלויז אויסגעהן צו געלט, צו עטליכע הונדערט גולדען. מען וואָלט דער גויה, דער אַלמנה, געגעבען עטליכע הונדערטער און אפשר וואָלט וועלכער עס איז געריכטס־באַאַמטער אויך דערפון אָפּגעלעקט אַ ביינדעל און... שאַ־שטיל...

ביי מיין שווער איז עס אָבער געווען גאַנץ אַנדערש. די שונאים זיינען דערפרעהט געוואָרען און באַלד זיך גענומען צו מסירות און לויפען צו דער גוי'עטע איהר אויפקלערען, אַז דאָ האָט זי אַ געלעגענהייט פשוט רייך צו ווערען און צו פאַרלאַנגען פאַר איהר געטויטעטען מאַן, לכל הפחות, צוואַנציג טויזענד גולדען...

מיין שווער איז אָבער אויך קיין נאַר ניט געווע'ן און ער האָט גאַר ניט געוואַרט, אַז די שונאים זאָלען איהם פאַר'מוסר'ן און לאָזען אַרעסטירען דורך זשאַנדאַרען.

נאָך איין דערזעלבער נאַכט, וואָס דער גוי איז געשטאָרבען, איז ער אַוועק קיין טאַרנע און זיך פרייוויליג איבערגעגעבען צום באַצירקס שטראָף־געריכט. דאָס איז געווען אַ פּראַקטישער שריט, ווייל צוליב דעם זיינען אַ סך פאַרקירצט געוואָרען די אונטערזוכונגען, און עס האָט גענומען בלויז זעקס וואָכען, ביז עס איז געקומען צו אַ פּראָצעס.

זיין פאַרטיידיגונג איז געווען, אַז ער האָט דעם פּאַראָבעק געטויטעט אין זעלבסט־פאַרטיידיגונג. וואָרים בשעת ער האָט איהם געגעבען דעם שטויס מיט'ן פוס, האָט יענער איהם פעסט געהאַלטען און געריסען ביי דער באָרד.

די צוועלף געשוואָרענע (לויטער קריסטען) האָבען די פאַרטיידיגונג אָנגענומען, אַרויסגעבענדיג זייער ווערדיקט: „שולדיג, אין צוויי־טען גראַד מאָרד!” און דאָס געריכט האָט איהם פאַראורטיילט צו צוויי יאָהר שווערען קערקער. ער איז אָבער אָפּגעזעסען בלויז איין יאָהר, ווייל די שטראָף איז איהם פאַרקלענערט געוואָרען.

די גאַנצע טרויעריגע געשיכטע האָט אַרום און אַרום אָפּגעקאָסט אַן ערך פון עשרת אלפים כסף.

* * *

דאָס איז די לאַנגע, אָבער זעהר אינטערעסאַנטע געשיכטע פון מיין שווער און זיינע שונאים, און אויך פון מיין לעבען אין דער אַלטער היים. איך האָב דאָ גאָר ניט פאַרפּוצט, ניט פאַרשעהנערט, אָדער אויף אימיצען מלמד זכות געווען. איך האָב בלויז פאַרצייכענט זאַכען לויט ווי איך האָב מיט אַ סך יאָהרען צוריק געהערט פון באַגלויבטע מענשען און וואָס איך האָב אַליין געהאַט די געלעגענהייט מיטצומאַכען און דערביי צו שפּילען אַ שטיקעל ראָלע.

אזעלכע פאסירונגען און אזוינע פירונגען, גלויב איך, קומען שוין מעהר ניט פאר אין די היינטיגע דורות. די אומשטענדען האבען זיך איינגאנצען געענדערט און צוליב זיי אויך די מענשען.

# סדר היחס למשפחת מאַרגאָשעס

מלאכת ידי הרב

ר׳ אליעזר ליפא גאָרטענהויז

(ממשפחת מאַרגאָשעס)

א) זקננו הרב הגאון הגביר המפורסם ר׳ יוסף מאַרגאָשיש ז״ל, מנוחתו כבוד בק״ק לבוב, אצל קבר אביו הרב המפורסם ר׳ אליעזר מאַרגאָשיש ז״ל, נאמן ד׳ ארצות וחקוק על מצבת קבורת זקננו הרב הרי״ם הנ״ל: נכד רבנו ר׳ אפרים פישל, נשיא ד׳ ארצות ונשיא דארעא דישראל. וקבר זקננו ר׳ פישל הנ״ל הוא מראשותי של זקננו הרב ר׳ יוסף מאַרגאָשיש הנ״ל.

ב) זקננו רבנו אפרים פישל בן הרב צבי ז״ל, היה אב״ד ומנהיג ד׳ ארצות ונשיא דארעא דישראל. נפטר בלבוב בשנת תי״ג, וחרות על מצבתו:

„מבוכה וצרה בו נלקה האורה, בפ׳ כי לקח אותו אלוקים ליצירה. יצאה בטהרה נשמתו. אלוף פאר ראש ישראל אב״ד ומנהיג הקהלה והמדינה, אבן בוחן ופינה. ווי ווי קברניטא דספינה, פה מפיק מרגליות רב תבונה, ראש גולת אריאל גבאי דצדקה ומרא דארעא דישראל, ידו פתוחה לעניים אוכלי לחמו נודע בשערים שמן תורק שמו, מורנו ורבנו הרב הגאון רבי אפרים פישל בן מו״ה צבי. חכם עדיף מנביא, פיזר נתן לאביונים בצדקה וגמילת חסדים ושאר מעשים טובים, כספיר ויהלום בגופו ונפש במרומים שמה מעשיו הנעימים יעלו כריח ניחוח וכקטורת הסמים להסתירו בסתר כנפיו לעולמים״.

ג) הרב ר׳ צבי הנ״ל היה בן הגאון ר׳ אפרים פישל ז״ל אבד״ק בריסק, הובא בב״ח, או״ח סימן רע״ו ובדרישה יו״ד סימן ט״ז ובפרישה או״ח סימן כ״ה—כ״ז, ואה״ע סימן קכ״ט בהג״ה ס׳. ובסמ״ע חו״מ סי׳ ס״ט סק״כ. — והיה חתן רבנו המרש״ל ז״ל. ושם אשתו וואלענטינא.

ד) אשת רבנו אפרים פישל הנ״ל, מרת גיטל בת הרב ר׳ מרדכי, נפטרה יום ה׳ ב׳ דר״ח חשון תי״ג. עיין מצבת קודש ח״א 1 סימן ס״א וחלק ב׳ 2 סימן קי״ח. גיסו של הגאון ר׳ אברהם שרענצילש ראַפּאָפּאָרט, בעה״מ חס׳ שו״ת איתן האזרחי, כי גם הגאון בעל איתן האזרחי היה חתנו של ר׳ מרדכי הנ״ל.

ה) הרב ר׳ מרדכי הנ״ל היה בן הגאון הקצין ר׳ יצחק, ראש ומנהיג הקהילה והמדינה, אשר הרב ר׳ יצחק ובנו הר׳ מרדכי והרב נחמן בעל האשה החשובה המפורסמת מרת רוזא, הנודעת בשמה רוזה של זהב (די גאָלדענע רוזא), בנו ונדבו הבית הכנסת מלבוב

בתוך העיר, אשר הכומרים לקחוהו מהם ועל השתדלותם החזירו את הבית הכנסת, כנודע למכביר. — וחרות על מצבתו:

„פה טמון תמים דעים, הרב מו"ה מרדכי בן הרב הקצין מ"ה יצחק. תורתו הגדולה עשה לחוק תמידין כסדרן. גם פיזר ממונו לקרובים ולרחוקים, האלוף בתורה ראש ומנהיג הקהילה והמדינה, עסק בצרכי צבור באמונה, והעמיד ישיבות הקהלה כבראשונה, טרח בפדיון שבוים כדת וכדין, שלח מעותיו לעניי ארץ ישראל תמידין כסדרן, התעסק בתענית זמן רב, גם נדב בית לבית החולים וגם נדב הכיפה שלו להרחיב הבית הכנסת שבנה הוא, הוא בנה בית האורחים ונדב ממון הרבה להכנסת כלה, ואין לשער רב חסדו וצדקתו. בזכות זה תהא נשמתו צרורה בצרור החיים ורוחו ונפשו תתלונן בצל שדי, זכותו יעמוד לנו ולכל ישראל, אמן."

וכן נמצא בספר מצבת קודש „יזכור", אשר העתיק מן הפנקס דהבית הכנסת הישנה דתוך העיר. וזה לשונו:

„יזכור אלוקים את נשמת הרב החסיד והעניו מהר"ר מרדכי במוה"ר יצחק, בעבור שעסק כל ימיו בצרכי צבור באמונה ועליו היה מוטל כל צרכי המדינה, ומסר נפשו להחזיר בית המקדש מעט עטרה ליושנה עם חצי הרחוב קריה נאמנה, ועסק במצוה רבה פדיון שבוים ולגמול חסד עם עניי ירושלים ומסר סך רב להעלות פירותיהן לעניים ולהכנסת עניי כלות הגונות והלוות לעניים בשעת דחקם על משכנות ולהלביש ערומים ולשכור למוד תורה לעניי נערים ולחלק מהם לעניים בכל שלש רגלים, ונדב בנדבת לבו היקר הכיפה שלו כדי להרחיב בית מקדש מעט בית הכנסת החדשה אשר לנו למורשה, ולכן בעל הרחמים יסתירהו בסתר כנפיו וכו'."

וכן נמצא בספר מצבת קודש נוסח מצבתו של אחיו ר' נחמן הנ"ל וזה לשונו:

„הגה נהי אעורר כי פה נטמן צנצנת המן, פאר הזמן רועה נאמן, איש קדוש נדיב ורחמן, ה"ה האלוף הגדול מוהר"ר יצחק, מרא דארעא קדישא, שר וטפסר וקצין וראש המדברים נגד מלכים וקצינים ושרים, פיו ולשונו מדבר אבירים חכמה ותבונות. תמימים וישרים תורה לא נעדר ממנו כי היה גדול בתורה בשם טוב. הרים קרני גמילות חסד הרבה מהם עומדת לעד צדקת פזרונו, וגם הכניס אורחים לביתו, בזכות זה בצרור החיים תהא נשמתו צרורה, אמן".

ו) הרב ר' מרדכי הנ"ל היה חתן הרב הגאון רבן של כל בני הגולה מו"ה יוסף כץ, אב"ד דק"ק קראָקאָ, בעל המחבר שו"ת „שארית יוסף". כי אשתו מרת רבקה היתה בת הגאון בעל שארית יוסף. (כן נמצא בספר „דור ישרים", אבל הדבר עוד לא ברור אצלי ורק אולי אביו הרב ר' יצחק היה חתן הרב הגאון בעל שארית יוסף, וכמדומה לי שראיתי מצבת מרת רבקה בלבוב, ושם לא נחקק שם אביה כמו שכתוב בספר „דור ישרים" ורק מה שמצא בסוף

ספר שו״ת „איתן האזרחי״, שמא סובב על ר׳ יצחק שהיה חתן שא״י. וכן סדר השנים מוכיח. וצ״ע).

הגאון בעל שארית יוסף הדפיס והגיה ספר „האגודה״ והיה גיסו של הרמ״א כי אשת הרמ״א היתה אחותו של זקננו בעל שארית יוסף (ועיין בסדר היחס להגאון ר׳ אפרים זלמן מרגליות מבראָד זצ״ל).

הגאון ר׳ יוסף כ״ץ, בעל שארית יוסף, היה בן הגאון המפורסם ר׳ מרדכי גרשון כ״ץ ממגורשי ווינא. וזה נוסח מצבתו בספר מצבת קודש:

„בזאת המערה, יקיר איש אלוקי האלוף התורני מו״ה יוסף בר׳ מרדכי גרשון כ״ץ, שהיה אב״ד וראשי ישיבה פ״ק יותר מחמשים שנה. יוסף להיות עניו מאוד מכל אָדם, הוא הרביץ תורה בישראל והאיר עיננו בשו״ת ש״י וביאורים על חו׳מ וביאורים על המרדכי. נפטר ביום ב׳ שבט שנת נשא ראש בני גרשון. — ואצלו טמונה אשה חשובה והגונה זוגתו מרת שפרינצא, הרבנית בת הקצין הפרנס ומנהיג הנכבד כמ׳ משה עבערליש זצ״ל. כל ימיה עסקה בג״ח וביקור חולים ולבעלה היתה עטרת, נפטרה ביום א׳ ד׳ טבת שנת של״ה לפ״ק ועליה נקבר בינה הילד הקטן גרשון בר׳ משה בנה ועליהם נקבר הגאון בהגאון ר׳ תנחום בהגאון ר׳ יוסף כץ, היה כל ימיו דיין וגבאי, ונפטר ביום ד׳ בחודש שבט שנת שע״ח לפ״ק.

ז) הג״מ מרדכי גרשון כ״ץ, בן הקדוש הגאון ר׳ חיים כ״ץ זצ״ל.

ח) הגאון מו״ה חיים כ״ץ, אחי הגאון ר׳ עקיבא כ״ץ מאובן, פרנס ומנהיג בעיר פראג ז״ל, בנו הגאון מו״ה יצחק כ״ץ, אב״ד במגרשי גאלאנטא ופעררע, אשר בקאָנשטאנטינא הבירה, בהגאון עקיבא כהן צדק ס״ט, אבד״ק סאַלאָניקי ז״ל, מגולי ספרד ונתקבל לאב״ד בסאלאָניקי.

ט) אשת הגאון בעל שארית יוסף מרת שפרינצא (לעיל אות ו׳), בת הקצין פרנס ומנהיג בקראָקא הנכבד כ׳ משה עבערילש.

י) ר׳ משה עבערילש הנ״ל היה בן הגביר ר׳ אברהם עבער ממשפחת אַלטשולער בפראג ז״ל. והיה גביר עצום. בערך שנת ר״פ עזב עיר פראג מקום מולדתו ויקח את כל הונו ורכושו ויבוא לשכון עיר קראָקאָ.

ר׳ אברהם עבער הנ״ל מחצבתו מחסידי פרובינצו אשר הגלו משם ביום השישי, הוא העשירי לחודש אָב, שנת ששים ושש לאלף השישי. והאי ר׳ אברהם עבער גדול מאוד בתורה ויראתו קודמת, לו בית והון נחלת אבות, נדב ועשה חסד זקן ונשוא פנים ורועה נאמן של העדה, וימת בשיבה טובה ושם מנוחתו כבוד.

יא) הגביר ר׳ משה עבער הנ״ל היה חתן הגאון מו״ה אליעזר טריבוש, אב״ד בשלעטשטאדט ושם אשתו מרת חנה.

יב) הגאון ר׳ מרדכי גרשון הנ״ל (באות ז׳) היה חתן הגאון ר׳ יצחק קלויבער זצ״ל והגאון ר׳ יצחק קלויבער ז״ל היה אבי אמו של המהרש״ל זצ״ל, מגזע רש״י.

# אינהאלט:

קאפיטעל | זייט


1. פאמיליען-זכרונות ........ 5
2. מיין מאמעס משפחה ........ 8
3. מיין פאטער ........ 10
4. ר' מרדכי פעלץ ........ 15
5. דער בעלזער רב ........ 20
6. איגנאץ דייטש ........ 29
7. דער קראקעווער רב ........ 33
8. די צייטונג ........ 40
9. הכנסת אורחים ........ 44
10. דער טאלנער רבי ........ 48
11. מיין טאטענ'ס אפשטארבען ........ 51
12. יה"ש ........ 54
13. יעקב ווערבער דער בעל „העברי" ........ 56
14. מיינע קינדער יאהרען ........ 62
15. מלמדים ........ 65
16. גמרא-מלמדים ........ 70
17. מיינע צוויי חבר'טעם ........ 75
18. השכלה ........ 79
19. ר' וואוטשי'ס שול ........ 87
20. אין טארנע ........ 88
21. די טארנער קלויז ........ 90
22. קלויז-בחורים ........ 93
23. ר' נפתלי ר' פסח'ס ........ 95
24. שידוכים ........ 99
25. איך ווער א חתן ........ 104
26. מיין חתונה ........ 109

| | | |
|---|---|---|
| 27. | נאָך דער חתונה | 112 |
| 28. | דאָרפס־ארבייט | 115 |
| 29. | איך ווער געשאָסען | 119 |
| 30. | איך ווער „געבונדען" | 123 |
| 31. | רייטען אויף פערד | 127 |
| 32. | איך ווער א סוחר | 135 |
| 33. | יאָזעפאָוו | 139 |
| 34. | וועלוועלע דאמאסק | 147 |
| 35. | ראַדאָמישלא | 153 |
| 36. | אַ געפאַלענער „תקיף" | 158 |
| 37. | אין דעמביץ ביים רבי'ן | 165 |
| 38. | א סטרייק אין זגורסקער הויף | 173 |
| 39. | אידען און פויערים | 179 |
| 40. | פריצים, זשאַנדאַרען און גלחים | 187 |
| 41. | פריצים, זשאַנדאַרען און גלחים (פאָרטזעצונג) | 201 |
| 42. | די „חתונה" | 213 |
| 43. | שמשון אשהיים | 226 |
| 44. | גנבות | 232 |
| 45. | שצוצין | 245 |
| 46. | דאָס פאַרקויפטע פארמעגען | 254 |
| 47. | נאַסע און טרוקענע יאָהרען | 259 |
| 48. | דאָס נאַסע יאָהר | 261 |
| 49. | דאָס טרוקענע יאָהר | 266 |
| 50. | דער פעטער משה לינד | 270 |
| 51. | ארויס פון יאָזעפאָוו | 274 |
| 52. | די שצוצינער לאָנקעס | 276 |
| 53. | אָשיצע | 287 |
| 54. | דער פעטער כאַצקעל | 291 |
| 55. | ר' אייזיק מרדכי בערנשטיין | 296 |

| קאַפּיטעל | זייט |
|---|---|
| .56 מיינע גליק-געשעפטען אין שצוצינער לאַנקעס | 302 |
| .57 מיין שווער און זיינע שונאים | 304 |
| .58 דער שטראָף פּראָצעס | 312 |
| .59 פּיקאָלאָווקא | 315 |
| .60 דאָס איבערנעמען פון פּיקאָלאָווקא | 324 |
| .61 שטראָף אדער צופאל? | 332 |
| סדר היחס | 337 |